STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08069

ALMANAKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירושלימער אַלמאַנאַך

12טער אויגוסט

1982—1952

לא
אמות
כי
אחיה

לזכר דעם חורבן פֿון דער יידישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד. צום הייליקן אָנדענק פֿון אירע גרונט-שעפֿער — שרײַבער, ליטעראַטור-פֿאָרשער, קינסטלער און קולטור-בויער — אומגעבראַכטע דורך די סאָוועטישע מערדער אין די דרײַסיקער, פֿערציקער יאָרן און שפּעטער — דעם 12טן אויגוסט 1952 . . .

דאָס יידישע פֿאָלק און מדינת ישראל וועלן קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן און ניט מוחל זײַן די שרעקלעכע רציחות איבער דער יידישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

לא נשכח!

לא נסלח!

ירושלימער

אַלמאַנאַך

14

1982

ייִדישע שרײַבער-גרופּע אין ירושלים
פֿאַרלאַג „אייגנס"

JERUSHALAIMER ALMANACH
YIDDISH WRITERS GROUP
IN JERUSALEM

רעדאַקטאָר: יוסף קערלער
מיטרעדאַקטאָרן: מאיר חרץ, אפרים שעדלעצקי

ערשטער מיטרעדאַקטאָר: | דוד ספֿאַרד |

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון הסוכנות היהודית בא"י
און דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים.

©
כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל 1982
בדפוס "צור־אות", ירושלים

אינהאלט:

יזכור

חיים גראַדע ז״ל / איך וויין מיט אַלע אותיות פון דעם אלף־בית 7
חנא שמערוק / דער נסתרס אַ פאַרגעסענע דערציילונג פון 1910 15
דער נסתר/ דער ליאַווער 22
דוד האָפשטיין / אין יידישן וואָרט, עקדה (לידער) 29
דוד האָפשטיין און זיין ליטעראַרישער קרייז (פּאַטאַ־קאַפּיעס) 31
אַננאַ דרעסנער / דוד בערגעלסאָנס ליטעראַרישע אַבסעסיעס 32
פּרץ מאַרקיש / קומט צו מיר פאַרנאַכט אַ שאָף, די מוזע (לידער) 44
ד״ר יעקב שאַצקי / 1. דער פייערפויגל מאַקס עריק (אויסצוג) 48
ד״ר יעקב שאַצקי/ 2. פון אַן ארבעט וועגן ישראל צינבערג
לייב קוויטקאָ / רוסלענדישער טויט, ערב (לידער) 50
א בריוו פון לייב קוויטקאָ צו מלך ראַוויטש (ערשטע פּובליקאַציע) / 52
איזי כאַריק / אַנטלויפן ? (ליד) 54
איציק פעפער/ עפּיטאַפּיע, אויסגעשטאַרבן . . . / (לידער) 57
רחל בוימוואל / עטוואָס וועגן משה קולבאַק 58
משה קולבאַק / געזען האָב איך יידישע ווערטער, האַרבסט (לידער) 63
זעליק אַקסעלראָד / האָט אַ מאָל מיין זיידע . . . ווערט שווער . . . (לידער) 64
איציק קיפּניס / ווי אַזוי האָב איך זיך עס דערוועגט 65
גאָט און לייט (פון טאָגבוך) 66
שמואל האַלקין / אונדזער גורל (ליד) 71
איזי כאַריק / אַ נאַכט . . . (ליד) 72
מאיר שאַלאָנט / מיר האָבן געזונגען אין צווייען (זכרונות) 73
ארהן קושניראָוו / אַ בלויע אויפגעפלאַמטע געגנט . . . (לידער) 75
דוד ספרד / פון זיין ליד און וואָרט 77
צום טאָג פון מאָרד איבער די יידישע שרייבער 78
אַ וועלעדניצקי / פון עזבון (לידער) 80
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / דוד בערגעלסאָן (ליד) 83
וועגן משה שולשטיין ז״ל / פון יוסף קערלער 84
משה שולשטיין / אין שיין פון קדושים (לידער) 87
דב סדן — אַ בן שמונים 89
דב סדן / הרוגי מלכות 90
גרשון וויינער / דב סדן . . . דריי הערות 94
יוסף קערלער / אַ וואָרט וועגן דב סדן 97

קיום

פאַרן שלום אין גליל / פון אפרים שעדלעצקי 101
רחל בוימוואַל / פון מזרח־זייט (לידער) 104

שמואל איזבאַן / א שריפה אין יפו (דערציילונג) 107
יוסף קערלער / נייע לידער 129
לייב קורלאַנד / מיניאַטורן 133
וועגן משה אַלטמאַן ז"ל 134
א. לוריא / פון לידער־ציקל "האַרבסט" 135
נחמן ראַפּפּ / היימיש פייער (דערציילונג) 137
עליע ווערבלון / לידער 144
דוד שב־ארצה / מיט אַ שמייכל (לידער) 146
יצחק קאָרן / יידיש האָט אַ צוקונפט 149
יונה בערקמאַן / די לשון־גאַרבן ... (ליד) 155
ירושלימער קולטור־טעטיקייטן 157
חיים פלאַטקין / פיר לידער 160
ל. פּאַדאַליער / אונדזערע שמחות 163
ביוראָ פון וועלטראַט פאַר יידיש / פּרעסע־קאָמוניקאַט 166
הינדע זאַרעצקי / בעדלאָוס אינדזל (ליד) 169

שרייבער און ווערק

מאיר חרץ / אָפּרופן 171
מאיר־זימל טקאַטש / צוויי לידער 188
מאיר חרץ — 70 יאָר / פון ל. ב. 190
מאיר חרץ / דער זקן משה (און אַנדערע לידער) 192
א. שעדלעצקי / "ווייסע טורמע" — וועגן בוך פון ישראל מינץ 196
יוסף אַקרוטני / אַ פאַרוואַרלאָזט פעלד 199
ספאַרד־ביבליאָגראַפיע (פאַרזעצונג) 206
חיים מאַלטינסקי / א ברכה אויף אייך ... (לידער) 210

מע זאָל עס דערמאָנען אין פריידן ...

אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן / דער טעמפּער ווינקל 211
בר עוזי / פאַר ניט אויספילן דעם פלאַן 223
חיים מאַלטינסקי / סע בלענדן אויף אין מיין זכרון ... 228
ביאָביבליאָגראַפיע 233
13 אונדזערע אילוסטראַציעס / וועגן מיכאל מילבערגער 235
אין איצטיקן אַלמאַנאַך־נומער קומען אויך אַריין קולטור־כראָניק
און ביאָביבליאָגראַפישע נאָטיצן

יזכור

חיים גראַדע ז״ל

איך וויין אויף אייך מיט אַלע אותיות פון דעם אלף-בית

איך וויין אויף אײַך מיט אַלע אותיות פֿון דעם אלף-בית,
וואָס איר האָט אים פֿאַרנוצט צו זינגען האָפֿערדיקע לידער.
איך ווייס פֿון אײַער אײַנגערעדטער האָפֿענונג — און ווייס
פֿון אײַערע צעפֿליקטע הערצער, ווי אַן אַלטער סידור.
איך האָב בײַ אײַך אין הויז געגעבנטיקט אויף מײַן נע-ונד,
און פֿון מײַן שלאָף אין אײַער הויז האָב איך געהערט דאָס שאָרכן
פֿון אויפֿגעלעבטע שאָטנס אין אַ צײַט פֿון גזירת-שמד —
געדענק איך עס, ווי אײַער חסד פֿון הכנסת-אורחים;
ווי איך געדענק דעם רוס, וואָס האָט דערלאַנגט מיר ברויט בײַם שוועל,
ווי איך געדענק זײַן היימלאַנד, וואָס פֿאַרגייט אין זײַנע בלוטן
מיט ברייטקייט פֿון דעם סטעפּ, מיט ענגשאַפֿט פֿון אַ תּפֿיסה-צעל,
מיט לידער אויף דער וואָלגע און געבויגנקייט פֿאַר קנוטן.
דעריבער האָב איך שטענדיק נאָכגעזוכט אויף אײַך אַ זכות,
ניט מחמת אײַער טויט האָב איך אויף אײַך געפֿונען זכותים;
בײַ אײַער לעבן נאָך אין לאַנד פֿון רחבותדיקן רוס,
האָב איך געוווסט, אַז אין דער טיף פֿון האַרץ זײַט איר אַנוסים.

איך האָב געזען ווי איר האָט שטום געשווידערט און געשטוינט,
פּאָעטן יידישע פֿון מינסק, פֿון מאָסקווע און פֿון קיעוו,
ווען די גערעאַטעוועטע, וואָס דער גורל האָט געשווינט,
אײַך האָבן אָנגעזאָגט די בייזע אומגליקן פֿון איוב.
איך האָב געזען אײַך ציטערן פֿון גרימצאָרן און צער,
ווען אײַער גלויבן: ״אני מאמין באמונה שלמה
אין פֿעלקער-פֿרײַנדשאַפֿט!״ — איז געלעגן טויט אין באַבי-יאַר
מיט די הרוגי-קיעוו אין די גריבער די געהיימע.
בײַ נאַכט איז דוד בערגלסאָן אַרײַן צו מיר: ״איר שלאָפֿט?
מיר שלאָפֿט זיך ניט. אַ פֿולע בעט מיט טשוועקעס, חיים.
מיר האָבן אויפֿן נײַעם אויפֿגעקלערטן מענטש געהאָפֿט,
האָב איך דערלעבט אויף מײַנע אַלטע יאָר דעם מענטש דעם נײַעם!״
איך זע נאָך ווי עס הענגט אַרונטער בלײַיק-שווער זײַן לופּ,

איך זע נאָך זײַנע ברוינע אויגן פֿון אַ קלוגן טיגער,
און ווי ער בײַסט מיט קרומע ציינער זײַן גערדאַנקען-קנופּ,
אַז קיינער איז ניט פֿון זײַן אייגענעם כאַראַקטער קליגער.

געקעמפֿט האָט אהרן קושניראָוו נאָך אין דעם בירגערקריג,
געקעמפֿט האָט אויך דער קאָמוניסט אין אים מיט זײַן אַנטוישונג.
די ווילנער שול די חרובע האָט נאָכן גרויסן זיג
אים אויפֿגעוועקט, דעם גרויען קאַפּיטאַן, פֿון זײַן באַרוישונג.
געפֿאַלן איז זײַן זון אין שלאַכט. האָט ער פֿאַר מיר געוויינט:
"מײַן זון איז אַלט געווען ווי דו. דאַרף דיר ניט זײַן קיין חידוש
פֿאַרוואָס איך דוץ דיר, ברודערקע. ניט דאָס האָב איך געמיינט!...
איז לערן מיט מיר חומש און פֿאַרטײַטש עס מיר אויף יידיש".
ס'האָט דוד האָפֿשטיין אויף אַ יידיש פֿידעלע געשפּילט.
אויך דוד בערגלסאָן. געשפּילט זיי האָבן אָפּט מאָל ביידע.
די ביידע דודס האָבן אין אבילות מיך פֿאַרהילט,
ווײַל ניט קיין פֿידלשפּיל האָט זיי באַגלייט צו דער עקידה.
ס'האָט האָפֿשטיין צוגעקוקט ווי תל-אביב האָט זיך געבויט,
האָט אים אַהיים צו פֿעלדער רוסישע צוריק געצויגן.
און ווען די היים האָט אים פֿאַרמישפּט צו אַ בגידה-טויט,
האָט ער פֿון טויט צעלאַכט זיך מיט משוגענע צוויי אויגן.

מיכאָעלס, טראַגיקער פֿון טביה און פֿון קעניג ליר!
דעם מילכיקערס בטחון און דעם קעניגס טויט-פֿאַרצווײַפֿלונג
האָסטו מיט דײַנע פֿינגער אויסגעשפּילט. און אויך מיט דיר
דער גורל האָט געשפּילט אַ שפּיל פֿון ניט-געהערטער כּפֿלונג.
ס'האָט מאָסקווע אָנגעטאָן אַ קרוין דעם "קלוגן סאַלאָמאָן".
איך האָב זיך ווײַט געהאַלטן פֿון דעם שוישפּילער מיכאָעלס
ווײַל איך האָב ניט געטרויט אים, אַז אים גייט ביז ווייטאָג אָן
ישׂראלס שיר-השירים און די קלאָגלידער ישׂראלס.
נאָר איין מאָל אין אַ נאַכט פֿון פֿראָסט און ווירבלענדיקן שניי,
ווען מאָסקווע האָט געהוליעט און געבושעוועט מיט נײַ-יאָר,
און ביידע האָבן מיר געדרייט זיך שיכּור אין זאַוויי,
האָט ער פֿאַר מיר אַרויסגעקרעכצט, וואָס אים איז בלוטיק-טײַער:
"איך שפּיל דעם קעניג מיט די הענט, און זוסקין שפּילט דעם לץ
מיט זײַנע פֿיס. דער זאָל פֿאַרשטייט ניט אונדזער יידיש לשון".
זײַן טויט האָט אויפֿגעשוידערט אויך דאָס לאַנד, ווו קיין געזעץ
באַשירעמט ניט דאָס לעבן וואָס ווערט אומשולדיק פֿאַרלאָשן.

דוד בערגעלסאָן
1952—1884

שלמה מיכאעלס
1948—1890

פרץ מאַרקיש
1952—1895



דוד האָפשטיין
1952—1889

אויף שפּרינגפֿעדערס בין איך געזעסן אין אַן אַלטער שטול,
און אויף זײַן שטעקן אָנגעשפּאַרט געשטאַנען איז דאָבּרושין
מיט גרויע האָר צעשויבערטע. דער קאַלטער צימער פֿול
מיט שפּינגעוועב, מיט שטויב פֿון ביכער און פֿאַרוועלקטע פלושן;
געשטאַנען אין דער מיט פֿון שטוב, ווי ער וואָלט זיך געשטעלט
נביאיש צווישןביידע בערג, הר-עיבל און הר-גריזים:
״די וועלט איז אַ פֿאַרשאָלטענע. אַ היטלער איז די וועלט.
געבענטשט איז אונדזער ראַטן-לאַנד! מיר בויען סאָציאַליזם״.
דער נסתר בלויז האָט אונדז געוואָרנט: ״קינדערלעך, אַנטלויפֿט!״
נאָר ער אַליין, דער אַלטיטשקער, איז קוים צום טויט דערלאָפֿן.
לייב קוויטקאָ האָט אַ גאַנצן אָוונט שנאַפּס מיט מיר געזויפֿט —
די לעצטע נאַכט וואָס איך האָב נאָך באַדאַרפֿט אין מאָסקווע שלאָפֿן.
געשמעקט האָט ער מיט דאַרפֿישקייט, מיט מילך, מיט ברויט און סטעפּ:
״באַרעדט ניט רוסלאַנד!״ — און מיט מיר צעקושט זיך בגילופֿין.
״באַרעדט ניט רוסלאַנד!״ — האָט ער נאָכגעיאָגט מיך אויף די טרעפּ.
דערמאָרדעטער פּאָעט! וואָס וואָלסטו איצט מיר נאָכגערופֿן?

געשמעקט האָט קוויטקאָ זומערדיק און זעטיק ווי אַ סטויג,
און ווייך האָט ער געשמייכלט, פֿריש, מיט קינדערישע חנען.
נאָר בערגלסאָן האָט בייז געברומט: ״איר וועט נאָך אַ דריט אויג
זיך אויסוויינען וואָס איר אַנטלויפֿט. איר וועט נאָך, חיים, וויינען!״
אויך פֿעפֿער האָט געשוואָרן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט,
אַז ס'וועלן ניט צוריקקומען די טעג פֿון די פּראָצעסן.
מיר האָבן דעמאָלט זיך אַנטציקט מיט בילדער אויף אַ וואַנט —
האָט ער די קעלערוואַנט פֿון די צעשיסונגען פֿאַרגעסן.
דעם טאָג פֿון זײַן פּראָצעס וויל איך ניט ברענגען אויף מײַן מויל.
איך בין בײַם משפּט ניט געווען, אַ לויב צו מײַן באַשעפֿער.
איך פֿיל, מײַן קאָפּ צעפּלאַצט זיך פֿון דער קאַלט-געצילטער קויל
אין דער פּאַטילניצע פֿון דעם פּאָלקאָווניק איציק פֿעפֿער.
דאָס ריידן וועגן אים און אויך דאָס שווײַגן איז מיר שווער,
דאָך וועל איך נאָכזאָגן אַ שבח אויך זײַן באַרעדטן נאָמען.
אני הגבר! איך האָב צוגעזען זײַן שטילע טרער,
און ווי ער האָט אויף אונדזער קדיש פֿרום געענטפֿערט: אמן.

פּאָעטן אויסגעמאָרדעטע — אַן גואלי הדם!
אויך איר זײַט שוין פֿאַרוואַנדלט אין אַ מחנה פֿון געשפּענצטער,
און אײַך פֿאַרהאַלט ניט מער קיין וואַך, קיין גרענעץ און קיין צאַם
אַרומצופֿלאַטערן בײַ נאַכט אין ליכטשײַן בײַ מײַן פֿענצטער.

אַמאָל זײַט איר דער ווינט און נעפּל וואָס קומט-אָן פֿון ים,
אַמאָל זײַט איר בלויז שאָטנס, און אַמאָל — אַ טשאַטע טויבן;
איר גיט אַ מאָל ווי גלײַזק אַש אין פּנים מיר אַ פּלאַם,
איך זע אײַך אויך אין וואָלקנבראָך וואָס וויינט אויף מײַנע שויבן.
די ברידערשאַפֿט פֿון פֿעלקער, ווי די צווײַגן אויף איין שטאַם,
האָט איר אין זעלבן נוסח און אין כאָר באַזונגען מונטער.
נאָר אײַער אַני-מאמין, אויסגעזונגען מיט אַ גראַם,
איז איצט פֿאַרוויאַנעט בלעטערגאָלד וואָס פֿאַלט פֿון בוים אַרונטער.
כאָטש איר זײַט ניט געווען קיין זינגפֿייגל וואָס זינגען סתם,
איז אײַך באַשערט אויך נאָכן טויט ווי פֿייגל אומצוּוואָגלען,
ווײַל אײַער בלוט איז ניט דערלייזט דורך גואלי-הדם,
ווײַל איר זײַט אָנגעלאָדן נאָך מיט פֿולע טרערן-לאָגלען.

אַרײַן איז פּרץ מאַרקיש ווי אַ דונער אין מײַן שטוב,
אַרויס איז פּרץ מאַרקיש ווי אַ בליצשײַן פֿון מײַן שפּיגל,
ווי ער וואָלט אויסגעוואַקסן ריזיק-מעכטיקער אין גרוב,
און זײַנע אָרעמס שפּרייטן זיך ווי אויפֿגעפֿאָכטע פֿליגל.
אין דײַן געשטאַלט און הויכן שווּנג, מײַן שטורמישער פּאָעט,
בין איך פֿאַרליבט געווען. דאָך זאָג איך דיר דעם האַרבן אמת:
אַ גרויסער פֿויגל האָט געפֿלאַטערט ווען דו האָסט גערעדט,
און רייד האָסטו צונויפֿגערופֿן אויך אין די פּאָעמעס.
גערעשט האָסטו מיט ווינט אין דײַן געדיכטן ווערטערוואַלד,
געיובלט און געזונגען לוסטיק-פֿריילעך: "ניט געדײַגעט!"
נאָר וווּ איז אין דײַן זינגען דאָס פֿאַרבאָרגענע געוואַלד
פֿון די פֿאַרמישפּטע צו שטאַרבן אין סיבירער טײַגעס?
דו האָסט צו מיר געשריען. "איך בין פֿרײַ! בין פֿרײַ! בין פֿרײַ!"
און דײַן טשופּרינגע, ווי די לידער דײַנע, ווילד צעשויבערט.
נאָר דעמאָלט איז שוין צוגעגרייט געווען די קויל פֿון בלײַ
פֿאַר דײַן אַפּאָלאָ-קאָפּ דעם קרויזיקן, וואָס האָט באַצויבערט.

דערמאָן זיך דעם פּאָעט פֿון ווילנע אויף די פֿיס פֿון האָלץ!
דער דײַטש האָט זיי אים נאָכגעוואָרפֿן אויפֿן טויטן-וואָגן — — —
און ווען איך קלאָג אויף דיר, מוז איך פֿאַרווונדן נאָך דײַן שטאָלץ,
ווײַל מיט אַ גרויזאַמען פֿאַרגלײַך מוז איך דײַן ליד באַקלאָגן.
ווי מײַן בן-עיר גראָדזענסקי, דער פּאָעט און אינוואַליד,
וואָס ס'האָט אַ דײַטש אים נאָכגעוואָרפֿן זײַנע פֿיס מיט חוזק,
האָט אויך דײַן אַפּגאָט נאָכגעוואָרפֿן אין דײַן גרוב — דײַן ליד,
וווּ דו האָסט מיט אַ שטורעמווינט פֿון רייד געלויבט אים ברויזיק.

אויך דו פֿלעגסט אָפּזיפֿצן: "איך קען ניט אײַנשלאָפֿן פֿון גרויל.
אַ מענטש אָן פֿיס, און ס'וואַרפֿט אַ דײַטש אַ תלין נאָך די פֿיס אים!"
און זינט דו האָסט אַ פֿאַל געטאָן מיט אַ פֿאַרגליווערט מויל,
קען איך ניט שלאָפֿן און קען אויך ניט זאָגן על-הניסים,
וואָס איך בין גאַנץ אַרויס; ווײַל דו האָסט אויך דערוואַרט אַ נס,
אַז ס'וועט די רעוואָלוציע איר באַזינגער ניט דערמאָרדן.
נאָר דײַנע שופֿטים האָבן אויסגעשריען בײַם פּראָצעס:
אַ טויט דעם ייִד, דעם דיכטער, און אַ טויט זײַן לענין-אָרדן!

דײַן שיינקייט וואָס פֿאַרפֿוילט אין שטויב באַוויין איך נאָך ביז איצט
ביסט שיין געווען ווי אדם אין דעם טאָג פֿון זײַן באַשאַפֿונג.
אַ גאָט האָט דײַנע הענט, דײַן פּנים און דאָס מויל געשניצט,
און בײַ דײַן אָנבליק בין איך שטיל געבליבן פֿון פֿאַרגאַפֿונג.
ווי דוד האָט באַוויינט זײַן חבר אין געטרײַען בונד,
דעם פּרינץ, וואָס איז אויף די גלבוע-בערג אין שלאַכט געפֿאַלן,
באַוויין איך, פּרץ מאַרקיש, דײַן שוין-אויסגעטריפֿטע ווונד,
וואָס האָט אין מײַן האַרץ אָבער נאָך ניט אויפֿגעהערט צו קוואַלן.
און קיינער ווייס ניט אײַער קבר אין דעם ראַטן-לאַנד,
הרוגי-מלכות-סטאַלין — מײַנע ברידער און פּאָעטן!
פֿאַרמישפּט האָט מען אײַך אויך נאָכן טויט אויף מאָרד און שאַנד,
מען זאָל אויף אײַער קבר ווי אויף אײַער לשון טרעטן.
איז זאָל מײַן ליד אײַך אַ מצבה זײַן, די לעצטע רו,
אין יעדן פֿערז באַהאַלט איך אײַער לײַב ווי אין אַ קאַסטן,
אַז איר זאָלט ניט ווי מידע פֿייגל בלאָנדזשען ערגעץ-ווו,
און זוכן אויף אַ טויטן ים אַ שיף מיט שוואַרצע מאַסטן.

קרבנות פֿון מײַן ייִדיש לשון, רו צו אײַער שטויב!
צום פֿאָטער פֿון די פֿעלקער — דער געשטופּלטער רוצח,
אויף צענדלינגער לשונות אַ באַזונגענער מיט לויב;
צום רשע דעם געבליבענעם פֿון מבול בימי נח —
צו אים האָט איר באַדאַרפֿט עס זינגען אײַער ייִדיש ליד?
געווען בין איך אין דעם גיהנום און איך ווייס די סיבה!
דערפֿרייט האָט אײַך וואָס מיטזינגען אין כאָר מעג אויך דער ייִד,
און ווײַל פֿון אומהיימלעכן פּחד קען אויך ווערן — ליבע.
איר האָט געהערט: אין מערב בושעוועט דער ייִדנהאַס,
און איר האָט בלויז געהאַט איין אויסוועג: שטאַרבן אָדער זינגען.
האָט איר געזונגען: "יום-טוב וועט אויך זײַן אויף אונדזער גאַס!"
און אין די נעכט געציטערט, אַז מען זאָל אין טיר ניט קלינגען.

איך מישפּט אויך ניט אײַער שכן, דעם געפּרוּווטן סלאַוו.
נאָר די, וואָס האָבן מיר געהייסן אײַער פּײַן פֿאַרשווײַגן
ווען איך בין אין דער וועלט אַרויס — דער רויטער ערב-רב
וועט אָפּפֿאַלן פֿון אונדזער בוים ווי דורכגעפֿוילטע צווײַגן.

ווי טרויעריק מיר איז, וואָס שאָטנס גיבן מיר גערעכט
מיט זייער בלאָנדזשענדיקן, שטומען און פֿאַרשעמטן שמייכל.
פֿון אײַער חלומען און פֿיבערן דורך לאַנגע נעכט
געבליבן איז די שיינקײַט פֿון אַ רויִנירטן היכל.
אין אײַער ליד זײַט איר געוועזן געגליכן צו אַ טײַך,
וואָס שפּיגלט אָפּ די וואָרהאַפֿטיקע וועלט — קאַפּויער.
געבליבן איז אַ יונגער דור, וואָס פֿרעגט זיך ניט אויף אײַך —
און ניט אויף מיר, און ניט אויף אונדזער דורותדיקן טרויער.
פֿאַר אײַער לײַב-און-לעבן אין דער פֿינצטער אומגעבראַכט,
באַקומען האָבן אײַערע אלמנות — געלט, דמי-כופֿר,
נאָר אײַער לשון, וואָס תלינים האָבן שטום געמאַכט,
איז ווײַטער שטום אין לאַנד, ווו דיכטער זינגען נאָך אַן אויפֿהער.
איז מיר געבליבן אײַער לשון! ווי עס בלײַבט דאָס קלייד
פֿון אַ דערטרונקענעם, וואָס איז אין טײַך געבליבן ליגן.
אָ, מיר איז ניט געבליבן אײַער אויסגעבאָרגטע פֿרייד,
נאָר גאָר דאָס ביטערניש פֿון אײַער יידישלעכן ניגון.

("די גאָלדענע קייט" נומער 36 תל אביב 1960)



דער נסתר
1952—1884

1952—1890
לייב קוויטקאָ

בנימין זוסקין
1952—1899

איציק פעפער
1952—1900

חנא שמערוק

דעם נסתרס ״דער ליאָוועד״ — אַ פאַרגעסענע דערציילונג פון 1910

אין דעם ערשטן פעריאָד פון דעם נסתרס שאַפן, ביזן יאָר 1913 בערך, זענען זייער בולט זײַנע פאַרשידנמיניקע און טייל מאָל אפילו אומדערוואַרטע און אויבנאויפיק סתירותדיקע זוכענישן. און דאָך איז די דאָזיקע פאַרמאַטיווע תקופה אינעם נסתרס שאַפן ביז גאָר וויכטיק און באַלערעוודיק אויך דערפאַר, ווײַל שוין דעמאָלט קומען צום אויסדרוק אין די ווערק פונעם יונגן שרײַבער אַ ריי מאָטיוון און טענדענצן, וואָס רופן זיך דירעקט איבער מיט זײַן שפּעטערדיקן שאַפן, סײַ אין דער תקופה פון דעם נסתרס סימבאָליסטישע מעשיות און סײַ אין זײַן ברייט פאַרמאָסטענער, אָבער ניט פאַרענדיקטער סאַגע ״די משפחה משבר״ [1].

אין דער דאָזיקער תקופה איז דער העברעיִשער דיכטער־אָנהייבער, פּינחס כהנוביץ, געוואָרן אַ יידיש־שרײַבער, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי דער נסתר. איצט ווייסן מיר אַז די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג איז געשען צווישן 1903 און 1907 [2]. זינט 1907, ווען דער נסתר האָט דעביוטירט אין יידיש, און ביז 1913, ווען ער האָט אין זײַן ״אַ מעשה מיט אַ נזיר און מיט אַ ציגעלע״ [3] אײַנגעשטעלט זײַן אייגנאַרטיקן מעשה־נוסח בײַ וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן ביז 1929, זענען גאָר קענטיק זײַנע פּײַנלעכע זוכענישן אין פאַרשידענע ריכטונגען און זײַנע פּרוּוון מיט פאַרשידענע אויסדרוק־מיטלען. און ס׳האַנדלט זיך דאָ ניט נאָר אין סטיל־און

1 וועגן די פאַרשיידענע תקופות אין דעם נסתרס שאַפן זען מײַן אַרײַנפיר צו דעם נסתרס *הנזיר והגדיה*, ירושלים 1963, ז״ז 9—52. צוואַנציק יאָר נאָך דעם ווי דער אַרײַנפיר איז געשריבן געוואָרן האָבן זיך אָנגעזאַמלט ניט ווייניק נײַע מאַטעריאַלן וואָס דערמעגלעכן איצט באַרייכערן און פאַרטיפן אונדזער וויסן וועגן דעם נסתר און זײַן שאַפן. זען די דערמאָנונגען וועגן די נײַע מאַטעריאַלן אין די ווײַטערדיקע הערות.

2 פּינחס כהנוביץ — דער נסתר, ״פרחי נער״ *בחינות*, 7 (1977) ז״ז 134—145 און דב סדנס אַרײַנפיר צו די לידער ״עם שירי הנוער העבריים של דער נסתר״, דאָרט, ז״ז 127—133. זען אויך דב סדן, ״על כוכב הגאולה — בין ראשיתו של דער נסתר ואחריתו״, *דבר*, פונעם 16טן סעפּטעמבער 1977. די ביידע אַרבעטן זענען אַרײַן אין דב סדנס בוך *ארחות ושבילים*, כרך סופרי יידיש וספרותה, תל־אביב 1979, ז״ז 108—128. אַ יידישע ווערסיע פונעם אַרטיקל וואָס איז דערשינען אין *דבר*: ״דער שטערן פון דערלייזונג״ איז פאַראַן אין דב סדנס בוך ״*טויערן און טירן*״, תל־אביב 1979, ז״ז 43—59.

3 די דערציילונג איז איבערגעדרוקט אין דער אַנטאָלאָגיע ״*אַ שפּיגל אויף אַ שטיין*״, רעד׳ ח. שמערוק, תל־אביב 1964, ז״ז 134—158. דאָרט אויף ז׳ 777 זענען פאַרצייכנט די פריערדיקע פּובליקאַציעס פון דער דערציילונג.

אויסדרוק־פֿאָרמען, נאָר אויך אין אַ געוואָגטער טעמאַטיק, וואָס איז געווען גאַנץ נײַ אין דער יידישער ליטעראַטור פון יענע יאָרן. שוין אין 1907 באַווײַזט זיך דער נסתר מיט זײַן "מרים" (אַ פירוש אויפן מאָטיוו פון "מאַליטוואַ דעווי"), אַ פרווו ווידער צו פאַראייגענען און אַנאַכראָניסטיש צוריק צו פאַרייִדישן דאָס געשטאַלט פון קריסטוסעס געוווינערין [4] עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער זיך אַנטפּלעקט אין זײַן בוך "העכער פון דער ערד" (וואַרשע 1910) מיט פרווון פון קבלה־רעפלעקסיעס אין יידיש. במשך פון דער גאַנצער באַהאַנדלטער תקופה איז זײַן געוואָגטע עראָטיק אַ סימן מובהק פון אַ גאַנצער ריי פון זײַנע פאַרעפנטלעכטע ווערק [5]. אָבער נאָר אַ קלײנער טייל פון דעם נסתרס ווערק פון די יאָרן 1907—1913 זענען באַקאַנט דעם יידיש־לייענער און דעם ליטעראַטור־פאָרשער. זײַנע דרײַ ביכער פון יענער תקופה [6] זענען זייער זעלטן און כמעט אַלץ וואָס דער נסתר האָט אין יענע יאָרן אויך געדרוקט אין זאַמלביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען איז מער ניט איבערגעדרוקט געוואָרן און ניט אַרײַן אין זײַנע ביכער, ניט פאַרן שרײַבערס לעבן און ניט נאָך זײַן טויט. די ווײַטערדיקע פובליקאַציע פון דעם נסתרס לחלוטין פאַרגעסענער [7], אָבער ביז גאָר סימפּטאָמאַטישער דערציילונג "דער ליאָווער" איז אַ צושטײַער צו דער ווײַטערדיקער פאָרשונג פון דער תקופה אין דעם נסתרס שאַפן.

"דער ליאָווער" איז דערשינען אין דער טעגלעכער צײַטונג דער פרײַנד פונעם 28סטן יאַנואַר 1910. דאָס איז דעם נסתרס אײנציקע דערציילונג פון חסידישן שטייגער ביז דער שרײַבער האָט מיט יאָרן שפּעטער די טעמע ווידער אויפגעהויבן אין די ברייטע שילדערונגען פון דער בראַצלאַווער חסידישער עדה אין זײַן "די משפחה משבר". די דערציילונג איז פײַן אויסגעהאַלטן אין באַנוץ פון דעם חסידישן לשון און פון חסידישע ספּעציפישע סטיל־געוווינהייטן, כאָטש ס'לאָזט זיך שוין דאָ און דאָרט באַמערקן דעם נסתרס ספּעציפישער זאַצבוי מיט זײַנע אינווערסיעס.

4 צום ערשטן און צום איינציקן מאָל דערשינען אין דעם נסתרס בוך "געדאַנקען און מאָטיוון", ווילנע 1907, ז"ז 13—23.

5 די עראָטיק איז ביז גאָר בולט אין זיין "פויליש" און "קלעאָפּאַטרע" — ביידע אין ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטען, ווילנע 1908, נומ' 1, ז"ז 47—58 און נומ' 4, ז"ז 35—50. זען אויך אין זיין פּאָעמע פון יענע יאָרן "פרילינג", דער שטראַהל, וואַרשע, נומ' 25, ז"ז 3—19.

6 אויסער די צוויי דערמאָנטע (אויבן און אין הערה 4) אויך: געזאַנג און געבעט, קיעוו [1912].

7 די דערציילונג איז ניט פאַרצייכנט אין דער ביבליאָגראַפיע פון א. פינקעלשטיין און מ. ראָזענהויז, "דעם ניסטערס ווערק", סאָוועטיש היימלאַנד, 1 (1970), ז"ז 150—152. "דער ליאָווער" האָט זיך אָפּגעפונען אַ דאַנק דעם ביבליאָגראַפישן פּראָיעקט ביי דער יידיש־אָפּטיילונג פון דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואָס פאַרצייכנט דעם אינהאַלט פון דער יידישער פעריאָדיק. ביי דער געלעגנהייט וויל איך האַרציק דאַנקען פר' דינה אַבראַמאָוויטש, דער ביבליאָטעקאַרין פון ייוואָ אין ניו־יאָרק פאַר דער פאָטאָקאָפּיע פון דער דערציילונג, וואָס דערגאַנצט דעם דעפעקטן עקזעמפּליאַר פון דער צייטונג אין דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים.

ס׳איז אין תוך אַ רעאַליסטישע דערציילונג. דער פּאַן פון "דער ליאָווער" איז אַ היסטאָריש רעאַלער און אַ גוט באַקאַנטער. "דער ליאָווער" פון דעם נסתרס דערציילונג איז ר׳ דב בער אַדער בערעניו פרידמאַן, אַ באַרימטער צדיק, איינער פון ר׳ ישראל ריזשינערס זעקס זין, וואָס האָבן נאָך דער פּטירה פון זייער פאָטער (1850) במשך פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט געוועלטיקט איבער גאָר גרויסע חסידישע עדות אין אוקראַינע, גאַליציע, בעסאַראַביע און רומעניע. דער פאָטער און דריי פון דעם ליאָווערס ברידער ווערן טאַקע בפירוש דערמאָנט אין דעם נסתרס דערציילונג: דער סאַדיגורער (ר׳ אברהם יעקב), דער הוסיאַטינער (ר׳ מרדכי שרגא) און דער טשאָרטקאָווער (ר׳ דוד משה) [8].

די האַנדלונג פון דעם נסתרס "דער ליאָווער" וויקלט זיך פונאַנדער אין הינטערגרונט פון אַ געשעעניש וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע חסידישע וועלט אינעם יאָר תרכ״ט/1869. ר׳ בערעניו, דער ליאָווער, וואָס זיין חסידישע הנהגה איז שוין פריער געווען אַ גאַנץ פּראָבלעמאַטישע, האָט דעמאָלט פאַרלאָזט זיין וווינאָרט, אַוועק קיין טשערנאָוויץ, זיך אויפגעהאַלטן דאָרט ביים ד״ר י. ל. רייטמאַן, אַ דעמאָלט באַרימטן משכיל. פון טשערנאָוויץ האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער רבי איז אַראָפּ פון חסידישן דרך הישר און איז געוואָרן אַ משכיל. די ידיעה איז אויך דערשינען אין די דעמאָלטיקע העברעיִשע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. זעקס וואָכן האָט דער ליאָווער פאַרבראַכט אין טשערנאָוויץ ביים ד״ר רייטמאַן. זיין פאַרצווייַגטע רביישע משפּחה האָט זיך אַריינגעמישט אויף אַ זייער ענערגישן אופן און צוריקגעבראַכט דעם ליאָווער קיין סאַדיגורע. אין אָנהייב האָט מען געפּרווט דערוויַיזן, אַז ער פירט זיך אויף ווי פריִער און פראָוועט אפילו טיש. אָבער פאַקטיש האָט ער פון דעמאָלט אָן און ביז זיין טויט אין יאָר תרל״ו/1875 געלעבט פאַראיינזאַמט אין סאַדיגורע אונטער דער השגחה פונעם עלטערן ברודער. די קעגנערישע קאָנקורירנדיקע חסידישע מחנה פון די סאַנדזער האָט אויסגעניצט די געשעעניש אין איר קאַמף קעגן די ריזשינער יורשים. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ העפטיקע אומברחמנותדיקע מלחמה צווישן די צדדים, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ לאַנגע צייט [9].

די עיקרדיקע געשעענישן און די דערמאָנטע געשטאַלטן זענען אין דעם נסתרס דערציילונג בדרך כלל געטריי די באַקאַנטע און זיכערע היסטאָרישע פאַקטן. אפילו די ציטאַטע פון דעם סאַדיגורערס מויל וועגן זיין ברודערס כפירה ("יידן! אַ סך פון אונדז האָבן ביז אַהער געמיינט און טייל מיינען נאָך איצט אויך, אַז דעם ברודערס דרך איז אויך אַ דרך, זיין דרך, — יידן, מיר זענען אייך מודיע, איז קיין

8 די עיקרדיקע ביאָגראַפישע פּרטים וועגן דער דאָזיקער דינאַסטיע: יצחק אלפסי, החסידות תל־אביב 1977, ז׳ 36.

9 זען די שילדערונג פון דער פּרשה צוזאַמען מיט דער פּובליקאַציע פון אַ נייעם מיט־צייטלערישן דאָקומענט ביי יצחק רפאל, "לפתרון התעלומה של רבי דוב בער מליאובה", ארשת, ו (תשמ״א), ז״ז 211—221.

דרך נישט! ער איז אַראָפּ פון וועג!״ — זען וויַיטער), איז אין ז׳עם נסתרס דערציילונג געבויט אויף אַ פּאַראַלעלן פּאַרלאָזלעכן חסידישן מקור: ״יש החושבים כי דרכו של אחי הוא דרך הקודש, לא, לא כן האמת: אחי סר מן הדרך הישר״ [10]. אָבער כאָטש דער נסתר האָט זיך געמיט צו זיַין געטריַי די היסטאָרישע פֿאַקטן און איז וויַיזט אויס געווען באַהאַוונט אין די מקורות וועגן דעם ליאָווער, איז ניט דער ליאָווער אַליין דער עיקר אין דעם נסתרס דערציילונג. דאָס געשטאַלט פונעם רבין איז גאָר וויכטיק אין דער דערציילונג, ס׳איז אָבער ג׳יכער אַ פּאַן־געשטאַלט, וואָס ווערט פּרעזענטירט אויף אַן אומדירעקטן אופן. די וואָס דערציילן וועגן אים שטייען אין צענטער פון דעם נסתרס אינטערעס אין דער דערציילונג. אַלץ אין דער דערציילונג קומט פאָר אין אַ חסידישער קלויז אין אַן אָרט וואָס זעט אויס צו זיַין גאַנץ וויַיטלעך סיַי פון דעם ליאָווערס וווינאָרט און סיַי פון די אַנדערע חסידישע צענטערס, וואָס ווערן אין דער דערציילונג דערמאָנט. דער נסתר האָט קודם כל אין זינען אַרויסצוברענגען די השפעה אין די קאָנסעקווענצן פון דעם ליאָווערס שריט אויף דער חסידישער עדה, וואָס איז מיט אים געווען פאַרבונדן. די עדה צעפאַלט זיך, וויַיל דעם ליאָווערס חסידים קענען קיין אַנדערן מנהיג ניט געפינען:

״און טאַקע אַן אמתער צער איז דערנאָך געווען צו זען, ווי אַלטע, גרויַיז־גראָע ידן, די עלטסטע חסידים, די זקני הדור האָבן זיך גבעבעך, ווי די שאָף אָן אַ פּאַסטעך, אומגעבלאָנקעט — אָן אַ חוזה, אָן אַ טרייסט און אָן דעם אמתן מורה דרך... טייל האָבן אפילו געפּרוּווט נאָך דערנאָך אַרומפאָרן און ׳זוכן׳, נאָר קיינער פון זיי האָט שוין גאָרנישט ניט געפונען, דאָרט גאָרנישט ניט געפונען, דאָרט גאָרנישט ניט געזען...״ (זען וויַיטער).

און לאָמיר דערמאָנען, אַז ממש אין דער תקופה, אין אָנהייב פון יאָרהונדערט, האָט פּרץ שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט עטלעכע נוסחאות פון זיַין העברעיִש־יידישן חורבן בית צדיק — ״די גאָלדענע קייט״, זיַין דראַמע, וואָס באַהאַנדלט אַ גאָר ענלעכע פּראָבלעמאַטיק. אויך אין דער משפחה פון די רביים אין פּרצעס דראַמע גייט אַ טאָכטער אַוועק צום משכיל, דעם ד״ר בערגמאַן, און אַרום דער געשעעניש דערגייט אויך דאָרט צום קריזיס פון דער חסידישער הנהגה. אויך דאָרט בליַיבט כמעט ניט קיין האָפענונג פאַרן המשך פונעם חסידישן הויף און ס׳דראָט אים אַ כמעט אומפאַר־מיַידלעכער צעפאַל און חורבן.

סיַי פּרץ, און אין דעם זינען אויך זיַין תלמיד דער נסתר [11], האָבן אינעם עבר פון חסידות געוואָלט זען אַ רומפולע תקופה פון אויטאָראַטיווער און דערהויבענער ספּיריטועלער הנהגה און געקוקט אויף צוריק מיט בענקשאַפט אין אַנבליק פונעם

10 רפאל, דאָרט, ז׳ 213.

11 זען דעם נסתרס, ״פּרץ האָט גערעדט און איך האָב געהערט״, אין זיינע ״דערציילונגען און עסייען״, ניו־יאָרק 1957, ז״ז 279—289.

חורבן און דעזאינטעגראַציע פון די חסידישע עדות. און סײַ בײַ פּרצן און סײַ בײַם נסתּר האַנדלט זיך ניט נאָר אין דער חסידישער הנהגה, נאָר אויך אין דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער הנהגה, אין „זקנים" און „ישישים", וואָס האָבן אין „אַמאָליקע צײַטן" אַליין געהאַט אַ פעסטן דרך פאַר זיך און אויך געהאַט דעם כּוח אויף דעם דרך צו פירן די קומענדיקע דורות. דער התמעטות־הלבבות־מאָטיוו בײַ פּרצן איז גוט באַקאַנט פון אַ ריי פון זײַנע ווערק[12]. אויך בײַם נסתּר איז עס אַן עיקר, ווען ער שילדערט נאָסטאַלגיש פאַרגאַפּט די אַמאָליקע זקנים־מדריכים אין זײַן „פּויליש" און „פרילינג" [13] און אויך ווען ער קלאָגט אין „מיר" אויף זײַן אייגענעם פאַריתומטן דור:

ווײַל —
אויסגעלאָזט האָט
איצט זיך אַלעס,
בײַ דעם פאָלק
די אַלטע, שטילע
פון דעם פאָלק
די רויִק קלאָרע,
יענע זקנים
אינעם שווײַגן
און די חשובע
מיט אויגן,
מיט די ריינע
און געזעצטע,
וואָס זיי זאָרגן
פאַר דער אומה
פלעגן יאָרן
אויף דער עלטער
און באַשײַנען אונדז
געזינדן,
נאָר מיט קוקן שטיל
אויף טאַטעס,
אַכטונג געבן
אויף די וועגן,
נאָר מיט לערנען
מיט די אויגן,
זעלטן עצהן זיי
מיט ווערטער;
אויסגעשטאָרבן
זענען יענע,
אָט די קלוגע לײַט [...]
[...] איצט מיר שטייען
אין דער מיטן,
אַלטע צײַט
איז דאָך פאַרגאַנגען,
נײַע וועגן
נאָך פאַרהוילן,
און מיר שטייען
שאָף אויף סטעפּעס
און בײַ נאַכט
און אין דער פינצטער
קאָפּ צו קאָפּ,
בײַ רוקן — רוקן
און צונויפגעדריקט
אין רעדל,
אומבאַהאָלפן
און דערשראָקן...[14]

12 זען אין ח. שמערוק, פּרצעס ייִאוש־וויזיע, ניו־יאָרק 1971, ז"ז 39—42.

13 זען אין הערה 5 אויבן.

14 דאָ ציטירט פון אַ שפּיגל אויף אַ שטיין, ז"ז 132—133. „מיר" איז געהאַט דערשינען אין דעם נסתּרס „געזאַנג און געבעט", ז"ז 5—12.

און ס׳איז קלאָר אַז אויך ״דער ליאָוועס״ דאַרף קודם כל פֿאַרשטאַנען ווערן אין דעם דאָזיקן ווייטאָקדיקן פּראָבלעמען־קרײַז פֿון שאַרפֿן קריזיס, וואָס איז אַזוי בולט אין דעם נסתרס שאַפֿן פֿון יענע יאָרן און אויך שפּעטער אין די געשטאַלטן פֿון די זוכנדיקע נזירים, וואַנדערער און גייערס פֿון דעם נסתרס סימבאָליסטישע מעשיות.

אַזוי ווי דאָס געשטאַלט פֿונעם אַלטן קאָצקער [15] האָט אויך דער ליאָוועס געלאָקט יידישע שרײַבער, וואָס האָבן געפּרוווט געבן אַ דראַמאַטישן לבוש דער דאָזיקער טראַגישער פּערזענלעכקייט פֿונעם חסידישן רבין, וואָס איז אַראָפּ פֿונעם וועג. מיר פֿאַרמאָגן פֿון סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרײַסיקער יאָרן דרײַ דראַמעס, אין וועלכע מ׳האָט זיך פֿאַרמאָסטן מיטן דאָזיקן געשטאַלט אין פּרוּוון היסטאָריש און פּסיכאָלאָגיש צו באַגרינדן דעם ליאָוועס קריזיס און זײַנע מעשים[16]. מיט יאָרן צוריק האָט דער קריטיקער י. ראַפּאָפּאָרט רעצענזירט אַלע דרײַ דראַמעס צוזאַמען און אַרויסגעטראָגן דעם פֿאָלגנדיקן גאָר שאַרפֿן אורטייל:

״מ. ב. שטיין האָט געמאַכט פֿון ליאָוועס דראַמע אַ שפּאַנענדע מעלאָדראַמע; י. באַטאַשאַנסקי האָט געמאַכט פֿון איר אַ סענסאַציאָנעלן ליבע־ראָמאַן מיט משכּילישע חן־פּינטעלעך; מיכל דאַווידזאָן האָט געמאַכט פֿון איר אַ לאַנגן משכּילישן פֿאַרס. אַלע דרײַ האָבן, יעדער אויף זײַן שטייגער, געקוילעט אַן אינטערעסאַנטע היסטאָרישע געשטאַלט. זיי האָבן זי נישט נאָר באַאַרבעט שעפּעריש, נאָר אפֿילו ריין דעקאָראַטיוו זי דעגראַדירט דורך נישט געלונגענע אינסצעניזאַציעס. די געשטאַלט פֿון ר׳ בער ליאָוועס וואַרט נאָך אויף אַ דראַמאַטורג, ווי אַ סך אַנדערע וווּנדערבאַרע געשטאַלטן און שטאָפֿן פֿון אונדזער גײַסטיק רײַכער געשיכטע״[17].

ס׳זעט אויס, אַז ראַפּאָפּאָרט האָט וועגן דעם נסתרס דערציילונג ניט געוווּסט.

15 פּרצן האָבן חסידים באַשולדיקט אַז אין ״די גאָלדענע קייט״ האָט ער אין זינען געהאַט דעם אַלטן קאָצקער. אין י. אָפּאַטאָשוס ״אין פּוילישע וועלדער״, איז דער קאָצקער אַ צענטראַל געשטאַלט. וועגן קאָצקער האָט אויך געשריבן מ. ב. שטיין (=מ. באָרנשטיין), ״ערד און הימל״, וואַרשע 1926. אָפּרופֿן וועגן דער דראַמע אין פֿאַרגלייך מיט פּרצן און אָפּאַטאָשון: ז. זילבערצווייג ״לעקסיקאָן פֿון יידישן טעאַטער״, באַנד 6, מעקסיקע 1969, ז״ז 4940—4944. מ. ב. שטיין האָט אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע וועגן ליאָוועס. זען אין דער ווייטערדיקער הערה.

16 מ. ב. שטיין (=מ. באָרנשטיין), די חורבה, דראַמע אין אַכט בילדער, וואַרשע, פֿאַרלאַג פּנחס גראַובאַרד, 1930; יעקב באַטאַשאַנסקי, ״דער ליעווער״, היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטן — אין זײַן בוך ״דראַמען״, בוענאָס איירעס 1933, ז״ז 3—70; מיכל דאַווידזאָן, ״דער ליעווער רבי״, היסטאָרישע דראַמע אין פֿיר אַקטן, שיקאַגאָ, פֿאַרלאַג ל. מ. שטיין, 1935. דאַווידזאָן אַליין איז געווען אַ ליאָוועס. אין זײַן בוך געפֿינט זיך דעם ליאָוועס בילד צוזאַמען מיט אַ רעפּראָדוקציע פֿון זײַן חתימה.

17 י. ראַפּאָפּאָרט ״צעראָפּנס גלויבן״ מעלבורן 1946, ז׳ 35.

מיט יאָרן שפּעטער איז דאָס געשטאַלט פונעם ליאָוּוער ווידער אויפגעשוווּמען בײַם נסתר אינעם צווייטן טייל פון „די משפּחה משבר" ווי אַ פּאַראַלעל צו אַן ענלעכער אָבער ווײַט ניט אידענטישער סיטואַציע. ווען לוזי קומט צום רבֿ, כּדי צו פּאַרטיידיקן און מלמד זכות זײַן אויף מיכל בוקיער, דעם אומגליקלעכן בראַצלאַווער חסיד, וואָס ווערט אויף אַ דעמאָנסטראַטיוון און אַרויסרופֿערישן אופֿן אַ כּופֿר און גייט אַוועק צו די משכּילים, מאַכט ער דאָרט אַ פֿאַרגלײַך צווישן אים און צווישן דעם ליאָוּוער. מ׳דאַרף דערבײַ אין זינען האָבן, אַז דעם ליאָוּוערס פּרשה האָט אינעם בוך געדאַרפֿט זײַן פֿריש אין זכּרון פֿון די געשטאַלטן, ווײַל די צײַט פֿון די געשעענישן אין צווייטן טייל פון „די משפּחה משבר" ווערט באַשטימט אין די זיבעציקער יאָרן [18]. וועלן מיר פֿאַרענדיקן מיט אַ ציטאַטע פֿון „די משפּחה משבר", וועגן דעם טיטל־געשטאַלט פֿון דעם נסתרס אָפּגעפּונענער דערציילונג. ביידע טעקסטן, דער פֿון 1910 און דער פֿון אַרום 1944 [19], דערגאַנצן איינער דעם אַנדערן:

„[...] ווײַל אַט האָט זיך די לעצטע צײַט געמאַכט דער פֿאַל מיטן ליאָוּוער — ניט אַבי ווער, נאָר אַליין אַ גדול, אַ זון און אַ ברודער פֿון גדולים, וואָס האָט אַן ענלעכע מעשה אָפּגעטאָן און איז אַריבערגעלאָפֿן צו די טשערנאָ־וויצער, וועלכע האָבן זיך מיט אים, ווי באַוווּסט, שטאַרק דערפֿרייט און אים גענומען אונטער זייער שוץ. שטעכנדיק די אויגן פֿון די פֿרומע קעגנער זייערע מיט אַזאַ, ווי דעם, וועמען זיי האָבן אויף זייער זײַט אַרײַנגעקריגן. די זאַך איז אַלעמען באַוווּסט, נישט געקוקט דערויף, וואָס די אייגענע, קרובֿים, ברידער פֿונעם געטראָפֿענעם האָבן דאָס אַזוי געוואָלט פֿאַרשטעלן און האָבן אַלערליי שיפֿלות געטאָן, מ׳זאָל יענעם צוריק ווידער צו זיך אַריבערציִען... ס׳האָט ניט געהאָלפֿן [...]" [20]

18 דער נסתר אַליין האָט זיך געוואָקלט וואָס שייך דער צײַט פֿון די געשעענישן אין זײַן בוך. זען ח. שמרוק, „ארבע אגרות של דער נסתר — לתולדות ספרו ׳די משפחה מאשבער׳ והדפסותיו", בחינות, 8—9 (1977—1978), ז"ז 227—228.

19 וועגן דער דאַטירונג פֿון דעם טייל פֿונעם בוך זען אין מײַן אַרבעט וואָס איז דערמאָנט אין דער פֿריערדיקער הערה.

20 דער נסתר, „די משפּחה מאַשבער", צווייטער טייל, ניו־יאָרק 1948, ז"ז 90—91.

דער נסתר

דער ליאָוועד

ביי אונדז איז מען פון דער געשיכטע געוואָר געוואָרן באַלד. באַלד נאָך יום־טובים, — אַז חסידים, וואָס זענען אַהין אויף ימים־נוראים און אויף סוכות געפאָרן, האָבן אָנגעהויבן פון דאָרט זיך צוריק צונויפצופאָרן, — האָט מען ביי אונדז אין קלויז, צווישן מנחה־מעריב, און ביי דעם שיין פון איינציקע לאָמפּן, אויך נאָך מעריב, אומרויִקע חסידים־רעדלעך באַמערקט. עלטערע און מיטעלע יידן מיט גראָע און גרויסע בערד זענען אין מיטן די רעדלעך געשטאַנען, האָרט נעבן זיי האָבן זיך יונגעלייט, נאָך מיט קליינע שוואַרצע בערדלעך, געטוליעט און אַרום די רעדלעך האָבן יינגלעך זיך צונויפגעקליבן. טייל זענען אויף די שפּיץ פינגער געשטאַנען און אין די רעדלעך אַריינגעקוקט. טייל האָבן זיך מיט איינע זייטן נאָר געטוליעט און מיט איינע אויערן, מיט נייגיר און איינגעהאַלטענעם אָטעם צו די רעדלעך זיך צוגעהערט. גאָר אַלטע חסידים־זקנים זענען צו צווי, צו דריי אין די ווינקלען געשטאַנען, צווישן זיך פריער שטיל איבערגערעדט, דערנאָך העכער טענהן אָנגעהויבן און אין אַ חילוקי־דעות אַריין. איין ר׳ יוסף ישראל — דער עלטסטער ביי אונדז אין קלויז, דער עלטסטער זקן פון ״זיינע״ חסידים — ער אַליין נאָר איז צו קיין רעדל נישט צוגעגאַנגען, מיט קיינעם נישט גערעדט, ווי זיין שטייגער איז געווען. די הענט אין די הינטערשטע קעשענעס פון דער קאַפּאָטע פאַרשטעקט, דעם קאָפּ הויך איבער די אַקסל געהאַלטן — האָט ער איבערן מזרח אַרומגעשפּאַנט, איז פון וואַנט צו וואַנט געגאַנגען, ברייט די אויגן געעפנט און פאַרטראַכט און גלייך מיט זיי געקוקט; געשפּאַנט, פון וואַנט צו וואַנט געגאַנגען, אָפּגעקערעוועט און ווייטער צוגעגאַנגען, אַזוי אַ סך, אַ סך מאָל, — ווען ניט ווען נאָר, פּלוצלינג, אין מיטן גיין זיך ביי אַ שטענדער אַ שטעל געטון, מיט האַלבן גוף זיך איבער אים איבערגעבויגן, האַנט אויף שטענדער און קאָפּ אויף האַנט אָנגעשפּאַרט, און אַזוי, איינגעבויגענער־הייט, געשטאַנען און געשטאַנען, געטראַכט און געטראַכט, דערנאָך פּאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט און רויִק, רויִק און באַטראַכט, ווי אַ שטילע, נאָר שלעכטע מחשבה אָוועקטרייבנדיק, עטלעכע מאָל מיטן קאָפּ הין און צוריק געדרייט, ווי איינער רעדט: ניין, ניין... ס׳קאָן נישט זיין.

און דערציילט האָבן די אָנגעפאָרענע, אין די רעדלעך שטייענדיק:

— ס׳האָבן דאָס שוין לאַנג די גבאים באַמערקט, נאָר זיי האָבן די העזה נישט געהאַט, פאָרן מויל דאָס נישט געבראַכט... נאָר באַלד האָבן דאָס שוין די מקורבים דערזען. און זיי אויך — האָבן זיך פריִער צווישן זיך דערמיט אַרומגעטראָגן, — דאָס אַלץ צוגעדעקט, פון מויל צו מויל נאָר איבערגעגעבן, זיך געשושקעט און

געסודעט. אַזוי לאַנג ביז... ס׳איז צום עולם געקומען. און דער עולם מורמלט: חילול הקודש... סטײַטש, מזלזל במצוות: נישט קיין טבילה, נישט קיין תפילה... ס׳איז דאָך אַ הימלגעשריי — טעג וואָס ער לייגט קיין תפילין נישט... טשערנאָוויץ. בײַ די טשערנאָוויצער אפיקורסים געווען, איבערגעקערט... געקומען נישט דער. גייט גאַנצע טעג אַרום פאַרטראַכט, ווײַזט זיך אויף דער ליכטיקער שײַן נישט, רעדט נישט, פּדיונט נישט. גבאים גייען אַן קעפּ אַרום. מקורבים זיפצן שטילערהייט און ווייסן נישט וואָס צו טון. צו די זקנים ווענדט מען זיך, נאָר זקנים ווייסן אויך נישט... זיי האָבן אויך די קעפּ פאַרלאָרן, גייען איבער די קלויזן אַרום און קרעכצן אַלץ: אַ צאָרן, אַ צאָרן. פון דער מעשה ווייסט מען שוין אומעטום, בײַ אַלע ״ברידער״ אין סאַדיגורע, אין הוסיאַטין און אין טשערטקאָוו. ״זייערע חסידים דאַרט רעדן דערפון, נאָר בײַ ״זיי״ פרעגן — וויל זיך קיינער נישט אײַנשטעלן, און ״זיי״ אַליין, די ״ברידער״ — שווײַגן...

און אויסגעהערט האָט די ידיעה דער עולם. שטיל און איינציקווײַז האָבן זיך די יונגעלײַט פון די רעדלעך אָפּגעטיילט, שטיל און אומבאַמערקט האָבן זיך די עלטערע פון די רעדלעך אַרויסגעדרייט און שווײַגנדיק זענען אַזוי די רעדלעך אויס געוואָרן. די טיר פון קלויז האָט זיך באַלד נאָך דעם אַלע מאָל נאָך אַן אַנדערן צוגעמאַכט — דער עולם איז זיך צעגאַנגען. דער שמש האָט די לאָמפּן אויסגעלאָשן און אויך אַליין אַרויסגעגאַנגען. איינער אַליין נאָר איז ר׳ יוסף ישראל געבליבן. און בײַ דער שײַן פון אַ יאָרצײַטליכט, וואָס האָט אויפן עמוד געברענט, האָט ער ווײַטער אין מזרח אַרומגעשפּאַנט, פון וואַנט צו וואַנט זיך אַרומגעדרייט און געטראַכט זיך און געטראַכט.

ס׳איז דעמאָלט נאָך יום־טובים געווען. אין דרויסן איז באַלד אָסיען געוואָרן. און יידן האָבן זיך באַלד יעדערער צו זײַנעם גענומען. סוחרים צו האַנדל, מלמדים צום קנעלן און בחורים צו די גמרות. און ווי דער שטייגער איז — יידן זענען די גאַנצע טעג פאַרטראָגן געווען, פאַרדאַגהט, פאַרטון, געיאָגט און געלאָפן — פרנסה. און, ווי כסדר, איז זיך דער טאָג — דער טאָג געווען, די גאַס — אַ גאַס און דער מאַרק — אַ מאַרק, אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זײַן, ווי דער סדר עולם איז, און צוריק ווי תמיד. נאָר נישט ווי תמיד האָבן דעמאָלט יידן אין קלויז אין יענע אויפדערנאַכטן אויסגעזעסן. ווייניק פלעגן דעמאָלט אין קלויז נאָך מנחה־מעריב בלײַבן. און די, וואָס זענען יאָ געבליבן, פלעגן זיך איינציקווײַז, שטילע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און פאַרדאַגהטע, פאַרמרהשחורהטע, ווי די אבלים, אין די ווינקלען זיך צוזעצן, קעפּ און אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט, שטיל, אין דער פינצטער און אַליין זיך אַזוי געזעסן, שטיל און אומעטיק געטראַכט זיך און שטיל און טרויעריק געזיפצט און געזיפצט...

איז אַ מאָל אַ יאָרצײַט געווען, צי האָט אַ ייד אַ מאָל אַזוי זיך תיקון געגעבן, צום טיש אין מערב־זײַט צונויפגיין פלעגט מען זיך אויף אַ ווײַלע, בײַ דער יאָרצײַט־ליכט, נאָר לחיים געטרונקען, שטיל אַזוי, זיך געווינטשעוועט און באַלד

דערנאָך זיך צעגאַנגען, וויַיטער זיך אין די ווינקלען זיך צעזעצט, יעדערער מיט זייַן מחשבה, יעדערער מיט זייַן זאָרג און זייַן טרויער.

און געשוויגן האָבן דעמאָלט אַלע — קיינער האָט נישט געפרעגט, קיינער האָט נישט גערעדט, נאָר יעדערער איז זיך פאַר זיך פאַרדאַגהט אַרומגעגאַנגען, מיט שטילן טרויער אין די אויגן, מיט פאַרטראַכטער זאָרג אויפן פנים און מיט מרה־שחורה און אומרויִקייט אין האַרצן...

און שטיל זענען זיך אַזוי טעג און וואָכן געגאַנגען. ווי אויף שפּיץ פינגער, שטיל און פאַרטראַכט האָבן זיך חסידים אין קלויז איינע אַרום די אַנדערע, ווי אַרום מסוכנע חולאים, אַרומגעדרייט. ווען ניט ווען, בשעתן אַרומדרייען, פלעגט זיך אַ מאָל איינער אַן אַנדערן זיך אָנשלאָגן, פלעגן זיי שטיין בלייַבן, פלעגן פאַרוואונדערט, מיט גרויסע אויגן, איינס אויפן אַנדערן קוקן אַ ווייַלע, פלעגן אָבער שטיל באַלד אַפּקירעווען, מיט די אַקסל געצויגן, אין פאַרשידענע זייַטן זיך צעגיין און וויַיטער זיך דרייען און דרייען, אויף און אָפּ, אויף און אָפּ.

שטיל זענען זיך אַזוי טעג און וואָכן געגאַנגען. אין אויר האָבן זיך עפּעס ווי טויבע קלאַנגען געטראָגן, טויבע שמועות און ידיעות, נאָר וואָס דאָרט איצט באמת טוט זיך, וואָס דאָרט קומט איצט באמת פאָר — האָט קיינער נישט געוווּסט. די, וואָס פלעגן תמיד אין דער צייַט "אהין" אויף חנוכה פאָרן, האָבן איצט, אין "אַזאַ צייַט", נאָך אַ שטילן יישוב, די נסיעות זייערע אָפּגעלייגט. פון דאָרט אַליין האָט זיך קיינער נישט געוויזן, קיינער נישט געקומען: קיין גבאי, קיין משולח, קיין ידיעה...

געשמועסט האָט מען אפילו, אַז אַלטע חסידים, מקורבים און די גרויסע זקני הדור, זענען נוטה צו זאָגן: אדרבא, הן, הן גבורותיו — אָט דאָ שטעקט זייַן גבורה, אָט דאָ טאַקע ליגט זייַן גרויסקייט, וואָרעם — זיי האַלטן, — אַז דאָס איז אַזאַ דרך, "זייַן" דרך, זייַן אייגענער, און אַז דאָ שטעקן סודות ורמזים טאַקע פונעם גרויסן, פונעם אמתן צדיק הדור, — יאָ, אַזוי האָט מען געשמועסט, דאָך נישט פאַרשטאַנען האָט דאָס דער עולם, נישט דער מוח האָט דאָס משיג געווען, וואָרעם, וואָס הייסט? און געוווּסט האָט מען בייַ אונדז, אַז איין ר' יוסף ישראל האָט וועגן דעם וואָס צו זאָגן און וואָלט עפּעס געקאָנט זאָגן, נאָר פרעגן אים האָט קיינער נישט געפרעגט און ער אַליין האָט געשוויגן. ער פלעגט זיך ביחידות און פאַרטראַכט אין מזרח אַרומדרייען, שעהן־לאַנג, אַזוי בייַ טאָג, אַזוי אויף דער נאַכט, ווען ניט ווען נאָר זיך בייַ אַ פענצטער אָפּשטעלן, שטיל און לאַנג דאָרט שטיין און קוקן און קוקן.

און אַרויסגעקוקט האָבן חסידים און אויף אַ שעת הכושר געוואַרט און האָבן זיך סוף כל סוף דערוואַרט...

איין מאָל, און אין דעם אויפדערנאַכט איז עפּעס אַ גרויסער יאָרצייט געווען. אַ גרויסער עולם האָט זיך דעמאָלט אין קלויז אַריין צונויפגעקליבן. אַרום טיש,

וואָס איז ביי דער הרובע אין מערב געשטאַנען, זענען דעמאָלט סאַמע אַלטע געזעסן, די סאַמע עלטסטע און שענסטע פון יענעם דור, וואָס זענען נאָך צו די אַלטע געפאָרן, וואָס האָבן נאָך אַליין די גרויסע זכיה געהאַט די אמתע צדיקי הדור מיט די אייגענע אויגן זען — סאַמע אַלטע, מיט גראָע און זילבערע בערד, מיט גרויסע און שיינע שטערנס און מיט ריינע, קלאָרע ריינע אויגן. געווען איז דאָרט בשעת מעשה ר' יוסף ישראל אַליין — דער גרויסער ייד, דער גרויסער חסיד און שטעלער אויף זיך, וואָס האָט אַ מאָל זיך אין "זייערס" אַ מחלוקת אַרייַנגעמישט און טאַקע זייַן פּסק באַקומען; געווען איז דאָרט אויך חיים איצי' דער חזן, וואָס האָט נאָך בייַם ריזשינער יום־כּיפּור אויף דער נאַכט דעם "אדון עולם" געזונגען, הייַנט איציק יאָסל — דער שיינער ייִד, דער גרויסער תּלמיד חכם און די רעכטע האַנט בייַם סאַדיגורער; און חיים ישראל, דער מלמד — דער ווילדער ירא שמים און דער אמת פרומער ייִד; געווען זענען אויך אהרן דער בעל־זוהר און בעל־קבלה, און נאָך. ס'איז שוין שפּעט אויף דער נאַכט געווען. און געזעסן זענען זיך די אַלטע אַרום טיש און אַרום זיי, אַן זיי אָנגעשפּאַרט, איבער זייערע פּלייצעס איבערגעבויגן, זענען מיטעלערע און ייִנגערע געשטאַנען — אָנגעגרייט פון די אַלטע מעשיות און מאמרים אויסהערן. שטיל זענען די זקנים געזעסן. אויפן טיש איז משקה געשטאַנען, נאָר קיינער האָט זיך דערווייַל פון אָרט נישט גערירט. ס'האָט אַלע מאָל נאָר איינער אַ זיפץ געטאָן און בייַ די איבעריקע אַ זיפץ אַרויסגערופן. שטילער ווי תּמיד זענען הייַנט די זקנים געזעסן, און נישט געווען איז הייַנט ווי אַלע מאָל, וואָס איינער דערציילט און די איבעריקע הערן זיך איַן, ניין. עטלעכע פאָרלעך נאָר, איינס צום אַנדערן אָנגעבויגן, קאָפּ צו קאָפּ און פּנים צו פּנים שטיל, נישט אין דער הייך האָבן זקנים צווישן זיך געשמועסט, גערעדט און זיך דערציילט. די איבעריקע זענען זיך גלאַט געזעסן, אַזוי זיך געשוויגן, געטראַכט און געקוקט. דער איבעריקער עולם האָט זיך אויף קליינע קיבוצים צעטיילט און יעדער קיבוץ האָט זיך הינטער די פּלייצעס פון אַן אַנדער זקנים־פּאָר געשטעלט און שטיל, מיט גרויס כּוונה צו די זקנים זיך צוגעהערט. שטיל גערעדט האָבן צווישן זיך די זקנים און עפּעס אומבאַמערקט, איינציקווייַז אַנטשוויגן געוואָרן און אויפגעהערט. בייַם עק טיש איז ר' יוסף ישראל געשטאַנען, מיט די הענט אויפן טיש אָנגעשפּאַרט, און זיך עטוואָס איבער אים איבערגעבויגן. זייַן קאָפּ, באָרד און פּנים זענען באַלויכן געווען: דעם קאָפּ עטוואָס אויסגעדרייט געהאַלטן, אַליין, ווי צום לאָמפּ געקוקט און דערציילט... באַלד האָבן זיך אַלע אויגן אין איין זייַט געווענדט. דער טיש איז באַלד באַלאַגערט געוואָרן. זקנים, וואָס זענען בייַם אַנדערן עק געזעסן, האָבן זיך איבערן טיש איבערגעבויגן און צו יענעם עק אַן אויער צוגעלייגט. די אַרומיקע קיבוצים זענען באַלד אויס געוואָרן: שטילער, שטילער, ר' יוסף ישראל רעדט.

און ר' יוסף ישראל האָט דערציילט:

די מעשה איז נאָך אין ריזשין געווען. איך בין נאָך דעמאָלט גאָר אַ יונגערמאַן געווען. געווען איז דעמאָלט ווינטערצייַט, אין איינער פון די שבת־נעכט. זענען מיר — איך, משה ר' דודלס און נאָך אַ יונגערמאַן — בייַ אים, אין זייַן חדר געשטאַנען.

ער איז זיך אַזוי אויף דעם שטול געזעסן, דעם קאָפּ אויפן אַנלען פאַרוואָרפן און די אויגן צוגעהאַלטן. מיר זענען פון דער ווײַטנס געשטאַנען און שטיל אויף זײַן פּנים געקוקט. געזען האָבן מיר, ווי ס׳האָט בײַ אים אַלע מאָל פריער אַ ברעם און דערנאָך דער גאַנצער גוף אַ ציטער געטאָן. און געזעסן איז ער אַזוי דעם קאָפּ פאַרוואָרפן און שטאַרק, שטאַרק פאַרטראַגן. מיר האָבן געזען, ווי מחשבות, ממש לעבעדיק, זענען אים איבערן שטערן אומגעגאַנגען. ער איז אַזוי נאָענט געווען און דאָך האָט זיך אונדז אויסגעוויזן אַזוי ווײַט, ממש מיטן אויג נישט אַנצוזען. עפּעס אַ ווילדע און אומגעהײַערע ווײַטקייט האָבן מיר אויף זײַן שטערן געזען, ווי ער וואָלט ערגעץ איצט אין אומגעהײַערע, ווײַטע, ווײַטע עולמות מיט זײַן מחשבה פאַרטאָן געווען. פּלוצלונג... און ער האָט מיט אַ מאָל די אויגן אָן עפּן געטאָן און צעמישט מיט זיי זיך אַרומגעקוקט, צעמישט האָט ער עפּעס מיט זיי געזוכט און מיט אַ מאָל אויף אונדז מיט זיי זיך אָפּגעשטעלט. ווי פון אַ ווײַטער און פרעמדער וועלט איז ער איצט מיט זײַנע אויגן אָנגעקומען און ווײַט, ווילד און פרעמד אויף אונדז געקוקט. אַ פּאָר מינוט אַזוי געקוקט און מיט אַ מאָל אַ זאָג געטון: ״יונגע-לײַט, קוקט אויף מיר... קוקט אויף מיר... יונגע-לײַט קוקט זיך אין מיר אײַן, כל זמן איך בין נאָך דאָ...״ ער איז אויף אַ מינוט אַנטשוויגן געוואָרן. דעם קאָפּ צוריק פאַרוואָרפן און באַלד אויפגעהויבן, ער האָט אַ קרעכץ געטון: ״אַך... ווייסט, ווען איך זאָל געווען זײַן אין בעל-שמס צײַטן, וואָלט געווען אַ חידוש, ווען איך זאָל געווען זײַן אין רמ״אס און אין רש״יס צײַטן וואָלט אויך געווען אַ חידוש...״ ער האָט ווײַטער דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, עטלעכע מינוט אים אַזוי געהאַלטן, דערנאָך אים מיט אַ מאָל אַ הייב געטאָן: ״ווייסט, ווען איך זאָל געווען זײַן אפילו אין משה רבינוס צײַטן, וואָלט אויך געווען אַ חידוש!...״ ער האָט זיך גלײַך אויף זײַן שטול געזעצט, אַ פּאָר מינוט געטראַכט און ווײַטער אָנגעהויבן: ״השמים שמים לה׳ — נעמט זיך אַזאַ גרויסער גאָט, אַזאַ גרויסער, גרויסער כביכול און פאַרזעצט זיך אַזוי הויך אַוועק, פאַרקלײַבט זיך אין אַזעלכע ריינע הימלען אַרויף... און אַזעלכע קליינע, שוואַכע און נישטיקע ברואים לאָזט ער אויף אַזאַ זינדיקער, זינדיקער ערד איבער... און ווייניק איז אונדז דאָס לעבן אַליין מיט אירע אַלע דאגות, צרות און יסורים, נעמט ער און שיקט נאָך אויף אונדז אַ יצר הרע אָן, תאוות, זינד און מיתה. איך פרעג: רבונו של עולם, ווו איז יושר? דער יצר הרע דײַנער, זינד דײַנע, תאוות דײַנע און אָפּקומען קומען מיר. איך פרעג: חי וקים! וואָס הייסט דאָס? קאַרג איז אונדז דער עולם השפל דײַנער, מיט אַלע זײַנע מיאוסקייטן, דאַרפן מיר נאָך פון טויט וויסן, דאַרפן מיר נאָך שטאַרבן אויך?...״ דאָ האָט ער זיך אַ שטעל אויף געטאָן: ״איך זאָג אײַך דערום, הערט! די זינד פון מײַנע קינדער, פון מײַנע קינדס קינדער, פון אַלע יידן, פון אַלע צײַטן און אַלע דורות עד סוף כל הדורות — נעם איך אויף מיר, אויף מיר... מײַן טויט, מײַן טויט אַליין וועט זיי מכפּר זײַן!...״

אָפּגעשטעלט האָט זיך ר׳ יוסף ישׂראל און שווער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. דער עולם איז מיט אויפגעשטעלטע מויל און אויערן, נישט גערירט, נאָך ווי פריער געשטאַנען און אויף ר׳ יוסף ישׂראל געקוקט. פּלוצלינג... און ר׳ יוסף ישׂראל האָט

זיך אַ שטעל אויף געטאָן, דעם גוף אויסגעגלײַכט און דעם קאָפּ אויפגעהויבן. אין די אויגן בײַ אים האָט זיך אַ פּײַערל אָנגעצונדן און דאָס פּנים האָט געפלאַמט... ער האָט אַ זאָג געטון: "יידן! איך זאָג אײַך — אַ קל איז דער, וואָס רעדט אויף אַ פּושע ישראל, עתיד ליתן את הדין איז דער, וואָס רעדט אויף אַ פּראָסטן יידן און עפרא לפומיה, עפרא לפומיה דעם, וואָס איז חושד בנים של קדושים ובפרט, ובפרט דעם קדוש, דעם צדיק אַליין... יידן, אונדזערע הייליקע ספרי יראים זאָגן: אין דער טיפסטער טומאה, אין מיאוסטן זומפּ זענען ערשט די אמת רייִנע, די אמת הייליקע ניצוצין פֿאַרשטעקט... און איין צדיק קאָן זיך אַהין אַראָפּלאָזן, איין צדיק דאַרף זיך אַהין אַראָפּלאָזן, איין צדיק נאָר קען זיי פון דאָרט אויפברענגען און זיי מתקן זײַן... שבע יפול צדיק וקם — מען דאַרף זיבן מאָל, כדי מען זאָל באמת אויפשטיין און באמת גרויס זײַן, מוז מען פֿאַלן, דאַרף מען, דאַרף מען פֿאַלן..."

ר' יוסף ישראל איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער עולם איז פֿאַרגאַפט געווען. אַ פּאָר מינוט איז נאָך יעדערער מיט פֿאַרטראַכטע אויגן אין זיך פֿאַרטראַכט געזעסן: יעדערער נאָך זײַן השגה נאָך האָט זיך אין דער זאַך מעמיק געווען און אויף זײַן שטייגער זי זיך פֿאַרשטאַנען, נאָר באַלד איז דעם עולם גוט געוואָרן. די זקנים האָבן די קעפּ אויפגעהויבן. אויגן און שטערנס האָבן זיך אויסגעלײַטערט, און די פּנימער האָבן געלויכטן... פרײלעך און אויפגעלייגט איז באַלד דאָס קעלישעקל פון האַנט צו האַנט געגאַנגען: דער עולם האָט לחיים געטרונקען. די נשמה זאָל האָבן אַן עליה, אַלע נשמות אַן עליה, און יידן אַן עליה... שוין צײַט, שוין צײַט, רבונו של עולם... און אמת אויפגעלייגט און אמת פרײלעך האָט דער עולם דערנאָך נאָך גערעדט און מעשיות דערציילט. און נאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט, העט־העט נאָך חצות דעמאָלט אין קלויז זיך פֿאַרזעסן...

גובר געווען, ווי ס'איז ידוע, האָבן דאָך "זיי"... ער איז סוף כל סוף, אין גאַנצן צו "זיי" קיין טשערנאָוויץ איבערגעפֿאָרן.

מען האָט דערציילט, אַז דעם שבת, נאָך זײַן אַוועקפֿאָרן, איז צו קריאת התורה דער סאַדיגורער צו דער בימה צוגעגאַנגען, אַ קלאַפּ געטון און אויסגערופן: "יידן! אַ סך פון אונדז האָבן ביז אהער געמיינט און אַ טייל מיינען נאָך איצט אויך, אַז דעם ברודערס דרך איז אויך אַ דרך, זײַן דרך — יידן, מיר זענען אײַך מודיע, איז קיין דרך נישט! ער איז אַראָפּ פון וועג!..."

און טאַקע אַן אמתער צער איז דערנאָך געווען צו זען, ווי אַלטע, גרייַז־גראָע יידן, די עלטסטע חסידים, די זקני הדור האָבן זיך, נעבעך, ווי די שאָף אָן אַ פּאַסטעך, אומגעבלאָנקעט — אָן אַ חוזה, אָן אַ טרייסט און אָן דעם אמתן מורה דרך... טייל האָבן אפילו געפּרוווט נאָך דערנאָך אַרומפֿאָרן און "זוכן", נאָר קיינער פון זיי האָט שוין גאָרנישט ניט געפונען, דאָרט גאָרנישט ניט געפונען, דאָרט גאָרנישט ניט

געזען... די אַלטע האָבן מיט די קעפּ געדרייט, נישט גערעדט, חלילה, נאָר מיט די אַקסל געקנייטשט: דור דור ומנהיגיו — יעדער דור מיט זײַן מנהיג... מסתמא וויל דער רבונו של עולם אַזוי... און געקרעכצט האָבן די אַלטע און מיט הארץ און אויגן געבענקט צום אַמאָל, צו דעמאָלט, צו "יענע", צו "זיי"...

און אומגעגאַנגען זענען אין די קלויזן אין די גרויסע זומערטעג און אין די לאַנגע ווינטערנעכט אייניגע אַליין די גרײַזע זקנים. די שטרײַמלעך אויף הינטן פאַררוקט, מיט די ליולקע־ציבעקס אין די מײַלער, שטיל און פאַרטראַכט זיך אַזוי אומגעגאַנגען און געפּיפּקעט און געפּיפּקעט...

שטיל און פאַרטראַכט זענען זיך אַזוי די זקנים אומגעגאַנגען און שטילע און נישט געטרייסטע זענען זיי אַזוי איינציקווײַז אויפן עולם האמת איבערגעגאַנגען, אַזוי שטיל און איינציקווײַז, שטיל און איינציקווײַז עד תום כל הדור — ביז ס'איז קיינער פון דעם דור נישט געבליבן.

דער סוף פון דער מעשה איז דאָך ידוע: ער איז אַ שטיק צײַט נאָך בײַ "זיי" דאָרט אָפּגעווען. דערנאָך האָט מען אים קיין סאַדיגורע געבראַכט... און שוין: מער האָבן חסידים פון אים נישט גערעדט, מער האָבן חסידים זײַן נאָמען נישט דער־מאָנט...

פון אַלע "זײַנע" חסידים בײַ אונדז איז נאָר איין ר' יוסף ישראל נאָך געבליבן. ער פלעגט אַזוי דערציילן, אַז אַלע יאָר, אין דעם טאָג, וואָס ער האָט זיך צוריק פון טשערנאָוויץ אומגעקערט, פלעגט דער ברודער, דער סאַדיגורער צו אים מיט זײַן קאַרעטע צופאָרן. "ער" פלעגט אַרויסגיין, אָן ווערטער אין קאַרעטע זיך זעצן און ביידע פלעגן אין וועלדל, וואָס הינטער דער שטאָט, אַוועקפאָרן. דאָרטן פלעגן זיי אַראָפּגיין, אין וואַלד אַרײַן, זיך איינס קעגן דאָס אַנדערע שטעלן, און נישט גערעדט און נישט געזאָגט אַזוי אַ שעה און מער אין די אויגן זיך קוקן. שטיל אַזוי געשטאַנען און לאַנג איינס דעם אַנדערן אין די אויגן זיך געקוקט. מען האָט דערציילט, אַז כסדר פלעגט "ער" זײַנע אויגן פאַרן ברודערס אַראָפּלאָזן.

אַזוי פלעגט זײַן תמיד, תמיד אין דעם טאָג, אַלע, אַלע יאָר — אַ יאָר זיבן, אַכט כסדר — ביז ער איז נפטר געוואָרן.

דוד האָפּשטיין

אין יידישן וואָרט

אין יידישן וואָרט, ווי ס׳איז ווילד, ווי ס׳איז מילד, ווי ס׳איז טײַער,
איז פֿאַראַן אַזאַ רוף צו באַנײַונג, איז פֿאַראַן אַזאַ העלישער פֿײַער,
אַז ווינטן, וואָס ציִען אויף וועלטישע ברייטע באַראָטן,
ניט קענען פֿאַרבלאָזן זײַן גליִענדן אָטעם,
און אַשן פֿון תקופֿות ניט קענען זײַן צונטער פֿאַרגרויען,
זײַן מונטערן צונטער, וואָס העלט זיך אויף שטילקייט פֿון בלויען.

אין יידישן וואָרט, וואָס איז אָקערשט אַרויס פֿון די צוואַנגען,
וואָס אומרויִק זוכט זיך נאָך פֿעלדער און סטעפּעס,
איז פֿאַראַן שוין די זיכערע רו אין די ברייטקייט פֿון עפּאָס.
און ניט נאָר בײַ הייליקע שומרים — אין וואָרט בײַ די פּשוטע היטערס,
הערט זיך דער אָנהייב פֿון שטאָלצע געזאַנגען פֿון שניטערס,
הערט זיך דער אָנזאָג אויף מונטערע קלאַנגען פֿון שײַער —
אין יידישן וואָרט, ווי ס׳איז ווילד, ווי ס׳איז מילד, ווי ס׳איז טײַער . . .

פֿון בוך ״פֿון אַלע מיינע וועלטן״, כאַרקאָוו מלוכה-פֿאַרלאַג 1929

עקדה

אַט זע איך: זי שטייט בײַ דעם ראַנד פֿון דעם גרוב מיט איין קלייד אויף
די לענדן.
ז'איז שיין, ווי דער טאָג, ווי דער לויטערער טאָג, און די גלידער זיי בלענדן.
זי שטייט און טוט זיך ניט אויס, און אַט גייט שוין צו איר אַ רוצח . . .
זי זוכט עפּעס מענטשלעכס אין אים, מיט לעצטן אומענטשלעכן כוח . . .

און ער איז צום זויבער פֿון אומשולדיק לײַב אַ צען שפּאַן ניט דערגאַנגען —
אַ פֿאַרהאַנג אַ שווערער פֿאַר אים איז געפֿאַלן און האָט זי פֿאַרהאַנגען . . .
זי שטייט בײַ דעם ראַנד, און אַט שיקט מען צו איר שוין אַ מערדער אַ צווייטן.
געלעכטער און שפּאָט און באַפֿעלן, ווי בײַטשן, דעם מערדער באַגלייטן . . .
אַ רגע געוואָרן איז שטיל — ער איז אויך צו דער שטעל שוין געקומען,
פֿון וואַנען אַוועק איז דער ערשטער, דאָס מיידל מיט בליקן מיט שטומע
אים צווינגט דעם פֿאַרשיכורטן קאָפּ אויפֿצוהייבן, איר וועזן דערשפּירן,
געהיים אין געראַנגל צו ברענגען דעם מאַרך אין פֿאַרגרעבטע געהירן . . .

און ער, ווי דער ערשטער, איז אויך די זעלבע צען שפּאַן ניט דערגאַנגען,
אויך אים האָט די קראַפֿט פֿון איר אומשולדיק וועזן געהאַלטן אין
צוואַנגען . . .
דאָס ווילדע געשריי פֿון דעם שיכורן הייפֿל געהילכט האָט נאָך העכער,
אין גרימצאָרן האָט זיך געזידלט דער יונגסטער-דער עלטסטער
פֿאַרברעכער . . .
ווי הינטישע וועזנס געשלאָגענע, שטייען ניט ווײַט אַט דיביידע,
און אומבאַוועגט שטייט דאָס נאַקטע קינד, וואָס פֿאַרהאַלט די עקדה . . .

1944

דאָס ליד "עקדה" איז בלויז איין מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער צייטונג "אייניקייט" און איז קיין מאָל נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין קיין שום לידער-זאַמלונג פֿון דיכטער.

דוד האַפּשטיין און זיין ליטעראַרישער קרייַז

דוד האַפּשטיין איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט באַגייס־טערטע פאַרהערער פון זיין פּאָעזיע און מיט אָנפאַנגער, — זיינע תלמידים. ער האָט אָפּגעגעבן פיל צייט און כוח אויף דערציען און אויסכאָוועו אַ נייעם דור יידיש־שעפער. אויפן בילד זעען מיר צווישן אַנדערע יונגע די שפּעטערדיקע וויכטיקע יידיש־סאָוועטישע שרייבער: ה. אָרלאַנד דער ערשטער אין דער שטייענדיקער ריי, פון רעכטס אויף לינקס און דער פערטער אין דער זעלבער ריי — אירמע דרוקער. אין דער מיטלסטער ריי זיצן דער צווייטער — שלמה טשערניאַווסקי, דוד האָפּשטיין, אפרים קאַגאַנאַווסקי, כור־מאַן. אין דער דריטער ריי — דער לעצטער אויף לינקס — יחזקאל טאַבאַטשניקאָוו.



פאַטאָסטאַט פון דוד האָפּשטיינס בריוול צו זיין תלמיד אפרים קאַגאַנאָווסקי (1928)

אַננאַ דרעסנער

דוד בערגעלסאָנס ליטעראַרישע אָבסעסיעס

עס קאָן גרינגלעך געמאָלט זײַן, אַז מיר זאָלן זיך אָנשטויסן אויף דער טענה: ווי געשיקט זיך עס שרײַבן וועגן ליטעראַרישע אָבסעסיעס, אַז זי אַליין, די ליטעראַטור, איז אַן אָבסעסיע פֿון וועלכער עס זענען באַזעסן די גאָניאַלסטע מײַסטער אירע; די פֿלײַסיקסטע טשעליאַדניקעס און גלענצנדיקסטע נאָכמאַכער אירע, שוין אָפּגערעדט פֿון די גראַפֿאָמאַנען אין יעדן דור, וואָס זייער ליטעראַרישע באַנומענקייט איז מן הסתם נישט קלענער פֿון דעם ווידעראַנאַנד צווישן זייער שעפֿערישער אָפּהענטיקייט און דער שרײַבערישער פֿרוכטבאַרקייט זייערער.

אויב עס איז פֿאַראַן בלויז אַ טראָפּן אמת אין קירקעגאַרדס באַהויפּטן, אַז אַ דיכטער איז אַ מין מטורף, וואָס יעדעס וואָרט וואָס גייט אַרויס פֿון זײַן מויל ווערט פֿאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע, קאָן מען אפֿשר זיך דערלויבן די באַהויפּטונג, אַז אַ שרײַבער איז אַ מין באַשעפֿעניש, וואָס זײַן באַזעסנקייט באַשטייט אין אַ פּאַטאָלאָגישן דראַנג אויסצוגיסן אויף פּאַפּיר ווערטער, וואָס ווערן פֿאַרוואַנדלט אין ליטעראַטור, וועלכע מען באַצייכנט אַלס שייַנע; און אָט די שייַנקייט איז סײַ אַ זכות, סײַ אַ פֿליכט.

זייער אַ סך צורות און פֿאָרמען פֿאַרמאָגט די שייַנקייט; אַזוי פֿיל וויפֿל עס פֿאַרמאָגן אַלע די, וואָס זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר איר קינסטלערישן געשטאַלטיקן; אַזוי פֿיל, וויפֿל עס זענען פֿאַראַן טאַלאַנטן, וועלכע באַשטעטיקן די פֿילבאַרקייט פֿון די שרײַבערס צום אַרום; זייער אײגנשאַפֿט צו אָבסערווירן דעם מענטש און דאָס לעבן, ווי אויך זייער פֿעיִקייט קינסטלעריש אַסימילירן זייער באַאָבאַכטונג.

וויפֿל קעפּ אַזוי פֿיל מוחות זענען פֿאַראַן; וויפֿל הערצער — אַזוי פֿיל אופֿנים פֿון ליב האָבן — זאָגט ל. נ. טאָלסטאָי. וויפֿל טאַלאַנטן — מעג מען פּאַראַפֿראַזירן — אַזוי פֿיל פֿאָרמען פֿון קינסטלערישן אויסדרוק זענען פֿאַראַן.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז דוד בערגעלסאָנס קינסטלערישער אויסדרוק איינער פֿון די ביז גאָר אָריגינעלסטע און שלמותדיקע סײַ אין סטיל, סײַ אין אינהאַלט.

אַ סך — אָבער מסתמא ווײַט נישט גענוג — איז געוואָרן געשריבן וועגן דוד בערגעלסאָנס ווערק, עס ווײַזט אָבער אויס, אַז צוויי וויכטיקע דערשײַנונגען אין דוד בערגעלסאָנס זעלטענעם טאַלאַנט, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין אַ ריי שאַפֿונגען זײַנע — בפֿרט אין די ראָמאַנען — זענען ביז איצט נאָך נישט אַרומגערעדט געוואָרן. איז דעריבער מן הדין צו שענקען זיי אונדזער אויפֿמערקזאַמקייט. געמיינט דערמיט זענען סיוזשעטישע טעמעס און מאָטיוון צו וועלכע בערגעלסאָן

קערט זיך אום כמעט אין יעדן גרעסערן ווערק — אויסער "ביים דניעפּר", וועלכער איז צו דעם צוועק כלל נישט אַנאַליזירט געוואָרן — עקשנותדיק, און חזרט זיי איבער, מען קאָן זאָגן, אויף אַן אָבסעסיוון אופן; דעריבער מעג מען זיי אָנרופן — אָבסעסיעס.

מען מעג אָננעמען, אַז דאָס אָפּטע איבערחזרן אַן און פאַר זיך די זעלבע מאָטיוון; דאָס אומקערן זיך צו די זעלבע ברען־פונקטן — מעגלעך בכיוון און מיטן פולן באַוווסטזיין, און אפשר קעגן דעם ווילן און אומבאַוווסטזיניק, וואָס איז, אגב, מער פּראָבלעמאַטיש — טאָר נישט בלייבן לכל הפּחות אומבאַמערקט, וואָרעם דערקלערן די דאָזיקע דערשיינונג נעמען מיר זיך נישט אונטער. איינס איז אויף געוויס זיכער: צי באַנוצט זיך בערגעלסאָן מיט אָט די עלעמענטן, ווי מיט אַ קינסטלערישן אויסרייד, צי געפינט ער אַ קינסטלערישן אויסרייד, כדי זיך מיט זיי באַנוצן — טאָר מען די דאָזיקע דערשיינונגען נישט איבערזעען, און פאַרזען אוודאי נישט.

כדי זיך אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס רופט זיך דאָ אַן "אָבסעסיעס", זענען אַנאַליזירט געוואָרן דוד בערגעלסאָנס דערציילונגען און ראָמאַנען, געשריבן אין די יאָרן 1906—1925. כמעט אַלע געהערן צום צייט־אָפּשניט צווישןביידע רעוואָלוציעס (1905—1917): "דער טויבער" (1906); "אַרום וואָקזאַל" (8—1907); "נאָך אַלעמען" (1912); "אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט" און "אָפּגאַנג" (1913). ווייטער, די נישט פאַרענדיקטע דערציילונג "יוסף שור", געשריבן אין 1919; צוויי יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועלכע איז אַן איבערברוך־פּונקט אין בערגעלסאָנס לעבן און שאַפן — און איין יאָר פאַר זיין אויסוואַנדערן פונעם ראַטן־פאַרבאַנד. דער לעצטער ראָמאַן, וואָס באַשעפטיקט אונדז — "מידת־הדין", איז דערשינען אין אויסלאַנד (1925), גלייך נאָכן מחברס צוריקקערן זיך פון אַ באַזוך אין רוסלאַנד, און זיין דעקלאַרירן זיך אַלס "סאָוועטישער שרייבער".

אין אָט די ווערק זיינע, באַדינט זיך בערגעלסאָן מיט קאָנקרעטע טעמעס, כדי צו אַנטוויקלען און לייזן דעם אידעיִשן און סיוזשעטישן קערן, וועלכן ער באַרירט אין זיי. אייניקע פון זיי באַנוצט ער אַלס הילפס־עלעמענטן, כדי די הויפּט־טעמאַטיק אַן איבעריק מאָל אונטערשטרייכן און בולטער מאַכן — און צו די ביידע מינים געהערן דער מום און די חולאתן.

אויסער דעם, קערט זיך בערגעלסאָן אום צו זייער ספּעציפישע מאָטיוון, אַן וועלכע ער פאַרגעסט נישט אפילו אין "מידת־הדין" — עברית, פּאַלעסטינע, ציוניזם.

דער חילוק צווישן די ביידע דערשיינונגען באַשטייט דערין, וואָס דער מום און די קראַנקהייט זענען אָפּט מאָל אַן אינטעגראַטיווער באַשטאַנדטייל פון דער באַהאַנדלטער טעמע און דרינגען פון איר אַרויס בדרך הטבע; בעת די נאַציאָנאַלע מאָטיוון, וועלכע בערגעלסאָן — אַלס שרייבער מיט אַ דורכאויס באַשטימטער וועלט־אַנשויונג, האָט מכלומרשט נישט באַרירט, און טאָקע דערפאַר זענען זיי מסתמא געבליבן נישט באַמערקט — בילדן אַלע מאָל אַ מין צוגאָב, וואָס וואָלט אין פלוג

גענומען געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי אַן איבעריקער, כמעט נישט קיין נויטיקער און אוודאי נישט קיין נוצלעכער און דערוועקן דערמיט אַ ספּעציעלן אינטערעס.

אין אַלע אויבן דערמאָנטע ווערק, דערשײַנען אין אַזאַ אָדער אַנדערער פֿאָרם דער מום און די קראַנקײַט. יעדער פֿון זיי לאָזט זיך אײַנרייען, הן לויט די בפירושע כוונות פֿונעם מחבר, הן לויטן מהות און דער מאָס פֿון אויסווירקונג און השפּעה אויפֿן ווערק, אין זײַן אויסערלעכער און אינערלעכער געשטאַלטיקונג.

דער מום, אַלס הויפּט-אימפּעראַטיוו, דערשײַנט אין בערגעלסאָנס ערשטלינג "דער טויבער". מיר געפֿינען אים אָבער אויך אין "אַרום וואָקזאַל" און אין "נאָך אַלעמען". אין די לעצטע צוויי אַלס סעקונדערער קינסטלערישער מיטל, וואָס באַקרעפֿטיקט, און שטרײַכט אונטער די הויפּט-טענדענץ.

אין אַט די שאַפֿונגען איז דער מום, מכלומרשט, אַ "נאַטירלעכער". ער איז נישט מער ווי אַ מקור פֿון לײַדן און פֿיזישער באַגרענעצטקייט. אַזוי איז די טויבקייט פֿונעם הויפּט-העלד אין דער ערשטער דערציילונג; אַזוי דאָס בלינדע אויג פֿונעם משולח אין דער צווייטער, און אויך דאָס הינקען פֿונעם סטודענט ליפּקיס, אין דער דריטער.

אין "טויבן" איז דער מום אַ פּועל-יוצא פֿונעם שווערן גורל, מיט וועלכן עס ראַנגלט זיך דער העלד; ער דינט אויך אַלס הויפּט-סיבה צום פֿאַרשאַרפֿן דעם צענטראַלן און געזעלשאַפֿטלעכן קאָנפֿליקט, זײַן פֿונאַנדערוויקלונג און זײַן טראַגישער לעזונג.

אַנדערש איז אין "אַרום וואָקזאַל". דער בעל-מום איז דאָ אַ ביז גאָר מאַרגינאַלע געשטאַלט, בערגעלסאָן ווידמעט דעם אַמאָליקן משולח מיטן טויטן אויג, נישט מער, ווי עטלעכע געציילטע משפּטים.

נישט פֿאַרמאָגנדיק קיינעם אויף דער וועלט; נישט האָבנדיק אַ מאָל צו וועמען דאָס מויל צו עפֿענען, האַלט דער משולח אין איין קלאַפּן מיט זײַן שטעקן אינעם ברוק פֿונעם פּעראָן, און ווערט ווי פֿאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקן רעקוויזיט פֿונעם וואָקזאַל. דער אָפּהילך פֿון די מאָנאָטאָנע קלעפּ זײַנע, קלינגט ווי אַ פֿאַרדעמפּטע צדקה-תּציל-ממוות-דערמאָנונג, אַז ער איז דאָ, ער עקזיסטירט אויך אין דעם אַרומיקן געווימל אָדער שטילקייט; אַן איבעריקער באַווײַז פֿון אָפּגעריסנקייט, אָפּגעפֿרעמדט-קייט און אויסזיכטלאָזיקייט, מיט וועלכע ס'איז אָנגעזאָפּט די אַטמאָספֿער פֿונעם וואָקזאַל און פֿון זײַן אַרום.

הגם עס קאָן זיך אויסווײַזן, אַז ליפּקיסעס מום, איז — ווייניקסטנס אין זײַנע אייגענע אויגן — די איינציקע שטרויכלונג בײַם געווינען די געפֿילן פֿון מירל הורוויץ, און דעריבער טוט ער אַלץ, כדי צו באַפֿרײַען זיך פֿון זײַן פֿיזישן פֿעלער, שײַנט אָבער זײַן לאָמקייט צו אָנטפּלעקן אַ פֿיל וויכטיקערן אַספּעקט.

דער קאַליקע ליפּקיס באַשטעטיקט — דוכט זיך אַן איבעריק מאָל — די מאַכטלאָזיקייט פֿון דער העלדין — די אויסטערלישסטע און אפֿשר די וווּנדער-

לעכסטע פּרויען־פּעשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור — ווי אויך פון די אַלע וואָס קומען אין באַרירונג מיט איר, קעגן דעם אכזריותדיקן כּוח, וואָס געוועל־טיקט און פאַרצערט זיי אַלע.

עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס נישט מירל, נישט די אַנדערע, זענען מסוגל צו לעבן "מיט אַלעמען" אָדער "באַגלײַך מיט אַלעמען". אָדער "פאַר אַלעמען". "דעם געזונטן פוס, וואָס ער פירט איר", ברענגט ליפּקיס מירלען אַ פאַר טעג נאָך דעם, ווי זי איז פאַרשווונדן. אויך זײַנע באַמיִונגען און יסורים ווערן בטל ומבוטל קעגן דער קללה פון "נאָך אַלעמען", וואָס הענגט איבער די קעפּ פון כמעט אַלע פאַרשוינען פונעם ראָמאַן.

פון אַ גאָר אַנדערן מין, זענען יענע קערפּערלעכע פאַרלעצונגען, וועלכע בערגעלסאָן האַלט בלי ספק, פאַר "דערהויבענע". על כּל פּנים, האַלט ער פאַר דערהויבענע די, וועלכע זענען מיט זיי באַשטראָפט, אָדער גאָר "באַצייכנט" געוואָרן; און אפשר טאָקע "אויסגעצייכנט" געוואָרן.

אין אָט די אויסטערלישע נפשות זײַנע, זעט ער אַ סימן פון גײַסטיקער און מאָראַלישער אויסדערוויילטקייט. יעדער פון זיי זעט אויס צו זײַן באַשטימט פאַר העכערע אויפגאַבעס און צילן, אַלס אַלע אָרומיקע; און דעריבער טיילט ער זיי אויס פון די איבעריקע און באַלאַדנט זיי מיט אַן אויסערלעכן, גוט באַמערקבאַרן קענ־צייכן — מיט פּוקלען.

זיי זענען סך הכּל פיר. צוויי "האָרבאַטע" מיידלעך און צוויי "הויקערלעך" — בחורים.

מעשה לצנות אָדער חוזק, לאָזט זיך דער געוועזענער סטודענט בורמאַן אויס־ווילן פאַרן קאַזיאָנעם רב אין "אַ פאַרגרעבטער שטאָט".

די איינטאָניקייט; דער לאַנגווײַל; די נעבעכדיקע "קליינע סטאַביליזאַציע"; די צווייפלהאַפטע תּענוגים, וועלכע די "פאַרגרעבטע שטאָט" איז אומשטאַנד צוצו־שאַנצן — קריצן בולטע שפּורן אין זײַן וועזן, און ווירקן זיך אויס אויף זײַן אינדיווי־דואַליטעט. עס פּרעסט אים די גלײַכגילטיקייט; די פּסיכישע נאָכגעלאָזנקייט, וואָס טויטן אַלע זײַנע אַמביציעס און שטרעבונגען. אַן צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון זײַן דעגענעראַציע.

די דערציילונג הויבט זיך אָן אינעם מאָמענט, ווען בורמאַן רײַסט איבער די קאָרעספּאָנדענץ מיט זײַן איינציקער שוועסטער "דער האָרבאַטער מאַסאָז־שיסטין"; אַ פאַרהוילענע געשטאַלט, וועלכע ווערט נישט קאָנפראָנטירט מיטן לייענער.

פון דעם, וואָס ווערט וועגן איר דירעקט און אומדירעקט דערציילט, איז צו פאַרשטיין, אַז אַפּגעבנדיק זיך אַ דין וחשבון, אַז עס איז איר נישט באַשערט צו זײַן פרוי און מוטער, האָט זי די גאַנצע ליבשאַפט אירע פאַרשענקט דעם ייִנגערן ברודער, פאַר וועלכן זי פילט זיך פאַראַנטוואָרטלעך.

דער ברודער ווידער, וועלכער האָט לחלוטין אָנגעוווירן יעטוועדע אונטערנע־מונגס־קראַפט און די מינדסטע פעיִקייט צו זעלבשטענדיקע מעשים, זעט אין דער האַרבאַטער שוועסטער זײַנער, דעם איינציקן מאָראַלישן אויטאָריטעט. ביַי איר זוכט ער אונטערשטיצונג אין מאָמענטן פון קריטישן איבערברוך, און ביַי איר געפינט ער אַן אָנשפּאַר, בײַם אָננעמען דעצידירנדיקע באַשלוסן.

כדי זי נישט צו אַנטוישן, איז ער אפילו גרייט חתונה האָבן, און אַזוי אַרום בײַטן זײַן ביזאיצטיקן לעבנס־שטייגער, די צרה איז אָבער, אַז ער פאַרמאָגט שוין אפילו נישט דאָס ביסל ווילנסקראַפט, וואָס איז נויטיק אויף אָנצושרײַבן איר וועגן דעם.

די איינזײַטיקע פאַרבינדונג דויערט נאָך אַ קורצע צײַט. די שוועסטער הערט נישט אויף צו מאָנען, פאָדערן, וואָרענען: ״לייבל, זינקסט אין אַ בלאָטע; לייבל, קאָנסט זיך נאָך ראַטעווען״ — אָבער אומזיסט. איר אײַנפלוס אויף אים הערט נישט אויף מיט אַ מאָל. זי קומט אים צו חלום, אפילו ווען אירע בריוו הערן אויף דערגיין צו אים. יעדער חלום וועגן איר, רעגט אים נאָך אַן אַ געוויסע צײַט אָפּצושנײַדן, און אָנהויבן אַלץ פון דאָס נײַ. אָבער די ענערגיע, וואָס די חלומות דערוועקן אין אים, קלעקן קוים אויף צו פּאַקן די רענצלעך און איבערצולאָזן זיי אין מיטן שטוב, באַגלײַך מיטן אָנגעהויבענעם בריוו צו איר, וואָס בלײַבט ליגן אויפן טיש, אַ נישט פאַרענדיקטער. די צווייטע פוקלדיקע פּרוי איז נעסי, אינעם נישט פאַרענדיקן ראָמאַן ״יוסף שור״, ״זי איז האָרבאַטע, איז זי״, די איינציקע טאָכטער פון אברם ראַפּאַפּאָרט. זי איז אויך די איינציקע צווישן בערגעלסאָנס פּרויען־געשטאַלטן, וואָס האָט דערוואָרבן אַ פרײַע פּראָפעסיע, און פאַרנעמט זיך מיט סקולפּטור.

אין ראָמאַן אָבער, רעדט זיך דערווײַל נישט וועגן נעסיס קונסט. דערווײַל ״באַרעדט מען״ אַ יונגן מאָלער, וועמענס דערפינדערישע שיטה פון מאָלן פערד, האַלט נעסי אין פאַרטיידיקן, פאַר די רכילותן וואָס עס טרײַבן וועגן אים, די אָנגעזעענע געסט, וואָס האָבן זיך לכבוד איר פאַרזאַמלט אין איר עלטערנס פּרעכטיקן סאַלאָן. זי נעמט זיך אָן די קריוודע פונעם יונגן מאָלער און זײַן דערפינ־דערישן אופן צו מאָלן פערד, פונקט ווי זי האָט זיך נאָר וואָס אָנגענומען די קריוודע פון די צוויי בעל־עגלהשע פגירות, וועלכע האָבן זי אָט ערשט געבראַכט צופירן פונעם וואָקזאַל. אַרומגערינגלט מיט נײַגער, מיט ליבשאַפט און באַוווּנדערונג פון אַלע אָנוועזנדיקע, טיילט זיך נעסי אויס מיט איר אַנדערשקייט; מיט איר האַרציקן וואָרעמען אופן פון רעדן; מיט איר תמימות און איידלקייט, וועלכע זי שטראַלט אויס פון זיך און אויך מיט איר שיינקייט. די איינזאַמקייט אויף וועלכער זי איז פאַרמשפּט אַלס קאַליקע, הגם אַ שיינע, באַמיט זי זיך צו צעשטרײַען דורך העלפן נויטבאַדאַרפטיקע, צווישן וועלכע זי לעבט אין דער גרויסער שטאָט, כמעט אין די זעלבע באַדינגונגען וואָס זיי. ווי ווײַט מעגלעך, ציט זיך נעסי צוריק פון אירע עלטערן און זייער לוקסוס־לעבן, און פאַר איר אייגענעם באַנוץ, אַזוי צו זאָגן, האָט זי זיך צוגעטראַכט אַ מעשה׳לע, וועגן דעם ווי ״ביַי אַ גוואַלדיק רײַכן אַדיר, אַ

טאַטן, איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ פּשוט יידיש קבצניש קינד..." און ווער ווייסט, וואָס פאַראַ גורל, בערגעלסאָן האָט פאַר אָט דעם קינד צוגעטראַכט.

איידער די צוויי נאָענטע פריינד, חיים־משה און מלך, האָבן באַשלאָסן וועגן זייער הסתלקות, וועגן "אָפּגאַנג", זענען זיי ביידע אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט "וואָס טייט מענטשן, איידער זי באַפּרידיקט זייערע פאַרלאַנגען" מיט אַ באַשלוס: נישט קלאָגן זיך, און נישט אַרייַנמישן זיך. "איז מען דאָ גרים... וועט מען זיך דאָ אַרומדרייען, וועט מען זען, הערן און מ'וועט שווייַגן. מ'האָט אָן אייגן צוגעטראַכט וואָרט (...) דער אייביקער שטומער פּראָטעסט. און ביידע דרייען זיך אַרום אינעם גרויסן כרך און געדענקען "אַז זיי טראָגן קליינע הויקערלעך אויף די ייִנגלשע פּלייצעס — די ירושה־מתנה פונעם קליינשטעטלדיקן יידן, דעם טאַטן".

און צי זענען די "הויקערלעך" סימבאָלישע, צי ניין, באַשטעטיקן זיי אין ביידע פאַלן דבר והיפוכו: דאָס נישט־נאַטירלעכע, דאָס אַנטשטעלנדיקע איז מכלומרשט, אין דעם פאַל נאַטירלעך און שיין און סטימולירט דאָס בעסערע, דאָס לויטערע און העכערע. זיי, די הויקערלעך, זענען אָבער ביז גאָר וויניק און האָבן אויך זייער וויניק כוח; באַטראַכטן זיי זיך דעריבער פאַר "גרים" און דעמאָנסטרירן זייער "שטומען פּראָטעסט" קעגן דער וועלט, וואָס איז לויט זייער איבערצייַגונג "אומווער־דיק", דאָס מיינט, נישט ראוי, מען זאָל זיך פאַרנעמען מיט איר תיקון. איז שוין, משמעות, גלייַכער "אָפּגיין", פאַרלאָזן זי פונעם אייגענעם ווילן און אויף אַן אופן, וואָס זיי אַליין קלויבן זיך אויס.

עד כאן — די מומים, און מכאן — די קראַנקייַטן.

די כראָנישע, משונהדיקע, די נישט דעפינירבאַרע חולאתן, רעזערווירט בערגעל־סאָן פאַר צוויי פרויען, עקרות — ביידע פורגעיותן — וואָס זייערע מענער שטייען נישט נאָר העכער פון זיי, נאָר אויך פון אַלע וואָס רינגלען זיי אַרום.

ביידע מענער טראָגן זיך אַרום מיט נישט קיין געוויינלעכע חלומות און שטרע־בונגען. עס כאַראַקטעריזירן זיי נטיות, וועלכע וואַקלען צווישן די גרענעצן פון מערקווירדיקייט און אומגעלומפּערטקייט. בעת דעם עלטערן ציט צו הויכקייטן, צו די הימלען — ציט דעם ייִנגערן צום תהום. אָבער אַ דאַנק זייערע ווייַבער פאַרזינקען ביידע אין אין־סוף פון שפלות.

די ייִנגערע פון די פרויען איז דאָס צווייטע ווייַב פון ביינוש רובינשטיין ("אַרום וואָקזאַל") "אַ למדן, אַ יחסן און אַ שטאַרק פרייַער". זי איז אַ מיִאוסע אַ גרינגע און ליידט אויף אַ מאָדנער קרענק. האַלט אין איין פאַרלירן דאָס גלייַכגעוויכט און אין איין ברעכן די כלים, וואָס זי נעמט אין האַנט אַרייַן. איר מאַן גייט אויס פון ליבשאַפט און בענקשאַפט נאָך זייַן פאַרשטאָרבענער ערשטער פרוי, דער שיינקייט, אין וועלכער ער קאָן נישט פאַרגעסן.

ער איז פאַרביטערט, אַנטוישט אין די ביזאַנטיקע, בעיקר משכילישע אידעאַלן זייַנע און עס זענען אים נמאס ומאוס, סיי זייַנע עסקים "ביים וואָקזאַל", סיי די

סוחרים, וואָס דרייען זיך דאָרט — די עדות פון זײַן בכיוונדיקער מסחרישער שלימזלדיקייט. דעריבער באַשליסט ער, אַז די גרינגסטע זאַך פאַר אים איז אָנווערן דאָס גאַנצע געלט און פאַרוואַנדלען זיך וואָס גיכער אין אַ קבצן, אַ "יורד".

אין זײַן פּרײַוויליקער "ירידה", פּירט אויס די פּרוי זײַנע באמנות, די ראָל פון אַן אמתן עזר כנגדו. דער ווידערווילן צו דער, וואָס איז אים קיין ווײַב נישט און וועט קיין מאָל נישט ווערן די מוטער פון זײַנס אַ קינד; די שנאה צו איר שטוב, וואָס איז פאַר אים קיין היים נישט, אײַלן צו דעם "ירידה"־פּראָצעס — אין בערגעלסאָנישן זין — און פאַרהעלפן אים וואָס גיכער דערגרייכן... צום אָפּגרונט.

די עלטערע כראָניש־קראַנקע פרוי, איז דאָס ווײַב פון יצחק־בערן, "רב גר נומער דרײַ", אין דער דערציילונג "אָפּגאַנג".

אַנשטאָט צו היטן זײַן אַרבעט אין וואַלד, מאַכט יצחק־בער יד־אחת מיט זײַנע יונגע קאָמאַרניקעס, חיים־משה'ן און מלכ'ן, ציט זיך צוריק פון די וועלט־ענינים, און פאַרנעמט זיך מיט אויסשפּירן די שטערן. זײַן ווײַב, די ארורה, איז נישט מסכים, נישט מיט זײַנע זוכענישן און ועל כולם — נישט מיט זײַן אפּיקורסות.

כדי אָפּשטעלן די געשרייען אירע און איבעררײַסן אירע זידלערײַען, קללות און חרמות קעגן מאַן, האָבן איר די יונגע לײַט געבראַכט אַ טײַטש־חומש און זי איבערצײַגט אַרײַנצוקוקן אין ספר, אײַנריידנדיק איר, אַז אַזוי אַרום "קאָן זי מנחיל זײַן דעם מאַן עולם־הבא". אַז די בחורים זענען אַוועק, האָבן זיך די געוואַלדן און דאָס שעלטן אָנגעהויבן פון דאָס נײַ, ביז זיי האָבן דעם דריטן "גר" אונטערגעהאַקט די פליגל, אַראָפּגעצויגן אים פונעם טעלעסקאָפּ אויפן דאַך פון זײַן הײַזל, אים דער־ווײַטערט פון די אויסגעשטערנטע הימלען, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל צוריקגע־קערט אים צו די ערדישע, נישטיקע ענינים, פון וועלכע ער האָט זיך מיט געוואַלד אויף אַ געוויסער צײַט אָפּגעריסן.

פאַראַן אויך אין די אויבן באַהאַנדלטע ווערק קרענקלעכע מענער; אָבער די מחלות זייערע זענען פאַריבערגייענדיקע. זיי זענען קיין מאָל נישט די סיבות פאַר סיוזשעטישע קאָמפּליקאַציעס, נײַערט אַ פּועל־יוצא פון זיי, ווי מיר זעען עס בײַם טויבן, בײַ ביינוש רובינשטיין און בײַם הויפּטפאַרשוין פון דער "פאַרגרעבטער שטאָט" — בײַ אלישען.

בלויז איין און איינציקע געשטאַלט, וועלכע בערגעלסאָן האָט פאַרטראַכט אַלס מוסטער פאַר אַ "העראָי פון יענער צײַט" — פאַראַפראַזירנדיק לערמאָנטאָוון — לײַדט פון אַ בייזער און ווי עס שײַנט אומהיילבאַרער קראַנקײַט. אויף דעם טשעקיסט פיליפּאָוו ("מידת־הדין"), דעם אייגנטלעכן הערשער פון קאַמיענגאַבאַלקאַ, איז בערגעלסאָן גוזר צו ראַנגלען זיך מיט די אָפּשטויסנדיקע, אייביק יאַטערנדיקע טשערעקעס און מכות, וואָס זעצן זיך אומאויפהערלעך אויף זײַן שטירישן עקשנות־דיקן האַרטן, פויערישן נאַקן — פונקט ווי עס איז אים אָנגעצייכנט צו קעמפן מיט די קאָנטררעוואָלוציאָנערע אָנוווקסן אויפן גוף פון דער יונגער ראַטנמאַכט, קוים ווי ער באַווײַזט אויסצוקוועטשן דעם אײַטער פון איין גוליע זײַנער זעצט זיך שוין

דערנעבן די צווייטע, און אַזוי אָן אָן אויפהער. ס׳איז אָבער, ווײַזט זיך אַרויס, אַ סך איינפאַכער ״ליקווידירן״ פײַנטלעכע, אײַטערנדיקע געשווילעכצן; איידער דעסטי־לירן דאָס פאַרסמטע בלוט וואָס האַלט זיי אין איין גערן. מען מעג זיכער זאָגן, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, ווען בערגעלסאָן באַדינט זיך מיט אַ פאַרגלײַך פון דעם מין. די באַנאַלקייט און פריקרער ביי־טעם פון אָט דעם משל־ונמשל־עקספּערימענט, צינדט אָן דאָס רויטע ליכט און זאָגט אָן, אַז מיט ״מידת־הדין״ הייבט בערגעלסאָן אָן פאַרלירן דעם ״מידת־הרחמים״ פאַר דעם ווונדערלעך־אייגנאַרטיקן טאַלאַנט זײַנעם. מיט אָט דעם נעבעכדיק־פּײַנלעכן מוסר־השכל זײַנעם, באַגינט דער לאַנגער געראַנגל צווישן בערגעלסאָנען דעם ״סאָוועטישן שרײַבער״ און בערגעלסאָנען, דעם איינמאַליקן, אָריגינעלן און איינציקאַרטיקן יידיש־מײַסטער און שעפער, וועלכער טוט אַלץ, כדי צו פאַרקנעכטן דעם גרויסן טאַלאַנט זײַנעם, וועלכער איז אים פאַרט גובר.

אין אַ מאמר געווידמעט דעם אָנדענק פון די אומגעבראַכטע יידישע־סאָוועטישע שרײַבערס, פּירט אויס איגנאַציאָ סילאָנע, דער מחבר פון ״ברויט און ווײַן״ אַזוי בערך: ״זינט איך האָב אָנגעהויבן זעלבשטענדיק צו דענקען, בין איך אַ סאָציאַליסט; זינט איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן — בין איך אַ רעאַליסט. איך וועל אָבער קיין מאָל, ווײַזט אויס, נישט אָנהויבן פאַרשטיין, וואָס סאָציאַליסטישער רעאַליזם באַטײַט״ דוכט זיך אַז בערגעלסאָן האָט דאָס אויך נישט באַנומען, הגם אַלץ זאָגט עדות וועגן דעם, אַז ער האָט עס לײַדער נישט איין מאָל געפּרוווט.

בערגעלסאָנס העלדן רעקרוטירן זיך בדרך כלל פונעם פאַרמעגלעכן מיטל־שטאַנד־קלאַס; פון דער משכיליש־שעפערישער און פראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ; פון סוחרים, וועלכע זענען פאַרזונקען אין גײַסטיקן און מאָראַלישן דעגענעראַציע־פּראָצעס. זייער גאַנצער טעטיקייט איז סטעריל און אויסזיכטלאָז, און עס ווערט וואָס אַ מאָל מער באַשײַנפּערלעך, אַז זיי רוימען דעם פּלאַץ פאַרן ״נײַעם״; פאַר יענעם פאַרניכטנדיקן כוח, וואָס איבערוועלטיקט זיי מיט זײַנע מאַטעריעלע רעסורסן און פיזישער קראַפט. בערגעלסאָן לאָזט זיי נישט איבער קיין שום אַלטערנאַטיוו. זיי ווערן פאַרפלייצט פון דער גרויער טאָגטעגלעכקייט מיט איר אַלטאָג, לאַנגווײַל און אינדאָלענץ, וועלכע דערפירן צום אָפּטעמפּן פון יעדן געפיל און צו פאַרברעכע־רישער גלײַכגילטיקייט, און דאָס דערגענטערט זייער אומקום. זיי אַלעמען איז אָנגעצייכנט געוואָרן גײַסטיקע און פיזישע ״ירידה״.

אמת אַ געוויסע צאָל פון זײַנע העלדן זענען אין אָנהויב געווען אָנהענגערס פון דער רעוואָלוציאָנערער אידיי; זיי האָבן זיך אָבער גיך אַנטוישט אין איר, און זי אויפגעגעבן.

עס זענען פאַראַן צווישן זיי אויך אַזעלכע, וועלכע דערקלערן, אַז קיין ציוניסטן זענען זיי נישט, הגם זיי פאַרנעמען זיך דווקא מיט דער אויפלעבונג פון דער העברעיִשער שפּראַך און שאַפונג. די, ווידער, וועלכע באַשעפטיקן זיך יאָ מיט ציוניסטישער טעטיקייט, ציען זיך נישט צוריק פון איר, כאָטש מען שפּירט בפירוש, אַז דעם מחברס סימפּאַטיעס נויגן לאו דווקא אין זייער זײַט. און טאַקע דערפאַר,

וואָס ס׳האָט קיין טעם נישט צו זוכן בײַ בערגעלסאָנען נאַציאָנאַל-ציוניסטישע לעזונגען, פאָדערן די העברעיִשע מאָטיוו־אָבסעסיעס, ווי מיר רופן זיי, וועלכע זעען אויס צו זײַן דריטראַנגיקע אין זײַנע שאַפונגען, אַ טיפערן אַרײַנבליק.

אין די אויבן דערמאָנטע ווערק זײַנע, איז זיך בערגעלסאָן נוהג דערמאָנען אָדער אַרײַנפלעכטן פּראָבלעמען און דערשײַנונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו העברעיִש, צו פּאַלעסטינע און ציוניזם. אויפן ערשטן אָנבליק, קערן זיך אָט די פּראָבלעמען און דערשײַנונגען גאָר נישט אָן מיטן עיקרדיקן ענין. דאָס זענען אַלע מאָל דיגרעסיעס, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ מין לחלוטין פרעמדן זאָמען אָדער באַלאַסט, וואָס דעפאָרמירט די אַזוי שלמותדיקע קאָנסטרוקציע פון בערגעלסאָנס ווערק. אָט די אָפּנויגן, וואָס זענען מערסטנטייל קורצע און, נישט באַדײַטנדיקע, קערן זיך אַזוי ווײַט נישט אָן מיט דעם עיקר, אַז זיי שאַפן אָפּט מאָל דאָס געפיל פון איבעריקייט. דעריבער טאַקע רופן זיי אַרויס פאַרוווּנדערונג און ס׳פרעגט זיך אַ קשיה: וואָס האָט עס באַוויגן אַ שרײַבער פון בערגעלסאָנס קאַליבער, עקשנותדיק אַרײַנצופלעכטן אין זײַנע מײַסטערהאַפט מאָנטירטע ווערק אָפּט מאָל אײנצעלע, אָדער ביז גאָר געציילטע זאַצן, אַז אַ שום — ווי עס דוכט זיך — לאָגישער באַגרינדונג און קינסטלערישן פאַרענטפער, אויב נישט נאָר וואָס זיי גיבן נישט צו נישט צום פאָר פולקאָמען די שאַפונג, נאָר פאַרקערט: וואָלט מען זיי באַזײַטיקט, וואָלט מען דאָס אפילו נישט באַמערקט.

וועלן מיר זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויפן העברעיִשן דיכטער הערץ, וועמענס געשטאַלט איז אַן ענג אײַנגעגלידערטער באַשטאַנדטייל אינעם ״נאָך אַלעמען״־מיליע, און זײַן פערזענלעכקייט האַרמאָניזירט פולשטענדיק מיטן קלימאַט און דער ספּעציפישער אַטמאָספער פונעם ראָמאַן, כאָטש ער איז דער אײנציקער — און אפשר איז דאָס נישט קיין צופאַל — וואָס זעצט דורך דעם גײַסט פון ״נאָך אַלעמען״, און באַפרײַט זיך פון אים. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן בלויז אויף די מאָטיוון און רמזים.

״דער טויבער״. אויף מענדלען, דעם ביקס זון ווערט צווישן אַנדערע געזאָגט, אַז ער פלעגט ליב האָבן קיצלען מיטן עלנבויגן די תבואה־סוחרים, פרעגנדיק: ״הער נאָר, דו ווייסט, וואָס מאַקס נאָרדוי זאָגט״ — בעת ער איז דערבײַ אויסן געווען: ״דו ווייסט, וויפל איז פאַראַן אין אַ רובל קאָפּיקעס?״. גיחא. דער מחבר קאָן זיך דערלויבן דווקא אויף אַזאַ אופן איבערצוגעבן וועגן דער צווייפּנימדיקייט וועלכע, איז לויט זײַן מיינונג, כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געשטאַלט, פאַר איר ציניש אויפפירונג.

אָבער אָט איז ״נאָך אַלעמען״. מירל הורוויץ באַווײַזט זיך פלוצים בײַם קוזין פון איר מאַן, וועלכער איז פאַרליבט אין איר. זײַן גרויסע פרייד צוליב דער איבערראַשונג, וואָס מירל האָט אים געמאַכט, דריקט מאַנטשיק אויס מיט אַ האַגל פון ווערטער, וועלכע ער פאַרענדיקט מיט דער מעשה, ווי עמעצער איז צו אים הײַנט אויף דער בערזע צוגעשטאַנען ״ער זאָל געבן אויפן נאַציאָנאַל־פאָנד״ — און ער האָט, פאַרשטייט זיך, אָפּגעזאָגט. וואָרעם, ווי אַזוי קאָן ער ״געבן״, אַז ער איז בכלל

קעגן ציוניזם?״. איצט אָבער, וועט ער אים געפינען ״אַט דעם פֿאַרשוין און וועט אים געבן, אויף זײַן ערן־וואָרט. אַ גאַנצן פֿינף־און־צוואַנציקער וועט ער אים געבן״. פֿרעגט זיך אַ שאלה: פֿאַרוואָס דריקט מאַנטשיק אויס זײַן שמחה פֿון דער באַגעגעניש מיט מירלען, דווקא דורך שפּענדן אַזאַ הויכע סומע געלט אויפֿן קרן־קיימת?

ווי אויף דער דלאַניע ליגט פֿאַר אונדז ״די פֿאַרגרעבטע שטאָט״ מיט איר פֿאַרדאַרבנקייט, זנות, גוואַלד־טאַטן, פֿאַרברעכנס און אַלץ מער שטײַגנדיקער דעמאָראַליזאַציע. און אַט שטייט זיך דאָרט רויִק, אויף דער שוועל פֿון דער דראַגעריע דער אייגנטימער אירער, ריווקין, און הערט זיך צו, גלײַך נישט אים מיינט מען, צו די געשרייען פֿון זײַן ווײַב: ״ביסט אַ מבֿין?! ער איז ביזן האַלבן טאָג געווען צעטראָגן מיט זײַנע ציוניסטישע בריוולעך״ — אַנשטאָט באַשטעלן סחורה בײַם ליפֿעראַנט, וואָס באַווײַזט זיך דאָ נאָר איין מאָל אין וואָך. און אַן אַנדערן ווידער, געפֿעלט דווקא ״אַט דאָס קאָמישע פּאָרל: ער אַ פּעמפּעקעוואַטע און קאַרג ייִדל מיט אַ צוגעשוירן בערדל, וואָס פֿאַרקויפֿט באַהאַלטן פּונעם ווײַב ציוניסטישע מאַרקעס״ א.א.וו.

״אַפּגאַנג״. חיים־משה׳ס פֿאָטער, וואָס האָט זיך זײַן לעבנלאַנג אַרומגעדרייט מיט זײַנער אַן איבערזעצונג פֿון משלי ״און מיט זײַנע חנדעלעך אויף איבן־עזרא״, האָט פֿאַרקויפֿט נאָכן צווייטן ווײַבס טויט זײַן הויז ״און אַוועקגעפֿאָרן אויף צוויי חדשים אויסקוקן פֿאַלעסטינע״. ״אַלע מײַנע יאָרן״ — האָט ער געשריבן צום זון — ״האָב איך געטראַכט וועגן ארץ־ישראל (...)״.

אנשל צודיק, דער אַרטיקער חכם, האָט אַ פּאָר יאָר געלערנט אין ביירוט, פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע מאמרים ״אין אַ העברעיִשן זשורנאַל און האָט זיך נישט לאַנג אומגעקערט פֿון פֿאַלעסטינע (...). חוץ דעם האָט ער אין פֿאַלעסטינע געקאָנט ברענערן און נאָך אייניקע אַנגעזעענע מענטשן. אַלעמען האָבן דאָרט פֿאַראינטערעסירט זײַנע מאמרים, נאָר ניט דאָ איז דאָס אָרט צו רעדן וועגן דעם״. אַן ערשטראַנגיקע געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונג, אויף וועלכער עס טרעפֿט זיך די שמאָנט פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין ראַקיטנע זעבען, די אַקאַדעמיע און באַל, וואָס ווערן דאָרט אײַנגעאָרדנט סוף שול־יאָר, אין דער היגער תלמוד־תורה. די תלמידים זינגען און דעקלאַמירן העברעיִשע לידער. דער דירעקטאָר, פּרעגער, דערקלערט, אַז ער איז אַ ״רעוואָלוציאָנער, כאָטש ער האָלט אַ ביסל פֿון פֿאַלעסטינע. ניט דערפֿאַר, וואָס ער איז, חלילה, אַ ציוניסט, נאָר פּשוט, ווײַל אין פֿאַלעסטינע, גלויבט ער, קאָנען ניט אויסוואַקסן אַזעלכע טאַטעס, ווי עזריאל פּויזנער״; און ס׳איז וויכטיק צו געדענקען, אַז ״אַפּגאַנג״ איז דערשינען אין אַן אויסגעבעסערטער אויפֿלאַגע אין 1923 יאָר, אין קיִעוו.

״יוסף שור״. אייגער פֿון די העלדן פֿונעם ראָמאַן, אברם ראַפּאָפּאָרט, ״איז אַ ציוניסט (...) און האָט אָנגעקויפֿט אַ סך ערדן אין פֿאַלעסטינע״. ווען מחר־טובֿ באַווײַזט זיך בײַ אים אין הויז, שטעלט מען אים באַלד אַ פֿראַגע: ״איר זענט אויך אַ מטיף ציוני״? ראַפּאָפּאָרטס בוכהאַלטער, ״אַ יונגער בחור, אַ ציוניסט״, רעדט מיט

זײַן בעל־הבית נאָר העברעיִש; און אײנע פון זײַנע געסט, מאַדאַם קוירע, ״איז געווען אַן אַלטן העברעיִשן שרײַבערס אַ טאָכטער (...) און דערפאַר זענען אַלע שיער ניט צעשמאָלצן געוואָרן פון גוואַלדיקן דרך־ארץ און פון ליבע צו איר״.

דער בעל־הבית פירט אַרײַן אין סאַלאָן אַ נײַעם גאַסט, אַ העברעיִשן דיכטער, מיט וועלכן ער רעדט עברית, וועגן אַרויסגעבן אַ העברעיִשע צײַטשריפט. עס דרייט זיך דאָ אַרום ״אַ רויטער סטודענט. פריער אַ ביסל האָט מען בײַ אים געפרעגט וועגן זײַנע פאָר געדרוקטע אַרטיקלען, וואָס האָבן אַ שייכות צו ציוניזם...״ און דערנאָך שמועסט מען וועגן דעם, אַז אַט דער סטודענט קען דווקא יאָ געבן צו פאַרשטיין אַ פּאָר ענינים ״און ווער ווייסט אים? מעגלעך אַז די אייניקע פראַגן, וואָס ער וויל דעם מײדל קלאָר מאַכן, האָבן שוין גאָר אַ נאָענטע שייכות צו זײַנע פּאָר אַרטיקלען וועגן ציוניזם...״ דאָס געשפּרעך צווישן אים און דעם העברעיִשן משורר, קומט פאַר אויסער דער שטוב, און מיט אַ סך מער פאַרשטענדעניש, ווי אין סאַלאָן.

יואליק ווײַנטרויב, נעסיס פּראַטעזשע, וואָס מאַלט זײַנע פערד לויט דעם שפּאָגל נײַעם מעטאָד, האָט זיך צוריקגעקערט אין שטעטל, אין וועלכן ער האָט אַ מאָל געוווינט מיט זײַן טאַטן ״אַ האַלבן סקווירער חסיד, אַ האַלבן ציוניסט, וואָס האָט זיך סוף כל סוף אַרויסגעצויגן קיין פּאַלעסטינע״.

ס׳איז קיין וווּנדער נישט, אַז אַברם ראַפּאַפּאָרט, אַ דעלעגאַט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, רעדט עברית. ס׳איז נישט קיין נס, אַז אין דער צי יענער שטאָט איז פאַראַן אַ תלמוד־תורה מיט העברעיִשע לערער, וועלכע ווערן פאַררעכנט צו דער געבילדעטסטער און אָנגעזעענסטער שיכט פון דער דאָרטיקער געזעלשאַפט, און אַז העברעיִשע שרײַבער און דיכטער רעכענען זיך דאָרט פאַר די אָנגעזעענסטע פאַרשטייער פון דער שעפערישער אינטעליגענץ. ס׳איז אויך נישט אַזוי אויסטערליש, וואָס שמואליק זײַדענאַווסקי ״קען גאַנץ גוט העברעיִש״ און אַלע האַלטן דאָס פאַר אַ גרויסער מעלה, ווי אויך דאָס, וואָס שמואליק קען דערקלערן ״ווער עס איז אַזוינס אחד־העם (...) און אַז ער קאָן אײַך אָפּשווײַגן אַ גאַנץ יאָר, אחד־העם״. ס׳איז אויך גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז גדליה הורוויצעס קאָסירער ״קאָן שרײַבן מליצה־בריוולעך״ אויף לשון־קודש, פּונקט אַזוי ווי ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז דער ייִד, וועלכער קומט אָפּרעדן וועגן מירלס שידוך מיט שמואליקן, נעמט אַרויס פון זײַן פּעקל ״ליפּערטס קולטור־געשיכטע אין דער העברעיִשער איבערזעצונג״, און פאַרטיפט זיך אין איר, אַזוי ווי ס׳איז נאַטירלעך, אַז גדליה הורוויץ רירט זיך נישט אין וועג אַרײַן אָן די כתבים פונעם אברבנאל און אָן דעם ״כוזרי״. ס׳איז אָבער העכסט פאַרוווּנדערלעך, וואָס דווקא אינעם ביוראָ פון נאָטע כץ (״נאָטע״) — יענעם אַגענט וואָס בײַט יעדע עטלעכע חדשים די ווײַבער — הענגט אויף דער וואַנט צוזאַמען מיט דער רוסישער אויפשריפט ״ווּרעמיאַ דיענגי״ אַ לאָזונג ״געשריבן מיט העברעיִשע ווערטער: אַז דו גייסט אַרײַן צו אַ באַשעפטיקטן מאַן — ענדיק וואָס דו דאַרפסט, און גיי דיר אַוועק״.

עס זאָגט באָריס פּאַסטערנאַק: די גרויסקייט פונעם שרײַבער האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער וויכטיקייט פון דער טעמע, וועלכע ער באַרירט. דאָס הענגט אָפּ נאָר פון דעם, ווי ווײַט די טעמע באַרירט דעם שרײַבער אַליין".

אויף ווי ווײַט די טעמעס און געשטאַלטן, וועלכע זענען דאָ דערמאָנט געוואָרן, האָבן באַרירט בערגעלסאָנען — ווייסן מיר נישט. מיר ווייסן אָבער, צום באַדויערן, אַז מיר זענען נישט די איינציקע, וואָס וואָלטן וועלן וויסן מיט וואָס וואָלט בערגעלסאָן פאַרענטפערט אָט די "אָפּנויגן" זײַנע. פאַרשער פון גאָר אַן אַנדער מין האָבן זיך אויך אינטערעסירט מיט דעם פּראָבלעם און לאַו־דווקא צוליב ליטעראַטור־פאָרשע־רישע טעמים. די טראַגעדיע באַשטייט אין דעם וואָס יענע "פאָרשער", האָט בער־געלסאָן געמוזט סײַ געבן די תשובות סײַ אָפּגעבן פאַר זיי דעם דין וחשבון.

מיט גרויס צער האָבן מיר זיך דערוווּסט די טרויעריקע ידיעה וועגן פּלוצימדיקן טויט פון דער גרויסער יידישער דיכטערין

רחל קאָרן ז"ל

צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער קולטור־וועלט דריקן מיר אויס אונדזער טיפסטן טרויער און מיטלייד דער משפּחה און די יידישע שרײַבער פון מאָנטרעאָל

רעדאַקציע פון "ירושלימער אַלמאַנאַך"

פּרץ מאַרקיש

קומט צו מיר פאַרנאַכט אַ שאָף

קומט צו מיר פֿאַרנאַכט אַ שאָף
אין שטילן טרויער
זוכן מיך אין צימער, צי כ׳בין דאָ...
די פֿענצטער ווערן בלוי און בלויער,
דער צימער ווײַט, און פֿול, און גרויס...
איך טו זיך באָרוועס אויס,
איך זאָל אַליין נישט הערן, צי איך גיי...
איך עפֿן אויף די אויגן מיט אַ מאָל
און מיט אַ שטיק פֿאַרנאַכט פֿאַרקלעפּ איך זיי
און זאָג דער שאָף דער שטומער:
— טרויער כ׳בין נישטאָ!...

כ׳פֿאַרוק זיך אין אַ ווינקל צווישן ווענט
כ׳באַהאַלט די הענט...
און שפּיר:
זי גייט פֿון אומעטום מיר לאַנגזאַם נאָך, זי זוכט,
זי טאַפּט דאָס פֿינצטערניש און טרעפֿט אין מײַן געזיכט...
און נעמט מיר שטום
מײַן האַלדז אַרום
און פֿאַלן לאָזט איר קאָפּ צו מיר אויף ברוסט —
מיט האַרץ זאָל איך זי שטיל פֿאַרזויגן...
איך ווער פֿאַרצויגן...
און שטעל זיך אויף און בייג זיך אײַן
און צו דער וואַנט איך דריק זיך צו
און ווי אַ וואַרגנדיקער דריי איך מיט די אויגן:
— טרויער, כ׳בין נישטאָ!...

פון בוך ״פאַרקלעפּטע ציפּערבלאַטן״ 1929.

די מוזע

איך געדענק ניט וואָס שפּעטער, וואָס פֿריער —
אויף אַ כוואַליע אין חלום פֿאַרשווינד איך.
נאָר די מאַמע, — זי שטייט נעבן מיר,
ווי אַ מאָל, ווי בײַ נאַכט, אין דער קינדהײַט,

ווען זי האָט ניט געוווּסט, צי איך שלאָף,
ווען זי האָט ניט געהערט, צי איך אָטעם —
און איז באַרוועס אַראָפּ און — אַ לאָף,
און פֿון שרעק ניט געוווּסט — ווי אַ טראָט טאָן.

אין דער כוואַליע — איר בלאַסלעכע האַנט
מיט אַ צערטלעכן ריר מיט אַ מילדן;
אַ, איך האָב זיך איר ניגון דערמאָנט,
וואָס מיט אים זי פֿאַרוויגט האָט די קינדער.

אַז איך קען ניט דעריאָגן איר קול,
אַז אַראָפּגעלאָזט ערגעץ איר בליק איז;
נאָר זי וויגט מיך און זינגט ווי אַ מאָל,
און איך — איך גיי אויס פֿון מתיקות.

ס'יאָגן ווינטן זיך אָן אַן אַ שיער.
זיי באַפֿאַלן דאָס ליד, דאָס באַגינטע;
נאָר די מאַמע . . . זי שטייט נעבן מיר,
ווי אַמאָל, ווי בײַ נאַכט אין דער קינדהײַט.

פון דער לידער-זאַמלונג "די אומגעריכטע ריכטונג" מיט פּאַראַלעלער עברית-איבערזעצונג פון **שלמה אבן שושן** פאַרלאַג "הקיבוץ המאוחד" תשל"ח — 1978.

ד"ר יעקב שאַצקי

1. דער פייערפויגל מאַקס עריק (1937—1898)

... עריק איז בכלל געווען אַ גרויסער בקי און דאָס זעט מען אין זײַנע וויסנשאַפט־לעכע רעצענזיעס, וואָס ווייניק פון דעם מין איז בײַ אונדז בכלל געשריבן געוואָרן.

עס איז כדאַי צו לייענען וואָס ער האָט געשריבן, תמיד תוכיק און צו דער זאַך, וועגן די שריפטן פון יִיווֹאָ, וועגן אַרבעטן צו דער געשיכטע פון יידיש (געדרוקט אין "די יידישע שפּראַך", קיעוו, 1927—1929). זײַנע מלואים, קאָרעקטיוון, ווידער־אַנאַנדן זײַנען תמיד געווען אינטערעסאַנט. עריק האָט אַרײַנגעבראַכט אַ טאָן, וואָס האָט געפאָדערט אַ שטעלונג. עס איז גענוג צו לייענען דעם לאַנגען, ערנסטן און ממש מיט לײַטן גלײַך וויכוח אַרום דעם "מעשה בוך", וואָס עס האָבן געפירט עריק, שיפּער, צינבערג און פּערעפּערקאָוויטש (ליטעראַרישע בלעטער 1926—1927 און אין ריגער "פרימאָרגן" אין 1927), כדי זיך פאַרבענקען נאָך יענע ברויזנדיקע יאָרן.

אין פּראָצעס פון דער דאָזיקער דינאַמישער אַרבעט האָט עריק דער רעוואָלטירער זיך איבערצײַגט, אַז מען רעוואָלטירט נישט ווי מען וויל, נאָר ווי מען הייסט. אין דער לײַדנשאַפט דיסקוסיע אין קיעוו אין 1932, בשעת מען האָט באַהאַנדלט די "אַנטי־מאַרקסיסטישע" טעאָריעס אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג, האָט עריק זיך "מודה" געווען אַז ער איז נאָך אַלץ שוואַך באַוואָפנט מיט דער מאַרקס־לעניניסטישער טעאָריע. זײַן זעלבסטקריטיק איז נישט גענוג אַנטוויקלט — האָט עריק דערקלערט אויף יענער סעסיע פון פּאַרטייאישע אינקוויזיטאָרן.

אין דעם זיגזאַגישן ווידעראַנאַנדער, ווען מען האָט באַדאַרפט געבן מער פאַר דער פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדע, ווי די טעמע גופא האָט געפאָדערט — האָט עריק געטאָן אַלץ וואָס די דאָזיקע ראַפינירטע גייסטיקע אינקוויזיציע, פאַרמאַסקירט ווי מאַרקסיזם, האָט געפאָדערט.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ בלבול און איז געשטאָרבן אין תפיסה אין יאָר 1937, כדי שפּעטער רעהאַביליטירט ווערן. ער איז אָבער געשטאָרבן גייסטיק אַ סך פריער. די דאָזיקע טראַגעדיע האָט פון אים געמאַכט אַ גייסטיקן זעלבסטמערדער. ער האָט מער נישט געוואָלט לעבן אין דעם דאָזיקן גייסטיקן גיהנום. מען זאָגט אַז אין תפיסה האָט אים אינטערעסירט נאָר מאַטעמאַטיק, ווײַל דאָרטן איז נאָך סטאַלינס ממשלה נישט דערגאַנגען.

אַזוי איז דער פײַערפויגל עריק פאַרברענט געוואָרן.

אויב מען גייט צו צו זײַנע אַרבעטן מיט אַן אינטעלעקטועלן געוויסן — וועט מען געפינען, אפילו אין די סאַמע פּאָליטיש־באַפּאַרבטע אַרבעטן פון דער סאָוועטי־

שער תקופה, געשריבן אונטער דער דיקטאַטור פון דער פּאַרטייאישער מאַכט, וואָגיקע אַרבעטן, סאָלידע דערגרייכונגען, וואָס וועלן זיך אין אַש נישט פּאַרוואַנדלען.

עריק איז אין תוך געווען אַן עקלעקטיקער. ליטעראַטור קען מען נישט אויפנע־מען נאָר עסטעטיש, פּונקט ווי מען קען זי אויך נישט אויפנעמען נאָר סאָציאַל. ערגעץ אין דעם גאָלדענעם מיטן שטעקט דער אמת. אָבער אין צײַטן פון עקסטרעמע מאַניפעסטאַציעס ווערט מען פאַרמשפּט פאַרברענט צו ווערן, טאַקע צוליב דעם גאָלדענעם מיטן.

און זלמן מערקין, דער זון פון שקלאָווער משכיל, דער מאַקס עריק פון דער יידישער ליטעראַטור, איז פאַרברענט געוואָרן אויף דעם שייטערהויפן פון דער סאַמע ראַפינירטסטער אינקוויזיציע, וואָס הייסט: סאָוויעטנלאַנד.

(אויסצוג פון אַ גרעסערער אַרבעט)

איינִיקע ידיעות

מאַקס עריק

געבוירן אין סאָסנאָוויץ, פּוילן, 1898 — אַרעסטירט אין 1936. אומגעקומען אין אַ לאַגער.

פון די באַדייטנדיקסטע יידישע שרייבער, קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָקער, צוערשט אין פּוילן און זינט 1929 אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

פון זיינע ביכער:

"קאָנסטרוקציע־שטודיען", וואַרשע 1924.

"וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן און נאָוועלע", וואַרשע 1926.

"געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, פון ערשטע צייטן ביז דער השכלה־תקופה, פון 14־טן ביזן 18־טן יאָרהונדערט", וואַרשע 1928.

"שלום אַש", מינסק 1931.

"קאָמעדיעס פון דער בערלינער השכלה", קיעוו 1933.

"די יידישע ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט", קיעוו 1935.

ישראל צינבערג

געבוירן אין וואָלין 1873 — אַרעסטירט געוואָרן אין דעצעמבער 1938. אומגעקומען אין אַ לאַגער אַנהויב 1939.

געשריבן העברעיש, יידיש, רוסיש וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור און פּרעסע. אין דער זעכצנבענדיקער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1908—1913, איז ער געווען רעדאַקטאָר און מחבר פון אַ גרויסער צאָל אַרטיקלען פון אָפּטייל "ניי־העברעישע און יידישע ליטעראַטור". זיין קרוין־ווערק איז די "געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן", וואָס איז דערשינען אין אַכט בענדער אין דעם ווילנער פאַרלאַג "טאָמאָר" (1929—1937). דער נײַנטער באַנד, וואָס האָט זיך על־פּי נס פאַרהיט, איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1966.

2. פון אַן אַרבעט וועגן ישׂראל צינבערג (1938—1873)

...אין 1937 איז שוין געווען פאַרטיק די ערשטע העלפט פון ניינטן באַנד, וואָס האָט געזאָלט באַשטיין פון צוויי חלקים און אַרומנעמען די תקופה ביז די 70־ער יאָרן.

"דער מאַטעריאַל איז אַ קאַלאַריטפולער — האָט צינבערג געשריבן אין אַ בריוו צו אַפּאַטאָשו, וואָס איז אַ פּנים דער לעצטער בריוו (דאַטירט 21טער יאַנואַר, 1938) — שוואַנגער מיט נייע אַנזאָגן, מיט נייע פאָדערונגען און ספקות, וואָס טוען אונדז פיל לאָזן לערנען. צי וועט מיר נאָך געלינגען אַרויסצוגעפינען די בייטיקע צייט און פּאַסיקע שטימונג, דאָס אַלץ צו באַוועלטיקן און שעפעריש באַלעבן? אויף ווי ווייט מען קאָן, טוט מען איבער די כוחות, און ווייטער, ווי דאָס מזל וועט טראָגן" (ייִוואָ־בלעטער, 23, 292).

עס האָט געזאָלט זיין נאָך אַ צענטער באַנד, וואָס האָט געזאָלט אַרומנעמען די יידישע ליטעראַטור ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

פון דעם אַלעמען זיינען אָבער געבליבן חורבות פון נישט־דערפילטע האָפענונגען און פיינלעכע זכרונות פון אַ צעשטערט לעבן און לעבנסווערק.

צינבערגס געשיכטע איז, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער בנין איז נישט פאַרענדיקט, פאַרט אַ ריזיקער און אימפּאָזאַנטער בנין, אפילו מיט טירן און פענצטער, וואָס פעלן דאָ און דאָרט טאָקע אין די פאַרטיקע שטאָקן. געשריבן אין אַ גייסטיקן קלימאַט, וואָס נישט צוגעפּאַסט צו אַזאַ אַרבעט, אין אַ כמעט טאָטאַלער איזאָלאַציע פון דער גרויסער, יידישער וועלט — איז דער עצם פאַקט פון אַ גרויסן היסטאָרישן באַטייט. אונדז פעלט ממש אָטעם און פּערספּעקטיוו ריכטיק אָפּצושאַצן דאָס וואָס צינבערג האָט אויפגעטאָן. פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך אין די דאָזיקע אַכט בענד אין צען חלקים אַ פילפאַרביקע פּאַנאָראַמע פון ווערק און ווערטן פון פאַרשיידענע דורות, תקופות, לענדער, לשונות און געמיטער אויסגעמאָלן פון איין מענטשן, וואָס האָט זיך מכין געווען אַ גאַנץ לעבן צו דער דאָזיקער עבודה. אין די דאָזיקע בענד פילט מען אַ וואַרעמע נשמה פון אַ מענטשן, וואָס באַנוצט זיך מיט די מעטאָדן פון פאָרש־אַרבעט, ווייל אַזוי דאַרף מען, אָבער נישט דערפאַר ווייל ער וויל רק פאָרשן. צינבערג ברענגט אַרויס אַן אינטימע, פּערזענלעכע און דירעקטע באַקאַנטשאַפט אין קאָנטאַקט מיט די עיקר־ווערק, וואָס זיינען ליטעראַטור, און מיטן באַלאַסט פון אַלערליי געדרוקטע חבורים, וואָס מען מוז, ליידער, אויך אַריינעמען, הגם עס האָט קיין שייכות נישט מיט ליטעראַטור. זוכט צינבערג אין די דאָזיקע ווערק דאָס וואָס זיי פאַרמאָגן קערנדיקס און וואָגיקס. געפינט ער ביי

איין מחבר חכמה, בײַ אַ צווייטן פּאָעזיע, בײַ אַ דריטן עטאָס, טיפע רעיונות און אַזוי כסדר, כדי צו קאָנען אויסמאָלן אַ פּאַנאָראַמע לויט אַ געוויסער מאָס פון ליטעראַטור־קריטישן צוגאַנג און נישט סתם מוסר־ספרים מיט אַנטיקן. די קריטיקער האָבן צינבערגס ווערק בדרך כלל נישט תופס געווען. קיין קאָמפּעטענטע אָפּשאַצונגען זײַנען כמעט ווי נישט געווען. אײינער האָט געפונען אַז עס פעלט אַ טשוואָק אין אַ טיר, און אַ צווייטער האָט נישט באַמערקט די חידושים לגבי די אַנדערע, זײַנע פאָרלויפער.

צינבערג איז אין זײַן אופן שרײַבן אַ יידישער הומאַניסט און אַ הומאַניסטישער ייד. ער, דער כעמיקער פון פּוטילאָווער זאַוואָד, האָט אַנגעווענדט זײַן "כעמישע" מעטאָדע בעת אַנאַליזירן די עיקר־עלעמענטן פון דעם יידישן פילאָסאָפישן, רעליגיעזן און דיכטערישן געדאַנק. צינבערג גייט נאָך דעם געדאַנק פון לאַנד צו לאַנד, פון דור צו דור.

די שאַטנס פון דעם יידישן ליטעראַרישן עבר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם קאַלטן לענינגראַד, אין דער איינזאַמער דירה אויף דעם אוסאַטשעוו פּערעאולאָק. אין דער בענקשאַפט נאָך אַ לעבעדיקער, יידישער, וועלט האָט צינבערג געפונען אַ גרויסע נחמה דווקא אין דער דאָזיקער היסטאָרישער רעטראָספּעקציע. עס איז פאַראַן אַזוי פיל סוביעקטיוו־מענטשלעכס, ממש אויטאָביאָגראַפישעס אין פּסיכאָגראַפישן זין — אין דעם דאָזיקן ווערק, אַז מען קאָן פון די צען בענד פון זײַן געשיכטע אויסשיילן מאָמענטן פון שטימונגען, שטימען פון יאוש, רמזים פון אייגענער איינזאַמקייט.

מיט אים פאַרענדיקט זיך אַ תקופה. ער איז לעת־עתה דער לעצטער היסטאָריקער פון ליטעראַטור בײַ יידן. ער איז אויך געווען דער לעצטער רינג פון דער פעטערבורגער גאָלדענער קייט, וואָס האָט געזאָלט סימבאָליזירן די גייסטיקע העגעמאָניע פון דער יידישער קולטור אין מזרח־אייראָפּע און איז געוואָרן אַ מצבה פון אונדזער אַלעמענס האָפענונגען.

די געשיכטע איז אויך די מצבה פון ישראל צינבערגס האָפענונגען.

ווו און ווי איז געווען דער סוף פון זײַן לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד ? אויף דעם דאַרפן ענטפערן די וואָס האָבן גורם געווען דעם סוף פון זײַן לעבן.

("זאַמלביכער" רעדאַקטירט : י. אַפּאַטאָשו און ה. לייוויק. ניו־יאָרק 1952)

לייב קוויטקאָ

רוסלענדישער טויט

רוסלענדישער טויט
איז טויט פֿון אַלע טויטן.

רוסלענדישע פּייַן
איז פּייַן פֿון אַלע פּייַנען.

יאַטערט ווערלטס אַ ווונד ?
ווי האַלט איר האַרץ אַצינד ?

פֿרעג אַ ברעקל קינד,
פֿרעג אַ יידיש קינד.

פֿון בוך "1919" בערלין 1923.

ע ר ב

מיר האָבן מויערן געמויערט,
און רויזן האָבן מיר געפּלאַנצט.
און רירעוודיקע, ווי בייַם טאַנץ,
מיט שאַרפֿן גראָבאייַזן, וואָס גלאַנצט,
מיר האָבן אויפֿגעהויבן רויערד.

מיר האָבן ווייטיקן געלינדערט,
פּלאַנעטן האָבן מיר געפֿאָרשט,
און פֿרייד און מוט און וויסן-דאָרשט
מיר האָבן אייַנגעפּלאַנצט אין קינדער.

נאָר יענע פּלאָג האָט אונדז געטראָפֿן
אין סאַמע מיטן העלן טאָג.

און קינדער האָבן זיך צעקלאָגט,
נאָך אונדז האָט זיך דער טויט צעיאָגט
פֿון דרום-ראַנד ביז ים פֿון צפֿון.

1942.

פון "געקליבענע ווערק" מאָסקווע "סאָוועטסקי פּיסאַטיעל", 1967.

פון קוויטקאַס בריוו צו מלך ראַוויטש



אַ בריוו פון לייב קוויטקאָ
(ערשטע פובליקאַציע)

קאָוונע, יוני 1921

ליבער פרײַנד מלך ראַוויטש,

אײַער בריוועלע איז אַ בליציקס, און האָט מיך דורכגעשטאָכן. איך קען דאָך אײַך שוין פון לאַנג! — צוריק מיט אַ יאָר צוויי, דרײַ, אין קיעוו, האָב איך געפּאַקט אַן אוצרל, אַ זאַמלביכל, אַ גאַליצישער ווו ס׳איז געווען אימבערס אַן אַרטיקל וועגן אײַך מיט גרויסע מוסטערן פון אײַערע לידער — אָך, ווי איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט זיי, מיר זײַנען נאָך פאַרבליבן די שאָטנס פון זיי. מיר שטעלט זיך פאָר: אַ לאַנגע לײַכטע בריק אַריבערגעוואָרפן איבער אַ לויטערן באַגינען — און אויף דער בריק און פון יענער זײַט, גייען העלע אום די שאָטנס פון אײַערע לידער און באַגריסן זיך, אַזוי ליב, אַזוי אײדל. פון דעמאָלט האָב איך מער אײַערע לידער ניט געלייענט, ניט געזען — נאָר זיך פאַרגעשטעלט און געבענקט.

צום גרויסן באַדויערן קען איך אײַך מײַנס געדרוקטעס עפּעס ניט שיקן, ווײַל פּשוט, כ׳האָב ניט. — איר, ווײַזט אויס, האָט גאָר אַן אַנדער פאַרשטעלונג ווי מיר האָבן געלעבט און ווי מיר זײַנען אַט׳הער געקומען — נאָך ביכער פירן — אַ דאַנק דעם אויבערשטן, וואָס מיר האָבן זיך אַליין כאָטש געבראַכט. נאָר ליבער ראַוויטש, זאָל מען ״געשטראָפט זײַן״ מיך נאָך מער ניט שטראָפן — שיקט מיר אײַערע, אומבאַדינגט, וואָס איר האָט, איר וועט מיך מחיה זײַן. איך וועל זיך, פון דעסט וועגן, באַמיען קריגן עפּעס כאָטש פון מײַנע און אײַך שיקן. טײַערער פרײַנד ראַוויטש, כ׳האָב גראָד קיין ״פּיקטשורע״ ניט בײַ זיך. כ׳וועל אײַך אַ צווייט מאָל שיקן, ווען איך וועל זיך דאָ פאָטאָגראַפירן. דערווײַל וויל איך זיך פאָר אײַך אויסמאָלן. אמת, ס׳וועט אײַך אין גאַנצן ניט צופרידן שטעלן, נאָר איך בין דאָך אַ בשר ודם — וועגן מײַנע מעלות קען איך קײן סך ניט רײדן — פאַרשטענדלעך, וועגן מײַנע חסרונות לוינט מיר ניט, אָבער עפּעס וועל איך אײַך אָנבאָטן.

וואָס איך האָב ליב:

1. זיך
2. נאָך יונגע
3. די גאַנצע וועלט

וואָס האָב איך פײַנט:

1. יידישע בײַכלעך
2. בעל-דמיון׳ען — שטיפן (נחום שטיף)
3. כפול-שמונה משוררים.

אוי, ווי איך האָב ליב! ווי איך האָב פײַנט!

טײַערער פרײַנד ראַוויטש, אַן ווערטלעך — ס׳איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט און ס׳איז גוט זיך אַט אַזוי דורכצושרײַבן! איך טראָג אַ האַרץ — אַ פולן לאָגל. איך פיל, אַז איר אויך דאָס זעלבע, ביידע גייען מיר זיי צעגיסן, צעליאַפּען אויף גאַטס

שטיין און ביין. ביידע גייען מיר און פריילעך זינגען: די וועלט דאַרף אונדז אויף כפּרות און מיר זי. זי קען זיך אָן אונדז באַגיין, מיר אָן איר — ניט, און אפשר יאָ.

דערווײַל אַ גוטע און פריילעכע נאַכט. שיקט מיר אײַערע אויגן וועל איך וויסן ווער איז זײַט. איך וויל אײַך קענען גוט, גוט, — איך בין אַ-ייִנגל, אַ הוילער — איך האָב אַן אַפּן האַרץ, אָן סודות, אָן איבערשפּיצלעך. ליטעראַטן זײַנען צוממיינסטן אַ ניט גאַר ריינע אומה — אָבער אַ ליבע זייער. איך האָב זיי אַלע ליב.

שרײַבט באַלד. אײַער

ל. קוויטקאָ

וועגן קוויטקאָס בריוו

די בריוו פון לייב קוויטקאָ צו מלך ראַוויש איז, ווי ס'איז צו זען, געשיקט געוואָרן פון קאָוונע, וווהין קוויטקאָ צוזאַמען מיט דער פאַמיליע איז אַוועק פון די פּאָגראָמען אויף אוקראַיִנע אין 1921. פון קאָוונע איז די משפּחה קוויטקאָ אין זעלבן יאָר אַריבערגעפאָרן קיין בערלין. די בריוו איז באַזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַרן דעמלטיקן יונגן קוויטקאָ, פאַרן געמיט פון דעם ערשט ניט לאַנג באַגייסטערטן באַזינגער פון "רויטן שטורעם" און שפּעטערדיקע נעפּלהאַפטע פאַרגעפילן אין זיין ערשטלינג-ביכל "טריט" ("קיעווער פאַרלאַג" תרע"ט), דעם דיכטער פון ערדיש-קרעפטיקער "יונגער פרייד", פון צוגעבונדנקייט "צום גרויסן היינט" און דעם וואָס ברומט פלוצים אין ביטערסטער פאַרצווייפלונג "ביי מיר אין אוצר-יוגנט, אין אוצר-פראַכט — אַ גרוס פון נאַכט . . ." ("מיין אוצר").

ביי דער געלעגנהייט דריקן מיר אויס אונדזער האַרציקן דאַנק דער אָפּטיילונג פאַר כתב ידן פון ירושלימער העברעישן אוניווערסיטעט, וועלכע האָט אונדז פריינדלעך דער־מעגלעכט פאַרעפנטלעכן אָט די בריוו, אַרויסגענומען פון מלך ראַוויטש-אַרכיוו.

איזי כאַריק

⊛

אַנטלויפֿן? איך קען ניט, איך וויל ניט אַנטלויפֿן,
און ס'ווערט שוין דאָ אוממעגלעך ווײַטער צו זײַן.
עס האָט זיך דער חורבן צעלייגט אויף די הויפֿן,
אין שויבן — פֿאַרלאָשענע טראָפּעלעך שײַן.

גאָרנישט און ליידיקײַט, פּוסטקע און ווינטן.
עס הענגט דאָ אַ שטילע, פֿאַרלאָשענע שעה...
איך גיי און מיר דאַכט זיך — מע גייט נאָך פֿון הינטן,
קער איך זיך אום, — איז דאָ קיינער ניטאָ.

גיי איך פּאַמעלעך און ס'ווילט זיך מיר יאָגן
עס הילכט דאָ צעשראָקן מײַן טראָט אויף דער ערד,
טראָג איך זיך אום און איך בעט זיך:
זאָל טאָגן,
זאָל טאָגן, זאָל טאָגן! איך קען שוין ניט מער!

פון בוך "לידער און פּאָמעס", קיעוו פאַרלאַג,
"קולטור-ליגע", 1930

רעזאָלוציע לטובת אַהרן ראַסקין

די דריטע סעסיע פֿון וועלטראַט פֿאַר יידיש און יידישער קולטור, דריקט אויס דעם שאַרפֿסטן פּראָטעסט די סאָוויעטישע מאַכט-אָרגאַנען פֿאַרן נישט דערמעגלעכן דעם שרײַבער און פֿאָרשער אַהרן ראַסקין זיך צו פֿאַראייניקן מיט זײַן משפּחה אין ישראל. אַלע קולטור-פֿאָרשטייער דאַרפֿן מיטווירקן אַז דער ווונטש און טרויס פֿון אַ. ראַסקין זאָל פֿאַרווירקלעכט ווערן ווי אַמשנעלסטן!

צום אָנדענק פון אַ גרויסן דיכטער

צו די שלושים פון גרויסן יידישן דיכטער, פּראָזע־מייסטער און עסעיסט חיים גראַדע ז״ל איז אין איינעם פון די זאַלן פון היכל שלמה צוזאַמען גערופן געוואָרן אַ טרויער־אַקאַדעמיע, דער זאַל איז דאָס מאָל פאַרפולט געוואָרן ניט נאָר מיט די שטענדיקע באַזוכער — מיטגלידער פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט און ״צוותא ביידיש״, נאָר אויך מיט סטודענטן און פּראָפעסאָרן פון ירושלי־מער העברעישן אוניווערסיטעט, מיט יידישע און העברעישע שרייבער און זשורנאַליסטן, זיי אַלע זענען געקומען זיך סאָלידאַריזירן מיט דער יידישער קולטור אין איר שווערער אבדה, אָפּגעבן כבוד צום זכר פון גרויסן יידישן שריפטשטעלער.

נאָכן אויסדריקלעכן אל מלא רחמים פון הויפּט־חזן אין ירושלימער בית הכנסת הגדול נפתלי הערשטיק איז מיט אַ קורץ און צערפול וואָרט אַרויסגעטראָטן פריינד חיים פינקעלשטיין. ד״ר חוה טורניאַנסקי פון העברעישן אוניווערסיטעט לייענט — אַן אינטערעסאַנטע פאָרשונג וועגן דער שאַפונג פון חיים גראַדע ז״ל און בעיקר וועגן זיין פּאָעמע ״מוסרניקעס״ און וועגן ווייטערדיקע טעמאַטישע אַנטוויקלונגען פון אָט דער יוגנט־שאַפונג אין די שפּעטערדיקע פּראָזע־ווערק פון פאַרשטאָרבענעם מחבר.

וועגן חיים גראַדע — דעם גרויסן דיכטער און דערציילער, דעם אויסנאַמלעכן ליטעראַטור־לעקטאָר און אָריגינעלער פערזענלעכקייט, דערציילט אין זיין רעפעראַט ד״ר גרשון וויינער. די קינסטלער אַנקאַ שמיר און מיכאל בן אברהם האָבן געשלאָסן די טרויער־פייערונג מיט רעציטאַציעס פון חיים גראַדעס ווערק. אַן אָוונט לזכרון דעם דיכטער איז אויך פאָרגעקומען אין תל־אביבער לייוויק־הויז.

שמואל האַלקין
1960—1897



אהרן קושניראָוו
1949—1890

זעליק אַקסעלראָד
1940—1904

איזי כאַריק
1937—1898

איציק פעפער

עפּיטאַפּיע

ס׳האָט יעדער מענטש אַ טרוים, וואָס לעבט מיט אים אין איינעם,
אַ מאָל ווי הייסע פריַינד, אַ מאָל ווי קאַלטע שכנים.
איין טרוים, איין גרויסער טרוים באַגלייט מיך אין מיַין גאַנג,
ער לעבט אין מיר, ווי ס׳לעבט מיַין האַרץ אין מיַין געזאַנג:
ווען בליַיבן מיט דער הוילער ערד וועל איך אַליין נאָר,
וועט ס׳וועט דער יידישער בית-עולם מיַינע אַלטע ביינער
אויפנעמען,
זאָל דער פאַרביַיגייער, באַמערקנדיק מיַין צאָם,
דערזעענדיק דאָס גראָז, וואָס הייבט זיך פון מיַין שטאָם,
אַ זאָג טאָן פאַר דעם לעבעדיקן ווינט:
— ער איז געווען אַ מענטש, ער האָט זיַין פאָלק געדינט!

פון בוך "שיין און אפשיין" מעלוכע-באַרלאַג "דער עמעס", מאָסקווע 1946.

❀

אויסגעשטאָרבן
זיַינען מיַינע לענגען,
וועגן
האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ וואָלקן,

פאַר וואָס זשע האָט אַ ליד
געוואָלט ביַי נאַכט
זיך הענגען
און דערשראָקענע
זיך הוידען
אותיות אויף אַ באַלקן?

פון דער זאמלונג "שפענער" קיעוו 1922.

רחל בוימוואַל

עטוואָס וועגן משה קולבאַק

1940—1896

מינסק. אַ ווינקלדיק הויז אויף אינטער־נאַציאָנאַל־גאַס. אויבן איז די רעדאַ־קציע פון דער יידישער צייטונג "אָק־טיאַבער", אונטן איז די רעדאַקציע פון זשורנאַל "שטערן". דאָ, קענסטו טרעפן איזי כאַריקן, זעליק אַקסעלראָדן, אַהער קומען אַריין הירש קאַמענעצקי, עליע קאַגאַן, לייב טאַלאַלאַי, דאָ טאַקע האָב איך זיך באַקאַנט מיט משה קולבאַקן — געהאַט דעם גרויסן זכות.

קיינער פון זיי לעבט שוין מער ניט...

שווימט אויף אַ מיסטיש בילד. מיר דוכט, איך הער אַ דיאַלאָג אויסער צייט און רעאַליטעט:

משה קולבאַק:

— עלינקע, דערצייל עפּעס וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילחמה. דו וועסט דאָך אַנטייל נעמען אין איר. ס'איז אַ כבוד!

עליע קאַגאַן:

— איך וועל אפילו אומקומען אויף יענער מלחמה... נו איז וואָס? אייסעך! איך בין יענער וואַיאַקע. דערציילט איר בעסער ווו וועט זיך אַהינטאָן אייער געביין? די יידישע ליטעראַטור מעג עס וויסן!

משה קולבאַק:

— פּע, עלינקע! אַז דאָס לאַנד וויל מע זאָל ניט וויסן, איז ניט שייך. אָט וועל איך ענדיקן איבערזעצן גאָגאָלס "רעוויזאָר", וועל איך גיין אין תפיסה...

איזי כאַריק (מיט זיין שטענדיקן הוסטל אין די רייד):

— וואָס פאַר אַ תפיסה, וואָס פאַר אַ בוידעם, וואָס פאַראַ לאָקשן?! איר, משה, זייט אַ סקעפּטיקער! הירש, וואָס זאָגסטו?

הירש קאַמענעצקי (רייבט די הענט ווי בעת אַ פראָסט, שמייכלט שעמעוודיק):

— היינטיקע צייטן קען מען גאָרניט וויסן...

זעליק אַקסעלראָד (אויף זײַן פּאַלצעטל, און מאַכנדיק, ווי זײַ שטייגער איז, אַן ערנסטן אָנשטעל:

— אַט וועט באַלד קומען דער פּאַרטיי־מיטגליד קאַצאָוויטש, וועט ער אונדז אַלץ קלאָר מאַכן.

משה קולבאַק (פון הינטערן בלאַט „אָקטיאַבער", וועלכן ער האַלט פּאַר זיך אַן אויפגעשטעלטן:

— ס'איז שוין געבליבן ניט לאַנג צו וואַרטן...

אַלע שוידערן אויף.

— וואָס?!

— אין וועלכן זין?!

— וואָס מיינט איר מיט דעם?!..

אויף דער יידישער גאַס ווערט פינצטער.

*

אָבער אין דער אמתן האָט נאָך דעמלט קיינער גאָרניט ניט געוווּסט. אין דעם געמיטלעכן ווײַס־רוסיש־יידישן מינסק האָט געלעבט און געשאַפן אַ באַדײַטנדיקע גרופּע יידישע שרײַבער און קולטור־טוער. אַראָפּגעקומען בין איך אַהין צום ערשטן מאָל אין 1935, ווען עס איז נאָך ניט געווען אויסגעבויט דער נײַער וואָקזאַל. אין מיטן פון דעם אַזוי גערופענעם פּלאַץ איז געווען אָפּגעצוימט מיט קורצינקע הילצערנע שטאַכעטלעך אַ קײַלעכיק זאַמדיק שטיקל ערד, ווי פּאָר קינדער אין אַ קינדער־גאָרטן. דערנעבן האָבן זיך היגער געגריבלט אין זאַמד, און אַ האָן האָט עטלעכע מאָל געבראַכן די שטילקייט מיט זײַן פּלוצימדיקן „קוקורעקו!" (עס איז געווען פּאָר טאָג.) מינסק איז נאָך אין יענע יאָרן געווען היפּש פּאַרשלאָפן. אָבער דאָס יידישע לעבן האָט דאָ געברויזט און געשפּרודלט: אַ ליטעראַריש־קינסטלערי־שער זשורנאַל, דרײַ צײַטונגען, אַן אָפּטיילונג בײַם ביכער־פאַרלאַג און בײַם אוני־ווערסיטעט, אַ יידישע סעקציע אין שרײַבער־פאַראיין, יידישע אָוונטן, לעקציעס, אַ יידישער טעכניקום, אַ מלוכה־טעאַטער און וואָס נאָר ניט?!

קיין מינסק האָט מיך און זיאַמע טעלעסינען קאָמאַנדירט די יידישע אָפּטיילונג פון ליטעראַרישן פאַקולטעט בײַם מאָסקווער אוניווערסיטעט, וואָס מיר האָבן צו יענער צײַט געהאַט פאַרענדיקט. קיין מינסק, צום יידישן מינסק, האָבן מיר זיך געריסן. און אַט האָבן מיר פּאַר זיך קולבאַקן, וואָס וועגן אים גייען אַרום לעגענדעס. אין ווילנע, ווו ער האָט פריִער געלעבט, האָבן זיך פאַרקויפט קאַרטלעך מיט זײַן פּאָרטרעט — באַגלײַך מיט אַנדערע פּאָרטרעטן פון באַרימטע לײַט. ווילנע איז פול געווען מיט זײַנע שילער און פאַרערער. גאַנץ פּוילן האָט אים געזונגען און געהערט, און די גאַנצע יידישע וועלט האָט געקענט זײַנע ווערק. און אַט זיצט ער קעגן אונדז! בײַ אים זענען דורשטיקע קינדאַקן און אַ דורכדרינגלעכער בליק. אָבער ניט קיין שאַרפער. גיכער — אַ ווייכער, ווי אײנער וואָס זאָגט: „מיר ביידע ווייסן דאָך" ... און קיינמאָל ניט „איך ווייס!". ער שמייכלט — אַ מאָל ליב און היימיש, אַ מאָל

טרויעריק־פאַרטראַכט, אַ מאָל — קונדייסיש, מיט שפּאַס. אַלע זײַנע שמייכלען זענען פול מיט חכמה. עס רעדט פון זיי אַרויס באַגאַבטקייט, פרייד פון לעבן. ניט די פרייד, וואָס מע באַקומט פון אויסן, נאָר די, וועלכע שפּרודלט פון אינעווייניק.

...משה קולבאַק לייענט פאַר פאַר די פאַרזאַמלטע יידישע שרײַבער זײַן איבערזעצונג פון גאָגאָלס "רעוויזאָר". בײַ אים אויף די קני זיצט זײַן זון עלינקע, קוקט אים אין די אויגן און הערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. ער קען יידיש. אויך ווען איך קום צו קולבאַקן, דעם רעדאַקטאָר פון מײַן נײַעם בוך, אַהיים אויף קאַמאַראָווקע, לייענט ער מײַנע לידער אויפן קול, אַז "עלינקע זאָל הערן". און עלינקע הערט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויףביידע קולעקס. זײַן פּיצל שוועסטערל רײַע זיצט בײַ דער מאַמען אויף די הענט. קולבאַק זאָגט אויף זײַן ווײַב זשעניען, אַז זי איז אַ זעלמעניאַנערן. — ביסט טאַקע ניט קיין שיינע, — גיט ער צו, — נאָר איך האָב דיך ליב! — און ווען בײַ איר כאַפּט זיך אַרויס, אַז אפשר איז ניט כדאי געווען אַזוי שפּעט האָבן אַ צווייט קינד, ענטפערט ער איר מיט נביאישע ווערטער: "ווער ווייסט, אפשר איז אונדז באַשערט גראַד דורך דעם קינד געניסן פון גליק. מאַלע וואָס!" און אַזוי וועט זיך טאַקע באַקומען: גאָר אין אַ קורצער צײַט אַרום וועט מען קולבאַקן אַרעסטירן, און זשעניען אויך. די קינדער וועט נעמען צו זיך זשעניעס שוועסטער, וואָס האָט דאָן געלעבט אויף אונדזער הויף. און איבער עטלעכע יאָר, ווען היטלער וועט אָנפאַלן אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד וועט זשעניעס שוועסטער צוזאַמען מיט איר משפּחה און מיט עלינקען אויף אַ לאַסטמאַשין אַרויספאָרן פון ברענענדיקן מינסק. זי וועט זיך רײַסן די האָר פון קאָפּ, וואָס עס איז ניטאָ קיין שום מעגלעכקייט דערקלײַבן זיך אין צווייטן עק שטאָט נאָך דער קליינער רײַען, וואָס איז אין קינדערגאָרטן. — וואָס וועל איך זאָגן מײַן שוועסטער זשעניען? ווי וועל איך איר קוקן אין די אויגן?! — האָט זי געהאַלטן אויפן וועג אין איין קלאָגן.

נאָר זי האָט פאַרשפּאָרט איר קוקן אין די אויגן. די לאַסטמאַשין צוזאַמען מיט אַלעמען און אויך מיט עלינקען איז אומגעקומען אין וועג פון אַ באָמבאַרדירונג.

און דאָס ברעקל, רײַע, וואָס איז געבליבן אין קינדערגאָרטן איז דורך נסים לעבן געבליבן. איבער צען יאָר, ווען זשעניע קולבאַק איז אַרויס אויף דער פרײַ, האָט זי באַקומען דאָס איינציק שטיקל גליק אין לעבן — די דרײַצניעריקע טאָכטער אירע.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו דער צווייטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן. משה קולבאַק, דער גרויסער שרײַבער, פלעגט צו מאָל זיך אַנטפּלעקן ווי אַ גרויס קינד. אָט זיצן מיר מיט אים אין זײַן שטוב אין עק שטאָט אויף קאַמאַראָווקע. מיט אַ מאָל ווערט אין דרויסן טונקל, ס׳נעמט רעגענען, דער נאָך נעמט פאַלן אַ האָגל. ניט לאַנג געטראַכט, לויפט קולבאַק אַרויס אין דרויסן און קומט צוריק מיט פולע זשמעניעס זילבערנע קײַקעלעך. — ניין, טוט נאָר אַ קוק! האָט איר געזען אַ מאָל אַזאַ האָגל? — רופט ער אויס צו מיר און צו זײַן זשעניען, און שיט אַרײַן די האָגעלעך אין עלינקעס אונטערגעשטעלטע הויפנס. — וואָס זאָגסטו צו דעם, עלינקע?! — קאָן ער זיך נאָך אַלץ ניט באַרויִקן.

אין דער זעלבער צײַט איז קולבאַק געווען אַ דינער פּסיכאָלאָג און ווען מע דאַרף האָט ער אויך געקענט שאַרף אַרײַנזאָגן. איין מאָל באַגעגנט אים מ. ט. אויפן סקווער און לאָזט זיך גיין אים באַגלייטן. ט. מיט זײַן בײַגונג צו פּאָזע און טעאַטראַ־לישקייט, זאָגט צווישן אַנדערן אַזוי: "אָפּט מאָל דוכט מיר, אַז איך בין אַ פויגל!" קולבאַק, וואָס האָט ביז דעם געשוויגן, רופט זיך דאָ אָן: "אוודאי, אוודאי אַ פויגל!" ט. איז אויפן זיבעטן הימל. און קולבאַק זעצט רויִק פאָר: — אָט, האָט נאָר־וואָס אַ פויגל אָנגעמאַכט מיר אויפן הוט, געמאַכט זיך ניט וויסנדיק און אַוועקגעפלויגן. פּונקט ווי עס איז אײַער טבע...

איך געדענק איצט ניט ווער עס איז געווען דערבײַ, נאָר צומאָרגנס האָט וועגן דער דאָזיקער טרעפלעכער כאַראַקטעריסטיק שוין געוווּסט אונדזער גאַנצער שרײַבער־עולם. מע האָט געהאַט מיט וואָס זיך צו קויקן.

אויף די שרײַבערישע פאַרזאַמלונגען, ווו מע "זאָגט זיך אַרויס", פלעגט קולבאַק ניט גיין. צו אונדז, יונגע שרײַבער פלעגט ער זיך באַציִען וואַרעם און אויפמערקזאַם. קיין סימן פון גרויסהאָלטעריי, וואָס, צום באַדויערן, האָבן פון דעם געליטן אייניקע אַנדערע עלטערע שרײַבער. קולבאַקס אָרגאַנישע דעמאָקראַטישקייט איז אונדז געווען זייער צום האַרצן.

איצט טוט מיר באַנק, וואָס איך האָב קולבאַקן ווינציק געקאָנט, נאָר, אַזוי צו זאָגן, אויבנויפיק. אָבער ווען איך האָב דורכגעלייענט זײַנע "זעלמעניאַנער", און באַזונדערס, ווען איך האָב דעם בוך גענומען איבערזעצן אין רוסיש, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך דערקען דעם מחבר אַלץ בעסער און בעסער. ניט ווינציק שרײַבער האָב איך איבערזעצט, נאָר קיינמאָל נאָך אַזאַ געפיל ניט געהאַט. און איך האָב פאַרשטאַנען פאַר וואָס. שיער ניט אויף יעדער שורה פון די "זעלמעניאַנער" שפּרייט זיך די מילדע שײַן פון קולבאַקס אינדיווידואַליטעט. ער פאַרמאָגט אַ באַזונדער מין הומאָר אין וועלכן עס פלעכטן זיך איבער שאַרפזין און גוטסקײַט. — אָן אַ שיער גוטסקײַט צו זײַנע פּערסאָנאַזשן, וואָס פון דעסט וועגן פאַרשטעלט עס ניט פון זײַן בליק די לעכערלעכקײַט, אָפּגעשטאַנענקײַט און צו מאָל די טעמפּקײַט זייערע. נאָר ער קוקט אויף זיי אָט ווי אַ טאַטע קוקט אויף די נאַרישקײַטן און ווילדקײַטן פון זײַנע קינדער. משה קולבאַק מאָלט דעם פאַלקסמענטש מיט וווּנדער־לעכער ווייכקײַט און צווינגט אויך דעם לייענער די דאָזיקע פאַרגרעבטע יידן ליב צו קריגן. און טאַקע, ווי קען מען ניט ליב קריגן די געזונטע מויד חיה׳לע, וואָס וואַרט אין אַ פראָסט אויף דער גאַס, כדי באַקאַנען זיך מיט אַ חתן, און וואָלט אַזוי אָפּגעשטאַנען ביז טאָג, ווען דער טאַטע קומט זי ניט צונעמען... ווי קען מען ניט ליב קריגן דעם שנײַדער פעטער איטשע, וואָס ווען ער זעצט זיך נייען צום ערשטן מאָל בײַם עלעקטרישן שײַן, קען ער זיך קיין אָרט ניט געפינען, ווײַל ער זעט ניט דעם באַקאַנטן שאָטן, וואָס איז געפאַלן גאָר אַנדערש, ווען עס האָט געברענט דער נאַפטלאָמפּ. אָדער דער ברודער זײַנער, וואָס דערטראַכט זיך צו מאַכן דער הינקעב־דיקער הון אַ הילצערן פיסל. אָדער דער מיליציאָנער בערע, וואָס "שווײַגט אויס

שטיינער״, און נאָך און נאָך אַזוינע ליבע און לעבעדיקע געשטאַלטן, אַז דיר דוכט זיך, אַז דו האָסט זיי שוין אַ מאָל געקענט, און איצט דערמאָנסטו זיך.

און אַזוי איז עס טאַקע, ווײַל משה קולבאַק רעדט צום זכרון פון פאָלק. זײַנע געשטאַלטן זענען לײַבלעך געבונדן מיט אונדז. דאָס זענען אונדזערע חכמים, אונדזערע טיפשים, אונדזערע יידן! הײַנט ווילן זיי ניט הערן וועגן עלעקטריע, און מאָרגן איז שוין פאַר זיי צו קנאַפּ איר שײַן, און זיי זענען חושד, אַז אויף דער עלעקטראָסטאַנציע גיט מען זיי עלעקטריע ״פון סאַמע דעק פון קעסל״...

יאַדערדיק און זאַפטיק מאָלט משה קולבאַק אַ געשלעג צווישן די ברידער. ווי די ווײַבער נעמען שטיל און אויף דער גיך אַפּטראָגן פון הויף אַלץ וואָס מע קען מיט דעם מזיקן. און די צעווילדעוועטע מאַנצבלען — די אויגן און די קאַרקעס אָנגעגאָסן מיט בלוט — זענען גרייט ווי צעבושעוועטע אָקסן צעמיימעסן איינער דעם אַנדערן צוליב אַ קלייניקייט, וואָס איז קיין ציבעלע ניט ווערט. אָט אַזעלכע זענען זיי, די זעלמעניאַנער!

פונקט אַזוי אויך אין זײַנע פּרעכטיקע לידער וועגן רײַסן, אין דער ווונדער־לעכער פּאָעמע ״בוניע און בערע״ האָט קולבאַק אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל דעם שטעטלדיקן יידן, דעם פאָלקסמענטש אין זײַנע טראַגישע און קאָמישע פּרוּוון צו־פּאַסן זיך צו דער נײַער אויסקומעניש.

משה קולבאַק האָט אַליין געשטאַמט פון דער דאָזיקער סביבה. ער ווייסט אויסגעצייכנט די סמאָרגאָנער גאַרבערס, די וואַלד־יידן און פליטן־טרײַבער, די אָקסן־הענדלערס און קרעטשמערס. ער שילדערט זיי מיט טיפער לירישקייט, ער אַנטפּלעקט זייער וואַרעם האַרץ, וואָס שלאָגט זיך אונטער דער פאַרגרעבטער הויט. די דאָזיקע סביבה האָט ער ניט געדאַרפט דערלערנען פון דער זײַט. ער האָט געאָ־טעמט מיט איר. דאָס זענען געווען זײַנע ברידער און שוועסטער, פעטערס און מומעס. ער, דער ראַפינירטער אינטעליגענט און דינער פּסיכאָלאָג לעבט אין זײַנע ווערק מיט אַ צוויפאַך לעבן. סײַ פאַר זיי, סײַ פאַר זיך, וואָס איז אַ מבין אויף זיי, זײַנע נאָענטע און ליבע.

משה קולבאַק האָט מיט זײַן פּרײַוויליקן אומקערן זיך קיין סאָוועטנפאַרבאַנד זיך אַליין פאַראורטיילט צום טויט. צום פיזישן טויט. אָבער זײַן גײַסטיק לעבן דורך זײַנע ווערק זעצט ער פאָר — ביז וואַנען עס וועט לעבן דאָס יידיש פאָלק, דאָס יידיש וואָרט. ער איז אומגעקומען נאָך יונג — כמעט ווי אַלע אומגעבראַכטע שרײַבער. ער האָט נאָך אַזוי פיל געהאַט צו זאָגן אונדז!

איך לייג דאָ בײַ משה קולבאַקס אַ פאַטאָ, וועלכע האָט זיך בײַ מיר אויסגעהיט. אָט אַזאַ געדענק איך אים. מיר דוכט, אַז איך הער זײַן קול:

— רחל, וואָס זאָגט איר צו דער צורה? מממא! געמעגט זײַן שענער. אָבער דערפאַר שטאַרצן די אויערן! מע זעט כאָטש אַז איך בין אַ זעלמעניאַנער? —

און ער צעשמייכלט זיך מיט זײַן קונדייסיש־קינדערישן שמייכל.

ירושלים, אויגוסט, 1982 יאָר

משה קולבאַק

❁

גענזן האָב איך יידישע ווערטער ווי פּײַערלעך קליינע, ווי פּײַערלעך קליינע,
ווי פֿונקען, געצויגן פֿון פֿינצטערן אַרץ,
געפּילט האָב איך יידישע ווערטער, ווי טײַבעלעך ריינע ווי טײַבעלעך ריינע
ווי טײַבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין האַרץ . . .

„שירים" ווילנע, 1920

האַרבסט *

דער לעצטער פֿײַערדיקער בוים אין טאָל,
פֿון וואַלד — דעם לעצטן שוועמל אויסגעקליבן,
און אויפֿן הימל האָט דער האַרבסט צום לעצטן מאָל
אַ דרײַעק פֿון זשוראַוולעס אָנגעשריבן.

דער וועג פֿון מאָליעוו קיין פּראָפּאָליע.
ס'איז שטיל. מיר גייען אין קאָלווירט.
בלויז אין די קוסטעס פלאַנבען אויף דער דאָליע
אַ פּאָר קולאַקעס בײַ אַ פֿלעשל ספּירט.

בלויז פֿון די קוסטעס ווערט די וועלט געפֿלוכט.
אַ פּויסט אַ שיכורע פֿאַרהייבט זיך קעגן לעבן ;
נאָר זי, די ערד, ליגט ווײַניק, ווי אַ רײַפֿע פּרוכט,
פֿאַר אַלע מענטשן אָפּגעגעבן.

אַדורכן נעפּל בלאַנקט דער קילער שטאָל
פֿון דניעפּער. רו. דעם לעצטן זאַנג אַראָפּגעקליבן.
און אויפֿן הימל האָט דער האַרבסט צום לעצטן מאָל
אַ דרײַעק פֿון זשוראַוולעס אָנגעשריבן.

* דאָס ליד „האַרבסט", איז איינס פון די ווינציקע לידער, וואָס משה קולבאַק האָט נאָך באַוויזן אָנצושרייבן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד.

זעליק אַקסעלראָד

*

האָט אַ מאָל מײַן זיידע אין אַ ווילנער שול
אויסגעזונגען זיך און געוואָרן דול . . .
זינג צום לעצט מיר — פֿון אַ זיידן, וואָס איז דול,
זינג פֿאַר מיר — נו, האָב אויך אַ האַרץ אַ פֿײַפֿל —
אַזוי ווי זינגסט בײַ נאַכט פֿאַר זיך אַליין,
ווען זון האָט זיך ביז ערד פֿאַרקײַקלט
און וויל טיפֿער, ווײַטער ניט פֿאַרגיין . . .

מײַנע אויגן אויף גאַס אָװעקגעקײַקלט
פֿיר מיך אַפֿ אויף נאַכטלעגער אַהיים . . .
כ׳האָב אויך אַ האַרץ — אַ שטילן פֿײַפֿל,
וויין איך אין דער שטיל אויפֿן פֿאַרגיין . . .

מיט קאַלטן ליכט איז שטאָט איצט פֿול,
און ס׳הענגען, וויגן זיך אַזעלכע שטערן . . .
דערציילן פֿון אַ זיידן, וואָס איז געוואָרן דול
און פֿון אַן אייניקל, וואָס קען נאָך דולער ווערן . . .

פון מינסקער זשורנאַל ״שטערן״ נומ׳ 13, 1925

*

ווערט שווער אַ מאָל פֿון שווײַגנדיקע אָוונטס,
פֿון אומרו מײַנעם, וואָס רוט נאָך אונטער העמד . . .
אַזוי פֿיל פֿרעמדע זײַנען מיר געוואָרן נאָענט
און נאָענט-ליבע ווערן ווײַט און פֿרעמד . . .

דאָ אין לאַנד, ווו שטורם האָט געטריפֿן,
פֿאַרוואַקסן נאָענטע מיט פֿראָסט און קעלט. —
איז גוט מיר אָנטאָפּן מײַן האַרץ ביז טיפֿן,
וואָס קען נאָך רוישן איבער וועלט.

פון ״נײַערד״ נומ׳ 1 (1925)

איציק קיפניס

ווי אזוי האב איך זיך עס דערוועגט

...שלמה מיכאעלס. ער האט מיר ארויסגעוויזן ליבשאפט. און עד־היום ווייס איך נישט, צי ער האט עפעס געלייענט מיינס, צי אפשר איז פאר אים געווען גענוג ער זאל הערן פון בערגעלסאנען, פון דאברושינען און טאמער אפילו פונעם נסתר אליין, א גוט ווארט וועגן מיר. ביי אונדזערע זעלטענע באגעגענישן פלעגט ער מיך ארומנעמען, שטארק דריקן צום הארצן, מיר קוקן אין פנים אריין, לאנג נישט ארויסלאזן מיין האנט פון זיינער. איך האב אין הארצן געדאנקט גאט דערפאר, בין ביז גאר געווען גערן און באלוינט. אבער ביי דעם פלעג עס בלייבן. ביי מיינע באזוכן אין מאסקווע האב איך נישט געגלויבט, אז איך מעג אים זוכן, ביי אים אפנעמען צייט. ביי זייערע גאסטראלן אין קיעוו פלעג איך נישט דורכלאזן זיינע ארויסטרעטונגען. נאר מקבל-שלום זיין פריוואט פלעג אויסקומען נאר אויף א צונויפקום, אויף א באנקעט (אויב איך בין אויך געווען פארבעטן).

אין איינעם א זומער ביי זייערע גאסטראלן האב איך א זאג געטאן דבורהלען:

— "וואס וואלט געווען, ווען מיר פארבעטן מיכאעלסן מיט זוסקינען אויף טיי?" אין גאנצן אומגעריכט פאר מיר האט דבורה ממש מיט פרייד זיך אנגעכאפט אין מיין פארשלאג. אונדזער פריינדין בליומע מיט מיין שוועסטער פריידקען האבן געהאלפן גרייטן דאס געבעקס. די געבעקסטן זענען געווען געראטן להפליא! דער עיקר האט בליומע אהין אריינגעלייגט אלע כוחות. כ'בין געווען אין האטעל — איז זוסקין עפעס נישט ביים בעסטן געזונט. גייט נאר איין מיכאעלס. שמעון דאבין איז אויך געקומען אליין. רחל, זיין פרוי, איז געווען פארנומען אויף דער ארבעט אין ביבליא־טעק. בליומען האב איך געמוזט גיין רופן אויף ס'ביי. הארעווען זיך ביים באקן און גרייטן האט מען זי נישט געדארפט לאנג בעטן, אבער דא, כ'זאל זיך ריכטן, אז צום סאמע פיק וועט זי זיך אפטראגן און זיך פארשטעקן ביי זיך אין צימערל — און בשום אופן נישט!... ערשט איצט הייב איך אן צו פארשטיין, ווי גרויס ס'איז געווען איר פארלאנג דווקא יא זיין אין איין שטוב מיט מיכאעלסן. זי איז אבער געווען זייער א שעמעוודיקע: נאך וואס וועט זי גיין? וואס וועט זי טאן דארט?...

דבורה קען קיין יידיש נישט רעדן, איז זי געווען אויסער דעם שמועס. זי האט גערן און מיט גוטן אפשיי געשמייכלט צום גאסט, ווען זי האט אים דערלאנגט דעם כיבוד, און ער האט איר געדאנקט און געזאגט "ווי אטשען ליובעזני!" * (איר זייט זייער פריינדלעך). דעם "ווי אטשען ליובעזני" בין איך נישט אומשטאנד איבער־צוגעבן. זיין טיפער אויסדריקלעכער בליק, זיין יומטובדיקער אויסזען האבן גערעדט

אַליין פֿאַר זיך. דאָס, וואָס שמעון דאַבין איז געזעסן בײַם טיש, האָט אונדז איטלעכן זייער אַרויסגעהאָלפֿן. זיי זענען געווען פֿאַרטיפֿט אין אַן ערנסטן שמועס, און צום שיין באַשטעלטן טיש איז עס געווען דער שענסטער צוגאָב.

מען דערציילט אַ מעשה וועגן כּאַטאַיעוויטשן און מיכאַעלסן: כּאַטאַיעוויטש איז דאַן געווען באַלעבאָס איבער דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט. בעת דער יידישער קאַמער־טעאַטער האָט גאַסטראָלירט דאָרטן, איז מיכאַעלס געווען בײַ כּאַטאַיעוויטשן אויף אַן אויפֿנעם:

— איר האָט נאָך קיין איין ספּעקטאַקל אונדזערן נישט געזען?

— ניין... הײַיאָר האָט אויף די פֿעלדער נישט געראָטן...

מיכאַעלס האָט אים באַטראַכט אַ ווײַלע מיט זײַן אַלץ אַרומנעמענדיקן בליק און נאָך אַ קליינער פּויזע, וואָס בײַ מיכאַעלסן רעדט זי אויך פֿיל, האָט ער געענטפֿערט:

— זײַט איר, הייסט עס, אין אַ גינסטיקערער לאַגע פֿונעם אַקטיאָר...

— מאַי משמע? — האָט כּאַטאַיעוויטש שוויַיגנדיק געפֿרעגט.

— אָט דאָס, — האָט אים מיכאַעלס קאַטעגאָריש געענטפֿערט, — דעם אַקטיאָר העלפֿן נישט קיין תּירוצים. ער מוז מאַכן טעאַטער אַפֿילו בײַ דער ערגסטער גערעטעניש...

כּאַטאַיעוויטשן האָט מען נישט געדאַרפֿט טײַטשן. בײַ זײַן גרעסטער פֿאַרנומענ־קייט האָט ער אָנגעהויבן באַזוכן דעם טעאַטער און ס׳איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי אַ גרויסע פּערזענלעכע פֿרײַנדשאַפֿט...

דער גאַסט האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער קען נישט זיצן לענגער: ער שפּילט הײַנט בנימין דעם דריטן. אויב מיר קענען הײַנט קומען, וועט ער פֿאַר אונדז באַזאָרגן פּלעצער... ווען ער האָט דערזען אונדזער אָפּהעגטיקייט, האָט ער אַליין פֿאַר אונדז געפּסקנט: — זעקס?...

— אויב שמעון מיט רחלען וועלן קענען קומען, — האָב איך געענטפֿערט — וועלן מיר זײַן... זיבן...

דבורה מיט ביילקען וועלן לאַנג געדענקען די שפּיל פֿון בנימינען מיט סענדער־לען. בליומע מיט פֿריידקען האָבן זיך געפֿילט אין טעאַטער פֿרײַער ווי אין דער היים, און צו זייער גליק איז קיין גלײַכן נישט געווען. איך גופֿא קען נאָך ביז איצט נישט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי האָב איך זיך עס דערוועגט פֿאַרבעטן מיכאַעלסן צו זיך אין שטוב אויפֿן זעקסטן שטאָק (אָן אַ ליפֿט), ווי האָב איך דאָס געעפֿנט אַ מויל?...
שמעון זאָל לעבן! ער האָט מיך אויסגעלייזט. בײַ זיי ביידן איז אַ סך ווערט געווען די שעה, וואָס זיי האָבן געקענט שמועסן אַן אַ שטער. און פֿאַר מיר — זיצן און זיך אײַנהערן פֿאַרגאַפֿט אין זייער שמועס, איז שוין גראָד כּדאַי געווען.

גאָט און לייט

יעדעס אָפּגעדרוקט זאַכעלע מײַנס פֿרייט מיר: מײַן נאָמען שטייט דערויף, מײַן סלאָוועשנער, מײַן טאַטנס און מאַמעס סלאָוועשנער זונס נאָמען.

אַ פונק פון מײַנע ליבע עלטערן (און עלטערנס עלטערן) האָט זיך ערגעץ אַרײַנגעגנבעט אין מיר, וואָס טליעט און וואַרעמט און לעשט זיך נישט. זידלט מען מיך יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, אין די זעלבע צײַטונגען און צײַטשריפטן, וועלכע האָבן מיך נעכטן געדרוקט און וועלן מיך מאָרגן דרוקן, אַז איך שרײַב ווינציק, אַז איך פאַרטיף זיך ווינציק אין מײַן שרײַבן. נאָר מע זעט נישט, אַז ס'זאָל זיך בײַ מיר עפּעס פאַרליגן אָנגעשריבנס און נישט געדרוקטס. איך זע אין דעם אַ חסד פון דעם אויבערשטן. עפּעס פאַרלאָזט ער מיך נישט. אַלע קענען מיך פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט קיין מאָל נישט געאַרבעט ״איבער זיך״. אַלע ווייסן, אַז עפּעס אַ שטיינדל אויבן אויף איז שטענדיק גרייט פליִען צו מיר אין מײַן שוואַך־באַארבעטן גערטל אַרײַן. און אַלע שוינען מיך פאַר עפּעס. און ווײַל איך אַליין זוך נישט קיין כיבודים, שטופּ זיך נישט צו די אויבנאָנס, איז מען מיך גראָדע אָפּט מכבד מיט אַ וואַרעמען ״זײַט־זשע מוחל״. מע זאָגט מיר נישט ״רוקט זיך אָפּ״, מע זאָגט מיר גראָדע ״רוקט זיך צו״.

אמת, שמעון דאָבין און זײַן איידעלע פרוי רחל, די איינציקע אַריסטאָקראַטין פון גײַסט, וואָס איך קען פּערזענלעך, וואָס איך האָב דעם כבוד צו זײַן אַן אײַנגייער בײַ זיי אין שטוב (זיי, אַז זיי טוען מיך אַ טשעפּע, איז עס פאַר מיר אויך דער ליבסטער גלעט), אָט זיי קענען מיר אַ מאָל זאָגן: ״ביז וואַנען איז דער שיעור זײַן אַזוי פאַרנעכיהעוועט? איר האָט דאָך אויף זיך אַליין קיין רחמנות נישט״ — און איך גיי אַוועק פון זיי פול מיט געשטאַרקטער און גוטער האָפענונג, וואָס פעסטיקט זיך פון אינעווייניק. שמעון האָט מיר געזאָגט: ״איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז מע וועט אײַך שמײַסן, וועט מען אײַך שמײַסן נישט דערפאַר, וואָס איר זענט נישט טאָלסטוי, אָדער ביאַליק, בודאַ און משה רבינו, מען וועט אײַך שמײַסן — זאָגט ער מיר, צעשטעלנדיק די קלאַנגען, ווי אין קורסיוו — וואָס איר זענט נישט איר...״ און ער רופט מיר אָן מײַן טאַטנס זונס נאָמען און פאַמיליע, אָט די, וואָס איך זע גאַנץ אָפּט איבער אַ ביכל און איבער זאַכעלעך אין פאַרשיידענע צײַטשריפטן.

און זי, רחל, האָט מיר אַרײַנגעזאָגט אין שטייגערזאַכן פון מײַן לעבן:

— אוי — זאָגט זי — וואָלט איך זיך מחיה געווען, ווען אַ ווײַבל אָדער אַ מאַן, לאָזן אײַך אַראָפּ אַ געשמאַקע פּאָר פּעטש... ס'וואָלט געווען אַזוי ווי געוווּנען!

— טײַערע רחל — ענטפער איך איר — שטעלט אײַך פאָר, אַז איך האָב עס שוין לאַנג פאַרדינט... פאַר וואָס ציִען זיי אָפּ מיטן געצאָלטס, ווייס זיי דאָס גוטע יאָר...

אַז איך בענק נישט נאָך אַזאַ געצאָלטס, וועט מען מיר גלייבן אַן אַ שבועה אויך, נאָר איך האָב זי ליב, אונדזער ליבע רחל, און ווייס, אַז זי איז מער ווי גערעכט. זי איז עפּעס נישט געווען געזונט און איך האָב זי מבקר חולה געווען. איך האָב זי נישט געפרעגט, וואָס איר איז, איך זע נישט אין דעם קיין נוץ פאַר איר. איך ווייס אין דעם גאָרנישט. זי האָט זיך עפּעס צערעדט און זאָגט צו מיר צווישן אַנדערן:

— ... צו מײַן לויה וועט איר ברענגען אַ טעפּעלע בלומען...

ס'איז געווען געזאָגט נישט אין קיין שפּאַס. זי איז מיר טײַער. זיי זענען מיר ביידע זייער טײַער. מיר איז אויסגעקומען זען, ווי זיי באַגייען זיך מיט זייער יידישער

שטוב־אַרבעטערין. אַזעלכעס זע איך דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן! זי לערנט זיך, זי קאָכט פאַר זיי אָפּ, קויפט אײַן, זי ראַמט, און זיי האָבן זיך אַזוי אװעקגע־שטעלט, אַז זי פילט זיך ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דעם קליינער משפּחה: טו, וואָס דו דאַרפסט, קויף, וואָס דו פאַרשטייסט, ראַם, ווען דו געפינסט פאַר נייטיק, נאָר צום מיטאָג זאָלן אַלע זײַן בײַם טיש... און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

איך גלייב נישט, אַז מײַנע ווערק זאָלן פאַר עפּעס האָבן אַ ממשות, אָבער פאַר יעדער אַנגענומענעם כתב־יד נעם איך אָפּ אַ ביסל געצאָלטס און ברענג אין שטוב אַרײַן. איז אַ מאָל דאָ אויף דער הוצאה, נישט פון געליגענעם. אַז איך דערזע אין זשורנאַל, צי אַלמאַנאַך אָדער צײַטונג, אַז איך בין דאָרט פאַראַן, פרייט עס מיך און ס׳זעט אויס בײַ מיר אין די אויגן אַ סך אָפּגערוקטער פונעם כתב־יד. דער כתב־יד איז, דוכט זיך, געווען מער אייגן ווי אָט־דאָס־אָ... נאָר אָט־דאָס, וואָס איך זע אין פּירקאַנטיקע אותיות, איז מער אויסגעבאַקן ווי דער כתב־יד. ס׳טויג שוין צום פאַרדייען. און אפשר האָט עס שוין עמעצער געניצט און אַ גוטן שמייכל געטאָן צו מיר פון דער ווײַטנס.

פון דער ערשטער שעה און ביז איצט איז בײַ מיר אָפּגעמאַכט, אַז איך בין נישט קיין שריפטשטעלער, בין אַפילו נאָענט צו קיין שריפטשטעלער נישט גע־שטאַנען, און דאָך שטיי איך מיט ביידע פיס אין דער שרײַבערישער סביבה. זאָל זײַן, אַז איך בין שוין דער פאַרגרינטער צילברעט, וווהין נישטן שלײַדערן זייערע שלעכט־שמעקנדיקע פײַלן, נישטן, וואָס האָבן פּרנסה פון זייער נישטיקייט, שלעכטי־קײַט און אויסגעשפּראָכענער געמיינקײַט. קאַמפּאַניעס זענען דאָ אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק. אינעם 35סטן יאָר האָט מען מיך אַפילו זייער שיין אויסגעשלאָסן פונעם פאַראיין. מען האָט מיר עפּעס צוגעקלעפּט אַ ״שיר־המעלות״ צו דער פּלייצע. פון דעם איז געווען געדרונגען, אַז איך פּאַס זיך נישט אײַן אין מײַן ״בכבודיקער״ סבֿיבה. דערלאַנגט מען מיר מיט אַ קני אין הינטן און... און איך פלי פון אַלע טרעפּ!

אַן אַלטער שכן מײַנער, אַ שריפטשטעלער, אַ לערער, אַן עלטערער גוטער־פרײַנד, האָט וועגן דעם אין אַ צײַט אַרום מיר דערציילט: ער ווייסט שוין וועגן דער לוזשע פּאַמיעס, וואָס מען האָט אַ פּליוכע געטאָן אין מײַן זײַט... זי וועט שוין באַלד זײַן לעבן מײַן טיר און לעבן מײַן שוועל. נאָר מיך אַליין האָט מען נאָך דערווײַל נישט מתרה געווען, צו מיר וועט מען זיך ערשט נעמען... זעט ער מיך ווי אַזוי איך גיי פון גאַס אין דער ריכטונג פון אונדזער הויז, אויף איין האַנט האַלט איך ס׳קינד לייבעלען, אַ קינד פון אַ יאָר צוויי, און אין דער צווייטער — האַלט איך אַ קײַלעכדיקן פרישן לאַבן ברויט (דאָס גיי איך אַזוי פון קראָם אַהיים צו זיך). האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

— וואָס קען נאָך שענער זײַן אינעם מענטשנס לעבן פון די צוויי באַשטאַנד־טיילן: אויף איין האַנט — ס׳קינד, אונטער דער צווייטער — אַ פרישער לעבל ברויט פאַר דער שטוב וועגן?!

בײַ מעטערלינגן איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַ דאַרפישע משפּחה זיצט בײַ זיך אין שטוב אָונטצײַט... דורך די באַלויכטענע פענצטער זעט מען פון גאַס, ווי אַזוי זיי

גרייטן זיך שוין מאַכן נאַכט. מען האַלט שוין נאָך אָוונטברויט, מען האָט זיך שוין אַ ביסל געוואַרעמט בײַ דער הרובע. די טאַכטער וועט שוין קענטיק בלײַבן נעכטיקן אינעם צווייטן דאָרף בײַ די אייגענע פון יענער זײַט טײַך. דער טאָג איז אָוועק אָן זאָרג — מהיכא תיתי... נאָר דאָ אויף דער גאַס שלײַכט זיך צו זייער הויף, צו זייער טיר און פענצטער, דער אומגליק: פויערים האָבן אַרויסגעצויגן פון טײַך זייער טאַכטער אַ דערטרונקענע. זיי האָבן אויסגעהאַקט אַ פּאָר דינע לאַנגע שטאַנגען, מיט צווײַגן פאַרבונדן, און אויסגעפלאָכטן אַ בעטל צום טראָגן, און מע טראָגט דעם יונגן קרבן אַהיים צו די עלטערן. מען ווייסט נאָך נישט, ווער וועט זיי דער ערשטער זאָגן וועגן דעם...

דאָס, וואָס מײַן שכן, דער שריפטשטעלער, האָט מיר דערציילט, האָט מיר שטאַרק דערמאָנט אָט די זאַך מעטערלינגס: דער אומגליק גייט שוין אַ גרייטער, אַ פאַרטיקער, צו דיר אין שטוב אַרײַן, און דו, ווײַל דו ווייסט נישט פון גאָרנישט און ריכסט זיך אויף גאָרנישט, ביסטו זיך גוטמוטיק פאַרטאָן אין געוויינלעכע אומ־שולדיקע שטייגערזאַכן.

יאָ, איך בין נאָך קיין שרײַבער נישט, אָבער איך שטיי מיטביידע פיס אין דער שרײַבערישער סביבה, אינעם וואַכעדיקן הו־האָ פון די שרײַבער, איך וווין אין אַ שרײַבערישער דירה, לייבעלע וועט גיין אינעם קינדער־גאָרטן, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט בײַ אונדז אין שרײַבער־הויף...

אַגב, דער שטאַרקסטער ווייטיקדיקסטער קלאַפּ איז געווען פאַר מיר נישט די ידיעה, אַז איך בין אויסגעשלאָסן פונעם שרײַבער־פאַראיין, ווײַל ס׳האָבן דאָס אויפ־געפאָדערט איציק שלומאָוויטשעס אַרטיקלען קעגן מיר, שרײַבעכצן, וואָס זענען אויסגעזויגן פונעם פינגער, וואָס האָבן נישט קיין שום אָנשפּאַר אונטער זיך. דער שטאַרקסטער קלאַפּ איז געקומען אויך נישט פון דעם, וואָס אייניקע באַקענטע שרײַבער באַמערקן מיך נישט און איך מײַד זיי אויס, כדי זיי זאָלן זיך פאַרשפּאָרן מיט מיר גריסן. אַ מאָל זעען זיי אויס אין מײַנע אויגן נעבעכדיקער ווי דו אַליין: דו זשאַלעוועסט מענטשן, וואָס וואָלטן דאַרפן האָבן אַ ווערט פון מענטשן און זיי ווייסן אַפילו נישט פון דעם. דער טיפסטער ווייטיקדיקסטער קלאַפּ איז געקומען פון ערגעץ אַנדערש: אין איין מאַנטיק אין דער פרי גיט מען אונדז אָפּ פון קינדער־גאָרטן לייבעלען אויף צוריק — זײַן נאָמען איז נישטאָ אין צעטל פון די קינדער... די אויפזעערינס און דערציִערינס, וואָס האַלטן זיך קנעכטיש פאַר יעדן דינסטמיידל פון אַ שרײַבער, שטעקן אָפּ דער ווײַב מײַנער דאָס קינד אונדזערס... ווײַל ס׳איז מיט עפּעס ״מינדערווערטיק״...

ווי שולדיק האָב איך זיך דערפילט אַנטקעגן מײַן קליינעם זונעלע! אַך, ווי קליין און נישטיק!... דעם ווײַב האָב איך יאָ געקענט קוקן אין די אויגן, און זי מיר אויך, אָבער וואָס קען מען דעם קינד דערציילן, און וואָס וועסטו זאָגן אַ פרעמדן מענטשן?...

אָט ווו דו האָסט דערפילט דעם טעמפּן אומריינעם אויסגעוואַטשקעטן מעסער בײַם סאַמע האַלדז...

איך האָב זיך איבערגעטאָן און בין אַוועק אין שרײַבער־פאַראיין. געטראָפן דאָרט אַ "בעל־הבית" איינעם. עפּעס איז צו אים דערגאַנגען, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין אַ שעה אַרום מעגן מיר ברענגען ס'קינד צוריק אין קינדער־גאָרטן.

דעם ווײַב און דער טאָכטער האָב איך עס דערציילט אין פּראָזאַישע אויסדרוקן: דער "בעל־הבית" וועט אָנקלינגען אין ליטפאָנד, די סעקרעטאַרין וועט אָפּדרוקן אַ פרישע רשימה פון די קינדער, וואָס באַזוכן אונדזער קינדער־גאָרטן, לייבעלעס נאָמען וועט דאָרט צוריק זײַן אויפן זעלבן אָרט ווי פריִער, בײַ דער פאַרוואַלטערין און דערציִערין פון קינדער־גאָרטן וועט די גראָבקייט ווערן ווי מיט הענט אָפּגענומען... און לייבעלע? לייבעלע איז נאָך אַ קינד, אפשר האָט ער עס אַזוי שאַרף נישט אויפגענומען ווי מיר.

איציק קיפּנים

1976—1896

שמואל האַלקין

אונדזער גורל

און דאָס איז דער גורל פֿאַר אַלעמען אונדז:
אַז אויב נאָר דו לעבסט, מוזט באַוויַיזן אַ קונץ —
אַריבערן אָפּגרונט פֿאַרוואַרפֿן אַ שטריק
און גיין אויפֿן שטריק, ווי אויף אײַזערנער בריק.
און נאָר ווען צוריק פֿונעם אָפּגרונט זיך שלעפּסט,
נאָר דעמאָלט מע טרויט דיר, מע גלייבט, אַז דו לעבסט
און דאָס איז דער אומגליק, און דאָס איז דאָס גליק,
וואָס ציט אונדז פֿון אָפּגרונט צוריק אויפֿן בריק.

1945

דעם ניי-געבוירענעם

דאָס נײַגעבאָרן קינד — עס זאָל געבענטשט זײַן:
ס'זאָל מיט דער מוטערס מילך אין אים אַרײַן
דער דאָרשט צו טראָגן ליכט פֿאַר גאָר דער מענטשהײַט,
די שײַן זאָל אָבער פֿאַר זײַן פֿאָלק אויך זײַן;
ווען ער וועט אויפֿדעקן דער וועלט אַ נײַעם שטערן —
זאָל פֿאַר זײַן פֿאָלק כאָטש פֿינצטערער ניט ווערן.

1945

איזי כאַריק

❋

אַ נאַכט, ווי אַלע נעכט אין בלויען,
ווי אַלע נעכט איז אומרויִק און שטיל...
איך קען הײַנט נישט מײַן רויען ווײי צעווייען, —
איך הייב זיך אויף אַ לופֿטיקער און — שווים.
אַ הימל. אַ משוגענע לבֿנה
ציטערט אויף און רײַסט זיך שטרענג און שאַרף,

עס רײַסט דאָס האַרץ און רעדט, ווי טויזנט פֿאָנען,
ווי טויזנט פֿאָנען רײַסט זיך מײַן באַדאַרף...
איך קען זיך נישט אין אַזאַ נאַכט באַרויִקן,
אַז ס׳ציט אַוועק און ס׳טראָגט אויף ווײי און ווינד,
מאַמע, מאַמע, ס׳איז דײַן זון משוגע
און פֿליט אַרום אַ בלויער אויפֿן ווינט...

איך קוק זיך אײַן דורך דאַרשט פֿון מײַנע אויגן
און לענגער-לענגער צי איך אויס מײַן האַלדז:
געווען זײַנען שטעטעלעך פֿאַרלייגט דאָ
אין שטילער רו מיט שטילן ברויט און זאַלץ.
האָב איך אַליין געהאָלפֿן זיי צעשטערן
און אָפּגעשיקט זיי אַלעמען אין רויך...
איצטער הער איך שוין, ווי ס׳ציטערן די שטערן
ווי ס׳ציט אַוועק און ס׳טראָגט מיך אין דער הויך.

יוני, 1924

פון בוך "אף דער ערד" פארלאג "שול און בוך" מאסקווע, 1926

מאיר שאַלאַנט

מיר האָבן געזונגען אין צווייען...

איך בין זייער שטאָלץ דערמיט, וואָס אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט בין איך געווען נאָענט באַפּרײַנדעט מיטן באַוווּסטן יידישן שרײַבער איציק קיפּניס. איך האָב אים געשעצט ווי אַ גרויסן שרײַבער און אים ליב געהאַט ווי אַן אמת גוטן און ביז גאָר איידעלן מענטשן, אים אָפט באַזוכט אין זײַן הויז אין קיעוו אויף לעניןּגאַס 68, ווו ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט זײַן גראַטענער טאָכטער בעבע, אַ לערערין פון ליטעראַטור אין איינער פון די קיעווער מיטלשולן.

ווייניק ווייסן, אַז דער סאָוועטיש־יידישער שרײַבער איציק קיפּניס איז געווען אַ גלייביקער, ממש אַ פרומער ייד, וואָס האָט טעגלעך געדאַווענט אין טלית און תפילין, אַז ער האָט אָפּגעהיט כשרות און אַנדערע דינים און מנהגים. דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, שטרענג געהיים, ווײַל נאָכן אָפּקומען אַ זעקסיאָריקע שטראָף אין אַ סאָוועטישן "אויסבעסערונגס"־לאַגער, האָט מען אים צוליב זײַן שלעכטן געזונט־צושטאַנד באַפרײַט על תנאי און זײַן ווײַטערדיקער גורל ליגט אין זײַנע אייגענע הענט, האָט מען אים מרמז געווען, און אין די הענט פון זײַן "גוטער" אויפפירונג. דערפאַר טאָקע האָט ער צו זײַן גרויסן ווייטיק און פאַרדראָס נישט געקענט גיין אין שול אַרײַן, אָבער געלעבט האָט ער מיטן לעבן פון דער שול. ווען איך פלעג אים באַזוכן, האָב איך געמוזט קודם כל אים אַלץ דערציילן וועגן די שול־ענינים. אָפט מאָל פלעג איך גיין אין שול אַרײַן ספּעציעל צוליב דעם. איין מאָל ס'איז געווען, דאַכט זיך, דער ערשטער טאָג פּסח, בין איך גלײַך פון דער שול פאַרפאָרן צו קיפּניסן און, איך געדענק שוין נישט ווי אַזוי איך האָב זיך פאַר אים אַרויסגעכאַפּט מיט מײַנעם אַן אינטימען סוד, אַז מער פון אַלע תפילות האָב איך ליב דעם שיר הכבוד. אין ישראל לייענט אַ קינד די דאָזיקע דערהויבענע תפילה בײַם עמוד און דער עולם ענטפערט אויפן קול אויף יעדן אָפּגעזונגענעם פסוק באַזונדער.. אין קיעוו איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן יענץ ייִנגל, וואָס זײַנע עלטערן זאָלן אים שיקן אין שול אַרײַן צום עמוד, דערפאַר אָבער זינגט דאָס דאָזיקע צוויבערדיקע לויב־געזאַנג אַ העלדישער אַלטיטשקער, וועלכער איז פאַר זײַן גבורה אין דער מלחמה קעגן די דײַטשע מערדער באַלוינט געוואָרן מיט אַלע דרײַ מדרגות פונעם אָרדען "סלאַוואַ", אַן אַלטיטשקער, וועלכער האָט אין באַבי יאַר פאַרלוירן זײַן פרוי און זײַנע דרײַ טעכטער. דערהערנדיק מײַן דערציילונג וועגן העלדישן חזן פון "אנעים זמירות" האָט זיך קיפּניס שטיל צעווײנט און געזאָגט:

איך האָב אויך שטאַרק־שטאַרק ליב דער שיר הכבוד, דאָס צויבערדיקע געזאַנג,

וואָס דערהויבט אונדזער גײַסטיקן מהות. לאָמיר עס טאַקע זינגען. איך וועל זײַן דער חזן און איר וועט זײַן דער ציבור, דער כאָר. ער האָט אויפגעעפנט דאָס סידורל, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט צו דער האַנט און מיט אַ האַרציקער שטימע האָט ער שטילערהייט פאַרצויגן: ״אנעים זמירות ושירים אארוג״. איך האָב געענטפערט במקום אַ גאַנצן כאָר. אונדזער זינגען האָט זיך געצויגן מער פון אַנדערטהאַלבן שעה. געהערט האָט אונדז נאָר בעבע.

(1962)

איציק קיפּניס
בײַם צינדן די חנוכּה־ליכטלעך
(1962)

אהרן קושניראָוו

❋

אַ בלויע, אויפֿגעפֿלאַמטע געגנט!
מיט שאַרף פֿון טרוים אויף וועלט פֿאַרשטרעקט,
אויף גרויען קנויל פֿון דײַנע וועגן
האָב איך געוויקלט מײַנע טעג.

און ווער וועט יענעם ווי צעווייען,
און וואָס קען שטילן מײַן געפֿיל
פֿאַר ווילדן זאָד פֿון דײַנע שנייען,
וואָס האָט מײַן מזרח-בלוט געקילט.

אויף העלן רוף פֿון דײַנע פֿאָנען
האָב איך מיט לײַב און האַרץ געוואָגט,
נאָר האָסט געצלמט מײַן עקשנות
מיט צאַרטע פֿינגער פֿון אַ האַק...

און ניט, אַז אויפֿגאַנג זאָל באַקרוינען
דײַן הימלזוים, האָב איך געלעכצט,
ווען ס'האָט מײַן ניט-באַשיצטע ווונונג
געפֿלעקט מיט שריפֿות דײַנע נעכט.

נאָר האַרץ איז וואַך צו ברויז פֿון הימנען,
נאָר יעדער וואָרט מיט לויב צעבליט;
פֿאַר מילדן קלאַנג פֿון דײַנע הימלען,
וואָס טריפֿט אין שטרענגקייט פֿון מײַן ליד.

1922

❋

ווינטן-רוצחים, ראַנגלט זיך, ראַנגלט
מיט געטרײַען ריגל אויף טויער,
און איך וועל אויף שנירל פֿון קלאַנגען
אויפֿהענגען איצטער מײַן אויער.

איך ווייס, קיין וואָרט און קיין נאָמען
וועל איך מער שוין ניט הערן אַצינדער . . .
אַ קול נאָר הערט זיך אין רמה,
רחל וויינט אויף אירע קינדער . . .

אָ, וויפֿל אָפּגעאַנגען מידע
זײַנען פֿון ווייטאָג צעגליט
אויף וועגן, וואָס פּאַקן שוין ווידער
מיט שפּורן פֿון אײַערע טריט.

פון בוך "הזכרה" — 1921

קולטור-כראָניק

צו דער ערשטער יאָרצײַט פֿון דוד ספֿאַרד ז"ל

איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער טרויער־אָוונט, איינגעאָרדנט דורך "צוותא ביידיש", דער ירושלימער קולטור־געזעלשאַפט און דער היגער שרייבער־גרופּע.

מיט אָפּשאַצונגען און זכרונות זענען אַרויסגעטראָטן די שרייבער **אפרים שעדלעצקי** (פאָרזיצער), **מאיר חריץ** און **אברהם ביק**. דעם דיכטערס שאַפונגען האָט פאָרגעלייענט **מיכאל בן אברהם.**

דוד ספּאַרד —

פון זיין ליד און וואָרט...

אַ שמועס מיט ווינטן

אין נעפּל פֿון בילדער און טרוימען
איך פֿלי אַלץ העכער און ווייַטער,
און אַרום מיר אומענדלעכע רוימען
און שטערן מיליאַסן ווי שייַטערס,
און אַרום מיר ליידיקע ערד און הימל,
און ווינטן פֿון אַלע פֿיר עקן
פֿון אייביקן דרימל מיך וועקן
און פֿרעגן:
וועלכע שוואַרציאָרן דיך טראָגן
אויף בלוטיקע וועגן,
אויף שטורמישע כוואַליעס פֿון ים —
צו וועמען? וווּהין?
ווייס איך נישט וואָס די ווינטן צו זאָגן
און ענטפֿער זיי סתם —
צום שומר פֿון באַגין...
לאַכן די ווינטן זייער גרויס געלעכטער: —
מיר קענען שוין אַלע פּאַראַנענע וועגן
נאָר קיין באַגין און קיין וועכטער
מיר האָבן אויף זיי נישט באַגעגנט.
אומעטום בלויז הפֿקרות און נאַכט
פֿון קיינעם באַלויכטן, פֿון קיינעם באַוואַכט.

⊛

צום טאָג פון מאָרד איבער די יידישע שרייבער אין ר. פ.

דער 12טער אויגוסט 1952 איז דער טאָג פון פינצטערן און בלוטיקן מאָרד איבער די יידישע שרייבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איבער דער יידישער קולטור און ליטעראַטור, איבער דעם יידישן אות.

אפילו אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, וואָס הערט נישט אויף אין יעדן דור און אויף יעדער ערד צו מונטערן און שטאַרקן זיך אַליין מיט בדמיך חיי — אין דייַן בלוט זאָלסטו לעבן — לאָזט זיך פאַרגלייַכן דער דאָזיקער ווילדער אויסברוך פון היטלערישער שנאה צום יידישן גייַסט, די דאָזיקע בעסטיאַלישע און זינלאָזע מאַסן — עקזעקוציע פון יידישע שעפער בלויז מיטן היטלערישן רוצחישן שגעון.

דער היטלערישער אופן פון פעלקער־מאָרד איז געווען אַזאַ, אַז קודם האָט מען אויסגעהרגעט די שעפערישע אינטעליגענץ, די קינסטלער און וויסנשאַפטלער, און דערנאָך זיך גענומען צום פאָלק.

נאָך היטלערן איז פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער אינטעליגענץ אין אייראָפּע פאַרבליבן בלויז טראַגישע רעשטן. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן סטאַלינען און בעריען צו גיין אין דעם זעלבן דרך.

די געגנוי פאַרטראַכטע און פון לאַנג שוין צוגעגרייטע ליקווידאַציע פון יידישן פאָלק האָבן זיי אָנגעהויבן פון מאָרדן זייַנע גייַסטיקע פירער, די יידישע פּאָעטן און פּראָזאַיִקער — האָפשטיין און מאַרקיש, קוויטקאָ און פעפער, בערגעלסאָן און דער נסתר, דאָברושין און נוסינאָוו און פיל אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַלטן אין מיט פון זייער גרויסן קדיש־זאָגן אויף דעם זעקס־מיליאָניקן קבר פון זייער פאָלק, אין מיט פון זייער טרייסטן די איינזאַמע און פאַריתומטע, די איינע פון שטעט און צוויי פון משפחה, אין מיט פון צוזאַמענקלייַבן די איינצלנע פונקען, וועלכע האָבן נאָך זשאַריעט אין די בערג פון אַש.

דער "פאָטער פון די פעלקער", וועלכער האָט געגנוי געוווּסט, ווי עס גייט צו דאָס געשפּענסטיקע אומברענגען די יידן אונטער דער ממשלה פון די נאַצישע חיות און וואָס האָט נישט בלויז געשוויגן, נאָר שטרענג פאַרווערט אין זייַן קעניגרייַך פון גערעכטיקייט אפילו מיט אַן אות וועגן דעם צו דערמאָנען, האָט איצט, נאָך דער מלחמה, מיט דער זעלבער אכזריותדיקער קאַלטקייט באַשלאָסן צו פאַרניכטן דעם רעשט פון יידישן פאָלק, וואָס איז על־פּי־נס פאַרבליבן און האָט די חוצפּה ווייַטער צו ווילן לעבן.

אין סטאַליניסטישן סיסטעם פון קאָמוניזם, וועלכער האָט זיך אויסגעפורעמט אין הוילער אַבסטראַקציע אָן שום פאַרבינדונג מיטן קאָנקרעטן לעבן און זיך פאַרווירקלעכט דורך רעפּרעסיעס גוואַלד־אַקטן האָבן קיין שום ווערטן אויסער

מאַכט נישט עקזיסטירט, און די גלײַכהײַט צווישן מענטשן און פעלקער האָט מען געזוכט צו דערגרייכן נישט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער אייגנאַרטיקייט פון יעדן יחיד און פון יעדן פאָלק צו דער מדרגה פון עטישער און געדאַנקלעכער פאָלקאָמענהײַט, וואָס זעט אַלע פאַרבינדן און פאַראייניקן, נאָר דורך דערפירן אַלעמען צו דער מדרגה פון נישט דענקענדיקע קריכערישע באַשעפענישן, וואָס זענען גלײַך צווישן זיך נאָר דערפאַר, ווײַל זיי האָבן זיך נישט מיט וואָס צו אונטערשיידן.

די יידישע שוצלאָזיקייט און דער סטאַלינישער אַנטיסעמיטיזם זענען געווען גענוגנדיקע סיבות, מען זאָל אַזאַ מענטשן — און פעלקער — אויסגלײַכונג אָנהייבן פון דער יידישער באַפעלקערונג; אויף וועלכער עקספּערימענטן פון מענטשן־דערנידערונג און מענטשן־פאַרניכטונג זענען שטענדיק און אומעטום געמאַכט געוואָרן אין דער ערשטער ריי.

און האָט אַלזאָ קודם־כל פאַרלאָשן דאָס ליכט פון שעפערישן יידישן געדאַנק, דערשטיקט דאָס וואָכע צאַפּלענדיקע האַרץ, כדי דערנאָך שוין אין דער אומהיימלעכער פינצטערניש און שטילקייט פירן דאָס פאָלק אין גן־עדן פון גלײַכהײַט.

אַזוי אַרום איז דער מאָרד פון די יידישע שרײַבער געווען אַ פועל־יוצא פון אַלגעמיינעם סטאַלינישן סיסטעם, וועלכער האָט פון דער ערשטער מינוט פון זײַן אַנטשטיין געבויט זײַן סאָציאַלן פּראָגראַם אויף אומצאָליקע אומשולדיקע מענטשלעכע קרבנות, און זײַן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם אין דער ערשטער פּאַזע ווי אַן עקספּערימענט אויף דער "דיאַלעקטישער" ליקווידאַציע פון יידישן פאָלק, דיאַלעקטישער אין זין פון שטופּענווײַזע עטאַפּן, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט מיט קוואַליטאַטיווע גוואַלד־איבערשפּרונגען פון אַרעסטן און עקזעקוציעס.

אָבער די טראַגישע דאַטע פון 12טן אויגוסט 1952 איז געווען נישט בלויז אַ פועל־יוצא, נאָר אויך אַ פּראָלאָג צו אַ נײַער בלוטיק־פאַרטראַכטער טראַגעדיע פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון ראַטנפאַרבאַנד, און אפשר נישט בלויז פון ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע איז נישט צושטאַנד געקומען נאָר אַ דאַנק דער פּלוצלימדי־קער אַפּאָפּלעקציע פון הויפּט־אַקטיאָר.

די יידישע שרײַבער זענען אומגעקומען ווי די ערשטע קרבנות פאַר זייער צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט צום פאָלק, פאַר זייערע לויטערע און טיף איבערגע־לעבטע שאַפונגען פון פּײַן און פון טרייסט, פאַר זייער באַזיניקן דעם צערפּולן וועג פון פאָלק און שמידן ווײַטער די גאָלדענע קייט, פאַר זייער יידישקייט, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון אַלע פאַרשטעלענישן און דורך אַלע שלייערן, פאַר זייער טרײַ בלײַבן די עטישע ווערטן פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, פאַר זייער פּרײַזן דעם מענטש — פאַר דעם אַלעם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס וועזנטלעכע פון מענטשלעכן זײַן, זענען זיי אומגעקומען אויף קידוש־השם.

א. וועלערניצקי

פון עזבון

❋

די שונאים אַרום און אַרום . . .
וואָלט געוועזן כאָטש
מיט וועמען זיך קריגן,
וואָלט איך אויפֿגעפֿראַלט —
יונג כ׳וואָלט געוואָרן,
גרייט צום שלאַכט
דער אמת זאָל זיגן.
אָבער זע נאָר,
טו קאָרשט אַ קוק,
מיט וועמען דאָ רעדן
צו וועמען דאָ טענהן ?

❋

אַ ווי גוט איז, ווען דער מענטש
איז מיטן האַרצן זײַנעם ניט צעקריגט !
און וווּנדערלעך-שיין
איז דאָס האַרץ,
ווען עס זינגט . . .

און איך —
איך וואָלט קוקן אַלץ און קוקן
אויף דער זײַט דער שיינער —
אויף דער שיינער זײַט פֿון מענטשלעכן האַרץ.

וויפֿל וועסט נאָך שלאָגן האַרץ מײַנס,
שלאָג פֿאַר דעם
מײַן אויג זאָל פֿרײַ זײַן, פֿאַר דער פֿרײַהײַט פֿון געוויסן.

❋

ברידער טײַערע, וואָס איר שטרעקט דאָס לעבן אײַערס
פֿאַר מענטשן-רעכט,
פֿאַרן רעכט פֿון אונדזער פֿאָלק,

ווי איר זאָלט ניט זײַן
זאָל זיך הויבן די ברכה איבער אײַער קאָפּ.
די שטרײַטן אײַערע
זאָלן געקרוינט זײַן
מיט דערפֿאָלג.

❋

היי, דו מענטש פֿון שכן-פֿאָלק!
דו ווייסט ניט וואָס הייסט צער,
צער הייסט, ווען פֿאָטער און זון, פֿרוי און קינד
זײַנען אומגעקומען פֿון מערדער
און מע ווייסט ניט ווו זייער געביין איז.
גרויסער צער איז וואָס די גרעסטע שעפֿער פֿון פֿאָלק
האָט מען אומגעבראַכט,
און עס באַקומט זיך אַזוי,
אַז מען טאָר עס ניט דערמאָנען,
מע טאָר זייער אָנדענק ניט אָפּמערקן.
גרויסער, אומבאַשרײַבלעכער צער איז
ווען דו קענסט ניט אויסדריקן
ניט דײַן ווײ, און ניט דײַן פֿרייד
אויף דער שפּראַך פֿון דײַן טאַטן און דײַן מאַמען,
אויף דער שפּראַך פֿון דײַן האַרצן . . .

היי, דו מענטש פֿון שכן-פֿאָלק!
דו ווייסט ניט, וואָס הייסט גרויסער צער,
דאָס ווייסן מיר — קינדער פֿון מײַן פֿאָלק.

❋

אין האַרצן
בײַ אונדז
בײַ אַלע.
ברענט אַן אַנדער מין פֿײַער . . .
מיר זענען
פֿון אַן אַנדער מין קייט גאָר אַ רינג . . .

אָט שטענדיק אַזוי
ווי איך שטיי,
אָט אַזוי אין מיטן דערינען,

הייבט אָן שטיל בלאָנקען
בײַ מיר אינעם האַרצן
בײַ מיר אינעם זינען . . .

כ׳וואָלט אין אויער
דער וועלט
ווי אַ בער
זיך צעברומט
און אַ רעווע געטאָן :
"אוי יענע לאַנד דאַרף זײַן שיין !"
"אוי יענע לאַנד דאַרף פֿאַרמאָגן
אַ שפּע מיט שײַן !"
און מיר שײַנט אַלץ
און שײַנט —
איך זאָל דאָס אויג טאָן אַ ריס . . .
כ׳וואָלט דערזען דיך, מײַן לאַנד —
אַ לאַנד,
אַ ליכטיקער ריז.

אברהם וועלעדניצקי
1959—1894

ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן (ניו-יאָרק)

דוד בערגעלסאָן

בערגעלסאָנישע סטרוקטור:
געשניצטע מאַריאָנעטן,
אויסגעשטעלט פיגור נאָך פיגור,
יעדע מיט זייערע עפּיטעטן;
גייען און גייען און קומען נישט אָן,
ווי זיי וואָלטן "שוין" אויף שטענדיק
פאַרשפּעטיקט
די באַן
אַרום וואָקזאַל.
אויך מירעלע
אין איר זוכן און פרעגן
איז פון "פּוסטקייט" אויסגעגאַן
ערגעץ אין די נעפּלען פון אַ וואַגאָן.
אָ, בערגעלסאָן,
פון דיין פאַרפאַלענעם
נאָך אַלעמען
ביסטו אַ זוכנדיקער אַרויס
און אַ גלויביקער אַריין
אין אַ פּאָטעמקיניש הויז.
דו גרויסער פּלאַנירער,
ס'האָט דיך פאַרפירט
דער אויסגעווירעטער גאַנג
צו די פאַרמישפּטע
פון אַ פינצטערן אָפּגאַנג.
טייוולאָניש גענאַרט האָט מען דיין דין.
צו שפּעט האָסטו דערזען
דאָס אמתע פּנים פון
מדת הדין.

וועגן משה שולשטיין ז״ל

אין איינעם אַ בריוו פון פּאַריז, וואָס דוד ספּאַרד ע״ה האָט מיר געשריבן, דאַכט זיך גאָר נישט לאַנג, דערציילט ער ווי שווער געטראָפן ער איז, ווי איבערפולט מיט ווייטיק און צער ער איז פון פּלוצעמדיקן טויט פון זײַן נאָענטן פרײַנד און קאָלעגע דעם פּרוכטבאַרן יידישן שרײַבער בנימין שלעווין ז״ל.

כ׳שטעל מיך פאָר ווי משה שולשטיין איז שטערבלעך פאַרווונדעט געוואָרן פון דער שרעקלעכער ידיעה, אַז אויך אונדזער דוד ספּאַרד איז אַוועק אין דער אייביקייט.

פּאָר איין יאָר איז פינצטערער געוואָרן אונדזער הימל. דרײַ שיינע גרויסע שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן איינס נאָכס אַנדערע, זיי זענען געווען ווי דרײַ געטרײַע ברידער, וואָס אויסער דער אייגענער ליכט האָבן זיי אויך געלעבט מיט דער אָפּשײַן וואָס איינער האָט געוואָרפן אויפן צווייטן. דרײַ ברידער פון איין דור, פון איין שטאַם, פון איינע און די זעלבע אידעאַלן, אַנטוישונגען און ווידער-געבורטן...

משה שולשטיין איז, דאַכט זיך, געווען דער יינגסטער צווישן די דרײַ... ס׳איז אַוועק פון אונדז און פאַריתומט די יידישע ליטעראַטור אַ גרויספּאַרנעמיקער דיכטער, אַ יידישער דיכטער פון גאָטס גענאָד.

אָנהייבנדיק פון די ערשטע צוויי לידער־זאַמלונגען ״ברויט און בלײַ״, (לובלין 1929) און ״דאָס פּײַפל אין די בערג״ (וואַרשע, 1936), ווו ער דערשײַנט פאַרן לייענער, דעמלט, — האָט מען געמעגט זאָגן, — פאַרן מאַסן־לייענער, ווי דער טרובאַדור פון דער, אַזוי צו זאָגן, פּראָלעטאַרישער ריכטונג אין דער יידיש־פּוילישער פּאָעזיע, לידער אין וועלכע ס׳פלעכטן זיך צו מאָל איבער מער אָדער ווייניקער פּרוכטבאַרע, השפּעות פון דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג, ווי אויך פון מאַיאַקאָווסקי און בראָניעווסקי. אָנהייבנדיק מיט די דאָזיקע צוויי ביכער האָט שולשטיין פאַרעפנטלעכט נאָך 15 בענדער פּאָעזיע, רײַזע־פאַרצייכענונגען, עסייען — אַ גאַנץ פאַרמעגן! 17 ביכער. און מיט יעדער בוך, דורך שווערע פיינלעכע ראַנגלעבישן מיטן אָרום און מיט זיך אויפן וועג צו זיך — אַ נײַער דינאַמישער אויפשטײַג, אַ נײַע קוואַליטעט, אַ נײַע רײַפקײַט, אַ נײַע פּשטות און אַ נײַער חידוש.

די שואה — דער מאַסן־מאָרד פון פּוילישן יידנטום און עטוואָס שפּעטער די פולשטענדיקע קאַטאַסטראָפע פון די רעוואָלוציאָנערע יוגנט־אידעאַלן האָבן אויס־געוויטיקט און אויסגעלײַטערט זײַן טיף־פּאָעטיש וואָרט. דער טראַגישער צאָרן־וועג

פון שולשטיינען, וואָלט אפשר געקלעקט פאַר אַ גאַנצער טשאַטע אַנדערע פאָעטן זיי זאָלן אַנטשוויגן ווערן פאַר שרעק פון דורכגעלעבטן קאָשמאַר. נישט אַזוי בײַ אונדז, נישט אַזוי בײַ שולשטיינען מיט זײַן עקשנותדיקן גאַנג פון זיך צו זיך, צום אייגענעם שטאָם צו זײַן אייגענער מאַמע. יאָ צו דער אייגענער יידישער מאַמען האָט מען אויך געמוזט דורכמאַכן אַ בלוטיקן מהלך. ווי באַוווסט איז בײַם דיכטער דאָס מאַמע־געשטאַלט איינע פון די סאַמע שענסטע און הערלעכסטע געשטאַלטן וועלכע באַגלייטן שולשטיינען דורך אַלע עטאַפּן פון זײַן פּאָעטישער יצירה. אָבער סאַראַ שרעקלעכער תהום ס'ליגט צווישן זײַנע יוגנטלעכע לידער וועגן דער מאַמען, וואָס שטייט גאָר געבויגן בײַם יום כיפּורדיקן מחזור און הערט נישט אויף צו קלאָגן אין די אויסגעווייקטע בלעטער און וויל נישט פאַרשטיין אפילו זײַנע רייד; דער מאַמען וועגן וועמען ער זאָגט: "קוק איך ווען אויף דיר / און ס'טוט מיר אַזוי באַנג / און אין האַרץ מײַנס פּיקט אַזוי און וואָרקעט: אוי פאַר וואָס ביסטו נישט קיין מאַמע אָט אַזאַ / ווי עס לייענט זיך דאָרט בײַ מאַקסים גאָרקי" — ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג פון אָט דער נאַיִווער קינדערישקייט, ביז צו דעם רײַפן ממש רעמבראַנד־טישער מוטער־געשטאַלט, וואָס דער דיכטער האָט אויסגעווייטיקט אין זײַן פּרעכטיקן לידער־ציקל "דער מאַמעס ניגון" פון בוך "דער מאָרגנשטערן אין מײַן פענצטער" פון די לידער אין בוך "דער אָרעם פון ליבשאַפט": "די מאַמע בײַ דער באַליע וועש" "די מאַמע באַקט ברויט" און אַזוי אומעטום — פון זײַנע אַמאָליקע סטראָפן וועגן "נײַעם קאַלענדאַר" ווו ער וויצלט זיך, אמת אַ ביסל ליריִשער און נישט אַזוי שקאָציש, ווי בײַ איציק פעפערן, איבערן פּאָרטרעט פונעם חפץ חיים אויפן קאַלענדאַר — ביז צו אַזאַ שעדעווער ווי "פּרײַטיק פאַרנאַכט אין תל־אביב" — אַ שטייגער־בילד פול מיט צעשמייכלטקייט, פלאַטערניש און, כ'וואָלט אפילו געזאָגט, מיט רעליגיעזן פּאַטאָס...

פון זײַנע אַמאָליקע לידער וואָס קלימפּערן מיט רעוואָלוציאָנער כלי זין, מיט שטרײַקן, פּראָקלאַמאַציעס און קלאַסנקאַמף ווי למשל צו אַזאַ שטילער תפילה באַהיט מיך גאָט, פון זײַן געגאַרט / און, מער נאָך מער פון דעם / אַז איך זאָל אַנדערע געגאַרן / באַהיט מיך גאָט / פון זײַן באַשטראָפט / און מער נאָך מער פאַר דעם / אַז איך זאָל אַנדערע באַשטראָפן / באַהיט מיך גאָט. / באַהיט מיך גאָט פון זײַן פאַרשפּאַרט / און מער נאָך מער פאַר דעם / אַז איך זאָל אַנדערע פאַרשפּאַרן / באַהיט מיך גאָט. / באַהיט מיך גאָט פון זײַן פאַרשעמט / און מער נאָך מער פאַרדעם, / אַז איך זאָל אַנדערע פאַרשעמען / באַהיט מיך גאָט.

ס'איז שווער צו פאַרגעסן זײַנע לידער וואָס לײַכטן זיך מיט אַזוי פיל ליבשאַפט צו מדינת ישראל און צום פאָלק ישראל, צו ירושלים, צו זײַן "האַפן פון האָפן" ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

משה שולשטיין איז געווען אַן אַלזײַטיקער און פילדײַטיקער דיכטער. וועגן דעם רעדן פאַר זיך אַליין זײַנע לידער, פּאָעמען, סאָנעטן, משלים, איבערדיכטונגען פון אַנדערע לשונות זײַנע פײַן־געשניצטע ליטעראַרישע עסייען פון בוך "געשטאַלטן פאַר מײַנע אויגן". די ווייטיקלעכע נאָסטאַלגיע, מיט וועלכער ער מאָלט די פּאָרטרע־

טן־גאַלעריע פון טלאַמאַצקי 13 און באַזונדערס די יידישע שרײַבער־קרבנות פון סאָוועטישן רעזשים אין בוך "בלומען פון באַדויער", דאָרט זינגט ער :

ווי די זיידעס פלעגן זאָגן תהילים שטילערהייט
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק אַ קאַפּיטל כאַריק
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק, אַ קאַפּיטל כאַריק
ס'הערט זיך בלויז דאָס בלאַט־געמיש און ליפּ־געפּליסטער
בײַ דעם שמעלצנדיקן חלב אינעם לײַכטער־דנאָ
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל האָפשטיין, אַ קאַפּיטל נסתר...

ספר בײַ אַ ספר איז באַהעפט געדיכט
שאָטן בײַ אַ שאָטן וויקלען אײַן דאָס צימער,
פון די בלעטער צו דער טונקלעניש גייט אויף אַ ליכט
פאַלן זאָל אויף אונדז מיט חסד זייער שימער.

פאַלן זאָל אויף אונדז מיט חסד אויך דער שימער פון שולשטיינס פּאָעטישער שיינקייט און שײַן, ווילט זיך מיר פאַרענדיקן מײַן קורצן צער־פולן הספד.

יוסף קערלער

צו דער 30סטער יאָרצײַט פון די פאַרשניטענע שרײַבערס

האָבן זיך ווי תמיד צונויפגענומען ביי זייער אָנדענק־ברעט אין ירושלים די משפחה־מיטגלי־דער פון די דערמאָרדעטע, אויך שרייבער, קינסטלער און ליבהאָבער פון יידישן וואָרט. מיט קורצע ווערטער זענען אַרויסגעטראָטן יוסף קערלער און דוד גאַרבער פון דער רוסלענדישער בני־ברית לאָזשע. לידער פון פרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ איזי כאַריק, משה קולבאַק, אהרן קושניראָוו, שמואל האַלקין, איציק פעפער, זעליק אַקסעלראָד, האָבן רעציטירט די קינסטלערין נחמה ליפשיץ און די דיכטער רחל בוימוואָל, מאיר חריץ, חיים מאַלטינסקי און יוסף קערלער. דער רוסיש־יידישער שרייבער אברהם בעלאָוו האָט געזאָגט קדיש.

משה שולשטיין ז״ל

אין שיין פון קדושים

בײַ דער שײַן פֿון טונקעלען געדעמפּטן ליכט
לאָמיר זיצן אַרום טיש און שווײַגן ווי אבלים,
שולטער בײַ אַ שולטער אײַנגעפּרעסט, געדיכט.
לאָמיר בלויז פֿון צײַט צו צײַט פֿון זיי דערציילן.

ס׳לייגט זיך איבער אונדז די עצבות ווי אַן אוהל-דאַך,
ס׳וועט זי נאָך די מאָרגן-שײַן אויף אונדז געפֿינען.
לאָמיר זיי דערמאָנען צום באַדויער און צום שבח
ביז עס וועט אין שויב שאַריען אויף באַגינען.

אפֿשר גאָר באַדאַרף מען נישט קיין שבחים און קיין רייד.
ווען די קעפּ ווי אַש-באַשיטע זענען פֿינצטער-כמאַריק.
ווי די ייִדעס פֿלעגן זאָגן תהילים שטילערהייט,
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק, אַ קאַפּיטל כאַריק.

אײַנגעשלאָסן אין-זיך און מיט אַלעמען באַנאַנד,
ווי אַ רינג אין רינג — אַן אָרעם אין אַן אָרעם.
וואָס איז אונדז געבליבן נאָך בײַם סאַמע ראַנד
ווי צי בלעטערן אין זייערע פֿאַרשעמטע ספֿרים.

לאָמיר לייענען מיט כוונה. הייליק איז די שעה.
ס׳הערט זיך בלויז דאָס בלאַט-געמיש און ליפּ-געפּליסטער,
בײַ דעם שמעלצנדיקן חלב אינעם לײַכטער-דנאָ
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל האָפּשטיין, אַ קאַפּיטל נסתר.

ספֿר בײַ אַ ספֿר אין באַהעפֿט, געדיכט,
שאָטן בײַ אַ שאָטן וויקלען אײַן דאָס צימער,
פֿון די בלעטער צו דער טונקלעניש גייט אויף אַ ליכט, —
פֿאַלן זאָל אויף אונדז מיט חסד זייער שימער.

דאָס לעצטע ליד פון פּרץ מאַרקיש

גיס-זשע אָן! — האָט ער צו אונדז דעם כוס געשטרעקט
פון נישט-געזעענעם, פאַרשטעלטן קבר-ראַנד,
וואָס ער האָט אים אין זײַנע נעכט שוין פאַרגעאַנט,
ווי ס'אַנט די יעגער-ביקס דער הירש אין וואַלד פאַרשטעקט.

גיס-זשע אָן! — און אין זײַן בעכער האָט דער קאַט
אים אַנגעגאָסן סם — מיט ברייטער האַנט —
אין קווערטל — צוגעקייטלט צו דער טורמע-וואַנט —
ער זאָל אים טרינקען אין זײַן צעלע, ווי סאָקראַט.

גיס-זשע אָן! — אין כוס דער טויט זײַן כוס שלאָגט אָן
און קלאַפּט, ווי ס'קלאַפּט די שרעק בײַם מענטש אַ צאָן אין צאָן.
ס'שלאָגט אויס דער לעצטער קלאַנג פון לעצטן ליד.

צעבראָכן, אַ פאַרשעמטער ליגט דעם דיכטערס כוס
און ס'בלוטיקן די שפּליטער-שטיקלעך פון זײַן גלאָז,
געטראָפן אין מײַן האַרץ, אין מײַן געמיט.

דב סדן — אַ בן שמונים

אונדזער ליבן מורה דרך — די האַרציקסטע ברכות,
עד מאה ועשרים!



פּראָפעסאָר דב סדן — סקולפּטאָר מיכאל מילבערגער

דב סדן

הרוגי מלכות

א

די גרויסע קשיא, וואָס עס האָט געפרעגט יחזקאל, דער נביא־הגולה: התחיינה העצמות האלה; טייטש: וועלן די דאָזיקע ביינער לעבן — האָבן געפרעגט דאָס אַ סך יידן, נאָכן גרעסטן פורעניות, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק, מיט דער שחיטה, וואָס האָט אָפּגעמעקט דאָס בית־ישראל פונעם אַנצליט פון יבשת אייראָפּע. אַן ענלעך גרויסע קשיא האָט געפרעגט יצחק טאָבענקין, אַנווענדנדיק דעם משל פון אַ מענטשנס גוף, וואָס אויב עס איז אָפּגעבערענט געוואָרן נישט בלויז ס'רוב פלייש זייַנס, נאָר אויך ס'רוב הויט זייַנע, איז אַ ספק, צי ער קען נאָך האָבן אַ באַשטאַנד. אמת, די תשובה, וואָס עס האָבן געגעבן די אַלע פרעגערס, און אויך טאָבענקין צווישן זיי, איז געווען ווי די תשובה פונעם נביא. אָבער פונקט ווי עס האָט זיך געפאָדערט פונעם איבעריקן פאָלק אַן איבערמענטשלעכער כוח צו טראָגן דעם חורבן, אַזוי האָט זיך פון אים געפאָדערט אַן איבערמענטשלעכער כוח זייַן לעבן ווייַטער צו פירן; און עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דאָס פאָלק איז דערשיטערט געוואָרן, פון עק ביז עק, און דער דערשיטער איז טאָקע די שטאַרקסטע ראיה פאַר זייַן קראַפט און וויטאַליטעט.

לאָמיר זיך נאָר אומקערן צו יענע טעג: גלות אייראָפּע איז געווען פאַרברענט צו אַש; גלות רוסלאַנד, וואָס דער גורל פון איר גרויסן טייל איז אויך געווען אַזוי, האָט געשטעקט אין די דיבעס, וואָס האָבן זי אָפּגעשניטן פון היסטאָרישן און אַקטועלן קרייַז פון יידישן פאָלק; גלות אַמעריקע האָט זיך אַליין געפרעסן, פאַרוואָס זי האָט נישט צו דער צייַט פאַרשטאַנען די סימנים פון אומקום, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער גורל פון פאָלק און פון זייַן געשיכטע הויערט אויפן ווינציקן יישוב אין אונדזער לאַנד, וואָס פירט אַ מלחמה פון פאָרנט און פון הינטן קעגן דער אָפּנאַרערייַ פון פאַררעטערישן אַלביאָן און קעגן דער שנאה פון ישמעאל, און ווי אַ מאַמע, וואָס נעמט צונויף די קינדער אין איר שויס, אַזוי האָט דער יישוב אייַנגעזאַמלט, אַקעגן די מייַלער פון בריטישן כלי זין, אונדזער שארית הפליטה, און דער יישוב, וואָס אין זייַן האַרצן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ פון גאַנצן פאָלק אונדזערן, האָט געצאַפּלט, מחמת דערוואַרט און מחמת שרעק, צי וועט די פעלקער־משפּחה האָבן דעם כוח פון פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטווענדיקייט פון אונדזער אויפקום, און צי וועט זי אויפבערענגען, סייַ לשמה און סייַ נישט־לשמה, דעם כוח פון הסכמה דערצו. און אַז דאָס האָט צוגעטראָפן, איז גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס

דאָס פאָלק האָט אויפגעציטערט, פון עק ביז עק. און טאַקע דער אויפציטער איז די שטאַרקסטע ראיה פאַר זײַן קראַפט און וויטאַליטעט.

אויב מען קען זיך וווּנדערן, איז עס דעריבער, וואָס דאָס פאָלק אונדזערס האָט אויסגעהאַלטן די טאָפּעלע סתירה פון זײַן גורל, אַז עס האָט אויסגעהאַלטן דעם טאָפּלטן דערשיטער, און די נשמה איז אים נישט אויסגעגאַנגען, סײַ מחמת זײַן קלאָג, סײַ מחמת זײַן טרייסט. אָבער דאָס איז אַ שאלה, וואָס האָט אַ גאַר־אַלטע תשובה: ווי אַזוי האָט דאָס פאָלק, אין אַלע דורות זײַנע, מקיים געווען די צוויי נאָענטע שבתים — זײַן אַליין־שטראָף און טרויער אום שבת־חזון, און זײַן אויפוועק אום שבת־נחמו, און ווי אַזוי עס האָט די צוויי שבתים אונטערגעשפּאַרט מיטן כוח פון די זיבן הפטרות. שבעה בנחמתא; גלײַך דאָס פאָלק וואָלט זיך, במשך דורות, געגרייט צו דער ענגער שכנות פון דעם טאָפּעלעם, שרעקלעכן און שטאַרקן איבער־לעבעניש, וואָס האָט געטראָפן אונדזער דור.

און דער טאָפּעלער שוידער האָט פאַרשאַרפט, אין גאַנצן פאָלק, און צומייסט אין זײַן הארצן, זײַן לאַנד, אַ געשפּאַנטע פילעוודיקייט לגבי דעם גורל פון די פאָלק־טיילן, וואָס זענען צעוואָרפן אין גלות, סײַ גלות אדום, סײַ גלות ישמעאל, סײַ זײַנע קייטן זענען, ווי עס איז לרוב, פון אײַזן, סײַ זײַנע קייטן, ווי עס איז צו מאָל, זענען פון גאָלד, און אַ יעדע צרה פון פּײַן און רדיפה, וואָס קומט אויף אַ יישוב, איז אַ צרה פון גאַנצן פאָלק, און אַ דאגה פון גאַנצן פאָלק זי אָפּצוּווענדן.

און אָם גרעסטן איז די דאגה פון זײַן הארצן, זײַן לאַנד, וואָס פאַרבײַט דעם קרעכץ אין אַ הילך — אויסצורײַסן די וואָרצלען פון אַ יעדער צרה, אַז די גערודפטע און געדריקטע זאָלן זיך איבערראַטעווען אין זייער אַלט־יונג פאָטערלאַנד אַרײַן. דער וווּקס פון דער פילעוודיקייט איז גורם, אַז דער גורל פון גלות רוסלאַנד דערוועקט דאָס הארץ פון פאָלק, און עס איז קיין תמיהה נישט, אויב דער מאָרד פון די בעסטע יידישע שרײַבער האָט אויפגערודערט דאָס פאָלק, כמעט פון עק ביז עק. דאָס וואָרט כמעט, וואָס מיר האָבן אַרײַנגעפלאָכטן, איז מרמז אויף דער אָדער יענער גרופּע, וואָס זייער בלינד נאָכשלעפּן זיך נאָך דעם אכזריותדיקן רעזשים און זײַן שליט, האָט עס אַזוי ווײַט געבראַכט, אַז ביז וואַנען זײַן יורש האָט נישט פרײַ געלאָזט די צונג, האָבן זיי אַלע אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער, און ווײַל זיי האָבן דערווײַל כמעט אַלע תשובה געטאָן, אַ טייל אויפן נוסח פון פּסוק וועגן יענער, וואָס האָט געגעסן און אָפּגעווישט איר מויל און געזאָגט: איך האָב קיין עוולה נישט געטאָן, און אַ טייל דרך חרטה ממש. זאָל זיך די מידת־הרחמים דערבאַרעמען אויף זייער מענטשלעכער אומגעלומפּערטקייט און זייער יידישער טעמפּקייט, וואָס האָבן זיי יאָרנלאַנג באַהערשט, און האָבן — ווי חיים גורי האָט געזאָגט — אויך אַרײַנגעקלאַפּט אַ טשוואַק אין ארון פון די דערמאָרדעטע.

יאָ, דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען אויפגערודערט פון די מעשי־רציחה, און בעיקר קען דערויף מעיד זײַן ווער עס האָט, ווי איך, געזאַמלט בלאַט צו בלאַט די ווערטער פון ווייטיק און פון כעס, ווערטער פון הספד און זכרון, וואָס זענען געשריבן און גערעדט געוואָרן. און עס איז אַן ענין אויף נאָכצוקלערן: לעולם איז

דאָ, פֿון כּלל־קוק, אין דעם פֿאַרגוואַלדיקטן משפּט־כּביכול נישט געווען קיין שום חידוש — די שווערד פֿון אַכזריותדיקער דיקטאַטור האָט שוין אַזוינס און אַזעלכעס פֿאַרצוקט, ווען די רעוואָלוציע האָט דערפֿולט די אויפֿגאַבן פֿון קראָנאָס, וואָס פֿרעסט זײַנע אייגענע קינדער. און אויך פֿונעם באַזונדערן יידישן קוק איז דאָ נישט געווען קיין חידוש — מען האָט שוין פֿריער געקעפּט יידישע שרײַבער און יידישע עסקנים, כאָטש זיי זענען געווען געטרײַ אַלע זיגזאַגן פֿון די גענעראַל־ליניעס, און אויב עס איז געווען עפּעס אַ שינוי, איז עס בלויז דאָס, וואָס קודם האָט זיך דער פֿאַלשער בית־הדין באַנוצט מיט אַן אינסטיטוציע, וואָס הייסט הוי, און שפּעטער האָט מען זיך באַנוצט מיט אַן אַנדער אינסטיטוציע, וואָס הייסט פּוי, און דער צד השווה צווישן איין אַפּאַראַט און דעם אַנדערן אַפּאַראַט, אַז דער גזר־דין איז שוין געווען באַשטימט פֿון פֿריער, און די עצם פּראָצעדור איז נישט מער ווי אַ טראַגישע קאָמעדיע.

ב

פֿון דעסט־וועגן איז געווען אַ טיפֿע סיבה דערבײַ, וואָס דאָס פֿאָלק איז דאָ באַזונדערס אויפֿגעשוידערט געוואָרן, ווײַל עס האָט געזען און גאָר ערנצט געזען אַ שרעקלעכן צייכן אין דער קאָלעקטיווער רציחה פֿון די יידישע שרײַבערס, וואָס הינטער איר האָט געלאָקערט אַ נאָך גרעסערע רציחה פֿון די יידישע דאָקטוירים, וואָס איז אָבער נישט פֿירגעקומען, מחמת דער מיתה משונה פֿון דעם אַרצי־רשע, וואָס האָט אפשר פֿאַרמיטן אַ צווייטע יידן־שחיטה אין גלות־אייראָפּע. אמת, דער אָפּשרעק־צייכן איז נישט געווען קיין חידוש גמור — די ליקווידאַציע פֿון דער אײַנגעקוועטשטער און אײַנגעשרומפּענער יידישער קולטור, אין דער פֿאָרעם פֿון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, האָט שוין געהאַט עטלעכע פֿריערדיקע סטאַצ־יעס, אָבער אַנדערש זענען געווען די מיטל־סטאַציעס — דאָס פֿאַרמאַכן פֿון צײַטונג־און־שולאַנשטאַלטן, און אַנדערש די סוף־סטאַציע. דען זי, די סוף־סטאַציע, האָט אויפֿגעדעקט די סטאַציעס פֿאַר איר — צוערשט, די ליקווידאַציע פֿון דת־ישראל, וואָס אין איר שטעקן די וואָרצלען פֿון דער אומה און אירע קניינים; די ווײַטערע סטאַציע — די ליקווידאַציע פֿון דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור, דעם אוצר פֿון געדאַנק און ליד פֿון דער אומה, דעם קוואַל פֿון עבר און דער הבטחה פֿון עתיד, און ביידע ליקווידאַציעס זענען געגאַנגען מיט דער הילף פֿון בני אברהם יצחק און יעקב, וואָס זענען געווען געטרײַ דעם רעזשים, זײַנע געגנג און דריידלעך, קלאָמערנדיק זיך, ווי אַ הנחה און מסקנה, צום פּוסטן גלויבן אין דער מעגלעכקייט פֿון אַן אָפּגעשלאָסן סאָוועטיש־יידיש פֿאָלק, וואָס האָט נישט קיין רעכטן פֿאַרבונד מיטן איבעריקן פֿאָלק, און האָט נישט קיין שייכות צום חלום פֿון אַלע דורות, דעם אומקער קיין ציון, וואָס איז, פֿאַרשטייט זיך, דאָ אַרונטער אונטער אַן אַבסאָלוטן חרם. אונדזערע ברידער, סײַ אין רוסלאַנד סײַ מחוץ איר, וואָס האָבן דערצו פֿאַרהאַלפֿן, האָבן געהאַט פֿאַרבלענדעטע אויגן און אַ פֿאַרדומפּן האַרץ, און מחמת דעם האָבן זיי נישט פֿאַרשטאַנען, אָדער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי האָבן נישט

פֿאַרשטאַנען, אַז זייער מאַקאַברישע הילף מיינט אַן אַרויסרייַס פֿון די וואָרצלען פֿון אַ יעדער קולטור, וואָס רעדט זיך איַין צו זיַין, אפילו גאַר מינימאַל, אַ קולטור פֿון יידן. אַנדערש געזאָגט: זיי האָבן גישט פּירויסגעזען, אַז אַרייַנלאַזנדיק זיך אין דער דאָזיקער אַוואַנטורע, האָבן זיי אויפֿגעשטעלט אַ פֿאַסטקע פֿאַר זיך אַליין, וואָס האָט פֿאַרמינערט זייער אייגענעם כוח און אים קאַסטרירט, און די דאָזיקע זינד זייערע האָט דערלייַכטערט דעם פֿאַרברעך פֿון די פֿייַנד פֿון זייער אייגנקייט, ווי זי האָט זיך דערהאַלטן אין דער יידישער שפּראַך, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען גליקלעך צו זיַין אָפּגעריסן פֿון אירע וואָרצלען אין דת־ישראל און אין לשון עברי. און אויף וויפֿל אַזעלכע לייַכט־גלויביקע און פֿאַכאָפּנע אילוזיאָניסטן פּרוּוון זי, די יידישע שפּראַך, צו דערהאַלטן אַן זיי, ווערט זי לסוף ווי יענער בוים, וואָס ווערט אויסגעריסן פֿון שורש און בלייַבט הענגען אין דער לופֿטן — תחילת העלפֿן נאָך דער יידישער שפּראַך, די זאַפֿטן און אינגעווייד פֿונעם בוים, אָבער שפּעטער פֿאַרטריקענען זיי אַלץ מער און מער, ביז זיי פֿאַרשווינדן.

ג

אָבער אַזוי לאַנג ווי דאָס יידיש־לשון לעבט און פּערמענטירט, איז עס מסוגל אויפֿצופֿלאַקערן, בעיקר ווען זי קערט זיך אום צו אירע באַהעפֿטן, צו די וואָרצלס־וואָרצלען פֿון דער יידישער געשיכטע און דער יידישער קולטור. דוכט זיך אַז דער חשש פֿאַר אַזאַ אויפֿפֿלאַקער, וואָס איז געווען פּירויסצוזען, לויט דער גרויסער התלהבות, וואָס האָט אַרומגענומען די יידן אין גלות, מיטן אויפֿקום פֿון מדינת ישראל, האָט געשטערט די, וואָס ווילן אונטערגראָבן אונדזער אייגנקייט, און אַן עדות פֿון דער וויסטער כוונה פֿון די אונטערגראָבערס, איז טאַקע יענער שפּלער משפּט און יענע שפּלע רציחה.

אָבער באמת האָבן זיי זייער שפּל־כוונה נישט אויסגעפֿירט — איבער די הפקר־צעוואָרפֿענע ביינער פֿון די הרוגי מלכות, ווייט דער גייַסט פֿון אויפֿלעבונג פֿון זייערע ברידער אין יענעם גלות, וואָס קערט זיך אום צו זיַינע וואָרצלען, און דער צוריקוועגד גייט אויף דער ליניע פֿונעם אָפּווענד און זיַינע סטאַציעס.

די ערשטע סטאַציע — יענע טענץ אַרום די איבערבלייַבענישן פֿון דת־ישראל, דער מאַסקווער שול; די אַנדערע סטאַציע — דאָס לערנען פֿון לשון עברי, וואָס האָט אַרומגענומען ווייַטע און נאָענטע, און די פֿאָדערונג צו מעגן עולה זיַין; אַ נאָך ווייַטערע סטאַציע — דער אומקער פֿון די שרייַבערס, וואָס שרייַבן יידיש, צו די קנינים פֿון זייער פֿאָלק, זיַין לאַנד און די וואָס האָבן זיך אומגעקערט, האָבן אַזוי ווי אומגעקערט אַהער זייערע לערערס און זייערע פֿרייַנד, זיי זאָלן זיַין פֿאַרבונדן אין בונד פֿון לעבן, אַ לעבן ביז אויף אימער און אייביק.

גרשון וויינער

דב סדן... דרײַ הערות

די הקדמות צו אייניקע ביכער זײַנע, טיטולירט דב סדן מיט די ווערטער ״דרײַ הערות״. וועלן מיר גיין אויף זײַן דרך בײַם פאַרצייכענען בתמצית הקיצור דעם פענאָמען וואָס הייסט דב סדן.

א. סדן ווי אַ מחבר איז אַ חד בדרא, סײַ אין כמות און סײַ אין איכות פון זײַן שאַפן. איבער פערציק ספרים און אפשר טויזנטער אַרטיקלען, פאָרשונגען און עסייען אָפגעדרוקטע אין זשורנאַלן בכל תפוצות ישראל. אָט איז גאָר לעצטנס דערשינען אַ באַנד ביבליאָגראַפיע פון ״כתבי דב סדן״ צוגעגרייט פון ג. קרסל, און ער גיט אָן בערך 900 אַרטיקלען און עסייען פון סדן בלויז ביזן יאָר 1936! זײַנע שריפטן זענען אויסגעשפרייט אין פאַרשידענע געביטן ווי לינגוויסטיק, פאָלקלאָר, הומאָר, זכרונות, ליטעראַטור־קריטיק און געשיכטע, ביאָגראַפיע און פאָלעמיק. אין די ייִנגערע יאָרן האָט ער אפילו ״געזינדיקט״ מיט בעלעטריסטיק, פאָעזיע און פראָזע. מיט דעם האָבן מיר נישט אויסגעשעפט די אַלע רובריקן פון זײַן קאָלאָסאַלער פראָדוקטיוויטעט. אין דעם חשבון ווערט אויך נישט אַרײַנגערעכנט די צאָלרײַכע איבערזעצונגען פון יידיש, פויליש און דײַטש. פאַרשטייט זיך, אַז דער עיקר פון זײַן פאַרנעם איז אין עברית, אָבער אויך אין יידיש האָט סדן אויפגעשטעלט אַן אימפאָזאַנטן בניין. לעת עתה איבער אַ טוץ יידישע ביכער, אָבער ס׳זענען בנמצא אַנדערע גרייט צום דרוק. דער עיקר איז ער פאַרליבט אין יידישן וואָרט, בוכשטעב־לעך, ווי ער אַליין איז זיך מודה: ״כמעט פון קינדווײַז אָן האָט מיך געצויגן צום חן און צום סוד פון יידישן וואָרט, ווערטל, גלײַכווערטל״. מ׳וואָלט געקענט און געדאַרפט צונויפשטעלן אַ וואָגיקן לעקסיקאָן פון ווערטער און אויסדרוקן אויסגע־פאָרשט און פאַרטײַטשט פון סדן, צונויפגעזאַמלט פון זײַנע פאַרשידענע ביכער און פון די צאָלרײַכע צײַטשריפטן ווו ער האָט זיך באַטייליקט מיט אַן אַרבעט אָדער סתם אַ באַמערקונג. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אויפגאַבע וועט ערשט דאַרפן דורכ־געפירט ווערן אין יאָרן אַרום, לאחר מאה ועשרים, ווײַל סדן שפרודלט מיט חידושים און שעפערישקייט אָן אויפהער כמעיין המתגבר. דעריבער איז זעלבסטפאַרשטענדלעך זײַן צושטײַער צום גרויסן יידישן ווערטערבוך, אונטער דער רעדאַקציע פון יודל מאַרק ע״ה, שוין אָפגערעדט פון אומגעהויערן בײַטראָג אין רעדאַגירן העברעיִשע ספרים. דאָס זעלביקע איז שייך די באַשרײַבונגען פון מחברים און ביכער וואָס צונויפגעקליבענערהייט וואָלטן זיי אַרויסגעשטעלט אין געהעריקן פערספעקטיוו די כוללדיקע פאַנאָראַמע פון אונדזערע צוויי ליטעראַטורן.

ב. אונדזער בעל היובל האָט קיין מאָל זיך נישט באַהאַלטן הינטערן שטענדער פון אַקאַדעמישן בית המדרש. ער איז אָפט אַרויסגעטראָטן אין רשות הרבים ווי אַ קעמפער פאַר אידעען. ער האָט אַקטיוו אָנטייל גענומען אין באַוועגונגען און דאָך תמיד נישט מורא געהאַט צו גיין זײַן אייגענעם דרך און אָנגענעמען אַן אומאָפּהענגיקע שטעלונג אין שטרײַט־פֿראַגן. פּאָלעמיק מיט בן גוריון׳ען פון איין זײַט און מיט גלותיסטן פון דער אַנדערער. עד היום איז ער פֿאַרבליבן אין שטראָם פון געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט. פֿאַרליבט אין יידיש און גלײַכצײַטיק אין קאַמף קעגן אויסגעשפּראָכענע יידישיסטן. נישט בלויז אין פּאָליטישע און ליטעראַרישע וויכוחים האָט ער אָנטייל גענומען, נאָר אין אַלץ וואָס איז נוגע דער גײַסטיקער געשטאַלט פון דער יידישער מדינה. אויך אין רעליגיעזן געדאַנק האָט ער געזוכט און זיך געמיט אויסברוקירן זײַן וועג, מוטיק, אומאָפּהענגיק און טיף יידישלעך. כדאי צו דערמאָנען זײַן פֿאַרטראָג מיט איבער פֿערציק יאָר צוריק אויף אַ קאָנפֿערענץ געווידמעט דער פּראָבלעם פון רעליגיע אין ישראל, ווו ער פיגורירט נאָך אונטערן נאָמען דב שטאָק. אין דער רעדע, וואָס איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דין וחשבון פון דער קאָנפֿערענץ, זאָגט ער זיך שאַרף אַרויס — און דערבײַ איז ער פון די ערשטע עס אויסצודריקן — קעגן דער טענדענץ אין אַלגעמיינעם חינוך־וועזן אַרויסצונעמען גאָט פונעם תנ״ך און אים אויסליידיקן פון רעליגיעזן תוכן. אין דער ראַם פון זײַן כלל אַרבעט איז ער געווען אַ מיטגליד פון כנסת און איז אויך אַרויס בשלום. אין שייכות מיט דעם האָט דער נשיא נבון דערציילט בײַ סדנ׳ס יובל־פײַערונג אַז ער האָט אים אַ מאָל געטראָפן בלאָנדזשענדיק אין די כנסת־קאָרידאָרן און סדן האָט אים דערקלערט אַז ער וועט שוין פֿאַרבלײַבן דאָרטן אויף אייביק ווײַל ער ווייסט נישט ווי אַזוי אַרויסצוקריכן... לאָמיר דערבײַ אויך פֿאַרצייכענען אַז ס׳איז איצט געוואָרן פונקט פֿערציק יאָר ווי ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין העברעיִשן אוניווערסיטעט די ערשטע, און ביז הײַנטיקן טאָג די איינ־ציקע, קאַטעדרע פאַר יידיש, און סדן איז געווען איר פּראָפעסאָר פאַר אַ סך יאָרן.

ג. סדן איז טאַקע דער שאַפער און פאַרשער אין היכל פון וויסנשאַפט און ליטעראַטור. ער איז דער בעל מחשבות און בעל מעשים אין רשות הרבים פון צרכי הכלל. אָבער ער איז אויך פֿאַרבליבן דער בעל מידות אין רשות היחיד פון בין אדם לחברו. מיט גרויס פֿלײַס איז ער גרייט אַרויסצוהעלפן תלמידים, דערמוטיקן שרײַבער, צושטעלן אַ פֿלייצע, ווו מען דאַרף. ער העלפט מיט אַן עצה דאָ, מיט אַ רעקאָמענ־דאַציע דאָרטן, מיט אַ הקדמה צו אַ שרײַבערס אַ בוך, מיט שתדלנות פאַר פינאַנציע־לער הילף בשעת הצורך. מיר איז נישט באַקאַנט קיין אַנדער פּערזענלעכקייט אין ליטעראַרישע אָדער אַקאַדעמישע קרײַזן וועמען אַזוי פיל מחברים און פאָרשער זענען שולדיק אַ דאַנק. דערצו איז ער אויך נישט נוהג אַנצוהאַלטן גראַדע דעם אַזוי־גערופענעם אַקאַדעמישן סטאַזש ווי ס׳טרעפט זיך אָפט בעוונותינו הרבים בײַ אונדזערע פּראָפעסאָרן, וועלכע האַלטן גאָר אַז מ׳דאַרף אָפּהיטן די מחיצה צווישן זיך און ״פּראָסטן עולם״. ער לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן אויפצוטרעטן בײַ עפנטלעכע פּראָגראַמען. אַן אָפּטער לעקטאָר בײַ דער יידישער קולטור געזעלשאַפט זינט איר

גרינדונג מיט איבער צען יאָר צוריק, איז ער אויך מסוגל זיך צו באַווײַזן פּלוצלונג בײַ אַן אָוונט לכבוד אַ יידישן שרײַבער און זיך אָנועקזעצן צווישן עולם.

אין סך הכל — סדן שטעלט מיט זיך פאָר דעם אידעאַלן סינטעז פון תורה און וויסנשאַפט, טראַדיציע און מאָדערניזם, רעליגיע און וועלטלעכקייט, עברית און יידיש, טעאָריע און פּראַקטיק, געדאַנק און לעבן, למדנות און מענטשלעכקייט. אין דעם קליינטשיקן דב סדן איז דאָ אַזוי פיל גדלות אין תורה, חכמה און מעשים טובים! צו דעם פאַדערט זיך כוחות; האָט אים די השגחה באַשאַנקען מיט גבורות, פשוטו כמשמעו. דערוואַרטן מיר נאָך צו הערן און געניסן פון אים און זײַן גאונות אין די קומענדיקע יאָרן.

לכבוד דעם בעל היובל

דער אַכציק־יעריקער יובילײ פון דב סדן איז אָפּגעמערקט געוואָרן דורך אַ גאַנצער ריי אימפּאָזאַנטע אָוונטן און פײַערלעכקייטן אײַנגעאָרדנט דורך יידישע און העב־רעיִשע שרײַבער, גײַסט־און קולטור־מענטשן.

אָנגעהויבן האָט זיך מיט אַ ספּעציעלער פײַערונג אין דער כנסת וואָס האָט אָפּגעמערקט די דאַטע, מחמת דעם וואָס אַ געוויסע צײַט איז דב סדן כידוע געווען אַ מיטגליד אין דער כנסת. די צענטראַלע פײַערונג נאָך דעם איז פאָרגעקומען אין בית הנשיא מיט דער באַטייליקונג פון יידישע און העברעיִשע שרײַבער און אַקאַדע־מיקער. געעפנט די פײַערונג אין "בית הנשיא" האָט דער נשיא המדינה יצחק נבון; מצד די העברעיִשע שרײַבער האָט גערעדט ישראל כהן, מצד די יידישע שרײַבער — אברהם סוצקעווער. דב סדן האָט געענטפערט מיט אַ גײַסטרײַכן רעפעראַט.

די אַקאַדעמישע וועלט אין ישראל האָט דעם יובל אָפּגעמערקט מיט אָוונטן און שטודיר־סעסיעס פון די אוניווערזיטעטן אין ירושלים, תל־אביב און רמת־גן.

די יידישע קולטור־געזעלשאַפט צוזאַמען מיט דער שרײַבער־גרופּע אין ירושלים האָט אײַנגעאָרדנט אַ פײַערלעכן אָוונט אין יידיש אין וואַן־ליר־אינסטיטוט אין ירושלים. דעם פאָרזיץ געפירט האָט פּראָפ׳ גרשון ווײַנער, יוסף קערלער האָט גערעדט אין נאָמען פון דער יידישער שרײַבער־גרופּע און "ירושלימער אַלמאַנאַך", אברהם בערניקער — אין נאָמען פון "צוותא"־קלוב. אַ רעפעראַט וועגן דב סדנס שאַפן האָט געהאַלטן ד״ר ישראל חיים בילעצקי.

די סעריע אָוונטן און קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דער צוטיילונג פונעם פּרײַז פון ראש הממשלה פאַרן יאָר 1982 פאַר אַ ליטעראַ־רישער שאַפונג אין יידיש דעם פּראָפ׳ דב סדן צו זײַן יובילײ. די פײַערונג איז פאָרגעקומען אין "בית שלום עליכם" אין תל־אביב אונטערן פאָרזיץ פון יצחק קאָרן פאָרזיצער פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור.

יוסף קערלער

אַ וואָרט וועגן דב סדן

אוועקשטעלן זיך רעדן וועגן אַ וואָרט־שעפער און תלמיד חכם פון אַזאַ קאַליבער ווי אונדזער ר׳ דב סדן איז טאַקע פאַר מיר אַ גרויסער זכות, אָבער אויב זיך גוט אַריינטראַכטן איז דאָס נאָך אַ גרעסערע חוצפה פון מײַן זײַט... און באמת, וואָס קען איך, משטיינס געזאָגט שוין זאָגן, איך, וואָס האָב אפילו קיין פערטל פון אַלע זײַנע כתבים נישט אײַנגעקנעלט. אמת, דאָס ביסל וואָס כ׳האָב יאָ באַוויזן אַרײַנצוזאָשן סײַ פון סדנס ספרים סײַ פון סדנס תורה שבעל פה האָט גוואַלדיק באַרײַכערט מײַן אינערלעכע וועלט און דערפרישנדיק איבערפולט די נשמה מיט ליבשאַפט און צוגעבונדנקײַט צו אונדזער מים חיים, צו אונדזערע דורותדיקע פאָלקס־קוואַלן פון שעפערישקייט. דאָס און נאָך עפּעס:

ווען מען דערמאָנט בײַ אונדז אין שטוב דעם נאָמען דב סדן ווערן מיר דורכגענומען נישט נאָר מיט גרויס יראת הכבוד צו אים, צו זײַן גוטהאַרציקער גוסטע, צו זײַן שיינער משפחה, נישט נאָר מיט פּאַרכטיקער באַוווּנדערונג פאַר זײַן אויסנאַמלעכער שעפערישער גבורה, מיר ווערן דורכגענומען מיט עפּעס אַ מין באַזונדערער אינטימער קרובהשאַפט און מיר גרויסן זיך מיט אים עלעהיי ער וואָלט עס טאַקע זײַן נישט אַנדערש ווי דער שפּיגל פון אונדזער אייגענער משפחה.

און אין דער שײַן, אין שײַן פון האַרציקער קרובהשאַפט איז שוין דאַכט זיך נישט אַזאַ חוצפה מײַן אַרויסטרעטן עפנטלעך מיט אַ וואָרט וועגן דב סדן.

שלמה מיכאָעלס ז״ל — מײַן ערשטער מורה דרך, דער וואָס האָט אייגנטלעך פאָרמירט און געשטאַרקט אין מיר כאַראַקטער, געוויסן און זכרון, — שלמה מיכאָעלס האָט אַ מאָל באַמערקט וועגן אייניקע אַקטיאָרן:

זיי קענען באַהערשן די סאַמע פּערפעקטע בינע־קונסט, זיי מעגן אפילו זײַן די גרעסטע מײַסטערס פון איבערגעשטאַלטיקונג, צוויי זאַכן אָבער זענען זיי נישט בכוח אויסצובאַהאַלטן: אייגענע טפשות, אָדער אייגענע רשעות, ווי אַן אָל פון זאַק קריכט אַרויס פון זייער גאַנצער קונסט בײַ איינעם — זײַן שלעכטס, בײַם צווייטן — זײַן נאַרישקייט. אָבער דאָס איז דער להבדיל...

בײַ אונדזער בעל יובל — פון אַלץ וואָס ער טוט, פון אַלץ וואָס ער זאָגט און פון אַלץ וואָס ער שרייבט — שטראַלט אַרויס דער צעשמייכלטער חן פון חכמה און גוטסקײַט, ייִדישע חכמה און גוטסקײַט, פּערזענלעך־סדנישע חכמה און גוטס־קײַט...

וועגן איינעם אַ ווײַבל פלעגט מען בײַ אונדז זאָגן, אַז זי איז אַ שוואַרצחנעוו־דיקע נאָר וואָדען? זי איז מער שוואַרץ ווי חנעוודיק...

די שעפערישע וועלט פון אונדזער דב סדן איז אַ וועלט פון כולו חן אַרום יעדער פּיצל שוואַרצטראַפּן, אַרום יעדער פּינטעלע, גריבעלע, אַרום יעדער ראַזשינקע, אַרום יעדער גלײַכוועטל און רעדנסאַרט פון חכמת ידיש. מענטשן וואָס ווייסן, זאָגן אַז דאָס זעלבע, ניט געמינערט — איז זײַנע עברית־פאָרשונגען. ער שאַפט געשמאַק און גרינטלעך ניט נאָר די ביאָגראַפיע פון וואָרט, נאָר אויך די עטנאָגראַפיע, די פילאָזאָפיע און אַרכעאָלאָגיע פון וואָרט.

יעדער מענטש, זאָגט מען, איז אַ וועלט פאַר זיך, אַ באַזונדער־געשלאָסענע אייגנאַרטיקע וועלט.

דב סדן איז אַ גרויסע וועלט מיט אָן אַ שיער וועלטעלעך.

ס׳טרעפט, ווען מיר פאַרטיפן זיך אין זײַנעם אַ מאמר, פאַרזען מיר אָפּט, אַז דער מחבר לאָזט זיך גאָר אַוועק אויף זײַטיקע שטעגלעך פון דער עיקר המעשה. די שטעגלעך, אַזוי קען זיך דאַכטן, האָבן אַ קנאַפּן שייכות צו דער הויפּט־מאַגיס־טראַל... און דאָך ווערן מיר מיטגעריסן און לאָזן זיך אויך אַוועק נאָך סדנען מיט אַט די זײַטיקע אומוועגן וואָס פאַרברייטערן זיך אַלץ מער און מער, באַרייכערט מיט גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים, אַסאָציאַציעס, מיט היסטאָרישע, פילאָזאָפישע, שפּראַכלעכע און פאָלקלאָריסטישע ״חידושים״, ווי סדן באַצייכנט דאָס...

און אַט, ווען מיר געדענקען שוין קוים צוליב וואָס אייגנטלעך מיר זענען אַהער געקומען און מיר ווערן שוין באַלד ווי זיכער, אַז טאַקע דאָ איז די סאַמע ״סמעטענע״, דאָס ״איבערשטע פונעם שטייסל״ דאָס ווערטפולסטע וואָס דער מחבר האָט צו זאָגן, דערזען מיר זיך פּלוצים אויפן פעסטן גרונט פון דעם צענטראַלן טראַקט...

און אַז אַלע וועגן און אומוועגן האָבן נאַטירלעך געפירט אַהער און בלויז אַהער — צו דער עיקר המעשה. נישט מער — ס׳באַגלייט אונדז דער גוטמוטיקער שמייכל פון ר׳ דב, זאָל לעבן, גלײַך ער וואָלט אונדז זאָגן דערבײַ:

״דאָס זענען, רבותי, בלויז אייניקע דוגמאות, וואָס יעדער פון זיי איז אפשר ווערט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג און אַז דער וואָס לעבט אייביק וועט געבן כוחות, וועל איך דאָס, מירטשעם אַליין טאָן און ביז וואָס און ביז ווען, מעגן זיך אַנדערע, די ייִנגערע אויך אַ ביסל אונטערגאַרטלען...

אָבער כל הכבוד, אונדזער דב סדן, איז ברוך השם שטענדיק מער פראָוואָרנע פון די סאַמע ייִנגסטע צווישן אונדז...

ס׳איז, דאַכט זיך ״אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד״, אַז דב סדן איז אַ גאַליציאַנער האַ יאָ? פאַר די בראָדער איז דאָס טאַקע אפשר ניט קיין סוד, אָבער אַלע איבעריקע, בײַ יעדן איינעם פון אונדז? כ׳בין זיכער אַז טיף אין הארצן, איז קיינער פון אונדז נישט אין גאַנצן מסכים מיט אַט דער בראָדער קאָנצעפּציע ווי למשל, קלער איך מיר. קען דאָס געמאָלט זײַן אַז בערל שטאָק זאָל גאָר אַרויסקומען ניט פון פּאָדאָליע? ס׳איז דאָך אַזאַ היימישער הײַסינער נאָמען — בערל שטאָק! און אויסגעקאַכט איז ער דאָך אין אַלץ וואָס אין מײַנע מקומות איז פאָרגעקומען מיט און אַרום ייִדן במשך

בלוטיקע יאָרהונדערטער און דאָס מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיט יעדער קנייטש און מיט יעדער חן־גריבעלע! אַזוי קלערט, מיין איך, יעדערער אויף זיַין שטייגער וועגן זיַין לייַבלעך אייגענעם בן עיר דב סדן: אַזוי קלערט דער טיף־פּוילישער, דער וואָלינער, דער פּאָלעסיער, דער בוקאָווינער, דער בעסאַראַבער און צווישן אונדז זאָל דאָס בלייַבן: אַפילו דער ליטוואַק. איז אַט האָב איך אַפילו אַ שטיקל חשד אַז נאָר בכדי סע זאָלן, חלילה, נישט אַרויסקומען קיין מחלוקתן צווישן יידן ווי להבדיל אַמאָל ביַי די יוונים אַז, די ליטוואַקעס זאָלן שונאי ציון, זיך נישט דאַרפן רייַסן ביַי די בערד מיט די גאַליציאַנער האָט אונדזער בעל יובל אָפּגעטאָן אויף טערקיש אַלע יוונים:

נאָך מיט יאָרן צוריק איז בערל שטאָק דער בראָדער מגולגל געוואָרן אין דב סדן דער ירושלימער און פּטור אָן עסק און אין דער פראַגע לכל הפחות — זענען מיר שוין באַוואָרנט געוואָרן מיט שלום און אחדות...

דב סדן איז געוואָרן דער כבוד און דער שפּיגל פון כל ישראל, פון אונדזער דורותדיקער קולטור.

און מיר דאָ אין ירושלים מעגן זיך דאָך אַוודאי איבערנעמען מיט דער היַינטי־קער שמחה און ווינטשן ווינטשן מיר זיך נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן זאָלן מיר מיט שטאָלץ זיך שפּיגלען אין ליבן, לעבעדיק־שעפערישן מורינו ורבינו דב סדן. אמן!

⊛

100 יאָר יידיש אין ישראל

דער בית התפוצות צוזאַמען מיט דעם לאַנד־קאָמיטעט פאַר יידיש האָט דורכגעפירט אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן אָוונט א.נ. "הונדערט יאָר יידיש אין ישראל". דער עולם וואָס האָט פאַרפולט די אודיטאָריע פון "בני ציון" האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט דאָס אַריינפיר־וואָרט פון פּר' יצחק קאָרן און דעם רעפעראַט פון לייזער פּאָדריאַטשיק. ס'האָבן פאָרגעלייענט זייערע שאַפונגען די דיכטער יעקב צבי שאַרגעל, י. ה. בילעצקי, משה יונגמאַן און רבקה באַסמאַן.

די קינסטלערין עטל קאָוועןסקי און דער קאָמפּאָזיטאָר לייב קאָגאַן האָבן דערפאָלגרייך געשלאָסן דעם אָוונט מיט אַ מוזיקאַלן קאָנצערט.

⊛

זלמן שז״ר — נשיא און דיכטער

סקולפטאָר מיכאל מילבערגער

קינס

פאַרן שלום פון גליל

ווידער האָט ישראל געמוזט אַרויס אין אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה, דאָסמאָל כדי צו באַשיצן די ישובים פון גליל וואָס זענען געשטאַנען אונטערן כסדרדיקן פײַער פון די אַראַבישע טעראָריסטן־באַזעס אין דרום־לבנון. אַ מלחמה כדי צו פאַרטיידיקן זיך — דאָס איז דער ריינער אמת און קיינער וועט אים נישט פאַרקריפּלען און פאַלסיפיצירן. ישראל האָט קיין אַנדערע מלחמות קיין מאָל נישט געהאָט. תמיד האַנדלט זיך אין אונדזער הוילן נאַקעטן לעבן. דאָס וואָס מען פאַרגינט אונדז נאָך אַלץ נישט, וואָס מען וויל נאָך אַלץ בײַ אונדז צורויבן און אַוועקנעמען. ווידער זענען אונדזערע ייִנגלעך אַרויס אין קאַמף, מקריב־געווען זייערע לעבנס כדי דאָס פאָלק זאָל לעבן, כדי דער שונא זאָל פאַרלירן דעם חשק צו פאַרווירקלעכן זײַן חלום פון פאַרניכטונג —

דאָס איז אויך די סיבה פון נצחון וואָס האָט אונדז ווידער אַזוי איבערראַשט און דערשטוינט. דער באַוווסטזײַן פון אין ברירה, די דערקענטעניש, אַז ישראל טאָר קיין שום מלחמה נישט פאַרשפּילן, דאָס איז אַ שטאַרקער וואָפן. אַ קאַמף פאַר קיום גיט כוח און אויסדויער, גבורה און קרעפטיקייט מנצח־צו־זײַן.

דער פענאָמען צה״ל האָט אונדז ווידער געבראַכט דעם נצחון — אַ מיליטערישער, אַ ממשותדיקער — כאָטש דער פּרײַז איז געווען אַזאַ טײַערער, אַזאַ ווייטיקדיקער, אַזאַ גרויסער בלוט־קרבן.

אָבער בעת מיר שטייען מיט פאַרוווּנדערונג און שטוינונג אין אַנבליק פון נײַעם דור קעמפער וואָס האָט אויך נישט אַנטוישט, וואָס האָט נישט פאַרשעמט די רומפולע טראַדיציע — איז אונדזער נצחון נאָך אַלץ ווי אַ דאָרן אין אויג פון דער וועלט. זי, די וועלט, קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן, קאָן נישט סובל־זײַן. פּאָגראָמען און שחיטות, רדיפות און גירושים? — דאָס איז טאָלערירבאַר פאַר יידן, אָבער מיליטערישע נצחונות? — ניין, דערצו האָט זיך די וועלט נאָך אַלץ נישט צוגעוווינט, אויך נישט אונדזערע פריינד און אַזעלכע וואָס דעקלאַרירן זיך פאַר פרײַנד.

כאָטש איבער דרײַ צענטליק יאָר זענען שוין פאַרבײַ זינט עס האָט זיך געעפנט דאָס נײַע בלאַט אין אונדזער געשיכטע, זינט מיר זענען געוואָרן אַ פאָלק צווישן פעלקער גלײַך, האָט די וועלט נאָך אַלץ נישט שלום־געמאַכט. יידישע געוואַגטקייט, יידישער מוט, יידישע ראַטזאַמקייט און עצה־געבן זיך מיט דם־שונאים וואָס קומען אונדז הרגענען און רצחענען, — דאָס רײַסט נאָך אַלץ צו פיל די אויגן בײַ גויים...

*

און צוזאַמען מיט אַט דער נישט־פאַרגינערישקייט גייט נאַטירלעך אַ היבשע דאָזע צביעות. די "וועלט" וואַרפט אונדז פאָר אכזריות. די חשובסטע צייטונגען האָבן זיך צעשמירט און צעכליפּעט וועגן חורבן וואָס די מלחמה האָט איבערגעלאָזט, ווי עס וואָלט מעגלעך געווען אַ מלחמה אָן חורבן. כדי דאָס צו אילוסטרירן און דאָקומענטירן האָט מען אויך נישט ווייניק פאַבריצירט — ווי, למשל, דאָס ברענגען בילדער פון צעשטערטע הייזער און גאַסן אין די לבנון־שטעט וואָס זענען כלל נישט קיין פּועל־יוצא פון דער איצטיקער מלחמה, נאָר פון דער מלחמה וואָס דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע, שווער־געשטראָפטע לאַנד האָט געליטן בעת דער מלחמה ווען פל"אָ האָט דאָס לאַנד פאַרכאַפּט מיט כוח און רציחה מיט זיבן יאָר צוריק. די פּען האָט ביי זיי אַלע קיין ציטער נישט געטאָן צו וואַרפן בלבולים פון ערגסטן סאָרט אויף דער אַרמיי, וואָס מער ווי אַלע אַנדערע אַרמייען אין דער וועלט, האָט זיך אויסגעצייכנט — אויך אין דער איצטיקער מלחמה — מיט מאָראַלישער ריינקייט און זויבערקייט ביים באַנוצן דעם וואָפן. צה"ל האָט אויך דאָס מאָל נישט מיסגעברויכט מיט זיין וואָפן, איז געווען געוואָרנט נישט אויסצונוצן עס קעגן דער ציווילער נישט־קעמפנדיקער באַפעלקערונג. וואָס נאָך פאַראַ אַרמיי היט אַזוי קפדנותדיק דעם געבאָט פון וואָפן־ריינקייט; ווער נאָך ווי אונדזער אַרמיי האָט אויך אין דער איצטיקער מלחמה געצאָלט אַזאַ טייערן פּרייז פאַר דעם ?

נישט קיין נאָרמאַלע מלחמה איז דאָך דאָס געווען. דאָס איז געווען אַ מלחמה קעגן באַנדעס, ביז די ציין־באַוואָפנטע טעראָריסטן וואָס זענען דערצויגן געוואָרן — נישט צו נאָרמאַלע מלחמה נאָר צו מאָרד הינטער די פּלייצעס, צו לויערן און פייניקן דעם קרבן און נישט כדי צו פירן אַ קאַמף פּנים אל פּנים. נישט זעלנער קעגן זעלנער נאָר הפקרדיקער סאַטראַפּ קעגן פרויען, קינדער און זקנים...

ווייסן אונדזערע חיילים אַ סך צו דערציילן וועגן זייערע חברים וואָס זענען געפאַלן צוליבן ווילן אויסצומיידן אומזיסטע באַשיסונגען אויף הייזער, אין וועלכע עס ווינען בדרך־כלל ציווילע, בעת פון די זעלבע הייזער האָט זיך דערנאָך געעפנט אויף זיי אַ טייוולאַניש פייער...

*

היינט קאָנען מיר שוין זאָגן: אַ גרויסע געפאַר פאַר ישראל איז באַזייטיקט געוואָרן אויף אַ שטיק צייט מיט אַט דער אַקציע אין לבנון. דער בולטסטער באַווייז פאַר דעם איז דער גרויסער אַרסענאַל פון געווער — געווער פון אַלע מינים, פון די פּרעציזיסטע און מאָדערנסטע טויט־מכשירים, אין אַ כמות און אין אַן איכות, וואָס איז גענוג פאַר אַ גאַנצער אַרמיי איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין אונטערערדישע היילן און מאַגאַזינען אין גאַנץ דרום־לבנון.

פאַר וועמען האָבן זיי דאָס אַלץ געגרייט און געזאַמלט ? — מיר ווייסן דאָס גאַנץ גוט, כאַטש אַראַפאַטס חלום איז געווען די גאַנצע וועלט צו שאַנטאַזשירן מיט זיין טעראָר. לבנון איז געוואָרן דאָס היילִיקע מעקאַ פאַר יעדן אינטערנאַציאָנאַלן טעראָריסט, באַמבען־וואַרפער, אַטענטאַטאָר.

ווער ווייסט וואָס דאָס וואָלט געקאָסט נישט בלויז ישראל נאָר דער וועלט דער גאַנצער —

ווען נישט די אַקציע וואָס האָט דעם אַנגעבלאָזענעם באַלאָן צעפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז.

*

אין בילאַנס פון די דערגרייכונגען פון דער מלחמה טאָר אויך נישט פאַרגעסן ווערן דער חשבון מיט סיריע, וואָס האָט זיך אויך געגרייט און זיך באַוואָפנט כדי אויסצונוצן אַ שעת הכושר און זיך וואַרפן אויף ישראל. די נײַעסטע סאָוועטישע עראָפּלאַנען און די מאָדערנסטע ראַקעטעס האָבן זיי אָנגעזאַמלט און געגרייט אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן באַהערשן נישט בלויז לבנון, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט דערגרייכט נאָר אויך באַדראָען ישראל.

דער טרוים האָט אויך געפּלאַצט. דמשק האָט ווי באַקומען מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. די מאָדערנע עראָפּלאַנען וואָס מאָסקווע האָט נישט געזשאַלעוועט זענען ווי פליגן געפאַלן פון דער הייך בײַ די ערשטע באַגעגענישן מיט אונדזערע עראָפּלאַנען, און די ראַקעטעס באַדן־לופט זענען צעשמעטערט געוואָרן און קיין זכר איז פון זיי נישט געבליבן נאָך די אָנפליען פון אונדזערע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען.

אויך דאָס געהער צום בילאַנס פון די געשעענישן אין אָנבליק פון וועלכע מיר און די גאַנצע וועלט שטייען געפּלעפט און דערשטוינט פון גרויסן ווונדער. און מיר אַלע, מיט דער וועלט דער גאַנצער, ווילן גלייבן אַז די מלחמה פאַרן שלום פון גליל וועט ברענגען שלום דעם גאַנצן מיטעלן מזרח, און בכלל אָנהייבן אין דעם ראַיאָן אַ נײַ קאַפּיטל, בעת די גיפטיקע שלאַנג פון טעראָר און טויט איז פאַרניכטעט און די באַנדיטן האָבן פאַרלאָזט די אויסגערייניקטע נעסט פון טויט און פאַר־ניכטונג...

אפרים שעדלעצקי

רחל בוימוואַל

פון מיזרח-זייט

ניט שטראָף

ניט שטראָף מיך, גאָט, פֿאַר מײַן ניט גלויבן,
דעם נאַרישן, דעם פֿינצטער-גראָבן !
ווײַל טאָמער ביסטו טאָקע אויבן,
כ׳וויל פֿאַר אַ שונא דיך ניט האָבן.

איך בין געגליכן צו אַ בלינדן,
וואָס גיט זײַן לאָמפּ דעם צווייטן גערן. —
ער דאַרף קיין לאָמפּ פֿאַר זיך ניט צינדן,
אים וועט שוין ליכטיקער ניט ווערן.

די וועלט, ווו בייזע ווינטן בלאָזן,
איז פֿול מיט דערנער און מיט חיות.
איך בין געוווינט זיך צו פֿאַרלאָזן
אויף מײַנע אייגענע אחריות.

ניט שטראָף דעם מענטש אויך פֿאַר זײַן גלויבן,
דעם נאַרישן, דעם פֿינצטער-גראָבן.
ער שטעלט זיך פֿאַר, דו זיצסט דאָרט אויבן, —
ער מוז דאָך פֿאַר אַ טרייסט דיך האָבן !

ווייטקייט

אַז איך בין ווײַט פֿון דיר,
און דו ביסט ווײַט פֿון מיר,
און איך מיט דיר, מיר זענען ווײַט פֿון זיי,
איז קאָן דאָך ניט דערגיין קיין הויך,
קיין קלאַנג,
קיין ריר,
און ס׳בלײַבט אין מיטן וועג פֿאַרשטיינערט דער געשריי.

אַז איך בין ווײַט פֿון דיר,
און דו ביסט ווײַט פֿון מיר,
און זיי זענען פֿון אונדז אַזוי איצט ביטער ווײַט,
איז פֿילן מיר אויף זיך פֿון ווײַטקייט דעם געפֿריר,
די אימה און די שרעק
פֿון מהלך און פֿון צײַט.

און איך פֿאַרגעס שוין דיך,
און דו פֿאַרגעסט שוין מיך,
און זיי פֿאַרגעסן דיך און מיך און אַלץ . . .
און ס'לאָזט זיך אויס די פֿרייד,
און ס'וועפּט זיך אויס דאָס ליכט,
און ס'בלײַבט פֿון גאַנצן ים אַ שיכט פֿון גרויען זאַלץ . . .

דעמלט זינג

ווען האָסט אַ וואָרט, ניט מאַך פֿון אים קיין שורה.
ווען האָסט אַ שורה, צי ניט אויס זי אין אַ ליד.
דו וואָרט אַז דײַן געזאַנג זאָל אָנקוועלן מיט גבורה
און אָנפֿילן מיט שטורעם דײַן געמיט.

דו נעם אים ניט קיין לעבלעכן און ליבן, —
אָט דעם געזאַנג, וואָס לאָזט זיך טאָן אַ זונג.
מיט הייסן בלוט-שטראָם זאָל ער זײַן געטריבן,
צעוויגן ווי אַ גלאָק דעם צונג !

ער זאָל בײַ דיר ניט בעטן זיך, נאָר מאָנען.
און דו וואָרט אויס, כאָטש ס'וועט דיר זײַן ניט גרינג.
ערשט דעמלט ווען ניט זינגען וועסט ניט קאָנען,
און זינגען וועט דיר ווי טאָן, — דעמלט זינג !

עס קרייזט די ערד

אויף אַ צעווילדעוועטן פֿערד
קאָן מען דען רײַטן גלײַך ?
און אַז עס קרײַזט אונטער דיר די ערד,
איז דאָך בכלל ניט שײַך !

ס׳פֿאַרשלעפּט דיך רעכטס, און ס׳פֿאַרשלעפּט דיך לינקס,
אַז ס׳פֿאַלט דיר דאָס האַרץ אַרויס . . .
און גאַנצע קנוילן ווינט דו דערשלינגסט
צווישן אַ שטויס און אַ שטויס . . .

דו האַלסט פֿאַרן שכל זיך ווי פֿאַר אַ צוים,
דו ראַטעווּעסט זיך מיט רייד . . .
דו בינדסט כלומרשט צו דאָס פֿערד צו אַ בוים,
און ס׳דוכט דיר, דאָס פֿערד שטייט.
נאָר ס׳דרייט זיך דאָס פֿערד, און די ערד, און די זון,
און עס דרייט זיך מיט זיי די צײַט.
און עטלעכע טריטעלער מאַכט די הון,
און מיינט, אַז זי איז שוין ווײַט . . .

שוין טויזנטער יאָרן ווי ס׳קרײַזט די וועלט,
און שטייט אויף דעם זעלבן אָרט . . .
אין מיטן דער וועלט — דעם דיכטערס געצעלט,
וואָס שפּאַרט זיך אָן אויפֿן וואָרט.

פון מיזרח-זייט

די זון גייט אויף פֿון מיזרח-זײַט.
באַגעגענען זי כ׳בין געקומען,
אַ העלינק סטעזשקעלע געפֿינען,
נאָר צו דער זון איז אַלץ נאָך ווײַט.

זי טוט פֿון צווישן בערג אַ שײַן
און תיכּף ווערט פֿאַרשווּינדן ווידער.
אין גרויען נעפּל, וועלכער נידערט
איך טרעט ניט ווילנדיק אַרײַן . . .

נאָר אָט לויכט אויף אַ באַרגן-שפּיץ,
נאָך אים — אַ צווייטער און אַ דריטער . . .
דער נעפּל ווערט צו ביסלעך שיטער.
כ׳האָב אים פֿון זיך אַראָפּגעשמיצט.

איך ווייס ניט, צי ס׳וועט מיר געראָטן
דעם אויפֿגאַנג זען אַזוי ווי כ׳וויל.
עס שפּילט די זון מיט מיר אַ שפּיל
און פּרוּווט מיך אויס מיט ליכט און שאָטן.

שמואל איזבאַן

אַ שרפה אין יפו
(דערציילונג)

1

דער ספרדישער קוואַרטאַל אין יפו האָט זיך געצויגן אַרום די אויסגעהאַקטע פּרדסים, צווישן שליימיקע בערגלעך און מוטנע וואַסער־גריבלעך. די געגנט — שמאָלע, אָפּגעלעגענע געסלעך. און הינטער די געסלעך, געדיכטע בלאָטעס מיט פּעטע, ברייטע רינשטאָקן, ווי אַלטע אויסגעטריקנטע קאַנאַלן. פאַררוּיכערטע באַראַקן, צונויפגעקלאַפּט פון שוואַרץ געהילץ און פון פאַרזשאַווערטע בלעכן, האָבן באַדעקטביידע זייַטן געסלעך.

משפחות, געפלאָכטן און געבונדן פון דמשק, פון ביירות און אַזש פון ארם צובא האָבן דאָ פאַרכאַפּט דעם קוואַרטאַל אין איין יאָר צייַט. די עלטערע ספרדים אין די רויטע פעסקעס, מיט די לויזע געשטרייַפטע כאַלאַטן, האָבן נישט געהאַלטן אַז דאָס אַריבערקומען קיין ארץ ישראל איז געווען אַ לאַנגע רייַזע פון אַ ווייַטן גלות צום אייגענעם לאַנד, נאָר ווי אַ צייַטווייַליק טוישן דאָס וווין־אָרט. זיי האָבן מיט זיך אַריבערגעטראָגן אָהער די היימישע מנהגים. מען האָט צעהאַנגען אויף די בייַ־שטידלעך נעבן די פאַרגעלטע אויסגעגעסענע מזוזות, פאַדקעווּעס וואָס לויכטן ווי מזלות. מען האָט געררייכערט בייַ די שוועלן די בייַכיקע אַראַבישע נאַרגילעס, און אייַנזען האָט איין משפחה באַרעדט די צווייטע, און דאָך האָבן אַלע צוזאַמען זיך גוט פאַרטראָגן. אפילו די זעלבע פּרנסות האָבן דאָ געהאַט אַ גאַנג. פון קופּער־שמידן, גאָלד־גראַווירערס, מאַרק־הענדלערס פון זייַד ביז שיך־פּוצערס. די אַריבער־געקומענע ספרדים האָבן נאָך נישט באַוויזן רעכט זיך אייַנצופונדעווען, ווי דאָס יונגוואַרג איז שוין געשטאַנען אין שידוכים. יונגע פּאָרלעך האָבן געקינדלט און זיך געמערט. דערווייַל איז דער פּלאַץ ענג געוואָרן פאַר די צוויי הונדערט משפחות, האָבן טייל זיך גענומען אַרויסרוקן פון תחום, אַ פּאָר גאַסן ווייַטער, צו די געמויערטע הייַזער, וואָס זענען געווען געדיכט באַוווינט פון אשכנזים.

דאָ, צווישן די געמויערטע געבייַדעס, האָבן די ספרדישע אייַנוווינער זיך נישט געקענט פאַרטראָגן מיט די אשכנזישע שכנים. נישט דאָס לשון, נישט דאָס פירונג, אפילו נישט די מאכלים האָבן זיי געקענט פאַראייניקן. דער פּוילישער צי רוסישער ייד האָט נישט פאַרנומען דעם ריח פון די געדעמפטע פּיטעס און געזייַערטע פעפערלעך און דער "פרענק", דער ספרדי האָט זיך געכאַפּט פאַר דער נאָז בייַם

בלויזן קוקן אויף די זיסע פיש און געפּרעגלטע קאָטלעטן, וואָס דער מאָסקאָבישער * שכן האָט צוגעגרייט.

די משפּחה יום טוב סאַפּורטא, געריבענע פּרוכטן־הענדלער, וואָס האָבן פריער געטריבן דעם מסחר אין סיריע אויף אַ ברייטן שניט, צעפּירנדיק וועגענער מיט פּירות איבער די אַראַבישע דערפער, האָבן דאָ געטראָגן אַ טיפע שנאה אויף די אשכנזים, האַלטנדיק אַז דער מצרי און דער סיריער דאַרפן מיט די מערב־יידן קיין מגע ומשא נישט האָבן. און ווען ס'האָבן אויסגעבראָכן די אומרוען און אַראַבישע כנופיות האָבן באַשאָסן די יידישע פּונקטן — האָט דער אַלטער סאַפּורטא אויסגעטייַטשט, אַז דאָס אומגליק קומט פון די אשכנזים, פון די אַנלויפערס. פריער האָט דער אַראַבער קיין מאָל נישט פאַרריסן דעם קאָפּ. מען האָט זיך מיט אים פאַרטראָגן. די טבע בייַם מאַכמעדאַנער איז שלום, דורכקומען מיטן בייַוווינער.

דער אַלטער יום טוב סאַפּורטא אַליין, אַ צעפּליישטער גבר, אַן אַלמן, וואָס האָט צו די שישים מער נישט צעפּירט קיין פּירות און גרינסן און שוין יאָרן געבטלנט — האָט נישט געהאַלטן פאַר קיין חטא זיך צו מישן מיט די מוסולמענער. ער איז געזעסן אין די אַראַבישע טרינק־שטובן, ער האָט געזופּט טערקישע קאַווע, ער האָט פויל געזויגן די נאַרגילע־שלויך און געשפּילט ווערפל. דערבייַ איז ער געווען באַהאַוונט אין אַלטע שריפטן. ער האָט געקענט אויסגעבונדן דעם קאָראַן און געזאָגט פון אויסנווייניק פּסוקים פון דער סורא. ער האָט זיך אפילו געמאַכט אַוועקקוקן, וואָס זייַן טאַכטער מזל גייט אַרום מיט אַן אַראַבער — כאַליל. דערפאַר האָט דאָס פאַר־דראָסן דעם איינציקן זון סימן טוב, וואָס דער פאָטער איז אייַנגעטונקען אין דער מוסולמענישער וועלט, גלייַך ער וואָלט נישט געזעסן אין יפו, נאָר אין דמשק. סימן טוב האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דער אַלטער קאָן אַ ליאַדע טאָג פאַרוואַרפן אויף זיך אַן אַבאַיע, אַנטאָן אויפן קאָפּ — אַ קאַפיע און זיך אַנשליסן אַן דעם מופטיס חברותא, דער ווידערשפעניקער זון האָט אים געסטראַשעט אַרייַנצוזעצן אין אַ מושב זקנים, ווו ער וועט זיך מוזן טרעפן יעדן טאָג, פּנים אל פּנים, מיט אשכנזים. מזלס נאַכלויפער, דעם אַראַבער, האָט סימן טוב צוגעזאָגט אָפּצורוימען פון וועג. דעמאָלט האָט דער אַלטער יום טוב, וואָס איז געווען משוגע פאַר זייַן בת יחידה, געמוזט נאָכגעבן. איינס האָט ער אָבער אויסגענומען ביים זון, ער זאָל מעגן זיצן אין די אַראַבישע טרינק־שטובן. שפּעטער, ווען די אומרוען האָבן אויסגעבראָכן, יאַהוד־מאַכמעדאַנער האָבן זיך נישט געטאָרט באַגעגענען, האָט יום טוב סאַפּורטא זיך קיין אָרט נישט געפונען. גאַנצע טעג איז ער געזעסן פאַרשפּאַרט. ער האָט געפּיפּקעט די נאַרגילע. ער האָט געשאָלטן דעם ענגלענדער, וואָס דרייט אָן אַ מלחמה צווישן ביידע פעלקער און ער האָט אויסגעקוקט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט קענען זיך צוריקקערן קיין דמשק, ווו ס'רעגירט דער פראַנצויז ביד חזקה.

דערווייַל האָט סימן טוב אַלץ נישט שלום געמאַכט מיטן אַראַבישן שטוב־אייַנגייער, מיט כאַלילן. ער האָט געריסן די שוועסטער פאַר די געקרייזלטע צעפּ.

* רוסישער.

נישט איין מאָל האָט די דערוואַקסענע מזל פון אים באַקומען אַ "פּאַלאַקאַ" — צען בײַטש־שמיץ אויפן הינטער־חלק. די פּאַרליבטע מזל האָט אַלץ צוגענומען שווײַגנדיק. זי האָט זיך געשיצט קעגן דעם ברודער הינטער דעם פּאַטערס גרויסע רחמים־אויגן. באַהאַלטענערהייט האָט זי זיך ווײַטער געטראָפן מיט כאַלילן און צו דער שטוב־מלחמה האָט קיין סוף ניט געקומען.

2

איין מאָל אין אַ תמוז־באַגינען האָט דער טומל בײַ די סאַפּורטאַס אויפגעוועקט דעם גאַנצן הויף. די קולות האָבן זיך געריסן פונעם אייבערשטן גאָרן. שכנים, ס׳רוב אשכנזישע משפחות, האָבן אויפגעפּראַלט די פענצטער. נישט אויסגעשלאָפענע מאַנסבילן אין די תחתונים, צעשויבערטע ווײַבער אין שלאָף־קאָפּקעס, האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורך די אויפגעריסענע לאַדנס:

— וואָס פאַרא גוואַלדן ? — האָט מען געפרעגט.

— אַ באָמבע ?

— מאַמעלע ! די אַראַבער האָבן ווידער געוואָרפן אַ באָמבע !

— אונדזער "שכונה" * איז אײַנגעשטעלט ! — האָט אַ ייִדענע אויסגעקוויטשעט אַ יללה — יעדן טאָג באָמבעס, יעדן טאָג איבערפאַלן, מען וועט אונדז דאָ אַלעמען אויסשעכטן !

— ווער באָמבע ? וואָס באָמבע ? — איז מיט אַ זינגענדיק קול פון טויער אַרויסגעקראָכן משולם, דער הויף־שוסטער, אין אַ פּאָר בלויע, ברייטע הויזן, אַריבערגעצויגן מיט אַ סוועטער — ווי קומט דאָ אַהער אַן אַראַבער מיט אַ באָמבע ? קוקט בעסער אויבן — האָט דער שוסטער געטײַטלט צום אייבערשטן שטאָק — דאָ לאָזן זיך הערן אונדזערע אייגענע "אַראַבער" די פרענקען, די בני סאַפּורטאַ, מען שלאָגט די פּאַרליבטע שוועסטער.

— אַזויגע פרענקן, אַזויגע אַזיאַטן ; — האָט אַ בלאָס ווײַבל געשטורעמט פון אַן אָפענעם באַלקאָן — דאָס האָט קיין ייִדיש אָדער נישט אין זיך, צו שלאָגן אַן אייגענע שוועסטער, אַ יתומה !

— וואָס ? דען ? גלעטן דאַרף מען זי ? אַז די בתולה טליקעט זיך אַרום הײַנטיקע צײַטן, ווען מען הרגעט אונדז, ווען מען שרפהעט אונדז, מיט אַן אַראַבער, וואָס ? — האָט משולם זיך צעשמייכלט — ס׳פעלן ייִדישע "אוכאַזשאָרן" ?

— ס׳פעלן, משולם, אוודאי פעלן ! — האָט אַ שכן אַרויסגעקרייט פון אַ פענצטער — צו אַזאַ פּרי וועט זיך קיינער נישט לאַטשען ?

— טאַקע אָפּגעפּסקנט וועגן וועמען צי ריידן, איצט, פאַרצעלע ראַנע ** ! — האָט אַ פּוילישע ייִדענע זיך צעשריגן — הערטס נאָר דאָס געשפרעך, מענטשן מײַנע

* קוואַרטאַל.

** באַלד אין דער פרי.

ליבע! וועגן מזל חצופה רעדט מען? שטראָף מיך נישט פאַר די רייד, רבונו של עולם, אָבער זי קען דאָך אַ ליאַדע טאָג עפּעס אַהיימברענגען הינטערן פאַרטוך...

ווען די פּוילישע יידענע האָט אַזוי בביאות געזאָגט אויפן קול, האָט אין הויף זיך באַוויזן סימן טוב, אַ הויכער, אויסגעזעגטער יונג, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, וואָס פלאַקערן. דער גוף — בייגעוודיק, דער טונקעלער קאָפּ באַדעקט מיט האַרטע קניפּלעך האָר, ווי ביי אַ נעגער. מיטן בלויזן בליק האָט סימן טוב אָפּגענומען דאָס לשון ביי די שכנים, וואָס האָבן זיך איבערגעקוקט, ווער דורך אַ געעפנטער טיר, ווער דורך אַ פענצטער.ר ער האָט אויפגעכאַפּט די קולות, לויט דער צאָל אָפענע פענצטער איבער די שטאָקן און אַ געשריי געטאָן:

— אַריין אין די בעטן, פלוידערזעק! מאַסקאַבן!

— ער איז דאָ, דער ביינער־ברעכער! — האָט משולם אַ זאָג געטאָן און זיך גיך אָפּגעטראָגן.

, סימן טוב האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס ליכט פון באַגינען האָט געשלונגען דעם חושך און געשטרייפט דעם הימל אויף בלוי, אפילו דאָרט, וווּ דער זון־אויפגאַנג האָט זיך גענומען ציגדן.

אַ גליִענדיק ווינטל האָט זיך צעבלאָזן. די לופט האָט געפּאַרעט. מיט די נאָז־לעכער האָט סימן טוב דערשנאָפּט, אַז ס'מאַכט זיך אַ כאַמסין. ער האָט אַרויסגעקוקט און געזוכט אַ קאָפּ הינטער די פאַרמאַכטע פענצטער, צו וועמען ער זאָל קענען אַרויפשרייען. קיינער האָט נישט אַרויסגעקוקט. אַ ווײַלע האָט ער געוואָרפן אַ בליק אַהין, אַ בליק אַהער און דערנאָך אַרויפגעשיקט אַ געבייזער:

— הערט איר, פּוילישע! הערט מאַסקאַבן! מיט אונדז, ספרדים, זאָלט איר נישט אָנהייבן! אַז איך וועל פּאַקן דעם פּוילישן שוסטער, דעם רכילת־זאַק, וועט ער ביי מיר בלייבן אַ וויסטער קאַליקע! די שכונה דאָ איז אַ ספרדישע. און אַז איר, אשכנזים, זייט אָנגעלאָפן ווי ווייטע אורחים, דאַרפט איר שווייַגן און נישט באַריידן אונדזערע משפחות. מזל איז ביי אייך אַ חצופה און אייערע יפהפיות זענען צנועות? מיר, ספרדים זענען בכבודיקע מענטשן. און איר אשכנזים? איר ווילט הערן אייער יחוס? — האָט ער שרייענדיק גענומען אויסציילן אויף די פינגער — אשכנזים מאַכט: **אנשים, שקרנים, כזבנים, נשיהם זונות, ילדיהם ממזרים.**

אָפּגעשריגן די פּאָר ווערטער איז סימן טובן אַ ביסל לייכטער געוואָרן, כאָטש קיינער האָט אים נישט אויסגעהערט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע פיר זייטן. אין אַ זייט פון הויף איז געשטאַנען אַ שטופּ־וועגעלע אויף צוויי רעדער, אָנגעלאָדן מיט פּרוכטן און גרינסן: צוגעפוילטע ווייַנטרויבן, פאַרגעלטע מיש־מיש, ציטרינען, קוסעלעך, ברינדזשינעס און טאָמאַטן. סימן טוב האָט אַ ציי געטאָן צו זיך דאָס וועגעלע. ער האָט אַראָפּגעשאַרט דעם צודעק, אַ ברעזענטענע פלאַכטע. ס'האָט גענומען אַ היפּשע ווייַלע, ביז ער האָט אויסגעסדרט די פרוכטן רייענווייַז. די טרויבן מיט די מיש־מיש פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט — ס'גרינס, קוסעלעך, ברינדזשינעס און אויפגעשפּאָלטענע טאָמאַטן. און אין דער מיט — קופּקעס ציטרינען ווי טורעמלעך. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער אַרויפגעצויגן

אויף זיך אַ ווײַסן פֿאַרטוך. ער האָט צוגעשנאָלט בײַ ז׳ער זײַט דעם געלט-בײַטל און זיך געגרייט אַרויסצופֿאָרן אין גאַס, טראַכטנדיק, אַז ווי לאַנג די אַראַבער וועלן שטרײַקן און נישט ברענגען זייערע גרינסן אין שטאָט אַרײַן פֿאַר די יידן, ווי לאַנג דאָס שיסעריי אויף די וועגן וועט אָנהאַלטן — קען ער, סימן טוב, נאָך מאַכן אַ לעבן. ער וועט נישט ברויכן טוישן יעדן סעזאָן דעם האַנדל: איין מאָל פֿיש, אַ צווייט מאָל אַרבוזן, צי פֿאַרלעגענע פּירות. מען דאַרף נאָר קריגן דעם אייגענעם עולם קונים, דער עיקר די שפּאַניאָלער, די גריכן, די בולגאַרן, צוגעווינען, אַז די סירישע ספרדים זענען פּונקט אַזוינע מיוחסים ווי זיי, דון יצחק אברבנאלס אייניקלעך. און אויב דער אשכנזי רופֿט דעם סיריער "פֿרענק", האָט ער אים נישט ווייניקער פֿײַנט, ווי דעם שפּאַניאָל, צי דעם בולגאַר.

סימן טוב האָט ווידער אַ מאָל געוואָרפֿן אַ בליק אַרויף צו די פֿאַרמאַכטע פֿענצטער און אַרויסגעלאָזט אַ הויכן שלוכץ, געהייסן האָט עס, אַז ער האָט אַלע אשכנזים נײַן איילן אין דער אדמה.

ער האָט אַ שטופּ געטאָן דאָס וועגעלע פֿאָרויס און מיט אַ גאָרגלדיקן ניגון זיך אַרויסגערוקט פֿון הויף.

אין די טעג פֿון די אַראַבישע מהומות זענען די פֿאַרקנוילטע געסלעך, דורך וואַנען סימן טוב האָט געשטופּט זײַן אויבסט-וועגעלע, אויסרופֿנדיק זײַן סחורה בקולי קולות, געווען די גרענעץ-סטעזשקעס, וואָס טיילן אָפּ די יידישע שכנים פֿונעם אַראַבישן קוואַרטאַל. אין מיטן האָט זיך געקרײַזט אַ זאַמדיקער פּלאַץ און לינקס האָבן זיך געצויגן הויכע שטיינער-פּלויטן, פֿאַרריגלטע אַראַבישע הויפֿן, ווי אָפּגעשלאָסענע האַרעם-הײַזער. ווײַסע מעטשעטס-קופּאָלן, אין די פֿרידלעכע צײַטן האָבן דאָ גאָטפֿאַרכטיקע אַראַבער אַרומגעשפּאַצירט פֿראַנק און פֿרײַ, ווי די העלדן פֿון שאַכערעזאַדעס מעשיות. איצט איז דער פּלאַץ געווען פּוסט. דרײַ ענגלישע פּאָליציאַנטן, באַוואָפֿנט און באַפּאַנצערט ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס זיך געקליבן אָנצוהויבן אַ שלאַכט, האָבן געהאַלטן וואַך, און האָבן אָפּגעהיטן די "גרענעץ".

די נײַגעריקייט וואָס ס׳טוט זיך בײַם שונא אין לאַגער, האָט סימן טובן געשטופּט פֿאָרויס. ער האָט שטאַרק געוואָלט אַריבערשפּרײַזן די גרענעץ און זיך געקווענקלט, בײַ דער וואַך האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס וועגעלע און אַריבערגעגאַפֿט.

איינצלנע אַראַבער, אָנגעכמורעטע, זענען געשטאַנען אין די טויער-שוועלן און בגנבה אַרויסגעקוקט אויף יענער זײַט וועלט, ווי פֿון תּפֿיסה-צעלן. אַזוינע חמורים! — האָט סימן טוב אַ טראַכט געטאָן — צו וואָס שטרײַקן זיי? צו וואָס זיצן זיי מיט פֿאַרלייגטע הענט, ווען דער סעזאָן ברענט? אויב יעדער מוסולמענער וועט פֿאַלגן דעם מופֿטי מיט זײַן כנופֿיה, וועט ער ווײַטער פֿון דער מאָגערער פּיטע נישט גיין. דער עפֿענדי וועט אים אויסהונגערן. אָבער אַז מען האַנדלט מיט יידן? אַז דער פֿעלאַך ברענגט ס׳גרינס קיין תּל אביב? קלײַבט ער אָן עשירות, קלײַבט ער געלט אויף אַ קעמל, אויף אַן אייזל, קלײַבט ער אפֿילו געלט אויף אַ ווײַב.

צו וואָס דאָס אַלץ קריכט אים איצט אין קאָפּ אַרײַן, האָט סימן טוב אַליין

נישט געכאַפּט. וויניק זאָרגן האָט ער אייגענע? אַט מוז ער איצט פּטור ווערן פון דעם פּאַרפוילטן אויבסט. דערנאָך מוז ער צוגיין צום חכם מנשה עוזיאל, ער זאָל זען מאַכן שלום אין דער משפּחה. ער, סימן טוב, איז ניט קיין מפּיל־קינד. און אויב ער זאָגט צו צו ממיתן כאַלילן, וועט ער האַלטן וואָרט אויך! מער פעלט הײַנט נישט, אַ ייד זאָל זיך נוקם זײַן אין אַן אַראַבער! מזל וועט זיך וואָרפן אין ים אַרײַן. און די ייִדישע שכונה? אויס באָמבעס! אויס שיסערײַ! אַ שחיטה וועט זײַן!

ס'איז געוואָרן הייסער. איבערן הימל האָט זיך געוואָלקנט אַ נעפּל, וואָס מען זעט בלויז אין די שווערע כאַמסין־טעג. אַרום האָט געבריט. אַ געדעמפּטע היץ. די אָנגעהייצטע לופט האָט געשאַרפט דאָס לײַב און געטריקנט דעם גומען. די געסלעך זענען געוואָרן איינציקווײַז אָפּגערוימט. דאָס קליינוואַרג — באָרוועסע פרענקלעך, תימנערלעך אין די תחתונים־לעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן, האָבן געגומען פאַרשווינדן. פּאָר אַ גריבל מיט וואַסער איז געשטאַנען אַ מידער הונט, פרײַכנדיק מיטן אָנגעבלאָזענעם בויך און ער האָט געלעקט די לעצטע טראָפּנס.

סימן טוב האָט אָפּגעשטעלט דאָס וועגעלע. ער איז אַרײַן אין אַ הויף. בײַם געעפנטן קראַן האָט ער אײַנגעווייקט דעם פאַרטוך. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס'העמד און אײַנגעוואַשן דאָס לײַב. דערנאָך האָט ער אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ. פאַרבינדנדיק דעם שטערן מיטן נאַסן פאַרטוך, ווי אַ קאָמפּרעס, איז ער צוריק אַרויס צום אויבס.

ס'איז צוגעקומען אַ קליין תימנער ווײַבל, אַ מעוברתטע, מיט אַ בויך ווי אַ פּויק, דער קאָפּ אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצן טיול, נישט צו קריגן קיין זון־שטאָך. זי האָט אײַנגעהאַנדלט אַ ראַטל טרויבן. סימן טוב האָט גיך אײַנגעפּאַקט אַ פולן קויש, איר דערלאַנגט אַ צולאָג, כדי גיכער פּטור צו ווערן פון דער סחורה. ער האָט גערופן נאָך קונים. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן. ער האָט ווײַטער פויל געשטופּט דאָס וועגעלע, אַ זיכערער, אַז דער הײַנטיקער פּדיון איז אַ פאַרלוירענער. פון פאַרדרוס האָט ער זיך אַ ווײַל אָפּגעשטעלט און אַרויסגעלאָזט אַ הויכן שלוכץ, דערנאָך אונטערזינגענדיק זיך אַן אַראַבישן ניגון, איז ער צוגעקומען צו אַ ברוין שטיינערן־הויז מיט קראַטעס אויף די פענצטער, וווּ דער חכם מנשה עוזיאל האָט געוווינט.

3

דער חכם מנשה עוזיאל, אין שמאָלע שוואַרצע מלבושים, ווי בײַ אַן אַנגליקאַנישן מיסיאָנער, איז געזעסן אָנגעלעגט אויף אַ שטויס סאַמעטענע קישעלעך און פויל געצויגן דעם שלויך פון דער נאַרגילע. נעבן אים אויף אַ מעשענער טאַץ, איז געשטאַנען אַ האַלבער קופּל לעמאָנאַדע. ער האָט אַרײַנגעלאָזט זײַן לאָקיקע באָרד אינעם אויפגעקנעפּלטן העמד, וווּ ס'האָט אַרויסגעקוקט דאָס האָריקע האַרץ. די אויסגעוואַשענע פאות זענען געווען פאַרדרייט אַרום די אויערן. דאָס אויפגעשטעלטע קאָפּל ווי אַ קוימען — אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. אַזוי איז ער האַלב־געלעגן, האַלב־געזעסן געפרײַכט פון היץ.

ווען סימן טוב האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט דער חכם אַ טאָפּ געטאָן לעבן זיך אַ פּאָר דיקע ברילן, אײַנגעראַמט אין פּערלמוטער. ער האָט זײ אָנגעזאָטלט אויפן שפּיץ־נאָז און באַטראַכטנדיק דעם גאַסט אין דער טיר זיך אַ קרום געטאָן:

— עמי הארצים גײען...

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אויס זיכערקייט אַ קוק געטאָן אויפן שמאָלן ארון קודש, וואָס האָט גערוט אין אַ ווינקל און ער האָט אָפּגעטריבן פון זיך דעם דרימל, וואָס איז אים באַפאַלן, דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער, מיוחס מײַנער?

סימן טוב, וואָס האָט זיך געקענט אַן עצה־געבן מיט אַ פוסבאָל־שפּילער, מיט אַ פּרייז־פייטער, אפילו מיט אַן ענגלישן פּאָליסמאַן, האָט זיך פאַרלוירן פאַרן חכם מנשה עוזיאל. ער האָט געוווּסט, אַז ווען דער חכם זאָגט מיוחס, מיינט ער מנוול.

ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען.

— איר ווייסט דאָך, חכם, אַז בײַ אונדז, בײַ די סאַפּורטאַס איז נישט גלאַ־טיק... די משפחה איז אין מחלוקת...

מנשה עוזיאל האָט האַסטיק זיך אונטערגעהויבן פון זײַן ווייכן זיצאָרט.

— נו, מיינסטו, אַז איך בין אַ מזיקים־טרײַבער? כ'קען אַרויסיאָגן די שדים פון אייערע מוחות? דער בן ווי דער בן — האָט ער אונטערגעזיפצט — כ'קען דיך פאַר אַ פושע, אַ כופר. אָבער דער אַלטער יום טוב, דײַן טאַטע איז אויך נישט בעסער. צוויי ישראלישע ווײַבער האָט ער מקבר געווען אין דמשק... מיינט ער אפשר איצט נאָך אַ מאָל חתונה צו האָבן מיט אַ מוסולמענערין אין יפו? וואָס ענטפערסטו נישט, בן בכור זײַנער?

ווען פאַר אים וואָלט געזעסן אַן אשכנזישער רב, נישט קיין ספרדישער חכם, וואָלט סימן טוב פאַר אַזאַ ברוך הבא אים אַ הייב אויף געטאָן פאַר דער באָרד. די שלייפן האָבן בײַ אים געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. ער האָט פון כעס זיך געקרעקט מיט די רייד:

— כ'בין גאָר געקומעןריידן וועגן מײַן שוועסטער מזל, חכם, וואָס מיינט איר, חכם, דאַרף מען פון איר טאַקע דעם מזיק אַרויסטרײַבן פון קאָפּ? די ספרדים שרײַען אויף איר, די אשכנזים בילן אויף איר. און זי, נאָר אַ מוסולמענער האָט זיך איר פאַרגלוסט!

דער חכם, פול מיט חימה ווי אַ דערצאָרנטער סולטאַן, האָט ער געהויבן זײַנע שטײַפע ברעמען:

— פון ווען אַן טוען דאָס ספרדים שרײַען און אשכנזים בילן? ספרדי מײַנער! איידל באַשעפעניש! וואָס פאַראַ לשון? דו מיינסט אַז דו שטייסט צווישן שענק־זויפערס? און אַז מען האָט אַ משוגענע שוועסטער קומט מען צום חכם? און אַז מען דאַרף טרײַבן מזיקים, זוכט מען אַ רב? צו לאַטיפע די כישופמאַכערין גיי! זי וועט דיר שוין טרײַבן מזיקים, זי וועט איר אפילו מאַכן אַ "מאַכלאַיע".

אַזאַ קאַלטער גאַס האָט סימן טובֿ'ן אין גאַנצן אָפּגעקילט. ער האָט פֿאַרגעסן, אַז אין דרויסן בריט אַ כאַמסין. מיט צוויי שפּרײַז איז ער געווען בײַ דער נידעריקער טיר. ער האָט שוין געוואָלט לאָזן הינטער זיך דעם חכם, זײַנע סגולות און אָפּשפּרע־כונגען. ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס אײַזערנע הענטל איבער דער קליאַמקע. דער חכם האָט אַרויפֿגערוקט איבערן שטערן דאָס אויפֿגעשטעלטע קאָפּל ווי אַ קוימען, ער האָט גיך געטאָן אַ פּאָר געשמאַקע זופּ פֿונעם קופּל לעמאַנאַד. דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט אויף די פֿיס, אַ לאַנגער ווי עוג מלך הבשן, און אַרײַנקריכנדיק אין די רויטע סאַמעטענע לאַטשן, האָט ער אָנגעיאָגט סימן טובֿ'ן.

בײַ סימן טובֿן האָט די שנאה צום חכם זיך נישט געלאָשן. ער איז גרייט געווען אים אויסצופּליקן אַ שטרײַף באָרד, דעם ירא שמים. פֿאַרוואָס אַזאַ חוזק־טרײַבן, ווען ער קומט אים אַן עצה פֿרעגן? און ווען דער חכם וואָלט אפֿילו איצט געענדערט דעם טאָן און געשיקט אים אַ ווייכן שמייכל, אַ פּאָר גלאַטע רייד, וואָלט ער אים, סימן טובֿ'ן, אויך נישט איבערגעבעטן.

מנשה עוזיאל אַ שווײַגנדיקער, איז צוגעגאַנגען צו אַ נידעריקן אַלמער מיט ספֿרים. איבערן אַלמער איז געהאָנגען אַ שווערער קופּערנער חנוכּה־לײַכטער, אויס־געהאַמערט ווי אַ מנורה. נעבן דער מנורה דער רמב"ם, זײַן פּנים אויסגעהאַפּטן אויף אַ גאָבעלין, אַ צעקנייטשטער, אין אַן אויסגעקרימטער ראָם. דער ספֿרדישער חכם האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון הינטער דער ראָם אַ בינטל פּאַרמעט־בלעטלעך, באַדעקט מיט אַראַבישן כּתבֿ. ער האָט אײַנגעגראָבן די אויגן אין די בלעטלעך. ער האָט זיך צעשאָקלט מיט אַ ניגון און געשלײַדערט איבער סימן טובֿ'ן ווערטער, שווערע ווי געוויכטער:

— הערן זאָלסטו, אַז ווען ס'האָלט אונדזערס אַ יהודי בײַם פֿרעגן אַ שאלה, זוכט ער זיך דעם חכם. האָלט ער, בײַם קריגן, אָפּשפּרעכענישן סגולות, מאַכן אַ "טאַכלאַיע", דאַרף ער גיין צו כּישופֿמאַכערס און לצנים, רחמנא לצלן... וויל ער אָבער, דער יהודי נקמה נעמען פֿאַר אַ באַליידיקטער שוועסטער, ברודער צי קרובֿ, דאַרף ער האַנדלען מיט אייגענעם קאָפּ און מיט אייגענע פֿויסטן... דאָס ווייסט יעדער ישׂראלי, אַז ווען שכם בן חמור האָט געגלוסט צו דינהן, האָבן אירע ברידער שמעון און לוי אויסגעהרגעט גאַנץ שכם.

דעם חכמס רייד, האַרטע, קלאָרע זענען סימן טובֿן געקראָכן אין קאָפּ אַרײַן, געהעצט זײַן געמיט. נישטאָ קיין אַנדערע ברירה. אָדער הייבן די פֿויסטן, אָדער לאָזן מאַכן אַ "טאַכלאַיע"... אָבער ווי שלעפּט מען אַהין מזלן צו דער כּישופֿמאַכע־רין? און אויב אַ כּישופֿמאַכערין, פֿירט דאָך דער וועג צו דער אַלטער לאַטיפֿע. ער וועט אפֿילו וועגן דעם נישט דערציילן דעם אַלטן יום טובֿ סאַפּורטאַ.

מיט איין אויג־פֿינטל האָט ער באַשלאָסן אָפּצוזוכן לאַטיפֿען. ער האָט אַ קוש געטאָן דעם חכם עוזיאל'ס האַנט. דער חכם איז געשטאַנען אין מיטן צימער און ווײַטער געגראָבן די אויגן אין דעם בינטל בלעטלעך. סימן טובֿ האָט נאָך אַרויס־געשטאַמלט עטלעכע מאָל דאַנק־ווערטער און איז אַרויס אויף דער גאַס.

מיטן אויבס־וועגעלע איז סימן טוב אַרײַנגעפאָרן אין אַן ענג שוואַרץ געסל. פאַר אַ חרוב, צעשפּרייט הײַזל, וואָס האָט געקניט ווי אַ קעמל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

אַ פאַרקאָפּטשעטער אַראַבער, מיט די פיס פאַרלייגט הינטער זיך, האָט גערוט אויף דער שוועל און געבראָקט שטיקער פּיטע אין אַ טעלער אַרבעס מיט פּאַפּריקע. אין סימן טובן האָט זיך געוועקט אַ שרעק. צו טיף איז ער פאַרקראָכן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן געסל און געזען עפּענדיס, כאַדזשיס און פעלאַכן, אַלע אין יום טובדיקער הלבשה, מיט הויכע שטעקנס אין די הענט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן צו גיין אויפן קבר פון נביא רובין. קיין פּאַליסטאַן, קיין זעלנער אַרום האָט מען נישט געזען. צוויי בכבודיקע שייכן מיט חלומות הינטער די פאַרוויקלטע פּעסקעס, האָבן רויִק זיך פאַרבײַגעשלײַכט. קעגנאיבער, פאַר אַן אַלטן ברונעם, האָט אַ באָרוועסער וואַסער־טרעגער אָנגעפילט זײַנע לאָגלען. הינטער אים, פאַר אַן אויס־געפּעטסטער גלאַנציקער וואָנט האָט אַן אויסגעקראָכענער קעמל, וואָס איז געווען אײַנגעשפּאַנט אין אַן אָקס, געדרייט אַ מעכטיק ראָד. דאָס האָט ער געפּרעסט און געקוועטשט איילבירטן, רויע, זאַפטיקע איילבירטן אויף אָנצופילן קריגלעך אייל.

סימן טוב האָט דערטאַפּט דאָס אײַזערנע הענטל פון אַ שווערער געוועלבטער טיר און דרײַ מאָל אָנגעקלאַפּט. פון יענער זײַט טיר האָט נאָכגעלאָזט אַ קייט. אין דער עפענונג האָט זיך באַוויזן אַ צעלאָבערטע זקנה אין שוואַרצע טראַנטעס. איבערן טאַטויִרטן פּנים — גרינע שטרײַפן און האַלבע לבנות. אַרום די קוילן־אויגן — אָנגעפּענזלטע ראָמען. אַ פולע ווײַלע איז די זקנה געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געקוקט אין חלל אַרײַן, ווי זי וואָלט קיינעם לעבן זיך נישט געזען. זי האָט געקלימפּערט מיט די מעשענע רינגען און מטבעות, וואָס האָבן באַהאַנגען איר נאָז און אויערן. פון צווישן די טראַנטעס־פאַלדן האָט זי אַרויסגעצויגן אַ צעבויגענעם שטעקן און געקלאַפּט איבער דער טיר:

— באַרכאַבאַ יאַ סידי * פון אַלע עקן וועלט קומען מוסולמענער צו לאַטיפען, נאָר צו לאַטיפען...

— כ׳בין נישט קיין מוסולמענער, לאַטיפע — האָט סימן טוב אַן איבערגעשראָ־קענער איר איבערגעהאַקט.

די זקנה האָט ווײַטער געגלאָצט אין חלל אַרײַן און געפּרעגט.

— ווער ביסטו, נישט קיין מוסולמענער, אַ וואַלאַד־אַל־מוט **? קום אַרײַן, אויג מײַנס! אַלע קומען צו מיר. וואָס באַדריקט דײַן האַרץ, מאַחבוב *** וואָס באַשווערט דײַן געמיט? אַ גלוסטעניש? אַ בלוט־אויטל־זונג? בײַם לעבן פון נביא! בײַ מיר ווערן אַלע געהיילט. פאַר מײַנע שוועלן פּויזן נישט קיין שדים. הינטער

* ברוך הבא, מיין טייערער.
** קינד פון טויט — צונאָמען פאַר אומגלויביקע.
*** ליבער.

מײַן דאָך קומט נישט קײן בײַז אויג. אַללאַ איז אַקבאַר! — האָט די זקנה זיך געפּאַטשט אין די הענט אַרײַן — טרעט אַרײַן, מאַחבוב, טרעט אַרײַן!

אַ שווערער פאַרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. אַרום האָט געגלאַצט אַ טיפע פינצטערניש. די זקנה האָט טאַפּטשענדיק געשיקט דעם שטעקן פאַרויס. זי האָט אָנגעצונדן אַ געפלאַכטן ליכטל, ווי מען צינדט אָן בײַם אַראָפּנידערן אין דער מערת המכפלה. און סימן טוב איז געבליבן שטיין אין אַ דרײַ־עקיק שטיבל, ווו פון די רויטע, אָפּגעשונדענע ווענט האָט זיך געשיילט נאַסער טינק.

די זקנה האָט שטיל געפּליסטערט ליבּ־ווערטער צו אַללאַ, דערנאָך האָט זי צעשפּרייט אַ קאָלירט טיכל מיט קניפּלעך און אַרונטערגעטראָגן עס סימן טובן.

— קלימפּערלעך, קלימפּערלעך, מעשענע און זילבערנע מטבעות. אַזוי ווערן שלאָפע געהײלט, אַזוי ווערט בײַז־בלוט געשטילט.

סימן טוב׳ן האָט שוין באַנג געטאָן דער וויזיט. ווו איז ער פאַרקראָכן? ער איז ערשט אַריבער די שוועל און אָט דאַרף ער שוין אַרײַנצײלן געלט. און די מכשפה ווייס אפילו נישט, נאָך וואָס ער איז געקומען. ערשט איצט האָט ער באַנומען, אַז ס׳איז גלײַכער געווען צו פאָלגן דעם חכמס עצה. פויסטן, אָט מיט וואָס ער קען העלפן מזלן.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— הער נאָר דו לאַטיפע. כ׳קום וועגן מײַן שוועסטער. זי איז אַ געשטראָפטע. מען דאַרף איר מאַכן אַ "טאַכלאַיע"...

די זקנה האָט געקלימפּערט מיט די מעשענע נאָז־רינגען.

— אַ "מאַכלאַיע", מאַחבוב, אָן אָפּטרײַבעניש, אָן אָפּשפּרעכעניש. אַלץ קען איך מאַכן אין מײַן אָרעמער קאַמער. אַללאַ איז אַקבאַר! קײן זאַך איז פאַר מיר נישט פאַרהוילן... קלימפּערלעך, קלימפּערלעך, מעשענע און זילבערנע מטבעות — האָט די זקנה ווידער אַ מאָל אונטערגעטראָגן דאָס טיכל — און דײַן שוועסטער וועט ווערן געגעזן... אַ "טאַכלאַיע" ווילסטו? מסתמא האָט דײַן שוועסטער באַלײ־דיקט די שדים, די שטובזיצערס. מען דאַרף די שדים איבערבעטן. האָט דײַן שוועסטער געשריגן אין מיטן נאַכט, ווען די שטובזיצערס זענען פאַרבײַ איר פענצטער? האָט זי אַ גאָס געטאָן שמוציק וואַסער ווען זיי האָבן געפירט זייערס אַ כלה צו דער חופה? דערצייל, אויג מײַנס, דערצייל! שדים פאַרגיבן נישט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין איר. כ׳וועל גײן צו דײַן געשטראָפטער שוועסטער. נײַן טעג וועט זי מוזן טראָגן ווײַסע קליידער. מען וועט אויסראַמען דאָס הויז פון אַלע שכנים און פון אַלע כלים. מען וועט אָנלייגן אַ שלאָס אויפן טויער. קײן אַרײַן, קײן אַרויס. אַליין וועט זי בלײַבן. בלויז מיט מיר... און איך לאַטיפע, וועל איבערבעטן די דערצאָרנטע שטובזיצערס. אַללאַ איז אַקבאַר! כ׳וועל פאַר זיי אַרויסשטעלן אין די נעכט רײַכע מאָלצייטן, רײַכע געטראַנקען. און דײַן שוועסטער וועל איך היילן מיט שטויב, מיט קרײַטעכצער און מיט ליבּ־שפּרוכן...

ווען די כישופמאַכערין האָט אַזוי געפּליסטערט און געקלימפּערט מיט די מעשענע אויערן־רייפן און נאָז־רינגען, האָט סימן טוב געזוכט די טיר צו אַנטרינען.

ס׳איז געוואָרן דושנע צווישן די טוכלע ווענט. רינגעלעך שוויס האָבן אים אַרויס־געשלאָגן איבערן שטערן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פונעם לעדערנעם בײַטל עטלעכע געלעכערטע מטבעות און אַרײַנגעוואָרפן אין איר געקניפּלטן טיכל. ער האָט אַ בלאָז געטאָן אויפן ליכטל. ס׳איז געוואָרן פינצטער. און ווען די זקנה איז געבליבן אַ צעטומלטע אָן לשון, קלאַפּנדיק בלויז מיטן שטעקן איבער די צעפוילטע שטיינער, האָט סימן טוב זיך אַרויסגעשאַרט פון דעם חרובן הײַזל.

5

אין דרויסן האָט סימן טוב נישט געפונען זײַן אויבסט־וועגעלע. ער האָט געכאַפּט אַ קוק רעכטס, לינקס, קעגנאיבער. נעבן דעם אײַנגעשפּאַנטן קעמל, וואָס האָט געדרייט דאָס מעכטיקע ראָד, איז געלעגן דאָס שטויס־וועגעלע, אָן איבערגעקערטס, מיט די רעדער אַרויף. אַרום האָט געטומלט און געזשומעט אַ המון אָפּגעשליסענע אַראַבישע קינדער. דאָס האָבן זיי אויסגערויבט דאָס אויבסט פון דעם ״יאַהוד״. מען האָט געגעסן ווי פיל עס האָט זיך געלאָזט. די רעשט האָט מען פאַרשטעקט אין די ברייטע פאַלע־הויזן. און דאָס, וואָס איז נישט געווען צום געברויך, האָט דאָס קליינוואַרג מיט רציחה צעטראָטן מיט די פיס.

אויף אַזאַ חורבן האָט סימן טוב זיך נישט געריכט. אַ דערצאָרנטער איז ער גרייט געווען זיך אַ וואָרף צו טאָן אויף דעם קליינוואַרג און זיי צערײַסן איינס בײַ איינס. ער האָט זיך אָבער באַגעגנט מיט בייזע פאַרדעכטיקטע אויגן, וואָס האָבן געלויערט אויף אים פון די ווינקלען:

— יאַהוד כלב!

סימן טוב האָט זיך אומגעקוקט. נעבן אים איז געשטאַנען אַ באַרוועסער נעגער. איבער זײַן געקאָרבטן קאָפּ — אַ מכה, גרויס ווי אַ קנאָפּ. די צעקאָכטע אויגן — פלאַמען. דער נעגער האָט זיך צוזאַמענגעקנוילט ווי אַ חיה, איידער זי גייט זיך וואַרפן אויף איר רויב און אים געשטופּט אַ פויסט אין דער גאָמבע:

— ווי קומסטו אַהער, כלב?

ווילסטו הרגענען מוסולמענער? — איז אונטערגעלאָפן אַ צווייטער אַראַבער, אײַנגעהילט אין אַ צעפליקטער, ברוינער אַבאַיע.

אַ דורכגייער, אַ באַלאַקטער שייך, מיט אַ ווייך פּנים פון אַ רודף שלום האָט זיך אַרײַנגעמישט.

— לאָז אָפּ! ער איז דאָך ניט קיין מאַסקאָבי. ער איז אַ היימישער יאַהוד.

— אַטבאַח אַל יאַהוד *! האָבן זיך געהערט קולות.

ס׳איז צוזאַמענגעלאָפן אַ הייפל. שטעקנס האָבן זיך געהויבן.

— לאָזט אים נישט אַרויס! טויט דעם יאַהוד!

סימן טוב האָט געזען ווי ס׳קלײַבט זיך אַ המון, ס׳ווערט פינצטער, און אין דער פינצטערניש הויבן זיך איבער אים פלייצעס, קעפּ, פויסטן, אײַטערדיקע אויגן,

* לאָמיר שעכטן די יידן.

און אַלע פֿאַרשטעלן אים דעם וועג. נאָך איין ווײַלע און ער וועט זיך נישט קענען דורכברעכן. ער האָט אויפגעהויבן בײדע הענט ווי אַנגעשאַרפטע העק, דערנאָך אַ שפּאַר געטאָן איין מאָל רעכטס, אַ צווייט מאָל — לינקס. די קייט האָט זיך איבערגע־ריסן און ער האָט זיך געלאָזט לויפן פֿאַרויס. אַ האָגל פֿון שטיינער האָט אים נאָכגעיאָגט. סימן טוב איז געלאָפן אָן אָטעם, געלאָפן און געסאָפּעט ליק־איין, ליק־אויס. קללות, שטעקנס, שטיינער האָבן אים פֿאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט מכבד געווען יעדן איינעם, וואָס האָט אים פּרובירט אײַנהאַלטן אין לויף. דער וועג האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג, דורך נישעס, דורך חורבות. און ווען סימן טוב, אָן אויס־געמאַטערטער האָט דורכגעבראָכן דעם שונא׳ס גרענעץ, און האָט זיך שוין געפֿונען אין דער יידישער שכונה, איז ער ערשט צוגעלאָפֿן צו אַ וואַנט און גענומען שווער פֿרײַכן, אין גאַנצן אָן אָפּגעגאָסענער מיט אַנגסטן.

ערשט איצט האָט אויפגעפֿלאַקערט אין אים די שנאה. אַזוינע הינט! אַזוינע מערדערס! נישט גענוג וואָס מען האָט אים באַרויבט, האָבן זיי אים נאָך געוואָלט ממיתן. דערויף דאַרף ער לאָזן אַ שוועסטער הפקר מיט אָן אַראַבער! אין דר׳ערד מיט דער "טאַכלאַיע״! אין דר׳ערד מיטן טרײַבן שדים! ער, סימן טוב וועט אַליין אַרויסקלאַפּן די שדים פֿון מזל׳ס קאָפּ, ער אַליין וועט מאַכן אַ משפּט איבער דעם אַראַבער!

6

ווען סימן טוב האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט דער אַלטער יום טוב סאַפּורטאַ שוין געהערט וועגן דעם איבערפֿאַל. ער האָט דעם זון אָפּגעוואַרט אין מויער. ער איז געשטאַנען אַ צוואָקסענער, אַ פּעטער ווי אַ פּערס פֿון דער שטאָט שושן. ער האָט געטראָגן אַ פֿאַרביקע, געשטרײַפטע הלבשה, אויפֿן קאָפּ אַ רויטע פּעזע, אַרומגעוויקלט מיט אַ ווײַסן זײַדענעם באַנד. בײַם זונס אַרײַנקומען האָט ער זיך ווי אַרײַנגעוויגט אין הויז. פֿון עגמת נפש האָט ער אָוועקגערוקט פֿון זיך דעם זויג־שלויך, דעם טאַבאַק. ער האָט אָפּגעבונדן דעם רויטן בויך־באַנד פֿון די ברייטע פֿאַלע־הויזן. דערנאָך האָט ער אויסגעטאָן די קאַלירטע שטעק־שיך און זיך אַוועק־געזעצט מיט פֿאַרלייגטע פֿיס, אויף אַ גרינעם האַריקן טעפּיך. און ווען ער האָט זיך שוין דערשפּירט נאָר באַקוועם אויפֿן מזרח־שטייגער, האָט ער זיך געווענדעט צום זון מיט אַ געבייזער:

— נישטאָ קיין בושה, סימן טוב? איך בין פֿינף און זעכציק יאָר אַלט. פֿאַר מיר מײַן טאַטע, נאָך פֿריער מײַן זיידע — אַלע סאַפּורטאַס האָבן געקענט אויסקומען מיט די מוסולמענער. סכסוכים, קריגערײַען און געשלעגן האָבן אין אונדזער הויז קיין פֿלאַץ נישט געהאַט. און דו, צו מלחמות פֿירן האָסטו זיך גענומען? נישטאָ קיין בושה, סימן טוב? און מײַנסטו, אַז כ׳וועל דאָס מוזן פֿאַרטראָגן? הער נאָר דו, קענסט בײַ מיר אויספֿירן, כ׳זאָל נאָך הײַנט פֿאַרפּאַקן מײַן טאַרבוש, מײַן גאַרטל און צוריק פֿאָרן קיין דמשק. קענסט דאָס בײַ מיר אויספֿירן!

סימן טוב, וואָס האָט אַראָפּגעצויגן פֿון זיך דאָס צווייקטע העמד, איז געבליבן

שטיין מיט אַ האַלב אָפּגעדעקטן קופּערנעם גוף. די מוסקולן זענען געווען אָנגעצויגן, פאַרשטײַפט. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן פאַטערס אָפענעם הויז. מיט אַזאַ חידוש, ווי ער וואָלט איצט געקומען פון אַ ווײַטער רײַזע. די דרײַ אויסגעוועלבטע צימערן זענען געווען באַהאַנגען מיט בילדער פון מוסולמענישע גיבורים און פון העלדישע דרוזן־מלחמות. אויף די ווענט — אַלטע קריגס־וואָפן, מאַכמעדאַנישע שטילעטן און רויב־געצײַג.

בײַם פאַטערס לעצטע רייד האָט סימן טוב זיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַן אָפּגע־בריטער:

— און מזל? ווער וועט מזל׳ן פאַרזאָרגן? מיינסט, טאַטע, כ׳וועל פאַרשווײַגן אַזאַ שווינדל? און דו פרעגסט נאָך, צי ס׳איז נישטאָ קיין בושה? ס׳איז דאָ, טאַטע, אוי ווי ס׳איז דאָ! איך, אַ יאַהודי, וועל נישט אַרײַנלאָזן קיין אַראַבער אין דער משפחה. נאָך הײַנט מאַך איך אַ סוף צו דער ״אַוואַנטאַ״ *!

איבערן אַלטן יום טובס פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ כמאַרע: פאַר כעס האָבן די טיפע באַקן־פאַלדן גענומען יוירן.

— דערוועג זיך נישט סימן טוב, הערסט? דערוועג נישט צו הייבן אַ האַנט אויף אים! אונדז, יהודים, האָט דער קאָראַן בעסער געשיצט ווי דער צלם. און אַז מזל איז פאַרקאָכט אין כאַלילן, דערויף בין איך אַ טאַטע. מען דאַרף זײַן איידל צו איר, צו מזלן. הערסט? זי איז אַ יתומה, די מויד! זי האָט קיין מאַמע נישט. דאַרף איך צו איר זײַן אַ טאַטע און אַ מאַמע... פרעג מיך, סימן טוב, פרעג מיך, וועל איך דיר אויסגעבן אַ סוד, אַז כאַלילן דאַרף מען פון הויז מער נישט טרײַבן, פאַרקערט, מען דאַרף אים אַרײַנבעטן...

— וואָס אַרײַנבעטן? ווּעמען אַרײַנבעטן? — האָט סימן טוב שרײַענדיק אַ כאַפּ געטאָן אַ שטרוי־בענקל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עס צו וואַרפן דעם פאַטער אין קאָפּ.

— צו שפּעט אים צו טרײַבן — איז דער טאָן בײַם אַלטן ווייכער געוואָרן — סימן טוב, זיי האָבן זיך ליב... מזל איז פאַרגאַנגען אין טראָגן... און כאַליל איז גרייט זיך מגייר צו זײַן...

סימן טוב האָט דערשפּירט ווי מען פּלעט אים דעם מוח. ווי אַ געשאָסענער הונט האָט ער גענומען לויפן אין אַ פּיר־עק איבערן צימער. דער חשד, אַז דער אַלטער איז מסתמא דול געוואָרן, האָט אים אַ ווײַל אָפּגעטעמפּט. ער האָט געפרעסן דעם פאַטער מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט שגעון:

— ווי אַזוי האָסטו עס דערלאָזט, טאַטע? פאַרוואָס האָסטו געשוויגן, יום טוב סאַפּורטאַ?

בײַם אַלטן האָט דאָס פּנים זיך געקרעמפּט. נישט אַזוי פון ווייטיק פאַר דער טאָכטער, ווי פאַר דער ערגערניש וואָס דער זון מאָגט פון אים אַזוי האַרט, אַזוי שטרענג אַן ענטפער. די פריערדיקע תקיפות וואָס האָט פון אים אַרויסגעשריגן, האָט

* שווינדל.

איצט נאָכגעלאָזט. און ס׳האָט אַרויסגעקוקט פון זײַנע אויגן אַ געבראָכנקייט און אַ דערשלאָגנקייט.

— כ׳קען זיך גאָרניט העלפן, סימן טוב. מיר האָט זי עס ערשט הײַנט דערציילט. זי איז עלנט, מזל. און איך זאָג דיר, זון, מען דאַרף איר, דער אָרעמער העלפן...

דעם פּאָטערס טרערן גרויסע, פּאַרקילטע ווי בײַ אַ צירק־לץ, האָבן בײַם זון נישט געוועקט קיין רחמנות. ער האָט אַ ווילדער זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד, ווי ער וואָלט פון זינען געקומען. ער איז נאָך אַנאַנד געשפּרונגען, נישט קענענדיק שטילן אין זיך דאָס צעיושעטע בלוט:

— העלפן איר, דער זונה? קיין מאָל נישט! הערסט, יום טוב סאַפּורטא, דאָס קיין מאָל נישט! און אַצינד וויל איך זי זען, די אויסגעלאָסענע!

ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר, וואָס האָט געפירט אין צווייטן צימער אַרײַן, אָבער אידער ער איז נאָך אַריבער די לאָמע שוועל, איז אים אַנטקעגן געקומען מזל, אַן איבערגעשראָקענע, אירע פּולע, בלויע אויגן אונטערגעמאָלן מיט טונקעלע רינגען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שמאָל קלייד, די פאַרב אַזוי פּורפּור־רויט, אַז ס׳האָט געריסן ס׳אויג. אויף די ברוינע פיס געפלאָכטענע סאַנדאַלן, איבערן טונקעלן איילבירט־שטערן זענען געפאַלן אַ בינטל גאָלדענע לעקעלעך, פאַרשלייפט מיט אַ גרין־זײַדענער טאַשמע.

אַזוי איז מזל געשטאַנען אַנטקעגן איר ברודער אַ שטומע, די ציין פאַרהאַקט, די ליפּן געשלאָסן. נאָר די אויגן, אַזוינע פאַרנעפּלטע און טיפע, ווי ברונעמס, האָבן גערעדט. גערעדט האָבן די אויגן; געשריגן האָבן זיי, געזוכט אויף זיך צו נעמען אַלע שטראָפן, וואָס דער בייזער סימן טוב וועט אויף איר אַרויפלייגן.

מזל איז גרייט געווען, אי זיך צו וואַרפן אויף סימן טובן און זיך אַרײַנבײַסן אין זײַן לײַב, אי צו פאַלן צו זײַנע שוואַרצע, באָרוועסע פיס און בעטן, אַזוי שטאַרק בעטן, ער זאָל זי אומברענגען.

סימן טוב האָט נישט אויפגענומען דער שוועסטערס תרעומות. פאַר אים איז געשטאַנען אַ זינדיקע און געשטראָפטע און ער האָט לאַנג געהאַלטן אויף איר אַ געדולדיקן, שטאַרקן בליק, ווען זי האָט זײַן גרויזאַמען בליק אויסגעהאַלטן און איבערגעטראָגן זײַן שנאה אַ שווײַגנדיקע, אַן אונטערטעניקע, האָט ער אויף איר אַ שפּײַ געטאָן און איז גיך אַרויס פון הויז.

7

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט סימן טוב אויסגעמאָסטן דעם ספרדישן קוואַרטאַל. טאַפּטשענדיק צווישן די ליימיקע וואַסער־גריבלעך, האָט ער געזוכט אַ פאַרטל ווי נאָך נקמה צו נעמען פון די אַראַבישע שכנים, און דער עיקר פון כאַלילן. נקמה פאַר מזלן, נקמה פאַר זיך, נקמה פאַר די באַליידיקונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין פאַרלויף פון טאָג.

ער האָט געוואָלט אַרויסשלעפּן דאָס יונגוואַרג פון די הילצערנע הײַזקעס, אפילו מיט די אשכנזים וואָלט ער איצט זיך צונויפגערעדט, אַבי זײַן מחנה זאָל ווערן

וואָס גרעסער און גרעסער און מען זאָל זיך אַ וואָרף טאָן אויפן נאָענטסטן אַראַבישן דאָרף, וואָס גרענעצט זיך מיט די יידישע פּרדסים.

דער הימל האָט מער אַזוי נישט געשרפעט. דער גליִענדיקער נעפּל איז איינ־ציקווייַז צערונען און פון דער ים־זייַט האָט אַ לייַכט ווינטל געבלאָזן און געטריבן די געדיכטע פּאַרעקייט.

פון דער מילדערער לופט האָט סימן טוב זיך דערפילט אָפּגעפּו׳ישט. צוקומענדיק צו אַ לאַנגן פאַררייכערטן באַראַק, האָט ער געוואָלט אַרויסרופן אַ פּאָר יונגען, שיך־פּוצערס מיט נאָבוטן אין די הענט, ס׳זאָל זיין מיט וואָס צו קיילן די קעמל־טרייַבערס און אייזל־רייַטערס, וואָס טראָגן זיך פאַרבייַ איבערן ברייטן סעלעמער שאָסיי.

אַ צען שטאַרקע יונגען, אַנגעלאָפּענע ווי אויף אַ קריגס־מיגנאַל, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום סימן טובן, גרייט אים אַלץ אויסצופאָלגן. די פּאַרשוינען, אַלע ברייטע מיט אויסגעשטויסענע גופים, האָבן געקענט אַנוואָרפן אַן אימה אויף יעדן דורכגייער. טייל זענען געווען באַוואָפנט מיט נאָבוטן, אַנדערע מיט לעדערנע בייַטשן און דרענגער. איינער האָט מיט הכנעה זיך געשטעלט פאַר סימן טובן און געזאָגט:

— ווען דו קומסט אפילו נישט, וואָלטן מיר סיי ווי זיך געלאָזט אויף זיי.

— וואָס, ס׳איז ווידער עפּעס געשען אין דער שכונה? — האָט סימן טוב געפרעגט.

— אין דער פרי האָט אַ פעלאַך אונטערגעלייגט אַ באָמבע הינטער דעם שמידס צריף. קינדער וואָס האָבן זיך דאָרט געשפּילט, האָבן אונדז דאָס דערציילט. און איידער וואָס ווען, האָבן מיר די באָמבע באַצייַטנס פּאַרלאָשן.

— טאָ וואָס שווייַגט איר, חמורים?

— איר וואָרט מען זאָל אונדז אויסהרגענען?

— געגאַנגען, נו!

— געגאַנגען!

ווי דאָס הייפל האָט גענומען מאַרשירן. זענען פון שאָסיי אָנגעקומען עטלעכע באַפּאַהמע תימנער מיט אַן אויסטערליש געפּילדער. איינער פון זיי האָט געהאַלטן אַ גרויסן וויעכעטש שטרוי, אַ פלאַש מיט אַ פּאָר אָפּגעברענטע שמאַטעס. באַגעגענענ־דיק די באַוואָפנטע חברה, האָבן די תימנער אויסגעשריגן:

— דאָס האָבן מיר געפּאַקט!

— זיי ווילן אונדזערע הייַזער אונטערצינדן!

— אָט איז די פלאַש מיט די אייַנגעטונקענע שמאַטעס!

— ווו האָט איר דאָס געפונען? — האָט סימן טוב געפרעגט.

— אין אַ האָלץ־מחסן *. טייל ברעטער האָבן שוין געברענט.

— און וווהין טראָגט איר דאָס?

— אין דער פּאָליציי.

סימן טוב האָט זיך געבייזערט:

* סקלאַד.

— אין פּאָליציי? איַי תימנער, תימנער! שוואַרצע הינטנס! אַרבוזן־קעפּ! אין דער פּאָליציי טראָגט איר דאָס? און וואָס וועט מען אין פּאָליציי טאָן? מען וועט פון אײַך אָפּנעמען אַ פּראָטאָקאָל, און אויפן צווייטן טאָג וועט מען אַרויסשיקן אַראַבישע פּאָליציאַנטן צו כאַפּן די אונטערצינדערס? האַ? אַהער דעם נאַפּט! אַהער דאָס שטרוי! איך וועל אײַך ווײַזן "כאַרופּס" * וואָס מען דאַרף מיט דעם טאָן.

— ווו גייען מיר? — האָבן די תימנער געגאַפּט.

— פרעגט נישט, קומט!

— וואָס ווילט איר טאָן?

— אונטערצינדן זייערע הײַזער!

— אָן אונדז, בחיי! נאָר אָן אונדז! — האָבן די תימנער זיך געשראָקן ווי שעפּסן.

מען האָט זיי נישט געפרעגט. אין וועג האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך דורכגייער. צומייסטנס אויפגעהעצט יונגוואַרג, הינטער זיי — עלטערע פאַרשוינען, מידע זקנים אין קאָלירטע כאַלאַטן. די מחנה איז געוואָרן וואָס אַ מאָל גרעסער. זיי האָבן געשפּרייזט דורך די גערדיכטע געסלעך, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט פאַררייכערטע באַראַקן. אין עק שכונה, האָט דער המון זיך אַרײַנגעריסן אין אַ באַיאַרטן פּרדס. פון יענער זײַט פּרדס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע, אויסגעטריקנטע גרוב. דער המון איז אַריבערגעשפּרונגען די גרוב. סימן טוב האָט געגעבן אַ האַנט־צייכן און מען האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אַלט, פאַרלאָזן הויז.

דער בנין, פאַרריגלט, פאַרהעמערט, ווי אַן אָפּגעשלאָסענער הארעם, איז געווען פּוסט פון אײַנוווינער. פאַר די צוויי שווערע טויערן, ווי לוחות, האָט זיך געדרייט אַ ברוינער מויל־אייזל, וואָס די אַראַבישע אײַנוווינער האָבן אַנטלויפנדיק מסתמא פאַרגעסן מיטצונעמען.

דער אייזל, וואָס האָט געגריזשעט דעם מאַך פון דער מויער, האָט געקוקט טעמפּ אויפן אָנקומענדיקן המון.

סימן טוב האָט דער ערשטער פאַנאַנדערגעלייגט דעם וויעכעטש שטרוי. אַ בוכאַרער זקן האָט פאַרשטעקט די פּאָלעס פונעם געשטרייפטן כאַלאַט אינעם רויטן בויך־באַנד, דערנאָך האָט ער גענומען אין האַנט אַרײַן אַן אָפּגעבראָכענע צווײַג און געקאָמאַנדעוועט.

באַוואָפנט מיט דרענגער האָט דער אויפגעהעצטער המון אַרומגערינגלט דעם בנין, ווי בײַ הקפות. און ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט צו דער שרפה, האָט אַן אויסגענאַגטער תימנער זיך צעשריגן מיט אַ טיפן, כאַרכלדיקן קול:

— פאַרוואָס טוען מיר דאָס?

— מיר זענען זיך נוקם! — האָבן קולות אָפּגעענטפערט.

* שעפּסן.

— פאַר אונדזערע דערהרגעטע ברידער! — האָט מען פון אַלע זײַטן זיך צעשריגן.

— פאַר די אויפגעריסענע פּרדסים!

— פאַר די פאַרברענטע תבואות!

פון אַלע ווינקלען האָבן יונגען געשלעפּט פלעשער נאַפט. טייל האָבן אונטער־געלייגט אײַנגעפּעצטע שמאַטעס. סימן טוב האָט אַנגעצונדן אַ דראַנג. דער בוכאַרער זקן האָט אים נאָכגעטאָן. ער איז גרייט געווען אַנצושטעקן מיטן ברענענדיקן פאַקל די פיר זײַטן פון בנין אַזוי ווי אַ גאָטספאַרכטיקער מאַן, מיט יראה ווי בײַ הבדלה.

און ווי דער המון איז געשטאַנען אַ שטומער און פאַרגאַפטער און געוואַרט ס'זאָל אויסברעכן די שרפה, איז פונעם שטייניקן שאָסיי, וואָס האָט געפירט צום ספרדישן קוואַרטאַל, אַנגעקומען דער אַלטער יום טוב סאַפּורטאַ אַ צעיאַכמערטער. ער איז געווען באַגלייט פון הינטן און פון פאַרנט מיט אַ מחנה באָרוועסע ייִנגלעך, וואָס זענען געלאָפן מיט אַ פײַפעריי.

צוקומענדיק צום אַראַבישן בנין, האָבן די ייִנגלעך מיט אַ געפילדער געשלעפּט דעם אַלטן פאַר די פאַלעס פון כאַלאַט און געטײַטלט מיט די הענט:

— אָט איז דײַן בן!

— אָט איז סימן טוב!

דער אַלטער סאַפּורטאַ איז בלייך געוואָרן. ער האָט געקוקט אויפן ווילדן המון און אויף די אַנגעצונדענע דרענגער אַרום ווי אויפן חורבן פון סדום. באַלד האָט ער אַפּגעכאַפּט דעם אָטעם. די שווערע ברעמען האָבן גענומען ציטערן. פון די צעבלאָ־זענע ליפּן האָט גשפּריצט אַ רעגנדל און די אַנגעגאָסענע אויגן אַרום די פאַרבאַקענע הויט־פאַלדן, האָבן געפּלאַקערט.

פון גרויס צאָרן האָט ער אַנגעכאַפּט דעם צעיושעטן בוכאַרער זקן און אים געצויגן פאַר אַן אויער, ווי מען ציט אַ פוילן אייזל־טרײַבער:

— דו חמור בן חמור! ווו האָסטו געלערנט אונטערצוצינדן הײַזער? אפשר שטייט דאָס אין דת ישראל? און אפשר אין דער מסורה? דו גמל בן גמל! ביסט ערגער פון אַ מוסולמענישן קעמל־גנב! לערן זיך אַ ביסל רחמים בײַם קאָראַן! דו נואף, דו גזלן, דו כופר!

דער בוכאַרער זקן האָט זיך אַרויסגעריסן פון סאַפּורטאַן. ער האָט זיך געלאָזט לויפן ווי אַ געשאָכטענער און געשריגן:

— אוועק פון מיר! ריר זיך נישט צו מיט דײַנע הענט, דו טריפהנער טערק! דו טמא־זאַק! מיינסט, אין דער שכונה קען מען נישט דײַנע מעשים? — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צום עולם — בחורים, וואָס שווײַגט מען? אַזאַ יהודי דאַרף מען לייגן אויף דער באַנק און אים מרביץ זײַן! דאָס קער זיך אפילו נישט אָן צו די בני עמנו, אָט דער שליח פון מופטי! אַ טאַכטער האָט ער פאַרקנסט פאַר אַן אַראַבער, אַליין זיצט ער אין זייערע טרינק־הײַזער און אונדז קומט ער זאָגן תוכחה!

ער נעמט זיך אָן פֿאַרן איסלאַם און פֿאַרן קאָראַן. אַזאַ פֿאַרקויפֿטער שמאַלץ־בויך! אַזאַ סירישער שעפּס!

דער עולם מיט די אָנגעצונדענע דרענגער אין די הענט, אָנשטאָט זיך צו לאָזן אויף דעם בוכאַרערס רוף, איז ער געבליבן שטיין ווי אַ געליימטער. פֿאַרקערט, טייל יונגען האָבן אויפֿן בלויזן אָנבליק סאַפּורטאַס, זיך גענומען רוקן אויף צוריק. זיי האָבן איינציקווייַז געלאָשן די דרענגער און די פֿאַקעלן. צי אויס דרך ארץ צום אַלטן, ווײַל ער איז סימן טובס טאַטע, צי אויס פּחד פֿאַר אָנקומענדיקער פּאָליציי — דער פֿונאַנדערגעלאָזענער המון האָט זיך געהאַלטן אין צוריקשטויסן. און כאָטש אַלע האָבן געהאַט אויפֿן קאָפּ די שאָדנס, די צאָל יידישע הײַזער וואָס די אַראַבער האָבן פֿאַרברענט דורכן הײַנטיקן טאָג, דורכן הײַנטיקן טאָג, האָט דאָך קיינער ניט געוואָלט האָבן קיין חלק אין דער שרפֿה. ס'האָט גענומען ווערן שיטערער. פּאַרטיע־ווײַז האָט דער עולם אָפּגעצויגן און זיך געלאָזט צו די זײַטיקע שטייניקע ווענעלעך. עטלעכע יונגען זענען געבליבן. דאָס האָבן זיי נײַגעריקע זיך געוואָלט צוקוקן, ווי נאָך דער אַלטער סאַפּורטאַ באַגעגנט זיך מיט סימן טובן.

יום טוב סאַפּורטאַ האָט געקוקט אַריבער אַלעמענס קעפּ. די שנאה־בליקן האָבן זיך געיאָגט נאָך דעם זון, אים געזוכט און דערטאַפּט. לאַנג האָט זייער איבערקוקן זיך נישט געדויערט. דערנאָך זענען זיי געשטאַנען פּנים אַנטקעגן פּנים, אויגן פֿינצטערע אַנטקעגן אויגן. מיט אַ מאָל האָט דער אַלטער יום טוב אַראָפּגענומען דעם בויך־באַנד און אָנגעהויבן גיך שלאָגן איבער סימן טובס קאָפּ. ער האָט געשלאָגן האַסטיק, מיט רוגזה. אין מיטן האָט ער זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך געיישובט. באַלד האָבן די קלעפּ גענומען פֿאַלן מיט מער חימה, און טרערן, גרויסע און הייסע, זענען געראָנען איבער זײַנע ברוינע פּנים־פֿאַלדן. דער אַלטער האָט געוויינט. מיט יעדן גאַרטל־וואָרף איז דאָס געוויין געוואָרן העכער, שרײַענדי־קער אויף דער עוולה, וואָס מען האָט אים אָפּגעטאָן. צו וואָס האָט סימן טוב צונויפֿגעשלעפּט אַהער דעם המון, צו וואָס? נאָר כדי דער בוכאַרער זקן זאָל אים מבייש זײַן פֿאַר די שיך־פּוצערס און פֿאַר די טרעגער־יונגען? דאָס געוויין איז איבערגעגאַנגען אין אַ שלוכצן, אין אַ שטילן געיאָמער, וואָס ער האָט אויפֿגעצויגן אַזאַ ווידערשפּעניקן זון, און אַ ווייטאָג האָט געריסן זײַן האַרץ אויף מזלס חרפּה, אויף זײַן אייגענער חרפּה.

סימן טוב איז געשטאַנען אַ געשלאָגענער, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. מיט קיין איין האַנט־הויב האָט ער זיך נישט פֿאַרטיידיקט. אין זײַן גאַנץ אויסזען איז געווען עפּעס קנעכטישעס. ווי לאַנג וועלן די שמיץ אַזוי פֿאַלן איבערן קאָפּ? ווי לאַנג וועט דער אַלטער, ווי אַ צערייצטער מעטשעט־שמײַסער, אַזוי לויז האַלטן די בײַטש?

און מיט אַ מאָל האָט ער אַ ריס אַרויס געטאָן פֿונעם פֿאָטער דעם בויך־באַנד, אים צוזאַמענגעקנוילט און פֿאַלנדיק אויף די פֿיס, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם אַלטנס בייניקע, צעאָדערטע האַנט און זי גענומען קושן, מחילה בעטן.

יום טוב סאַפּורטא האָט אַ צעטומלטער זיך אַרויסגעדרייט פון זײַן זונס הענט. ער האָט נישט געקענט מוחל זײַן דעם בזיון. מיט גיכע טריט האָט ער זיך גערוקט אויף היגטערווײַלעכץ. צי ער האָט חרטה געהאַט אויף די שמיץ, צי ער האָט אין גאַנצן אָפּגעהאַקט מיטן זון, דער אַלטער האָט זיך אָפּגעטראָגן פלינק, אין גרויס אײַלעניש. די עטלעכע געבליבענע פאַרשוינען, וואָס האָבן צערודערטע זיך צוגע־קוקט ווי די שמיץ פאַלן אויף סימן טובן, האָבן איצט אײַנציקווײַז זיך דערווײַטערט און געצויגן צום ספרדישן קוואַרטאַל.

די געבײַדע האָט געפלאַקערט.

⊛

אָוונטן לזכר דעם 12טן אויגוסט אין תל-אביב

"יידישער טעאַטער און ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד — 30 יאָר זינט דער הריגה פון די שרייבער". דאָס איז געווען די טעמע פון דער טרויער־אַקאַדעמיע אין בית התפוצות. געפירט האָט דעם אָוונט ל. פּאָדריאַטשיק. מיט אַ וואָרט איז אַרויסגעטראָטן מרדכי צאַנין. הירש אָשעראָוויטש, יאָסל לערנער, חיים מאַלטינסקי, מאָטל סאַקציער און שלמה רויטמאַן האָבן פאַרגעלייענט לידער פון די אומגעבראַכטע דיכטער.

ענלעכע טרויער־אַקאַדעמיעס זענען אויך פאַרגעקומען אין "אַרבעטער־רינג" און אין בית אריאלה, איינגעאָרדנט דורך דעם קאָאָרדינירי־קאָמיטעט פאַר די סאָוועטישע יידן; ס'ווערן דערוואָרט אויך אונדזער אָוונטן אין תל־אביב, נתניה, ווי אויך אַ צענטראַלע אַקאַדעמיע אין ירושלים מיטן אָנטייל פון נשיא המדינה, מר יצחק נבון.

צבי אייזמאַן

שרעטעלער

דער טישלאָמפּ, איך און דער שאָטן.
דער שאָטן און די שטילקייט פון דער נאַכט.
די שטילקייט פון דער נאַכט, די פּען און דאָס פּאַפּיר.

ס'האָט זיך געהערט אַ פאַראיינצלטער זשום פון אַ פליג. אויך זי האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. די פליג, דער זייגער און איך האָבן געפּראַוועט חצות.

די האַנט האָט געזוכט די פּען. די פּען — דאָס פּאַפּיר. אויפן ווייסן פלאַך פון פּאַפּיר האָט די האַנט אָנגעצייכנט מיט בלויע אותיות דאָס וואָרט — וואַלד.

האָבן זיך צווייַגן צעוויגט. בלעטער — צעשאַרכעט. ס'האָט פאַרשמעקט מיט זשיוויצע און רומניאַנעק. פייגל זענען געשפּרונגען פון צווייַג צו צווייַג, געפלויגן צום וואַסער־קוועלכל, צו די העזלעך אין די נאָרעס, צו די יאַגעדעס אויף די נידעריקע קוסטלעך און אַנגעזאָגט, אַז וואַלד איז צוריק וואַלד ווי געווען.

די שרעטעלעך האָבן אין זייערע שוואָמען־הייַזקעס דערהערט, אַז אין דרויסן רודערט זיך עפּעס, באַוועגט זיך עפּעס. מען צוויטשערט דאָרט און מען יובלט, האָבן זיי פענצטערלעך צעעפנט, טירעלעך אויפגעפּראַלט און זייערע לאַנגינקע בערדעלעך אַרויסגעשטעקט צו דערגיין וואָס אַרום זיי קומט פאָר.

ס'איז געווען אין מיטן טאָג. די זון האָט זיך געשפּילט מיט די ביימער אין באַהעלטעניש. דער גרינער פליוש פון מאָך אַרום די ביימער־שטאַמען און די אויס־געטרוקנטע שיכטן סאָסנע־נאָדלען האָבן אייַנגעזאַפּט מייַנע טריט.

די שרעטעלעך האָבן מיך באַמערקט. די עלטערע פון זיי האָבן מיך אַפילו דערקענט. זיי זענען פון אונטער די שוואָמען־דעכלעך אַרויסגעשפּרונגען און מיך אַרומגערינגלט פון אַלע זייַטן. מ'האָט מיך אַרומגעטאַפּט, ווי ניט געגלייבט זיך וואָס די אויגן זעען, אַז דאָס בין איך טאַקע אויף אַן אמת צוריקגעקומען גאַנץ און ניט באַשעדיקט. מען האָט מיך געגלעט און געצערטלט ווי כ'וואָלט נאָך אַ קינד געווען און ניט געוווסט ווו מיך צו באַזעצן. מ'האָט אַרום מיר געטאַנצט און געזונגען:

בייַ דייַן בעטעלע,
שטייט אַ שרעטעלע,
אַ שרעטעלע
און וואַכט איבער דייַנע
חלומות.

— שרעטעלעך, צוועׂרגעלעך, וואָס רעדט איר, וואָס זינגט איר! ? — האָב איך צו זיי געׂרופן אַ געׂרירטער פון דעם קבלת־פּנים — דרויבעלעך מײַנע, איר זעט דען ניט די גרוי געוואָרענע האָר און דעם נומער אויפן האַנט־געלענק ! ? —

— מיר זעען. מיר זעען!

האָבן די שרעטעלעך געענטפערט אין אַ כאָר. דער עכאָ פון וואַלד האָט איבער־געחזרט — מיר זע — ע — ן. זע — ע — ן!

איינער אַ שרעטל, אַן אַלטינקער אַזאַ מיט אַ בראָדעווקע אויפן שפּיץ נעזל, אָנגעלענט אויף אַ שטעקעלע, אַ שפּענדעלע, האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער עדה. דער פריילעכער געפּלויש פון דעם יונגוואַרג האָט זיך איבערגעריסן, אויס דרך־ארץ צום גרײַזעלע, וואָס וויל דאָ מן הסתם עפּעס זאָגן. די ביימער האָבן זיך צונויפגערוקט. דאָס ווינטל — זיך פאַרהאַלטן. די פייגל האָבן אויפגעהערט זייער טרילען. די העזלעך מיט די פּײַכטע נעזלעך זענען אַרויס פון די נאָרעס, געצוויקט מיט די אויערן און זיך דערנענטערט צום געזעמל, כדי בעסער צו הערן וואָס דער עלטסטער פון די צוועׂרגלעך וועט דערציילן. אַפילו דאָס קוועלעכל האָט פון דער ווײַטן דעם געלויף פון זײַנע וואַסערלעך געצוימט.

— אין יענע צײַטן, קינדערלעך — האָט דער אַלטיטשקער אָנגעהויבן צו רעדן. מ'האָט אים קוים געהערט. ער האָט גערעדט צו די פאַרזאַמלטע און געקוקט אויף מיר — אין יענע צײַטן ווען די גאַסן אײַערע זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מויער און וואַכפּאָסטנס האָבן געהיט דאָס טויער און דו ביסט נאָך אַ קינד געווען, אַ קינד אַן שיך און אָן ברויט מיט אַ מאַמע, אַן אַלמנה, האָבן מיר דיך געוואָלט אין וואַלד אַרײַן ברענגען, אין וואַלד אַרײַן נעמען, זאָלסט אויף אַ הוידלקע זיך וויגן, יאַגעדעס קלײַבן, שישקעס זוכן און זיך יאָגן נאָך אַ וועווריק, אַ ניסל. געוואָלט — און ניט באַוויזן. שווער געווען די לאַסט פאַר אונדזערע שרעטלדיקע פּלייצעס, פאַר אונדזערע וואַלדיקע גופימלעך. די גאַסן האָבן שוין געברענט. די הײַזער האָבן שוין געקראַכט. מיר זענען געשטיגן איבער לאַמע לייטערס, געגנידערט איבער קרומע טרעפּ, פון בוידעמס צו קעלערס, פון קעלערס צו שטאָקן און מיר האָבן דיך ניט געפונען. מיט אָפּגעבריטע פינגער, אָפּגעזענקטע ברעמען, פאַרטשאַדעטע, פאַרסאַ־פּעטע האָבן מיר צווישן אַש און רויך קוים געפונען אַ וועג וואָס האָט געפירט פון די חרובע גאַסן צום פעלד און פון פעלד צו אונדזערע שטיבלעך אונטער די שוואָמען־דעכלעך.

דאָ האָט זיך דער זקן אָפּגעשטעלט. געמאַכט אַ לענגערע פּויזע. ער האָט דעם טריבן בליק פון מיר אַראָפּגענומען און אים אַריבערגעפירט אויף די פאַרזאַמלטע. ס'רוב פון זיי זענען שוין געווען פון נײַערע דורות. צי גלייבן זיי אין דעם וואָס ער שילדערט. צי באַנעמען זיי מיט זייער שרעטלדיקער תמימותדיקייט וואָס מענטש האָט מיט מענטש אָפּגעטאָן אין יענע פינצטערע יאָרן ? האָט זיך דער אַלטיטשקער געטראַכט. אַזוי ווי קיינער האָט זיך ניט אויפגעהויבן און אוועקגעגאַנגען, קיינער האָט די שטילקייט ניט איבערגעריסן, האָט דער זקן זיך אַראָפּגעזעצט מיט אַ קרעכץ אויף אַ שטיין און ממשיך געווען דאָס דערציילן:

— שפּעטער האָט דאָס שלעכטס אויך צו אונדזער וואַלד דערגרייכט. אונדזערע שטיבלעך צעטראָטן און די פייגל אויסגעראָטן. דאָס קוועלעכל פאַרפּעסטעט און פאַרשליימיקט און דעם וואַלד אויסגעביימיקט.

דאָס גרייַזעלע האָט זיך אונטערגעהויבן פונעם שטיין און פאַמעלעך אויפן שטעקעלע צוגעהינקט צו מיר. מיט אים אויך די שרעטעלעך און מיך אַרומגענומען מיט אַ לעבעדיקער רייף פון לויטער גוטסקייט. דער אַלטינקער האָט צו מיר אויפגעהויבן זייַן געטרייַען בליק און געזאָגט:

— איצט, אַז דו ביסט דאָ, דער וואַלד — דאָ און מיר זענען דאָ, איז לייג דייַן גרויען קאָפּ אויף אונדזערע קני און מיר וועלן דיך פאַרוויגן ביז דו וועסט אַנטשלאָפן ווערן, ביז עס וועלן אָפּטריקענען אויף דייַן פּנים די לעצטע טרערן. לייג דייַן מידן קאָפּ. די אויגן מאַך צו. איז איַי־ליו־ליו — זונעניו. איז איַי־ליו־לי — זונעשי. איַי־ליו־ליו. איַי־ליו־לי — — — — — —

די האַנט האָט געזוכט די פּען. די פּען — דאָס פּאַפּיר. אויפן ווייַס פון פּאַפּיר האָט געבלויאיקט ביזן שפּראָץ פון טאָג — דער וואַלד.

קולטור-כראָניק

אַ ליטעראַרישער אָוונט לכבוד משה יונגמאַן, צום דערשיינען פון זיין בוך "מיין טאַטנס פּרנסות", איז פאַרגעקומען אין חיפה, אין זאַל פון "ביתנו", דעם אָוונט האָט דערעפנט דער שרייבער מרדכי שטיינבערג מיט אַ ברייטערער אָפּשאַצונג וועגן דעם בוך. דער מחבר מ. יונגמאַן האָט געלייענט זיינע שאַפונגען, און פאַרענדיקט האָט דעם אָוונט דער זינגער מוטי שחר מיט אַ געזאַנג־פּראָגראַם, באַגלייטונג פון דעם פּיאַניסט באַבי פּנחסי.

אַ ליטעראַרישער אָוונט לכבוד חיים מאַלטינסקי איז פאַרגעקומען אין הסתדרות־זאַל אין קרית ים, אָרגאַניזירט פון די קולטור־אינסטאַנצן. ס'איז געקומען אַ גרויסער עולם. מיט אַן אָפּשאַצונג פון דעם דיכטערס שאַפן איז אַרויסגעטראָטן מ. קראַשניק, און דער דיכטער האָט געלייענט פון זיינע לידער. נאָך דעם איז אויפגעטראָטן דער זינגער שמעון אָסאָוויצקי, ביי דער קלאַוויר — באַגלייטונג פון אַלעקסאַנדער טאַרסקי.

יוסף קערלער

נייע לידער

צום אָנדענק פֿון עזרא פֿינינבערג

„אַ בראָך צו אונדז —
מיר זײַנען ליידיק!“ —
האָט פֿינינבערג אַמאָל געקלאָגט...
דערשראָקן האָט ער זיך
ביז ווייטיק,
ווען כ'האָב דערמאָנט אים
יענעם זאָג...
— וואָס רעדסטו, קערלער...
און אַ בלייכקייט
פֿאַרגאָסן האָט זײַן דאַר געזיכט
און ס'האָט זײַן אויסגעפּלאָגטער שמייכל
געצאַנקט ווי אויפֿן ווינט אַ ליכט:
„צי מוז מען קירצן זיך די יאָרן,
ווי איך, די ווערטער, כ'בעט, פֿאַרגעס,
פֿאַריאָג אויף שטענדיק פֿון זכרון
און לעבן זיכערער דו וועסט...“

כ'האָב ניט געפֿאָלגט מײַן ליבן לערער
אַ עזרע, עזרה, קענסטו — העלף:
„אַ בראָך צו אונדז!“ — ווי גלעקער שווערע
און ס'רוקט דער ווײַזער זיך צו צוועלף.

די קינדהייט

די קינדער-יאָרן —
פֿולע קעשענעס מיט פּסחדיקע,
קלינגענדיקע ניס
און ס'איז קיין ניסל
ניט פֿאַרשפּילט נאָך...

און יעדער טאָג
איז לאַנג און גרויס
און הימל-טיף
און ס'וואַרט אין צאַפּלעניש
אַן אומדערוואַרטע פרייד,
וואָס האָט אין האָריזאָנטן-בלוי
פאַרהילט זיך . . .

דאָס לעבן מײַנס:
די קינדער-יאָרן
און אַלץ
וואָס שפּעטער איז מיט זיי געוואָרן.

כ'האָב קיין פאַריבל ניט
און ס'פּײַניקט קיין באַדויער —
די יאָרעלער,
די יאָדערלער,
די לעצט פאַרבליבענע,
ווי קערנער צײַטיקע
אויף שווערע דלאָניעס
וועג איך
ווי אַ פּויער.

קליינינקייטן

די קלייניקײַטן
די פּיצלעך קליינע זאַכן
זיי רעכענען זיך ווייניק-וואָס
מיט מײַנע כוחות גאָר ניט שוואַכע

דער שטויב-און-דרויב
ער גייט אַרויס אויף רויב
און דווקא ניט באַנאַכט,
ווען שטומע הימלען טונקלען
און ניט אין דער געדיכטעניש
פון דזשונגל,

נאָר אין דעם ליכט פֿון העלן טאָג
ווען יעדער טראָט איז פֿול
מיט פֿרייד און וואָג
ווען פֿרײַ דער אָטעם איז
און לעבן איז כדאַי — —
— — — — — — — —

פֿאַר קיינעם אין געהיים,
פֿאַר מענטשן ניט פֿאַרבאָרגן
די רוצחים-קליינינקייטן
כאַפּן בײַ דעם גאָרגל, — —
— — — — — — — —

נישט אונטערגעבן זיך,
אַז ווערן זאָלן זיי אַליין דערוואָרגן,
די קליינינקײַטן!

און אויב . . .

אויב כ׳האָב עמעצן
באַליידיקט
מיט מײַן ליד-און-לעבן —
די שונאים וועלן ניט פֿאַרגעסן,
ניט פֿאַרגעבן,
און ס׳אַרט מיך ניט!
נאָר אײַך,
איך בעט אײַך, מײַנע פֿרײַנד,
פֿאַרגעסט, פֿאַרגיט,
זײַט מוחל מיר,
מײַן לײַב-און-ליד
און גלויבט —
צום רײַטוואָגן פֿון כבוד
כ׳בין ניט צוגעקאָוועט
און ווי דער מינדסטער צווישן מינדסטע
בין איך פֿרײַ, —
אַ פֿרײַ, אַ שרעקעוודיק באַשעפֿעניש
וואָס וויל פֿאַר אײַך אַנטרינען
אין פֿאַרגעסעניש.

דאָס ביימל ביי מיין פענצטער

דאָס ביימעלע
וואָס כ'האָב פֿאַרפֿלאַנצט ניט לאַנג
האָט שוין מיט גרין געזאַנג
אַ קלאַפּ געטאָן אין מײַנע פֿענצטער
אויפֿן שטאָק דעם צווייטן . . .

ניין, ניט דערפֿאַר,
ווײַל כ'בין בײַ דעם דער שענסטער,
געדיכטער ווערט עס און צעשפּרייטער,
קיין עין הרע, ווי אַ שיינער פֿעכער —
ס'וויל גרייכן, קענטיק, העכער, העכער
פֿון שטאָק דעם סאַמע לעצטן,
אַ לייג טאָן זײַנע צווײַגן
אויפֿן דאַך,
זיך אײַנפֿלעכטן
אין די אַנטענע-נעצן,
די זשעדנע-אַנגעשפּיצטע,
שטענדיק אויף דער וואַך
צו אַלץ וואָס אויף דער וועלט
זיך טוט,
בעיקר — צי פֿאַר יידן
איז דאָס גוט.

לייב קורלאַנד

מיניאַטורן

קעניג און פישער

פיש זענען געשווומען נאָענט פון בערג, ווי אינעם משל פון רבי עקיבא פאַר פּאַפּוסן. אָבער אויפן אָרט פון פוקס, איז געגאַנגען ביַים ברעג דער אַלמעכטיקער קעניג. און געדוכט האָט זיך אים, אַז די פיש שפּעטן אָפּ פון אים. און איין פיש, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן און אָנגעשפּיצטע וואָנצעס, טריַיבט גאָר חוזק פון אים.

האָט ער געטראַכט: ווי גוט וואָלט געווען, ווען דער פיש געפינט זיך ביַי אים אויפן טעלער צום מיטאָג. און דערמאָנט האָט ער זיך, אַז פאַראַן אין תפיסה דער בעסטער פון זיַינע פישערס, וואָס האָט אים אַנומלט צוגעשטעלט נישט קיין פרישע פיש. האָט ער אים געהייסן רופן און געזאָגט צו אים: — ברענג מיר דעם דאָזיקן פיש, און איך וועל דיר געבן די פריַיהײַט. די פריַיהײַט וועל איך דיר צוריקגעבן דערפאַר.

האָט דער בעסטער צווישן די פישערס געלאָזט זיך שווימען. און געשווומען און געשווומען ביז צו דער צווייטער זיַיט פון וואַסער, ווו געווען איז די גרענעץ פון אַן אַנדערער מדינה.

— איך וויל נישט דער אַלמעכטיקער קעניג זאָל מיר געבן פריַיהײַט, זאָל מיר צוריקגעבן פריַיהײַט... פריַיהײַט דאַרף מען אַליין נעמען, אַליין צוריקנעמען — האָט ער געזאָגט, שטייענדיק אויף יענעם ברעג מיט אַ פויסט אין דער לופטן און מיט אַ פּנים, ווי יענער פיש.

קראַטעס

די זונשטראַלן האָבן פאַרטריבן, ווי מיט קופּערנע בעזעמס, די נאַכט־צויטן פון כינרת, און זיך אַריַינגעריסן דורך די ענגע לאַדן־שפּאַלטן. זיי האָבן זיך צעלייגט מיט גילדענע תפיסה־קראַטעס איבערן צימער.

— נאָר נישט קיין קראַטעס! — האָט ער זיך אויפגעזעצט אין בעט.
— האָסט קאָשמאַרן — האָט זי זיך איבערגעוועקט.
— קוק, אַלגאַ, קראַטעס אויף דער וואַנט.
— קאָשמאַרן, אָסיפּ. דו מיינסט, אַז ביסט נאָך תמיד דאָרטן.
— זעץ דיך אויף און קוק צו דער וואַנט. זעסט דאָך — קראַטעס!

זי האָט זיך צעלאַכט: — דאָס איז דאָך די זון, אָסיפּ. גילדענע קראַטעס...

— און גילדענע קראַטעס, אַלגאַ, זענען קיין קראַטעס נישט, האַ?

ער איז אַראָפּ פון בעט. אויפגעעפנט ברייט דעם לאָדן.

געלאָקט דורכן ערשטן זומער־פרימאָרגן, זענען פישערס אַרויס מיט זייערע שיפלעך. זיי האָבן פונאַנדערגעוויקלט זייערע נעצן און געשפּרייט זיי איבערן וואַסער. פאַרפּלאָנטערט צווישן די געדיכטע פעדעם פון די נעץ־אויגן, האָט די זון

פאַרלייגט גילדענע קראַטעס אויף רוקנס און טאַלן פון צעהוידעטע כוואַליעס. וואָס אַ מאָל לענגער, וואָס אַ מאָל ברייטער — קראַטעס.

ער האָט מקנא געווען זײַן פרוי, וואָס איז אײַנגעשלאָפן מיט דער דעק איבערן קאָפּ.

אַ פּאָר ווערטער וועגן סאָוועטיש-יידישן שרייבער משה אַלטמאַן ז״ל



משה אַלטמאַן
1981—1890

אין משך פון קוים 13 יאָר, פון 1926 ביז 1939, האָט משה אַלטמאַן אַרויסגעגעבן אין טשערנאָוויץ און אין בוקאַרעסט פון פאַרמלחמהדיקן רומעניע פיר פּראָזע־ביכער, וועלכע האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג סיי ביים דעמלטיקן ברייטן לייענער־עולם, סיי אין שרייבערישע קרייזן.

פאַר 40 יאָר סאָוועטישער בירגערשאַפט האָט אַלטמאַן נישט זוכה געווען צו קיין איין בוך אפילו. ערשט צו זיין 90סטן געבוירנטאָג אין 1980 האָט דער פאַרלאַג ״סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ אים אַרויסגעגעבן אַ בוך ״די ווינער קאַרעטע״. דאָס איז דער נאָמען פון אַלטמאַנס אַ ראָמאַן פון צוריק מיט 50 יאָר, ווייל צוויי דריטל פון בוך זענען איבערגעדרוקטע אַלטע זאַכן.

אַט אַזוי איז מען זיך באַגאַנגען מיט דעם, וואָס יחיאל שרייבמאַן רופט אָן אין פאָרוואָרט: דער גרויסער יידישער שרייבער און דענקער משה אַלטמאַן.

משה אַלטמאַנען, וועלכער איז געבליבן און געלעבט די לעצטע יאָרן אין טשערנאָוויץ, כדי ״איבער הונדערט יאָר״ זאָל מען אים מקבר זיין לעבן זיין חבר, לערער און פריינד אליעזר שטיינבאַרג, האָט מען... שבת דעם 24סטן אָקטאָבער 1981 מקבר געווען אויפן... טשערנאָוויצער קריסטלעכן בית עלמין.

אין 1967 איז אין תל אביבער י.ל. פרץ־פאַרלאַג אַרויס אַ באַנד דערציילונגען פון משה אַלטמאַן אין דער העברעישער איבערזעצונג פון ק.א. ברתיני. אין 1980 האָט ער זוכה געווען צום איציק מאַנגער־פּרייז.

א. לוריאַ (ניו יאָרק)

פון לידער-ציקל "האַרבסט"

❋

עס פֿאַלן אָפּ אין סאָד די אָפּגעוועלקטע בלעטער
און ס'ווערט אַרום אי ליכטיקער, אי סומנער,
און דו דערפֿילסט ווי דײַנע מידע גלידער
האָט העל דער האַרבסט מיט רו אַרומגענומען.

בײַ טאָג אין פֿעלדער אַלץ בלאַנקט דער שאַרף פֿון קאָסעס,
און ס'ציען שפערלעך פֿײַפֿנדיק אין ראָיען,
נאָר בײַ דעם פלויט אין גראָז פֿון נאַכט די ראָסע
פֿאַרהאַלט זיך לענגער אין פֿריעדיקע שעהען.

און שפּעטע עפּל אויף איינציק גרינע ביימער
זיך צינדן-אָן אין צונטער-רויטע פֿלאַמען,
ווי גאָר דער וועלט מיט צייכנס מיט געהיימע
אין ערשטע פֿרעסט זיי וואָלטן איצט דערמאָנען.

❋

ער קומט צו מיר אין מאָרגנרויט
און אָפּגעהיט קלאַפּט-אָן אין שויב

און מיר די אויגן ער פֿאַרבלענדט,
און מיר מוט שפּיל דאָס האַרץ צענעמט, —

אַזוי פֿיל טונען גאָלד און גין
ער פֿאַר דער נאַכט האָט אָנגעשפּינט,

אַזוי מיט פֿאַרב פֿאַרמישט מיט זון
האָט ער באַמאָלט דאָ אַלץ אַרום

און מיר אין טרויער און אין פֿרייד
צו שיינער שטילקייט צוגעגרייט.

⊛

דער פֿריער בלעטערפֿאַל אין האַרבסט —
ער ברענגט אונדז שטילע רו אין האַרץ,

ער הײַטערט-אויף און ער פֿאַרוויגט,
און טרינקט מיט ליכט אָן דאָס געמיט.

וואָס דאַרף איך נאָך און וועלן כ'קאָן,
ווען ס'שיט מיט גאָלד פֿון זיך דער קליאָן ?

ווי שיין אין וואַלד איז ערב נאַכט
צו בלאָנקען אָן אַ וועג פֿאַרטראַכט,

זיך אײַנהערן אין בלעטער-שיט
ווי ס'שאָרכעט אונטער דײַנע טריט

און וויסן, אַז סע האָט דער האַרבסט
פֿאַרטריפֿט זײַן גאָלד צו דיר אין האַרץ.

נחמן ראַפּפּ

היימיש פייער
(דערציילונג)

״אַלולדיקע טעג מיט גינגאָלדזון באַגאָסענע / מיט פרוכטן־רײַפקייט אָנגעזאַפּטיקט גאָלדענע פאַרנאַכטן / ווער האָט אײַער גאָלד־געשפּין מיט קלאַנג מיט שוין פאַרגעסענעם / ווער האָט אײַך אַ רוף־געטאָן צו יאָגן זיך אין שלאַכטן״...

שורות פון אַ ליד? פון מײַנס אַ ליד? גיכער איז עס אַ האַרץ־אויפברויז אין יענעם געדענקפולן אָוונט, ווען עפּעס אַ בחורל, אַן אָפּגעברויגטס פון זון און ווינט, איז אָנגעפאַרן אויף זײַן צעדריוולטן דזשיפּ אין דער שכונה און געגומען גיין פון טיר צו טיר פון די קליינע עולים־הײַזקעס, און אין יעדע הײַזקע אַרײַנדערלאַנגט, אַן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, דעם צוו־קריאה, דאָס מאָביליזאַציע־צעטל, זיך צוצו־שטעלן, אין זעלבן פאַרטאָג, מיטן ביסל מיליטערישער אויסשטאַטונג, צום זאַמל־פּונקט אויפן פעלד־בערגל הינטער רעננה.

מען האָט געוווּסט אַז עס ״גייט ווערן אַ מלחמה״. ווי דען זשע? נאָר דעמלט, אין יאָר 1956, איז נאָך דער קליינער ראַדיאָ־טראַנזיסטאָר נישט געווען אין דער מאָדע, און די נײַע עולים האָבן זייערע ערשטע שווער־פאַרהאַרעוועטע לירות אויסגעגעבן אויף אַ קאָך־מאַשינקע אָדער אײַז־קאַסטן, און נישט יעדער האָט געהאַט אין שטוב דאָס וווּנדער־קעסטעלע, וואָס ״דערציילט די נײַעס״. איז זי געקומען, די מלחמה, פּלוצלונג, ווי פון אונטער דער פאַדלאָגע אַפּויר, כאָטש איר שאָרך האָט מען געהערט גאַנץ גוט אין דער אַטמאָספער אין דער שפּעט־זומערדיקער היץ פון גאָלדענעם אלול.

פאַראַן כ׳לעבן וואָס צו דערציילן פון די איבערלעבונגען, וואָס מיר, נײַע עולים, האָבן דורכגעמאַכט אין די שווערע יאָרן פון דער וועלט־מלחמה: היטלער־אָקופּאַציע, פאַרטיזאַנער־קאַמפן אין די וועלדער, סיבירער פאַרשיקונגען און סתם שטילער טויט אין דער ממשלה פון די ווײַסע בערן. מענטשן האָבן גאַנצע ביכער וועגן דעם געשריבן. אָבער די פײַער־שפּײַענדיקע כלי וואָס מיר האָבן באַקומען אין יענעם פאַרטאָג אויפן בערגל־פּלאַך בײַ רעננה, אָט די כלי, וואָס באַלד בײַם נעמען זי אין די הענט איז זי געוואָרן נאָענט און טײַער, דעם שטרענגן אָנשטעל וואָס עס האָט געמאַכט פינקע דער ״מעם־כף״ (מפקד־כיתה) בײַם פאַרטיילן אונדז די ״סטענען״, די אָנגעפאַרענע זילבערנע אויטאָס וואָס האָבן אונדז אײַנגעשלונגען אין זיך, כדי אונדז אָפּצופירן אין אומבאַקאַנטע היימישע מקומות, ווער קען עס באַשרײַבן וואָס עס האָט זיך דעמלט געטאָן אינעם האַרץ פון נײַעם עולה, וואָס גייט צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן אויף אַן אייגענעם פראָנט?

שפעטער וועט מען זיך עפעס פון דעם דערוויסן:

עס וועט אָנגערופן ווערן אויף דער שפּראַך פון אונדזער אַלטער היים, אויף יידיש־לשון — סיני־אַקציע. די יידישע גענעראַלן וועלן עס אַ נאָמען געבן אויף דער שפת המדינה — "מבצע קדש". אַלץ איינס. דעם אמתן אמת האָבן געוווּסט די פרויען און די מאַמעס: דאָס איז מלחמה.

אָבער וואָס פאַראַ מלחמה איז עס, ווען מאַמעס און פרויען באַגלייטן זייערע שפּיַיזערס פון דער שכונה ביזן הויפּט־כביש אויפן וועג צו רעננה, און קיינער פון זיי לאָזט נישט קיין טרער, נישט קיין קרעכץ אפילו און אויך נישט קיין טרייסט־וואָרט. שטום גייען די פרויען נאָך די אַוועקגייענדיקע ווי צו עפּעס אַ גורלדיקער באַשטימטקייט, ווי צו אַ רוף צום לעבן, וואָס מען מוז אויספירן זיַין באַפעל. מיטן צופאַלן פון דער נאַכט איז ער אָנגעקומען, דער צעברוינטער בחור אויפן דזשיפּ, און גענומען טיילן די מאָביליזאַציע־צעטלען. און ביַי מיר אין דער היַיזקע איז געווען אָנגעצונדן דאָס איינציקע לעמפּל און כ׳האָב געוואַרט. און ווען עס האָט זיך מיר איוסגעוויזן אַז איך וואַרט שוין צו לאַנג, האָט מיַין וויַיב געהאַט שווערע טענות צום גאַנצן גענעראַל־שטאַב פון דער אַרמיי:

— זע נאָר, אין אַזאַ צײַט און מען קומט נישט צוגיין!...

שפּעטער, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון איר באַגלייט און איז אַוועק אַהיים, איז איר זיכער "אַלץ געפאַלן פון די הענט", און דעם גאַנצן אומרו האָט זי זיכער אויסגעלאָזט צום איינציקן קינד אונדזערס, וואָס האָט אַזוי הפקרדיק אויסגעשמירט די שיכלעך אין אָנגעשאָטענעם געלן זשוויר ביַים שוועל. אָבער די מלחמה איז געבליבן אַן אַנדערע, אַן אייגענע, אַ מלחמה אין וועלכער מען טאָר נישט וויינען...

*

דער מפקד מאַטקע, וואָס האָט אונדז געבראַכט צופירן אין קבוץ איז באַלד פון אונדז נעלם געוואָרן. ער האָט אונדז איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ יונגן בחור, מיט קוים אויפגעשפּראָצטע דינע וואָנצעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ. יענער האָט זיך תיכף פאַר אונדז, באַוויַיבטע, פאַרגעשטעלט:

— איך הייס חיים און איך בין דאָ דער קאָמענדאַנט. און איר געפינט זיך אין קבוץ שלעבים.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען מיר שוין געשטאַנען ביַים אַראָפּהאַנג פון אַ טיפן טאָל און געגראָבן פאַר זיך אַליין שוץ־גריבער. דאָס זעלנערישע מיטאָג־עסן האָבן מיר שוין געפּראַוועט מיט דער ביקס צווישן די קניִען, האַלב־זיצנדיק און האַלב־שטייענדיק אין די אויסגעגראָבענע טראַנשייען.

מיר האָבן אָנגעצילט אונדזערע בליקן פאַרויס. אָבער ווייניקע פון אונדז האָבן געוווּסט, אַז אונדזערע בליקן זענען געווענדעט צו לאַטרון, און נאָך ווייניקע האָבן געוווּסט וועגן פאַרגאָסענעם בלוט ביַי לאַטרון פון ניַיע עולים אין דער באַפריַיונגס־מלחמה, ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק. זענען מיר געשטאַנען און געקוקט

פאַרבליפטע אין דער וויסט, אין די בערג־קאַנטורן וואָס האָבן זיך געצייכנט אויפן האָריזאָנט ווי אײדעלע אַקוואַרעלן. ביז איינער האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— חברה, דאָרט איז ירושלים!

ווי אַ פייער־גלי וואָלט אויפגעבליצט אין אונדזערע הערצער: ירושלים! אָט דאָס איז זי, די מלחמה, דער שונא וויל אונדז צונעמען ירושלים! דאַרף מען נאָך ווײַטערדיקע באַפעלן פאַר האַלטן אָנגעצילט די ביקס אין די הענט?

שטייען מיר אין טראַנשיי שווײַגנדיקע און קיינער רעדט נישט אַרויס קיין איינציק וואָרט צו קיינעם. וואָס האָבן דאָ צו טאָן ווײַטע און נאָענטע זכרונות, ווען מיר שטייען מיט ביקס אין דער האַנט פאַר פאַרטיידיקן ירושלים? ביז אין דער שטילקייט צעיאָמערט זיך ערגעץ אַ בידנער אייזל מיט זײַן האַרציק־באַנגן יאָמער. דעמלט טוט אַ זיפץ שלמה, דער אײַז־פירער פון כפר־סבא:

— נעבעך געלאָזט מײַן חמור אַליין אין שטאַל, ווער וועט אים געבן דאָרט אַ טרונק?...

ווערט די מחלקה פון טאַטעס אויפגעהײַטערט און מען איז שוין גרייט צו צעבינדן די צינגער און נעמען, יעדער אויף זײַן שטייגער דערציילן וועגן זיך, וועגן זײַן היים, די נײַע היים וואָס דאַרף ערשט ווערן אַזעלכעס. נאָר פּלוצלונג פאַלט צו די נאַכט און דערמאַנט דעם באַפעל פון יונגינקן קאָמאַנדיר:

— נישט רעדן און נישט רויכערן אין דער טראַנשיי, דער שונא איז פון אײַך בלויז עטלעכע מעטער ווײַט...

*

מיר אַלע, געניטע אין פלאַם־פײַער וואָס דער הימל לאָזט אַראָפּ אויף שטעט און דערפער פון אַנגעפלויגענע פײַנטלעכע עראָפּלאַנען, האָבן גוט געוווסט וואָס דאָס הייסט אַ באָמבאַרדירונג פון דער לופט. גענוג האָבן מיר זיך אָנגעזען מיט די בערג חורבות, רויך־קנוילן און מענטשלעכע הרוגים אין דער צעפלאַקערטער אייראָפּע, מיר זאָלן נישט וויסן וואָס דאָס באַטײַט. אָבער דאָס וואָס עס איז געשען אין יענעם פאַרנאַכט, איז געווען אויפטרייסלענדיק־נײַ: אַ פײַנטלעכער עראָפּלאַן האָט באָמבאַרדירט גזר!

מיר האָבן אין די טראַנשייען געהערט די פאַרטויבנדיקע דעטאָנאַציע און געמיינט אַז דאָס איז אַן אָפּהילך פון אַ האַרמאַטן־זאַלפּ. דער יונגינקער מפקד, וואָס איז אין יענעם פאַרנאַכט געווען צו אונדז שטרענגער ווי אין די פריערדיקע טעג, האָט נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט, אַז אַ פײַער מעגן מיר עפענען נאָר דעמלט, ווען מיר ווערן אָנגעגריפן, ער האָט עס געבראַכט די קורצע ידיעה: די מצרים האָבן באָמבאַרדירט גזר. קיין מענטשלעכע קרבנות זענען נישטאָ, בלויז אַ ציג און אַ קו אין שטאַל זענען דערהרגעט געוואָרן.

מיר האָבן אָפּגעפילט אַ ציטער אין האַרצן: גזר איז נישט לעמבערג, נישט לאָדזש און נישט באַראַנאָוויטש. גזר איז... וואָס איז גזר? און תיכף האָט יעדער פאַרנומען אַז גזר איז אַזוי גוט ווי כפר־סבא, רעננה, דער עולים־שיכון אין שביב,

דאָס הייסט מיר אַליין, אונדערע ווײַבער אין די היימען. גזר איז אַ לעבעדיקער אָפּשניט פון אונדזער לײַב און לעבן. דער אײַז־פּאַרטיילער פון כפר־סבא, שלמה, האָט זיך תּמימותדיק פּאַרקוקט צום פּאַרנאַכטיקן הימל און ווי אָפּגעגעבן דער שקיעה דעם פּאַרכטיקן באַריכט:

פון דער באַמבע זענען געפאַלן אַ קו מיט אַ ציג...

און קיינער האָט נישט געלאַכט פון דעם וואָרט "געפאַלן" וואָס ווערט באַנוצט נאָר אין פאַל פון אַ מענטשלעכן הרוג. מען האָט נאָר נאָכגעפּליסטערט: אַ קו מיט אַ ציג... אַ קו מיט אַ ציג...

די שקיעה איז נאָך געשטאַנען אין פולער געזעגענונג מיטן אָוועקגייענדיקן טאָג. אָבער ביסלעכווײַז זענען די ווײַטע בערג באַצירט געוואָרן מיט אָונטיקן טונקלגאָלד, און פון זיי, פון די בערג האָט אַראָפּגענידערט, אַ שטילע, אַ רויִקע די מלכה שבת.

אין קליינעם בית כנסת פון קבוץ שלעבים האָבן שימערירט די ווײַסע שבתדיקע העמדער אויף די כאַקי־הויזן. די מתפּללים זענען געווען די יונגע בחורים און מיר, אַ טייל פון די באַווײַבטע, אַלע באַגורט מיטן פּערזענלעכן געווער, און אַ פײַערדיק־רויטע באָרד, בײַם יונגגמאַן וואָס איז געשטאַנען בײַם עמוד, האָט אין דער שטילקייט אַרויסגעפּליסטערט:

— וחי בהם... עס איז מלחמה, און דעריבער ווערט דערלויבט צו טראָגן געווער אום שבת בײַ דער תּפילה... לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה...

*

אויף צומאָרגנס זענען מיר, איך און דער אײַז־פּאַרטיילער פון כפר־סבא, אָוועקגעפירט געוואָרן קיין דרום. די טאַנקען־סטענגעס האָבן פאַר אונדז איבערגע־קײַט דעם מדבר־זאַמד וואָס מיר האָבן אים געגעסן מיטן מויל און מיט די אויגן. און פּאַרטאָענע אין מלחמה־האַרמידער האָבן מיר ביידע געפילט אַז מיר האָבן דאָרט, אין שלעבים, אין דער טראַנשיי עפּעס איבערגעלאָזט, עפּעס וואָס איז אונדז היימיש. זאָל עס זײַן די שולד פון שלמה דעם אײַז־פּאַרטיילער, וואָס האָט פון צײַט צו צײַט געפּליסטערט צו זיך אַליין ווי אַ תּפילה:

— אַ קו און אַ ציג... געפאַלן...

און ווען די ערד האָט זיך אײַנגעשטילט, און מענער און טאַטעס זענען שוין צוריק געווען אין די היימען, האָבן פּרויען אויף די שמאָלע טרעפּלעך פון זייער עולים־שיכון גערעדט וועגן דער מלחמה וואָס איז געווען און זיי האָבן איר אויסטערלישקייט נישט באַנומען: אַ מלחמה אָן חרובע שטעט און אָן אײַנגעפאַלענע הײַזער. האָבן זיי סתּם, מעשה סטראַטעגן אויסגעדריקט דעם אמתן געדאַנק און מיין פון די געניטע גענעראַלן:

— איצט וועט כאָטש אַ ביסל שטיל ווערן מיט די פעדאַיִנער. עס וועט נישט זײַן קיין פּחד אַרײַנצוקוקן אין דער בײַנאַכטיקער פינצטערניש אין דער טונקלקייט פון נאָענטן פּרדס...

און אונטערוואַקסנדיקע קינדער האָבן דורכויס געוואָלט פאַרוואַנדלען זייערע טאַטעס אין גבורים און נישט געוווּסט ווי אַזוי...

*

צוויי פּעטע בלוט־שפּריצן האָט אויפגענומען אין זיך די געל־זאַמדיקע ערד אויפן זאַמדיקן בערגל הינטער עזה. צוויי בלוט־שפּריצן נאָענטע איינס נעבן צווייטן. אָבער געקומען זענען זיי פון ווײַטע וועלטן. איינס — פון דורכגעברענטן מדבר־ווינט און דאָס צווייטע פון אָפּגעברענטע שריפות אין אייראָפּע. איינס האָט אַ מאָל געפלאָסן אין די אָדערן פון ייִד, וואָס איז מיד געוואָרן פון וואָגל און וואַנדער, און דאָס צווייטע האָט געהערט צום יונגן אחמד.

נישט ער האָט געפרעגט מײַן נאָמען און נישט איך זײַנעם. סך הכל זענען מיר, אין מיטן מלחמה־ווירבל געבליבן שטיין אומגעריכט איינער קעגן צווייטן, מיט די קורצע ביקסן אין די הענט און פײַערדיקן דורשט אויף די ליפּן. פאַרבײַ אונדז האָבן טאַנקען געדראָשן מיט זייערע ציינער דעם געלן זאַמד און דזשיפּן אָפּגעלאָזטע פון דער צוים האָבן געיאָגט צו ערגעץ אַ ווײַטן ציל. מיט אַנגעצונדענער שרעק און גלײַיקן צאָרן אין די אויגן האָט דער, וואָס האָט שפּעטער זיך געהייסן רופן אחמד געפּליסטערט דורך די בלאַנקע ציין:

— נו שיס, הונט. כלב.

איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט באַוויזן אַנצוצילן די ביקס. אָבער ווײַזט אויס אַז קיין כלב בין איך נישט געווען. איך האָב בלויז שטום אַנגעקוקט אים אין געזיכט אַזוי לאַנג ביז יענער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק צו דער ערד, און געגומען שטאַמלען:

— איך הייס אחמד, פון יפו, פון יפו.

ער האָט געוווּסט אַז ער וועט מיך איבערראַשן. ווײַל געזאָגט האָט ער זײַן קורצן זאַג אַ העלפט אויף עברית און אַ העלפט אויף יידיש: מין יפו, פון יאַפע... זיכער האָט ער געלערנט פון זײַנע יידישע שכנים שפּליטערס פון דער שפּראַך פון מײַן אַלטער היים און מיט איר האָט ער דעקלאַמירט אויף די גאַסן פון יפו זײַן סחורה: אַלטע זאַכן...

איך האָב אַליין קוים געהערט ווי איך רוף אָן מײַן נאָמען. אַ ווײַלע האָט ער געוואַרט און געשוויגן. מסתמא אויפן שאָס וואָס איך דאַרף אָפּגעבן אין זײַן האַרץ. לסוף האָט ער זיך אָנגערופן, ווי ער וואָלט פאַרענדיקט אַ רעיון, וואָס ער האָט טיף דורכגעטראַכט:

— אַ ביקס איז באַשאַפן צו שיסן. קיין איינער פון אונדז טאָר די ביקס נישט פאַרשעמען. לאָמיר אָפּגעבן צוויי גלײַכע שאָסן אין אונדזערע רעכטע הענט וואָס האַלטן די ביקס און דערנאָך זאָל אַללאַ זיך דערבאַרעמען.

פון זײַן רעכטן אָרעם איז אָפּגעפלויגן אַ שטיק פון זײַן אָרבל, צוזאַמען מיט אַ געדיכט־רויטן בלוט־שפּראָץ. בײַ מיר זענען די אָרבל געווען פאַרהויבן ביז איבער

די עלנבויגנס און דאָס בלוט איז געפּלאַסן רויק ווי רויטע טרערן. ווי אַ מידער פעלד־אַרבעטער נאָך דער מי פון טאָג האָט אחמד רויק און געלאַסן אַראָפּגעלאָזט די ביקס אויף דער ערד, זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן און אַוועק מיט שווערע טריט ביז דאָס בערגל האָט אים פאַרהוילן פון מײַן בליק. איך האָב, ווײַזט אויס, צו לאַנג זיך פאַרנומען מיט מײַן פעלד־באַנדאַזש וואָס האָט נישט געוואָלט פאַלגן מײַן לינקע האַנט. און ביז דער פאַרבײַפאַרנדיקער דזשיפּ האָט מיך אויפגענומען אויף זײַנע פליגל האָב איך נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז פאַרגעקומען. די יונגע סאַניטאַרקע האָט זיך גוט אָנגעלאַכט פון דעם ראַץ וואָס איך האָב באַקומען אין רעכטן אָרעם און פון די באַבע־מעשיות וואָס איך האָב איר אומגעלומפּערט געפּרוווט דערציילן.

לאַנגע חדשים זענען פאַרבײַ ביז די ווונד האָט זיך פאַרהיילט און געלאָזט נאָך זיך אַ צייכן. אָבער די ווונד וואָס הייסט מלחמה האָט זיך פאַרהיילט אַ סך גיכער. עס איז געווען די צײַט פון פעסטיקן פונדאַמענטן פון דער נײַער היים, און אין אַזאַ צײַט מוזן אָפּטרעטן זכרונות.

ביז זי איז געקומען און אויפגעאַקערט דעם זכרון פון אונטער זײַנע אַנוווקסן.

זי איז געזעסן קעגן איבער מיר בײַם קאַפע־טישל און נישט געשמייכלט. אירע גלאַטע פעך־שוואַרצע האָר זענען געווען פאַרקעמט אויף אַרויף און אָפּגעדעקט אַ מילך־ווײַסן ברייטן שטערן. אירע אויגן האָבן געקענט זײַן צוויי סאַמעטענע שוואַרצע סאַפּירן, אײַנגעפאַסט אין ווײַסן איידעלן מאַרמאָר. זיי האָבן עס געקענט זײַן ווען נישט דער פײַער פון צאָרן אין זיי. זי האָט געפּליסטערט ווי בעת אַ פאַרשווערונג :

— נישט צופעליק האָב איך זיך צוגעזעצט צו דײַן טישל. איך קען דיך. חדשים־לאַנג האָב איך געפאָרשט ווו דו געפינסט זיך, ווו דו קומסט, און איצט האָב איך דיך געטראָפן.

— ווער ביסטו ? ווי הייסטו ?

— אויך ער האָט דיר געזאָגט זײַן נאָמען, וועל איך אויך זאָגן. איך הייס פאַטימאַ.

— וואָס ברענגט דיך צו מיר, פאַטימאַ ?

— צו דיר ? נישט צו דיר. פאַר דיר האָב איך גאָרנישט, בלויז אַ גרוס.

— אַ גרוס פון וועמען, פאַטימאַ ?

— פון אים, פון מײַן לײַבלעכן ברודער, פון אחמד. ער האָט מיר באַפוילן דיך אויפצוזוכן און זאָגן דיר, אַז איך פאַטימאַ, האָב דיך פײַנט.

— אויף פײַנט האָבן דאַרף מען נישט קיין ווערטער, פאַטימאַ, גענוג בלויז דער צאָרנדיקער בליק אין די אויגן.

דערנאָך האָבן מיר בײדע געשוויגן. מיטן קליין לעפעלע האָט זי געמישט דעם טונקעלן געטראַנק און געזוכט דאָרט עפּעס אַ באַשייד. איך האָב דערווײַל דערציילט אַ קורצן עפּיזאָד פון מײַן נישט לאַנגער און נישט רײַכער ביאָגראַפיע.

— אויך איך האָב ליב ביכער און שיינע בילדער. שאַפֿען דערוועקט אין מיר אַ טיפֿן נאָגנדיקן טרויער.

און פּלוצלונג האָט זי אַ פֿרעג געטאָן ?

— און די ווונד אויף דײַן האַנט איז שוין פֿאַרהיילט ?

נאָך אָט דער פֿראַגע אירער האָבן מיר שוין ביידע געשמייכלט. און ווען זי איז ווידער געוואָרן ערנסט און מיר נאָך אַ מאָל דערקלערט אַז זי האָט מיך פֿײַנט, האָב איך אַ פֿרעג געטאָן :

— וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל טרעפֿן, פּאַטימאַ ?

— ניין — האָט זי אַ זאָג געטאָן ווי אַ פּסק דין. פֿײַנט האָבן קען מען נישט אויפֿהערן און סאַרגעסן קען נאָר דער וואָס האָט געהאַלטן די ביקס אין דער האַנט. איך נישט.

זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און אַוועק מיט געמאָסטענע טריט און מער נישט אומגעקערט איר בליק צו מיר.

ליטעראַטור-פּרעמיעס

די איציק מאַנגער-פּרעמיע פֿאַר ליטעראַטור־שאַפֿונג אין יידיש איז היינטיקס יאָר צוגעטיילט געוואָרן: דעם דיכטער מאָטל סאַקציער, דעם עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער שמעון קאַניץ (ביידע פֿון ישראל), דעם שריפֿטשטעלער און פּעדאַגאָג יעקב זיפּער (מאָנטרעאַל), דעם עסייאיסט, פֿילאָזאָף און רעדאַקטאָר שלמה סוסקאָוויטש (בוענאָס איירעס), דעם דיכטער משה וואַלדמאַן (פּאַריז) און דעם קונסט־מאָלער משה בערנשטיין (ישראל). אין דער פֿייערלעכקייט פֿון דער פּערצנטער פּאַרטיילונג פֿון דער מאַנגער־פּרעמיע, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 1טן יולי ד. י. אין זאַל פֿון תל־אביבער שטאָטישן מוזיי, זענען אויפֿגעטראָטן מיט רעדעס און באַגריסונגען דער מדינה־פּרעזידענט יצחק נבון, דער ראש העיר פֿון תל־אביב, שלמה להט, דער פֿאָרזיצער פֿון יידישן שרייבער־פֿאַראיין אין ישראל מ. צאַנין א. אנד. עס זענען אויפֿגעטראָטן — דער וואָרט־קינסטלער הערץ גראָסבאַרד, און די אַרטיסטינס און זינגערינס ליאַ קעניג, לאה שלאַנגער און כוכבה הררי. מיר באַגריסן האַרציק די נייע לאַורעאַטן.

יצחק יאַנאַסאָוויטש און שלמה רויטמאַן זענען פּרעמירט געוואָרן אין דער צווייטער פּאַרטיילונג פֿון דער ליטעראַטור־פּרעמיע אויפֿן נאָמען פֿון מאיר זימל טקאַטש, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 28סטן אַפּריל, אין יום העצמאות, אין לייוויק־הויז אין תל־אביב.

אין דער 9טער פּרעמיעס-פּאַרטיילונג פֿון יידישער שרייבער־און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין ישראל, זענען אויסגעצייכנט געוואָרן מיט פּרעמיעס דער פֿאַריזער זשורנאַליסט נפֿתּלי זילבערבערג, דער דיכטער חיים מאַלטינסקי און די שרייבערין רבֿקה רוס.

עליע ווערבלון

לידער

⊛

צווישןביימער צוויי
הויכער עקאַליפּטן.
וואַלט איך געוואָלט
אין זייער שאָטן זײַן אַ דריטער.

אַ דריטער בוים
צווישן יענע צוויי
און גלאָצן אין דעם רוים,
און גאָרנישט וויסן,
און גאָרנישט-נישט פֿאַרשטיין.

⊛

עס טרעפֿט:
די גאַנצע וואָר ווערט דיר דורכזיכטיק און קלאָר.
דו גייסט אַדורך דעם בוים,
אַדורך דעם באַרג,
דורך זיך אַליין . . .
נישטאָ שוין מער קיין גוף,
קיין האָפּט,
ס'איז דורכזיכטיק ווי וואַסער יעדע זאַך
און דו — דו קענסט עס נישט פֿאַרשטיין,
ווי קען עס אַלץ געשען.

⊛

די גערטנער מײַנע,
די בערג, די טאָלן און די ימען,

דאָס ליכט פֿון דער זון,
די שטערן — אַלץ צוזאַמען,
דעם גאַנצן אַרום-און-אַרום
לאָז איך איבער בירושה
פֿאַר דעם קומענדיקן דור,
פֿאַר די קינדער פֿון די שפּעטע טעג
מײַן גאַנצן װעלטישן פֿאַרמעג.
צו דעם איך גיב נאָך צו
דאָס געזאַנג פֿון פֿייגל
און דעם רעגנבויגן,
קיינער זאָל זיי נישט באַרויבן,
אַלץ געהערט נאָר זיי,
פֿאַר זייערע אויגן.

אָנגעקומען נײַע ביכער

אברהם סוצקעווער — פון אַלטע און יונגע כתב־ידן, לידער און פּראָזע 1935 — 1981. צייכענונגען: יאָסל בערגנער, גראַפיקער: מאַרטין בראַנד. פאַרלאַג ״ישראל־בוך״, תל־אביב, תשמ״ב — 1982. 256 זייטן, ווייכער איינבאַנד.

רבקה באַסמאַן — צעשאָטענע קרעלן, לידער, הילע און פּאָרטרעט — מולאָ בן־חיים. פאַרלאַג ״ישראל־בוך״ תל־אביב, 112 זז. ווייכער איינבאַנד.

מאָטל סאַקציער — טויבן אויף אַנטענע. לידער. הילע געצייכנט: ברוך סאַקציער. פּאַרזען מיטן בילד פון מחבר. פאַרלאַג ה. לייוויק. ביים פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין ישראל. תל־אביב 1982. 224 זז.

שמשון אַפּטער — די מאַראַנען־משפחה דאַ סילוואַ. היסטאָרישער ראָמאַן, פון די אַנוסים אין בראַזיל און פּאָרטוגאַל אין אָנהייב 18טן יאָרהונדערט. מיטן פּאָרטרעט פון מחבר. אַרויסגעגעבן דורכן וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. פאַר־לאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, תשמ״ב — 1982 432 זייטן. ווייכער איינבאַנד.

יחזקאל קאָרנהענדלער — דריי איבערלע־בונגען הילע און צייכענונגען: דעווי טושי־נסקי, פּאָרטרעט פון מחבר: יאַנקל מאַרקיעל. אַרויסגעגעבן דורכן מחבר. פּאַריז, תשמ״ב — 1982, 72 זייטן האַרטער איינבאַנד.

לייב קורלאַנד — אַ קעמל ביים כינרת, דערציילונגען און מיניאַטורן. הילע און קאַפּיטל־נעמען — משה כגן. (קיבוץ שמיר). הוצאת ״נוגה״ חיפה, תשמ״ב — 1982, 108 ז״ז. ווייכער איינבאַנד.

דוד שב-ארצה

מיט אַ שמייכל . . .

אַ הון מיט ציינער

אַ מאָל האָט אין חדר דער ר׳בי רב קלמן
געפֿרעגט אויף טשיקאַוועס בײַ זײַנעם אַ תלמיד :
— אויב שכל פֿאַרמאָגסטו, טאָ זאָג מיר, מײַן זון,
ווי אַזוי קען מען וויסן ווי אַלט איז אַ הון ?

— ווי אַלט איז אַ הון ? — זאָגט דער קונדס, — איך מיין . . .
דאָס קען מען דערוויסן זיך, כ׳מיין . . . לויט די ציין.
צעלאַכט זיך דער רבי — אוי שוטה דו איינער,
ווו האָסטו באַגעגנט דען עופֿות מיט ציינער ?

רב קלמן טוט קײַכן ער טרייסלט זיך אַזש
נאָר ס׳ענטפֿערט דאָס ייִנגל אים אָפּ מיט קוראַזש :
— אומזיסט, רבי, לאַכט איר, ניט שווער איז פֿאַרשטיין :
די הון האָט קיין ציינער, נאָר איך האָב דאָך ציין !

וועגן זילבער

זילבער פֿינקלט אין דער צירונג פֿון אַ כלה,
אין דער מאַמעס לײַכטער — פֿרום און פֿײַן
אפֿילו פֿרישע וואַסער ווערט ניט קאַליע,
ווען עפּעס זילבערנס מע לייגט אין דעם אַרײַן.

איז וואָס באַדאַרף מען כ׳לעבן, זײַן געפֿאַלן,
ווען ס׳ביסל זילבער-מינץ איז דאָ בײַ דיר
אין שפּיגל-גלאַנץ וואָס טוט אַנטקעגן שטראַלן
אין עלעקטראָנען-פֿעדעמלער פֿון ראַדיאָ-מכשיר

אין די ניגונים צערטלעכע און ריינע
די וואָס באַגלייטן אָפֿט אין שווערן שפּאַן . . .

זילבער קלינגט אין ליד פֿון הײַנריך היינע
און ס'ליכטיקט חידושדיק פֿון סטערעאָ-עקראַן.

הײַנט חתונות די זילבערנע בײַ ייִדן,
ווען נאָך אַ כוסעלע און די געפּילטע פֿיש
מע גייט אַ טענצל און מע טוט אַ קניפּ צו פֿרידן
די בעקלעך פֿון אַן אייניקל בײַם טיש,

שוין אָפּגערעדט פֿון זילבערנע טרומייטן
וואָס שאַלן האָפּערדיק צו זון געשטרעקט,
צי די לבנה-שײַן, וואָס טוט אויף ים צעשפּרייטן
אַ זילבער-שטעגעלע צום סאַמע ברעג . . .

פֿאַר וואָס זשע ברידערלעך, כ'וואָלט וועלן וויסן,
די נאָז מיר לאָזן אומעטיק אַראָפּ
און ס'טוט אונדז מוראדיק פֿאַרדריסן
דאָס ערשטע פֿרעסטל וואָס פֿאַרזילבערט אונדזער קאָפּ!

צי דען דאָס גאָלדן פֿישל פֿאַנגען וויל ווער,
צי לעבן אייביק וואָלט גאָר עמיצער געוואָלט? . . .
ניט מאַכט זיך נאַריש און באַעוולט ניט קיין זילבער
אַ מאָל קען זילבער שענער זײַן פֿון גאָלד!

דוד שב ארצה (שוואַרצמאַן)

געבוירן אין יאָר 1929 אין אַ בעסאַראַבער שטעטל רעמענענקע (ראָמאַנאָווקאַ). אין דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרלוירן דעם פאָטער און עלטערן ברודער. נאָך דער עוואַקואַציע געוווינט עטלעכע יאָר אין אָדעס פון דאָרט מאָביליזירט געוואָרן אין דער סאָוועטישער אַרמיי. נאָך דער אַרמיי געוווינט אין אָדעס און שפּעטער — אין קעשענעוו. לויטן פאַך אַ גראַווירער און שטאַנצמאַכער. אין יאָר 1966 געווען איינער פון די גרינדער פון קעשענעווער יידישן מוזיקאַליש־דראַמאַטישן פאָלקס־טעאַטער, געווען זײַן ליטעראַרישער לייטער. דעמלט טאַקע אָנגעהויבן שרײַבן טעקסטן און געזאַנג־לידער פאַר די פאָרשטעלונגען. דער טעאַטער האָט עקזיס־טירט 5 יאָר און האָט זיך זעלבסט ליקווידירט, ווען די סאָוועטישע אַדמיניסטראַציע האָט געוואָלט אים אויסנוצן פאַר אירע אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן.

דוד שוואַרצמאַן איז אויך געווען איינער פון די ערשטע עליה־אַקטיוויסטן אין קעשענעוו.

אין 1972 צוזאַמען מיט אַ משפחה פון 5 מענטשן עולה געווען קיין ישראל. זיך באַזעצט אין דער אַנטוויקלונגס־שטאָט נצרת עלית (גליל). אַרבעט אין "עמידר". דרוקט זיך צום ערשטן מאָל.

קולטור־כראָניק

דער יובל פון יוסף פּאַפּיערניקאָוום לעבן און שאַפן אין ישראל, פון "אין זוניקן לאַנד" ביז היינט — איז פייערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן אין אַ ליטעראַרישן אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק דעם 13טן יוני ד. י. אין "בית ראשוני פועלי ציון" אין תל־אביב. מיט עסייען און אָפּשאַצונגען וועגן דעם דיכטער זענען אויפגעטראָטן: ד"ר י. ח. בילעצקי, נחמן ראַפּפּ און יעקב צבי שאַרגעל. דער בעל יובל האָט געלייענט פון זיינע לידער.

דער זשורנאַליסט עובדיה פעלד און דער שרייבער שלמה שטראָוס־מאַרקאָ זענען פּרע־מירט געוואָרן מיט דער נייער ליטעראַטור־פּרעמיע א"נ פון רבקה און יהושע גאָלדבערג. די ערשטע פאַרטיילונג פון דער דאָזיקער פּרעמיע איז פאָרגעקומען דעם 28טן יוני אין לייוויק־הויז אין תל־אביב.

יצחק קאָרן —

פאָרזיצער פון פּרעזידיום פון וועלט-ראַט
פאַר יידיש און יידישער קולטור

יידיש האָט אַ צוקונפט

א

די יידיש-קאָנפערענץ וועלכע איז פאָרגעקומען אין ירושלים אין די טעג צווישן 23סטן און 26סטן אויגוסט 1976 איז געווען דער קולמינאַציע-פונקט פון אַ ריי צוגרייטונגען אין משך פון עטלעכע יאָרן. אין די 70ער יאָרן האָט אין פאַרשידענע לענדער זיך געהערט אַ פאָדערונג אָנצונעמען שריט צו שטאַרקן און פאַרפעסטיקן די יידיש קולטור, וועלכע גייט אַלץ מער באַרג אַראָפּ און פאַרלירט פון איר מעמד אין יידישן לעבן.

גלייכצייטיק זענען מיר געווען עדות פון אַן אינטענסיוון וווּקס פון יידיש-פּאָזיציעס אין ישראל, ווו מ'האָט אין ערנסטע קרייזן אָנגעהויבן צו רעווידירן די באַציִונג צו יידיש.

כ'דערמאָן זיך, ווי אָנהויב פון די 70ער יאָרן האָב איך גערופן אַ גרופּע פריינד ווי פּראָפ. דב סדן, אברהם סוצקעווער, אהרון צייטלין ז"ל און אַנדערע וועגן דער מעגלעכקייט צו שאַפן אַ קאָמיטעט פאַר דער יידיש קולטור. דער צוגאַנג איז געווען אַז אַזאַ קאָמיטעט דאַרף זיין צוזאַמענגעשטעלט פון חובבי יידיש און העברעיש און ער זאָל אויסאַרבעטן אַן אויספירלעכן אַרבעטס-פּלאַן.

פון אַ קליינער צאָל פריינד איז אין גיכן אויסגעוואַקסן אַן אימפּאָזאַנטע גרופּע מענטשן וועלכע האָבן דעם ענין יידיש-קולטור גענומען זייער ערנסט און צום יידיש-קאָמיטעט אין ישראל זענען צוגעטראָטן פאַקטאָרן, וועלכע זענען ביז דעמלט געשטאַנען פון דער ווייטנס צו אַלץ וואָס הייסט יידיש און יידישע ליטעראַטור. די השפּעה פון יידיש-קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען נישט נאָר צווישן די דוברי יידיש, נאָר אויך צווישן העברעישע פאַקטאָרן, אַריינגערעכנט מדינה-פאַרש-טייער און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צו פילן נייע וואַרעמע ווינטלעך אין דער ריכטונג פון יידיש אין ישראל.

דער ציל פונעם יידיש-קאָמיטעט איז נישט געווען בלויז דעקלאַראַטיווע שטע-לונגען, נאָר, בעיקר, דורכצופירן אַ ריי מעשים וואָס זאָלן ברענגען צום אויסדרוק די גרונדלעכע וויכטיקייט פון יידיש. איינע פון די וויכטיקע אויפגאַבעס איז געווען מקרב זיין די יידיש-מחנה צו דער העברעישער, שאַפן מער באַרירונגס-שטחים ווו יידיש און העברעיש זאָלן זיך באַגעגענען. דאָס איז נישט געווען קיין שנעלצוג, ס'האָט גענומען פיל צייט. ס'האָט זיך גענויטיקט געדולד און פאַרשטענדעניש כדי אויסצוראָטן דעם אַלטן שפּראַכנקאַמף און זיין גייסט, וואָס איז, ליידער, געהאַט

פאַרבליבן ביַי אַ טייל פון ישראל־ישוב און ס׳איז גויטיק געווען דויערהאַפטי־קייט און געזעלשאַפטלעכע טעראַפּיע, און נאָך אַ יאָר, צוויי האָט דער יידיש־קאָמי־טעט אָנגעהויבן צו פאַרטיפן זיַינע וואָרצלען אין ישראל.

אין די יאָרן 1972—1973 האָט מען שוין געקענט פאַרנאָטירן, אַז אין אַ גרע־סערער צאָל לענדער איז געוואַקסן דער אינטערעס צו שטאַרקן די יידיש־קולטור און זי נישט לאָזן פאַרשווינקען דורך דער שפּראַך־אַסימילאַציע און נאַציאָנאַלער פאַרפרעמדטקייט. ס׳האָט זיך אויך געהערט אַ בולטע פאָדערונג אַז ישראל איז מחויב אויסצושטערקן אַ האַנט און העלפן דעם יידיש־פּראָנט אויף דער וועלט.

אין יאָר 1974 איז אויפגעקומען אַ דערפרייענדיקע איניציאַטיוו פון יידישע קולטור־פאַקטאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם מעמד פון יידיש, און זוכן וועגן ווי אַזוי אָפּצושטעלן דעם באַרג־אַראָפּ פון די יידיש־פּאָזיציעס.

דעריבער, ווען דער ישראל־קאָמיטעט האָט גענומען די איניציאַטיוו צו רופן קיין ירושלים אַ וועלט־קאָנפערענץ פון יידישע קולטור־פאַקטאָרן, איז די זאַך אויפגענומען געוואָרן אין רוב לענדער מיט פיל פאַרשטענדעניש, ווײַל דער באָדן איז שוין געווען גרייט דערצו.

ס׳האָבן נישט געפעלט קיין שוועריקייטן, אָבער אין אויגוסט 1976 איז רעאַלי־זירט געוואָרן די שטרעבונג פון פיל קרײַזן און די וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים מיט דער באַטייליקונג פון 412 דעלעגאַנטן פון 15 לענדער איז געוואָרן אַ פאַקט.

איך קען שוין איצט דערציילן, אַז אייניקע וואָכן פאַר דער דערעפענונג פון דער יידיש־קאָנפערענץ האָבן נישט געפעלט קיין שוואַרצע נביאות, אַז מע וועט נישט קומען, און אַז אויב מע וועט יאָ קומען וועט עס זײַן אַ קליינע גרופּע און ס׳וועט זײַן נאָר אַ בלייכע דעמאָנסטראַציע אָן שום המשך. ווען איך שרײַב איצט די שורות, פינף יאָר נאָך דער פּראַכטפול געלונגענער קאָנפערענץ, קען איך נאָר זאָגן, אַז אָט די בייזע נבואות זענען נישט מקוים געוואָרן. ס׳איז דאָ אַ דינאַמישער המשך, ס׳איז דאָ אַ בכבודיקער בילאַנס. אמת, נישט אַלץ וואָס מיר האָבן געוואָלט איז מקוים געוואָרן, אָבער מען האָט מצליח געווען אויסצופלאַסטערן אַ ברייטע סטעזשקע פאַר דער יידיש־קולטור אין פאַרשידענע טיילן פון דער יידישער וועלט.

ב

אַ יאָר נאָך דער יידיש וועלט־קאָנפערענץ איז דערשינען אַן אויספירלעכער באַריכט, וואָס איז צעשיקט געוואָרן אין אַלע לענדער. כ׳וועל דעריבער נישט פּרווון איבערצוגעבן פון דאָס ניַי דעם פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ.

ס׳איז אָבער וויכטיק צו באַצייכענען אַז די יידיש־קאָנפערענץ אין ירושלים איז פאַרגעקומען 68 יאָר נאָך דער באַרימטער טשערנאָוויצער יידיש־קאָנפערענץ... צוויי פאַרשידענע קלימאַטן פאַר יידיש האָבן געהערשט אויף די צוויי קאָנפערענצן דעמאָלט און דאָס מאָל. אין יאָר 1908 איז יידיש געווען אין פולן וווקס און פאַר־שפּרייטונג און האָט זיך געניטיקט מ׳זאָל זי נישט באַטראַכטן ווי אַ „זשאַרגאָן“, ווײַל שוין דעמאָלט האָט יידיש אין דער יידישער ליטעראַטור געהאַט צו פאַרצייכענען

באַדייַטנדיקע דערגרייכונגען, ס׳האָט געהערשט אַ געוואַלדיקער דראַנג צו פֿאַרזיכערן דעם נויטיקן מעמד פֿון יידיש אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. דאַקעגן די יידיש־קאָנפֿערענץ אין ירושלים (1976) האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל אַרויס־צוהעלפֿן יידיש פֿון דעם שווערן צושטאַנד פֿון צעפֿאַלנקייט, פֿון פֿאַרענדיקן דעם שפּראַכן־קאַמף און געבן יידיש אַ בכבודיקן פּלאַץ נעבן דער העברעיִשער שפּראַך ווי עס קומט איר.

ווען מיר מאַכן אַ צײַטווײַליקן סך הכל וואָס שייך דעם געזעלשאַפֿטלעכן מעמד פֿון יידיש לעבן, קען מען זאָגן אַז אין משך פֿון די 5 פֿאַרגאַנגענע יאָר זענען די יידיש־פּאָזיציעס אין אַ ריי לענדער שטאַרקער געוואָרן. פֿאַראַן לענדער, ווו דער געראַנגל האָט נאָך נישט געפֿונען דעם וועג צו אַ פֿאַרבעסערונג, אָבער מען קען זאָגן אָן איבערטרײַבונג, אַז יידיש האָט געוווּנען אַ דאַנק דער ירושלימער קאָנפֿערענץ אַ בעסערן מעמד און ס׳איז בולט געוואָרן פֿאַר פֿיל קרײַזן, וואָס זענען נאָך נעכטן געווען אין גאַנצן פֿרעמד צו אונדז, אַז מען דאַרף און מען מוז זען אין יידיש אַ וויכטיקן נאַציאָנאַלן ווערט, וואָס קען העלפֿן דעם יידישן המשך. די יידיש־קאָנפֿע־רענץ האָט אָן ספֿק געשאַפֿן, אין די אַכציקער יאָרן, אַ צענטראַלן וועלט־אַדרעס, וואָס זאָרגט פֿאַר די יידיש־פּאָזיציעס אין אונדזער יידישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

❋

מ׳דאַרף אוודאי זיך נישט באַנוגענען מיט דער גלאָבאַלער אויפֿפֿאַסונג פֿון יידיש. ס׳איז נישט וויניקער וויכטיק אַז ס׳זאָל אינטענסיוו דורכגעפֿירט ווערן אַ פֿאַרצווײַגטע קולטור־אַרבעט דורך אונדזערע יידיש־קאָמיטעטן און קולטור־אינסטי־טוציעס אין די פֿאַרשידענע לענדער. אין משך פֿון די לעצטע 5 יאָר זינט דער יידיש־קאָנפֿערענץ פֿילט זיך אין עטלעכע יידישע קהילות אַן אינטענסיווערע אַרבעט און מען קאָן זאָגן אָן איבערטרײַבונג, אַז דאָס וואָס ס׳קומט פֿאָר, למשל, אין קאַנאַדע איז פֿון גרויס וויכטיקייט פֿאַר דער יידיש־קולטור; דעסטגלײַכן די פֿאַרשידנאַרטיקע באַמיִונגען אין פֿראַנקרײַך, בעיקר אין פּאַריז. מיר זענען עדות פֿון אַ גרויסער יידישער קולטור־טעטיקייט אויך אין אַרגענטינע און אויך אין אייניקע אַנדערע לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער פֿילט זיך אַן אָנשטרענג צו פֿאַרפֿעסטיקן די עקזיס־טירנדיקע פּאָזיציעס. אויסטראַליע מיט מעלבורן בראש קען דינען ווי אַ בײַשפּיל, אַז אויך אין אַ קליינעם יידישן ישוב קען געפֿירט ווערן אַן אינטענסיווע יידיש־טעטיקייט; פֿאַראַן אַזעלכע לענדער. פֿאַראַן אויך לענדער ווו ס׳פֿילט זיך נישט קיין שוווּנג, ס׳קען זײַן אויך צוליב אָביעקטיווע סיבות, ווי, למשל, אין שטאָקהאָלם, יאָהאַנעסבורג, לאָנדאָן א.אנד. כדאי צוצוגעבן אַז ס׳זענען לעצטנס אַרײַנגעטראָטן אין וועלטראָט צוויי לענדער פֿון מזרח־אייראָפּע: רומעניע און לעצטנס אויך פּוילן מיט זייערע ספּעציפֿישע אַרבעטס־געביטן פֿאַר יידיש קולטור.

מ׳דאַרף דאָ צוגעבן, אַז די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿאַרמאָגן אַ געוואַלדיקן קולטור־פּאָטענציאַל, וועלכער איז, לײַדער, ביז הײַנט נישט אײַנגעשפּאַנט אין אַן אָרגאַניזאַצ־יאָנעלער ראַם, וועלכע זאָל אים אַקטיוויזירן. מען דאַרף נישט אַרײַנפֿאַלן אין יאוש,

אָבער מען דאַרף אויך נישט גרינגשעצן די געשאַפענע לאַגע אין צפון־אַמעריקע, דאָס איז אַ גרויסער שטח וואָס דאַרף נאָך גוט אַדורכגעאַקערט ווערן, כדי מען זאָל געפֿונען דעם נויטיקן אויסדרוק פֿון יידישער קולטור אַרבעט מיטן פֿולן פּאַרמעסט און געוואַגטקייט . . .

כ׳וויל אויך צוגעבן אַז אין דער ליסטע פֿון די לענדער, וווּ מען פֿילט אַ באַנייטן טאָן פֿאַר יידיש־קולטור איז, אָן ספק, ישראל, וועלכע באַוויזט יעדעס מאָל נייע מעגלעכקייטן און גוטע אויסזיכטן פֿאַר יידיש, פֿאַר פֿאַרטיפֿן אירע וואָרצלען צווישן דעם שיכט פֿון יידיש־רעדנדיקע, נאָר לעצטנס אויך אַ געבענטשטע איניציאַטיוו אַריינצודרינגען אויך אין דעם ייִנגערן צווייטן דור.

❋

די יידיש־קאָנפֿערענץ אין ירושלים האָט געבוירן די צענטראַלע קולטור־אינסטאַנץ, דעם וועלטראַט פֿאַר יידיש און יידישער קולטור, וועלכער פֿאַרזאַמלט זיך איין מאָל אין צוויי יאָר. די ערשטע צוויי סעסיעס פֿון וועלטראַט זענען פֿאַרגעקומען אין תל־אביב, די דריטע סעסיע פֿון וועלטראַט איז פֿאָרגעקומען אין מאָנטרעאָל אין חודש מאַי 1982. דער וועלטראַט איז היינט די אָנערקענטע וועלט־אינסטאַנץ פֿאַר יידיש־קולטור און פֿאַר יידישע אָרגאַניזאַציעס. ער שטייט אין קאָנטאַקט מיט די יידיש־קאָמיטעטן אין די לענדער און באַהאַנדלט דורך זיין וועלט־ביוראָ די לויפֿנדיקע קולטור־פֿראַגן אין פֿאַרשידענע קאָמיטעטן און נעמט איניציאַטיוו פֿאַר פֿילזייטיקע קולטור־פּראָיעקטן צו שטאַרקן די יידיש קולטור.

ס׳איז נישט דאָ דאָס פּלאַץ אויספֿירלעכער זיך אָפּצושטעלן וועגן די פֿאַרשידענע אַרבעטס־טעטיקייטן פֿון וועלטראַט. כ׳וויל נאָר דאָ באַצייכענען, אַז דער וועלטראַט איז נישט געבליבן אַ סטאַטישער אויספֿיר־אָרגאַן נאָר האָט צו געבן זיין אַרבעט אַ ביסל וויזיע און פּאַרמעסט צום גונסטן פֿון דער יידיש־קולטור. ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן צו רעאַליזירן טעטיקייטן וועלכע האָבן מיט דער צייט געבראַכט דערפֿריי־ענדיקע רעזולטאַטן. אויסער די רעפּרעזענטאַטיווע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן האָט דער וועלטראַט אויך באַשטימט דעם גייסט און ריכטונג פֿון די קולטור־טעטיקייטן. אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן צו געבן פּריאָריטעט דער פֿראַגע פֿון דערציִונג אין דער אַרבעט פֿון וועלטראַט, ווייל מיטן זאָרגן פֿאַר דער דערציונג און אַלע פֿראַגן וואָס זענען מיט איר געבונדן איז פֿאַראַן אַ גאַראַנטיע אַז דער וועלטראַט וועט אויספֿילן אַ לעבנסוויכטיקע מיסיע אין דער יידישער קולטור; אַזוי צום ביישפּיל: זאָרגן פֿאַר יידיש לימוד אין קורסן, צוגרייטן דערגענצונג־סעמינאַרן פֿאַר יידיש־לערער פֿון פֿאַרשידענע לענדער, ווי ס׳איז לעצטנס אָרגאַניזירט געוואָרן אין מכון גרינבערג; אַרויסגעבן אַ ריי לערנביכער פֿאַר יידיש־לימוד. לעצטנס ווערט אויך צוגעגרייט אַן אַנטאָלאָגיע פֿון קינדער־דערציילונגען א.אנד.

נישט אויסשעפֿנדיק אַלע פּרטים מוזן מיר באַצייכענען מיט צופֿרידנקייט אַז אויך דאָס דערציִונגס־מיניסטעריום פֿון ישראל האָט אָנערקענט יידיש אַלס לימוד

אין די שולן און העלפֿט דעם וועלטראַט אין פֿאַרשידענע געביטן פֿון יידיש קולטור־אַרבעט.

דער וועלטראַט גיט אַרויס אַ ריי פּובליקאַציעס וואָס פֿילן אויס אַ גרויסן בלויז („ביי זיך", „פֿאָלק, וועלט און מדינה", „יידיש־ידיעות"). דעסט גלייכן האָט דער וועלטראַט, נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגעגעבן אַ סעריע ביכער פֿון די ניי־אָנגעקומענע יידישע שרייבער פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד, אָנגעהויבן מיט אַ נייער סעריע קינסטלערישע ווערק פֿון די פּראָמינענטע יידיש־שעפֿער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ פּובליקאַציע אין צוויי שפּראַכן — יידיש און העברעיש. לעצטנס גיט אַרויס דער וועלטראַט די באַקאַנטע פֿילאָזאָפֿישע פּובליקאַציע „דווקא", וואָס איז אַן אוניקום אין דער יידישער פּובליציסטיק. און אַזוי זענען פֿאַראַן נאָך פֿיל פּראָיעקטן און טעטיקייטן וואָס באַרייכערן דאָס פֿעלד פֿון דער יידיש־קולטור. מע דאַרף אויך דערמאָנען די יידיש־פּראָגראַמען אין בית התפוצות בשותפות מיטן וועלטראַט.

כ'וויל אויך דערמאָנען אַ זייער געוואַגטע איניציאַטיוו צו גרינדן ביים וועלטראַט אַ דעפּאַרטאַמענט פֿאַרן יינגערן דור. דער צווייטער דור מוז טיילווייז אַריינגעפֿירט ווערן אין דער טעטיקייט פֿון וועלטראַט. אַריינציִען יונגע קרייזן פֿאַר יידיש־קולטור איז נישט קיין אויסגעטראָטענער וועג, אָבער ס'זענען פֿאַראַן ערנסטע שאַנסן אַז אין אייניקע לענדער זאָלן זיך גרינדן אַזעלכע יוגנט־קרייזן. אין מאַי 1982, איז געשאַפֿן געוואָרן אַ דעפּאַרטאַמענט פֿאַרן צווייטן דור און מיר וועלן שטיין פֿאַר נייע ספּעציפֿישע פֿראַגן ווי אַזוי איינצופֿלאַנצן יידיש־קולטור דעם יונגן דור. אין ישראל איז שוין אַנטשטאַנען אַזאַ יוגנט־גרופּע. דער יידיש־העברעישער קרייז אין ישראל וועלכער איז שוין צוגעטרעטן צו זיין אַרבעטס־טעטיקייט און ס'ווערן אין אים אַריינגעצויגן יונגנטלעכע פֿון פֿאַרשידענע שיכטן.

די פֿראַגע פֿון אַריינברענגען די יוגנט־קרייזן איז אַ באַווייז פֿון דער לעבהאַפֿטי־קייט פֿון וועלטראַט פֿאַר יידיש און יידישער קולטור. דאָס הייסט נישט, אַז מיר וועלן פֿאַרנאַכלעסיקן די געביטן פֿון די שעפֿער פֿון יידישער ליטעראַטור, פֿון אַריינברענגען מער פֿאַרמעסט אין קולטור לעבן אין די יידישע קהילות. דאָס זאָגט נאָר עדות אַז די אַרבעט פֿון וועלטראַט דאַרף האָבן אַ פּלוראַליסטישן צוגאַנג און זיין אַ פֿילזייטיקע.

ווען מיר מאַכן אַ סך הכל פֿון די ערשטע 5 יאָר זינט דער יידיש־קאָנפֿערענץ אין ירושלים און די אַרבעט פֿון וועלטראַט פֿאַר יידיש קען מען באַצייכענען אַז די רעזולטאַטן זענען באַפֿרידיקנדיקע. ס'איז נאָך פֿאַראַן פֿיל אויפֿצוטאָן, נאָך פֿיל צו דערגאַנצן.

מען קען זאָגן אָן איבערטרייבונג : יידיש האָט אַ צוקונפֿט !



שמעון דזשיגאַן סקולפּטור (בראָנדז) פון מיכאל מילבערגער

יונה בערקמאַן

⊛

די לשון-גאַרבן האָבן נאָך ניט אָנגעפּילט מײַן שײַער,
כאָטש ווי פּערל קלײַב איך זיי אַ לעבן לאַנג.
און שווער איז מיר דער גאַנג —
צום אייגן האַרץ די קירצסטע שטרעקע —
ווען כ׳פּרוּוו מיט זיין באַפרייען
דעם ציטער-ניגון פון דער לעצטער רגע.

לגבי אים, לגבי דעם חזיון,
זיי זעען אויס ווי אַ געזעמל רייד,
געניצעוועט, צעדריבלט,
פון בליונג אָפּגעווייט,
ניט-דאָיק
און ניטאָיק —
אַ קאַלטער פּײַער —
דעם בראָכשטול פון מײַן נײַלינג,
און קענען ניט באַזוימען מיט בטחון
וואָס ווי אַ קימפּעטאָרין איז פאַרזען מיט שיר-המעלות,
און טראָגט אין פלייש די קערנער פון נצחון.

איך ווייס אָבער און פיל,
ווי כ׳פיל די פרומקייט פון מזוזות,
עס טוליען זיך אין לשון-קודש פון מײַן יידיש,
וואָס איז אַ תושב אין מײַן בוזעם,
די פּײַער שליסעלעך כל נדרי׳ס
צו אַלץ וואָס אין די אָדערן זיך במסתרים וועבט
און לעבט,
און שלײַפט זיך אויסעט אין מײַן זינען
בלוט-רוביניק.
פּונקט אַזוי,
ווי ס׳בריען זיך אין בײַבעלע פון פידל אויס,

ברזי דרזין,
די צויבערקלאַנגען,
וואָס וואַרטן אויפֿן פֿינגערגלעט פֿון ווירטואָזן,
ווי אויפֿן שניטער וואַרטן שווערע זאַנגען.

ווּ נעמט מען אָבער, גאָט, דעם כוח פֿון דיַין צמצום,
אַ שפּראָצעלע פֿון אים, אַ גלימצל,
כדי כ'זאָל קענען אויפֿכאַפּן כהרף-עין
די רעגנבויגנדיקע נאָטן פֿון מיַין דאַנק,
וואָס מיר באַשערט איז ביַי די טויערן ירושלימס —
ווען כ'שריַיב די לעצטע בלעטעלער פֿון מיַין מגילה —
צו אויסזינגען מיט פֿרייד-טרערן מיַין אייגענעם געזאַנג,
מיַין אייגענעם קאַפּיטל תהילים.

ירושלימער קולטור-טעטיקייטן

לכבוד דעם יידיש-אוידיציע פון קול ישראל אין ירושלים

דעם 20סטן יאַנואַר 1982, איז פאַר אַ היפּשן עולם, אין גרויסן זאַל פון ירושלימער היכל שלמה, פאָרגעקומען אַ פייערלעכער אָוונט, איינגעאָרדנט פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין דעם קולטור־אָפּטייל פון ירושלימער שטאָט־ראַט, לכבוד דער יידיש־אוידיציע פון קול ישראל. דער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קולטור־געזעלשאַפט מרדכי דוניץ האָט געעפנט די פייערונג און איבערגעגעבן שפּעטער דעם פאָרזיץ צום וועטעראַן פון קול ישראל אליהו יאַנעס.

דאָס ערשטע באַגריסונג־וואָרט באַקומט דער פאַרוואַלטער פון קולטור־אָפּטייל פון ירושלימער שטאָט־ראַט עזריאל ציון. ער רעדט וועגן דער גוטער באַציונג און פאַרשטענדעניש פון די שטאָט־באַלעבאַטים פאַר די נויטן פון דער יידיש־ריידנדיקער טייל פון די ירושלימער באַפעלקערונג. נאָך אים באַגריסט זיין פאַרטרעטער ברוך גל און, דער, וואָס איז זיך טעגלעך דירעקט מטפּל מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט און דעם "ירושלימער אַלמאַנאַך".

פּראָפעסאָר גרשון ווײַנער דערציילט וועגן פאַקטן, וועלכע ווייזן ווי ווייט די יידיש־אוידיציע איז פּאָפּולער ביי ברייטע שיכטן אין לאַנד און אין יידישן אויסלאַנד, אַ סך מער, ווי מע שטעלט זיך עס פאָר.

אליהו יאַנעס דערמאָנט יענע יאָרן, ווען ער האָט געפירט די אַרבעט פון דער אוידיציע און דערציילט פאַרשידענע קוריאָזן פון יענער צייט. אפרים שעדלעצקי שילדערט אויספירלעך די געשיכטע פון יידיש אין ישראלדיקן ראַדיאָ פון קול ציון לגולה ביז דער הייַנטיקער יידיש־אוידיציע פון קול ישראל.

די איצטיקע פאַרוואַלטערין פון דער יידיש־אוידיציע אנקה שמיר, אין איר קורצן אָבער זאַכלעכן וואָרט, ווייזט אָן אויף די פּראָבלעמען פון דער יידיש־אוידיציע און רעדט וועגן דער לויפיקער אַרבעט און איר פאַרטיילונג צווישן די מיטאַרבעטער — נייעס־ביולעטין, רעפּאָרטאַזש און שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס. גרויס אַכט ווערט געלייגט אויף די פּראָגראַמען פון יידישער קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט, ווי אויך דעם געזונגענעם יידישן ליד, פּראָגראַמען, וואָס נעמען אַרום, ווערדליך די אָפּרופן וואָס מיר באַקומען, אַ גאַר גרויסן עולם צוהערער.

מרדכי דוניץ לייענט איבער צוגעשיקטע באַגריסונגען פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישע קולטור, פון יידישן שרייבער־און־זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל, פון דער ירושלימער יידישער שרייבער־גרופּע און דער רעדאַקציע פון "ירושלימער אַלמאַנאַך", פון בית שלום־עליכם, פון דער פּראָנץ־קורסקי־ביבליאָטעק און אַרבעטער־רינג אין ישראל און פון אַנדערע.

עס באַגריסן דער פאַרזיצער פון דער ירושלימער יידישער קולטור־געזעלשאַפט יעקב ניומאַן און דער פּאַראַאיריקער לאַורעאַט פון דער הורוויץ־סובוווענץ, מחבר פון בוך "מיין וועג אַהיים" אהרון ראַזין.

נאָך די אַלע באַגריסונגען, רעדעס, באַריכטן און אָפּשאַצונגען האָט מיכאל בן אברהם אין קינסטלערישן טייל פון דער פּראָגראַם געלייענט צוויי לידער פון אברהם סוצקעווער "אויפן קבר פון רבי שמעון בן יוחאי" און "יידיש", דאָס באַרימטע ליד "רעד צו מיר יידיש" פון יעקב גלאַטשטיין און א ליד פון קלמן סעגאל "ווען מאַנגער איז געשטאָרבן".

פאַרטיילונג פון דער סובווענץ פון הורוויץ-פאָנד

דעם 12טן אַפּריל, איז אין זאַל פון היכל שלמה אין ירושלים פאָרגעקומען די פאַרטיילונג פון דער היי־יאָריקער סובווענץ פון הורוויץ־פאָנד ביי דער ירושלימער יידישער קולטור־געזעלשאַפט.

דער פאָרזיצער פון פאָנד ד"ר גרשון וויינער שטרייכט אונטער די באַדייטונג פון דער סובווענץ, וועלכע ווערט זינט פאַראַיאָרן צוגעטיילט יערלעך צו צוויי מחברים, און איז נאָך אַלץ די גרעסטע סובווענץ וועלכע ווערט צוגעטיילט אַ יידישן מחבר אויף אַרויסגעבן זיינס אַ ווערק.

דער פאָרזיצער פון זשורי חיים פינקלשטיין לייענט די מאָטיוון לויט וועלכע ס'ווערן צוגעטיילט די סובווענץ צו חיים זיידמאַן פאַר זיין בוך "זכרונות פון אַ רומעניש שטעטל" און צום דיכטער מאיר חריץ פאַר זיין פּאָעמע "מאַרקולעשט".

נאָכן איבערלייענען די מאָטיוון פון דער זשורי האָט מאיר חריץ געלייענט צוויי קאַפּיטלעך פון דער פּאָעמע און חיים זיידמאַן האָט געלייענט אַ דאַנק־בריוו מיט לויב פאַר דער זשורי פון הורוויץ־פאָנד און דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים, וווּ ער איז אַ לאַנגיאָריקער אַקטיווער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג.

צום שלוס האָט דער בימה־קינסטלער שמעון פינקעל מיט גרויס מייסטערשאַפט פאָרגעלייענט פאַרן עולם די ווערק פון י.ל. פּרץ, שלום עליכם, משה לייב האַלפּערין, אהרון אַשמאַן און פון אהרון לוצקי.

ליטעראַרישער אָוונט לכבוד מנוחה ראָם אין ירושלים

דער 6טן יולי 1982 איז אין גרויסן זאַל פון היכל שלמה אין ירושלים פאָרגעקומען אַ ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דער פּאַריזער יידישער שרייבערין מנוחה ראָם צום דערשיינען פון איר בוך דערציילונגען "שטיינער".

דעם פאָרזיץ פון אָוונט האָט געפירט דער סעקרעטאַר פון דער ירושלימער יידישער קולטור־געזעלשאַפט מרדכי דוניץ, וועלכער איז, אגב, אַ בן עיר פון דער אַלטער היים פון דער שרייבערין. ביים עפענען דעם אָוונט האָט מרדכי דוניץ איבערגעלייענט דעם אַריינפיר צום בוך, וואָס איז, חוץ די אַכצן דערציילונגען, אַ ווערק פאַר זיך.

אין נאָמען פון דער ירושלימער יידישער שרייבער־גרופּע באַגריסט דעם גאַסט דער דיכטער מאיר חריץ, וועלכער האַלטנדיק, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדרוקט, דעם שופר

אין די הענט, בלאָזט ער נאָך אַ ביסעלע און שטעלט זיך אין זיין באַגריסונג אָפּ אויף די ווערק פון דער טאַלענטירטער שרייבערין.

מיט אַ ברייטער וואָרט נישט נאָר וועגן בוך "שטיינער" נאָר וועגן אַלע פיר ביכער מנוחה ראָמס טרעט אַרויס פּראָפעסאָר דב סדן. דורך פאַרגלייכונגען מיט פאַרשידענע אַנדערע פּראָזאַיקער אין דער יידישער ליטעראַטור טיילט ער אויס די אייגנאַרטיקייט פון דער שרייבערין, וועלכע באַקומט דאָס לעצטע וואָרט אויפן אָוונט און לייענט איבער מיט אַ סך טעם אַ דערציילונג פון בוך — "אַ באַגעגעניש", וועלכע דער דאַנקבאַרער עולם הערט מיט פאַרכאַפּונג, באַגריסנדיק צום סוף די מחברין מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן.

"מלחמה און שלום אין דער יידישער ליטעראַטור"

אַזאַ איז געווען די טעמע פון ליטעראַריש־קינסטלערישן נאָכמיטאָג, וועלכן ס'האָט איינגע־אָרדנט דער ירושלימער קולטור־קרייז "צוותא ביידיש". פאָרזיצער פון אָט דעם אינטערע־סאַנטן צוזאַמענטרעף איז געווען פריינד יעקב גוטפריינד. ס'האָבן זיך באַטייליקט די שרייבער אברהם ביק און נחמן ראַפּ. מיט געזאַנג און קינסטלערישע פאָרלעזונגען זענען אַרויסגעטראָטן אריה פירשטענבערג און סימאַ סקורקאָוויטש. ביים קלאַוויר — ליליאַן וואַלערשטיין.

חיים פלאָטקין (ניו-יאָרק)

פיר לידער

ווי לאַנג ס'איז מיר באַשערט

ביז פּײַן איך קוק און גאַף
אויף גאָטס באַשאַף
און קאָן זיך גאָרנישט זעטן — —
איך וויל,
עס זאָל אַ ווינטל מײַנע האָר,
ווי די גראָזן גלעטן.

דער ריח פֿונעם שווייס,
וואָס האָט געטריפֿט
אויף ניי-מאַשינען,
אויף טונקלע דילן,
באַגלייט מיך אַלץ נאָך אומעטום — —
ווייל איך איצטער טוי
אויף מײַנע ליפּן פּילן
און ריחות —
פֿון באַגינען.

אַ קאַשמאַר

אַ קאַשמאַר האָט צעוועקט מיך אין גרויען באַגינען,
כ'האָב דערהערט אַ ווילדן גערויש פֿון מאַשינען
און דערזען
דאָס צעפּליגלטע פּאָכן פֿון צענדליקער הענט.
צווישן זיי
האָב איך גלײַך אויך זײַן פּרצוף דערקענט
און דערהערט זײַנע ווילדע געשרייען.

כ׳בין אַראָפּ פֿון געלעגער,
צעעפֿנט דאָס פֿענצטער.
דער נאַכטיקער טוי האָט מיט קילקייט
געהילט נאָך די וועגן
און איך האָב זיך טיף
פֿאַר דער שטילקייט פֿאַרנייגט.

פֿאַרן ליד

כ׳וועל נעמען פֿאַרן ליד
פֿון געשײַערטן מעש דעם בלאַנק,
פֿון האַמער אויף קאָוואַדלע
דעם ריטמישן קלאַנג
און די פֿונקען פֿון אײַזן צעגליט,
ווען ראָד און רייף ווערן צוזאַמענגעשמידט.

כ׳וועל נעמען פֿאַרן ליד
די שײַן פֿון באַגין,
פֿון טוי דעם גאָלדענעם צערין
און דעם ערשטן שפּראָץ פֿון דער ערד,
וואָס אים איז קערנדלער באַשערט.

כ׳וועל נעמען פֿאַרן ליד
דעם אָטעם פֿון ווינט,
דעם ניגון פֿון צווײַגן צעגרינט,
וואָס יעדעס בלעטל פֿאַרהיט ——
זיי אַלע כ׳וועל נעמען פֿאַרן ליד.

ווען דער ים איז בייז

כ׳מײַד אויס דאָס שווימען,
ווען דער ים איז בייז
און גריזשעט אָנצייניק דעם זאַמדיקן ברעג,
ווען נידעריקע וואָלקנס, ווי שנייִקע אײַזבערג,
בלאָנדזשען אַרום אין די יוני-טעג.

כ׳ווייס נישט, ווער ס׳האָט די יוצרות צעמישט,
די זומערצײַט אָנגעפּילט מיט אָסיענדיקן טעם — — —
כ׳האָב ליב צו זען, ווי די זון מיט גלי קושט
די שטיפעריש-צעפּינקלטע כוואַליעס אין ים.

איצט איז דאָס וואַסער קאַלט,
די זון איז אַוועק
און דער ווינט די וואַסערן שפּאַלט — — —
אַזאַ ים — —
כ׳וועל נישט טרויען מײַן טײַערסטן פּאַרמעג.

די צײַטן פֿון יאָר האָט פֿאַרביטן דער קאַלענדאַר — —
און גיי האָב טענות צום בורא! — — —
שטיי איך בײַם ברעג ווי אַ נאַר
און רוף די זון צו אַ דין-תורה...

❁

פּלאַטקין חיים

— 1910 — געב. אין רוזשאַן, פּוילן, געלערנט אין חדר און פאָלקס־שול. יונגערהייט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי שניידעריי. געווען טעטיק אין דער לינקער פ״צ־באַוועגונג. 1927 געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט אין שעפּער. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אין נאָרמאַנדיע און אויף אַנדערע פראָנטן. דעביוטירט אין 1929 אין זשורנאַל ״צוזאַמען״. זינט 1930 פאַרעפנטלעכט לידער און דערציילונגען אין ״מאָרגן־פרייהייט״, ״סיגנאַלן״, ״האַמער״, ״גערעכטיקייט״, ״יידיש אַמעריקע״, ״יידישע קולטור״, ״טאָג־מאָרגן זשורנאַל״ זאַמלונגען (פון וועלכן געווען מיטגרינדער), ״זיין״, האָט געדרוקט אין ״מאָרגן פרייהייט״ און ״יידישע קולטור״ קאַפּיטלעך פון אַ ראָמאַן ״פון וועג״. לעבט אין נ״י.

אין בוך־פאָרם — אויף מיינע וועגן, תל־אביב י״ל. פרץ־פאַרלאַג 1978.

ל. פּאַדראַליער

אונדזערע שמחות
(קורצע נאָטיצן)

1. צו זיבעציק — יונג.

שוין דאַכט זיך העכער אַ יאָר פאַרביי, זינט די גאַנצע "יידיש־אימפּעריע" האָט פייערלעך אָפּגעמערקט אַ פריידיקע דאַטע — 70 יאָר ווי ס'איז אַנטשטאַנען און איז טעטיק איינע פון די סאַמע דינאַמישע, סאַמע שעפערישע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אויף דער וועלט — דער מעלבורנער יידישער קולטור־צענטער "קדימה". אויסרעכענען אַלע וויכטיקע אויפטועו פון אָט דער אָרגאַניזעציע, אַפילו פאַר איין יאָר פון די זיבעציק, וואָלט פאַרנומען צו פיל פּלאַץ. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז אין דער טעטיקייט פון "קדימה" זענען איינגעשלאָסן סיי "וואָכעדיקע" אונטערנעמונגען ווי רעפעראַטן, ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע דיספּוטן, אויפטריטן פון פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער און פאָלקס־אַמאַטאָרן, פּאָפּולאַריזאַציע פון יידישע און ישראל־פילמען, שאָך־טורנירן און אַנד. און סיי אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואָס טראָגן אַ מאַסן־כאַראַקטער און ווערן דורכגעפירט איין אָדער צוויי מאָל אין יאָר, ווי, למשל, די גראַנדיעזע יידיש־קאָנצערטן אונטערן פרייען הימל, אין טרעזשורי־גאָרטן בעת די טראַדיציאָנאַלע "מומבאַ"־פייערונגען אין אויסטראַליע, די גרויסע טרויער־אַקאַדעמיעס לזכר דער שואה, וואָס ווערן יערלעך דורכגעפירט מיטן אָנטייל פון אַנדערע יידישע קערפּערשאַפטן. פון דער טאָגטעגלעכער טעטיקייט פון דער יידישער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק ביז די יערלעכע לעקציע־טורן פון די גאַסט־רעדנער באַוווסטע אויף דער וועלט שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער, קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער און ווייטער: יידישע פאָרשול־דערציִונג, די טאָג־שול און צוגאָב־שול, דער טאַלאַנטפולער הערמאַן־טעאַטער, ביכער־פאַרשפּרייטונג, דער אויסגעצייכנטער זשורנאַל "מעלבורנער בלעטער", דער יידיש־העברעישער "הזמיר"־כאָר, די ראַדיאָ־אוידיציעס אין יידיש, עברית און ענגליש, איינשליסנדיק אויך פּראָגראַמען פאַר קינדער און די יוגנט־פּראָגראַם...

אַוודאי האָבן מיר נישט אַלץ פון די קדימה־אונטערנעמונגען פאַרצייכנט אין אונדזער רשימה, אָבער אויך דאָס איז גאַנץ גענוג צו קענען זאָגן: הלוואי וואָלטן מיר אַלע פאַרבליבן אַזוי דינאַמיש און יונג אין גייסט און אין טאַט ווי די זיבעציקיעריקע "קדימה"! זאָלן געשטאַרקט זיין אייערע טרייע הענט, אַ געזונט אויף אייערע קעפּ, טייערע "קדימה"־פירער און חברים מיטגלידער פון דער "קדימה"־געזעלשאַפט!

2. דער וואָכן־צייטונג "אַלגעמיינער זשורנאַל" — 10 יאָר.

אין פאַרגלייך מיט דער זיבעציק יעריקער "קדימה" זעט איוס דער ניו־יאָרקער "אַלגעמיינער זשורנאַל" ווי אַ מעזיניקל. אינגאַנצן 10 יאָר אַלט. אָבער סאַראַ געראָטענער מעזיניק! פאַר די צען יאָר איז אונדזער

בויטשיקל מיט די געקרייזלטע חסידישע פאה׳לעך, אויסגעוואקסן קיין עין הרע, — א שיינער, א געזונטער פארשוין. און — סארא פארנעם!

דער ״אלגעמיינער זשורנאל״ איז א רעליגיעזע צייטונג, א טראדיציאנעל-פרומע. א פרומע אבער נישט קיין פרומאקישע! ניט קיין פאנאטישע פינצטערניש, נאר ריינע ליכט פון יידישקייט שיינט ארויס פון צווישן די שורות פון אט דער צייטונג און דאס-ניט נאר אין די נייע פירושים פון ליובאוויטשער רבי׳ן שליט״א וועגן דער סדרה פון דער וואך, ניט נאר אין די רבינישע מאמרים וועגן אמאליקע און היינטיקע גדולי התורה און גדולי החסידות, וועגן פראבלעמען פון יידישן דת, רעליגיעזער עטיק אאד״ג, נאר אויך אין די ריין-פאליטישע קאמענטארן צו די צעשטורעמטע טאג-טעגלעכע געשעענישן אויף גאר דער היינטיקער וועלט, ווו אין סאמע צענטער, — בפירוש טאקע אין סאמע צענטער, — שטייען אונדזער פאלק ישראל און מדינת ישראל אין זייער פארביטערטן געראנגל פארן עצם-הקיום. דער פרומער ״אלגעמיינער-זשורנאל״ איגנארירט ניט די דרויסנדיקע וועלט, בפרט נאך — די יידישע. די צייטונג שפיגלט אפ מיט טריישאפט אלע דערגרייכונגען אויך פון דער וועלטלעכער קולטור: יידישע ליטעראטור, טעאטער, קונסט. דעם גרינדער און רעדאקטאר פון ״אלגעמיינעם זשורנאל״, דעם טאלאנטפולן און ענערגישן ר׳ גרשון יעקובסאן האט זיך איינגעגעבן באהעפטן ארום דער צייטונג א פארשיידנארטיקע גרופע הויך-קוואליפיצירטע זשורנאליסטן און שרייבער. יעדן פון זיי מיט זיין אינטערעסאנטער שעפערישער אריגינאליטעט. מע מעג מיט רעכט זאגן, אז דער ״אלגעמיינער זשורנאל״ איז ביי היינטיקן טאג אן אמתע צייטונג פאר כלל-ישראל. און אפשר איז דאס היינט דאס איינציקע יידישע בלאט, וואס ווערט נישט איינגעשרומפן, וואס פארמאגט אן יינגערן צוווקס פון לייענער און מיטארבעטער; א צייטונג וואס אפעלירט ניט נאכאננד צום געוויסן פון די יידיש ליבהאבערס: ״ראטעוועט פון אונטערגאנג!...

ס׳ווילט זיך צוגעבן, אז אויך דאס לשון פון ״אלגעמיינעם זשורנאל״ איז מער פאלקיש, פארמאגט אין זיך מער שפראך-זויבערקייט פון פיל אנדערע פעריאדישע אויסגאבעס. לייד-ט נישט צו פיל פון זשורנאליסטישן שטאמפ, פון ווולגאריזמען און באפרייט זיך אלץ מער פון אומגעלומפערטע אנגליציזמען.

נישט מיט אלץ וואס ווערט געדרוקט אין ״אלגעמיינעם זשורנאל״ מוז מען מסכים זיין, אבער פארט איז דאס אן אינטערעסאנטע צייטונג, דאס הייסט א בלאט וואס אטעמט מיט היינטצייטיקייט, מיט ייד און מיט מענטש, מיט ישראל און מיט וועלט. כל הכבוד, ר׳ גרשון יעקובסאן, מיטן רעכטן פוס און — קדימה!

3. אכצן — חי וקים!

די יוגנטרוף-באוועגונג צוזאמען מיט איר אויסגאבע ״יוגנטרוף״ גרייט זיך צו פייערן איר אכצניעריקייט. צי פראוועט טאקע אט די באוועגונג א פריידיקע דאטע פון פולער רייפקייט? מע דארף אננעמען, אז יא! ווייל שוין אליין דער פאקט פון 18 יאר עקזיסטענץ פון א גרופע יונגע יידיש-עקשנים, וואס האט זיך מוטיק ארויסגעלאזט קעגן אלגעמיינעם אסימיליאציע-שטראם. (דערביי דארף מען אין זינען האבן דעם באשטענדיקן אפפלוס און צופלוס פון די יוגנטרופניקעס, ווייל יונגע ווערן דאך אויך עלטער און טרעטן נאטירלעך אפ זייער פלאץ פאר א

בייעם צוווקס.) שוין אַליין, ווי שוין געזאָגט, די 18 יאָר ענערגישער יוגנטלעכער געראַנגל פאַרן המשך פון אונדזער שפּראַך און קולטור באַשטעטיקן די אַקטואַליטעט און רייפקייט פון אָט דער באַוועגונג.

יוגנטרוף איז נאָך ווייט ניט קיין מאַסן־באַוועגונג, כאָטש פאַראַן אַ ליידנשאַפטלעכע שטרעבונג צו דעם, דאָך — אירע אויפטוען ביים פאַרשפּרייטן און פּראָפּאַגאַנדירן יידיש לשון, ליטעראַטור, פאָלקלאָר, מוזיק און יידיש־טעאַטער, בעיקר צווישן דער סטודענטישער יוגנט פון אַמעריקע און קאַנאַדע, די ביז איצט דערשינענע 52 זשורנאַל־נומערן, די אַלע אויפטוען — פאַרדינען זיך אונדזער גרעסטן לויב און דאַנק.

צווישן די אַמאָליקע יוגנטרופניקעס, וואָס פאַרלירן, אַגב, קיין מאָל ניט דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די היינטיקע, קען מען אָנציילן אַ גאַנצע רייע וויכטיקע יידיש־וויסנשאַפטלער ווי, למשל, איר איניציאַטאָר **דוד ראָסקעס, יודזשין אָרענשטיין, ירחמיאל פּעלץ, יהושע מאַלאָוו, יצחק ניוואָרסקי, שבע צוקער, גאַבי טרונק**, ס׳לוינט זיך אויסצייכענען דעם יונגן יידישן פאָרשער און זשורנאַליסט **דוד פישמאַן**, די פיינע דערציילערין **שרה־רחל שעכטער, לייבל באָטווינניק, בערל וויינבראָט, שרה געצאָף, חנה־פייגל ערליך־אייבראַהאַם, יורי פּריזעל** ווי אויך דעם געראַטענעם יידישן לינגוויסט **דוד קאַץ**. און זאָלן אונדז מוחל זיין אַלע איבעריקע יונגע וויסנשאַפטלער, לערער, שרייבער, זשורנאַליסטן, מוזיקער וועמענס נעמען מיר האָבן מעגלעך צופעליק דורכגעלאָזט. אָבער אחרון — אחרון — חביב — לאָמיר דערמאָנען די השובסטע וועטעראַנען פון יוגנטרוף — איינעם פון די גרינדער און ערשטע מיטאַרבעטער פון זשורנאַל "יוגנטרוף", דעם באַרימטן לינגוויסט פּראָפעסאָר **שיקל פישמאַן** און דעם טרייען יועץ פון אַלוועלטלעכן יידישן יוגנט זשורנאַל — דעם יידיש שפּראַך־קענער ד״ר **מרדכי שעכטער**.

4. **לייענט, זייט מוחל, דעם "יונגן דור".** און לאָמיר זיך דערלויבן צו שעפּן נאָך אַ ביסעלע נחת פון אונדזער יונגן דור: "דער יונגער דור" אַזוי הייסט טאַקע דער שיין און פּראַקטיק אילוסטרירטער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן אין מאָנטרעאָל דורך דער אומדערמידלעכער משפּחה **באָטווינניק**. רעדאַקטאָר, צייכענער און טעכנישער צוגרייטער **לייבל באָטווינניק**, מיטרעדאַקטאָר און גרינדער **דוד באָטווינניק**. פאַר אונדז ליגט דער פערטער נומער פון אָט דער מערקווערדיקער אויסגאַבע, וועמענס ציל ס׳איז "צו שטאַרקן און פאַרשפּרייטן יידיש לעבעדיק (גערעדט) לשון צווישן יוגנטלעכע, דערוואַקסענע און קינדער"... בישקשה פון אַ פאַרגעם, ניט אמת? און דערפון טאַקע — סיי די שיין און סיי די שאָטן־זייט. וועלן מיר אָנהויבן פון דער שאָטן־זייט: יוצא זיין פאַר קינד־און־קייט איז אַ ביסל צו שווערלעך און נאָך שווערער — אויסצומיידן דערביי אַ געוויסע אַמאַטאָרישקייט, וועלכע טוט צו מאָל אַ גרילץ אין אויער. דערפאַר אָבער וועט איר געפינען אינעם "יונגן דור" פון כל־טוב: סיי אַ באַריכט פון דערגרייכונגען און דורכפאַלן אין די יידיש־טעטיקייטן ("מיר גייען ווייטער"), סיי אַ מין פּראָגראַם אויף פאַרויס ("וואָס ווילן מיר?"), פאַראַן דאָרט שאַרפע ממש קעמפערישע קריטיק אויף יענע עלטערע יידיש־פקידים, וועמען ס׳איז באַקוועמער געוואָרן אַריבערגליטשן זיך פון יידיש אויף ענגליש ("ייוואָ אויכעט?"), פאַראַן ערנסטע אַרבעטן אויף דער טעמע "יידיש און טעכנאָלאָגיע", אַ הומאָר־אָפּטיילונג פון רב דודל, אַ קינדער־

אָפּטיילונג, אַן אינטערעסאַנטער לערנקורס "פאַר אַנהייבערס", אַ נייע דערציילונג פון לייבל באַטוויניק, אַ ליד "גוט יום־טוב" פון חנן קיעל מיט מוזיק־נאָטן פון סענדער באַט־וויניק, אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון יאַנקל באַטוויניק און דאָס איז נאָך ניט אַלץ!

לייענט, זייט מוחל, דעם "יונגן דור" און איר וועט געוויס אויך באַהערשט ווערן דורכן כוח היונגשאַפט, דורך דער תמימות, חן און פלאַמיקער ליידנשאַפט, מיט וועלכע ס׳ראַנגלט זיך פאַר אונדזער יידיש דאָס ליטעראַריש קינסטלעריש און מוזיקאַליש געזינדל באַטוויניק פון מאָנטרעאַל.

5. "דאָס פּינטעלע ייד".

דאָס איז ערשט אַ פּינטעלע, וואָס מע זעט עס קוים אַרויס... "דאָס פּינטעלע ייד" דאָס איז אַ בולעטין (העקטאָגראַפירט) וואָס האָט הייאָר אָנגעהויבן צו דערשיינען אין פּאַריז, אַרויסגעגעבן דורכן געפּי"ל. וואָס איז עס אַזוינס געפּי"ל? — אַזוי, ווייזט זיך אַרויס, הייסט די געזעלשאַפט פאַרן יידיש־לימוד און פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער יידיש־קולטור, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין אָקטאָבער 1981, דורך אַ גרופּע לערערס און תלמידים פון די פאַרשיידענע יידישקורסן אין פּאַריז. אין די 2—3 זייטן פון בולעטין קענט איר געפינען אַ שלל אינפאָרמאַציע וועגן די פּרינציפּן און טעטיקייטן פון דער אויבנדערמאָנטער געזעלשאַפט, וואָס שליסט אין זיך אַריין ביי די 300 יונגע און עלטערע מענטשן. די אַרבעט פון געפּי"ל איז איינ־געטיילט אויף אַזעלכע גרופּעס: לייענקרייז, לערערסקרייז, קאָנפערענצן־גרופּע, איבער־זעצונגס־קרייז, אינפאָרמאַציע־בולעטין און קהלשע ענינים. דערווייל זענען שוין דער־שינען 5 בולעטינען.

זאָל זיין אין אַ גוטער שעה, מיט הצלחה און מיט... געפּיל!

ביוראָ פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור

פּרעסע-קאָמוניקאַט

יידיש טעאַטער אָן... יידיש

אויף דער לעצטער זיצונג פון ביוראָ פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור, האָט דער פאָרזיצער, יצחק קאָרן, רעדנדיק וועגן נאָר־וואָס פאָרגעקומענעם פעסטיוואַל פון יידיש טעאַטער, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון תל־אביבער אוניווערסיטעט, אונטערגעשטראָכן אַז דער פעסטיוואַל איז געווען אַ באַליידי־קונג פאַר יידיש און יידישער קולטור.

ווי קען מען, האָט געזאָגט י. קאָרן, איינ־אָרדענען אַ פעסטיוואַל פון יידיש־טעאַטער און אין צענטער זאָל נישט זיין די יידישע שפּראַך? ווי קען מען אויסמיידן די יידיש טעאַטראַלע כוחות, וועלכע זענען נאָך פאַראַן געגנוג און וואָלטן געקענט פיל ביטראָגן?!

אויסגעוויילט אַ יוגנט־פאַרשטייער אין וועלט־ביוראָ

אין איינקלאַנג מיטן באַשלוס פון דער דריי־טער סעסיע פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור, פאָרגעקומען אין מאָנט־

ראַעל, וועגן שאַפן אַ יוגנט־אָפּטיילונג ביים וועלטראַט, איז אויסגעוויילט געוואָרן חיים מינסקי — פון די יוגנט־אַקטיוויסטן פאַר יידיש אין ישראל, אַלס מיטגליד פון וועלט־ביוראָ.

אַ ספּעציעלע יוגנט־קאָמיסיע אין שפּיץ מיט חיים מינסקי וועט אויסאַרבעטן און פאָרשלאָגן אַ טעטיקייט־פּלאַן פאַר דער יוגנט־אָפּטיילונג.

אַ וואָך פאַרן יידישן בוך אין ישראל און אין די תפוצות

ס'איז געבראַכט געוואָרן אַ פאָרשלאָג, אַז דער וועלטראַט זאָל נעמען די איניציאַטיוו איינצואָרדענען אין פרילינג 1983 אין ישראל און אין די תפוצות אַ וואָך פאַרן יידישן בוך, און גלייכצייטיק זאָל אויך אויסגעברייטערט ווערן די טעטיקייט פון די ביכער־קלובן אין די לענדער.

אַרום דעם פאָרשלאָג האָט זיך אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטער מיינונגס־אויסטויש וועגן דער נויטיקייט פון פאַרשפּרייטן דאָס יידיש־בוך. ס'האָבן זיך באַטייליקט: מ. חלמיש, י. יאַנאַסאָוויטש, פ. זיגעלבוים, י. סטאָלאַרסקי, ש. שווייצער, י. קאַרן א.אנד. צום סוף איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן איינצואָרדע־נען אין פרילינג 1983 אַ וואָך פאַרן יידישן בוך.

אַריינפירן יידיש־פּראָגראַמען אין די יידישע קולטור־אינסטיטוציעס

דאָס אַריינפירן יידיש־פּראָגראַמען אין "בית התפוצות" אין תל־אביב, איינגעאָרדנט בשותפות מיטן וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור — איז געוואָרן אַ וויכטיקע קולטור־געשעעניש אינעם יידיש־קולטור לעבן אין ישראל.

דער וועלט־ביוראָ האָט באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו די צענטראַלע יידישע קולטור־אינס־טיטוציעס אין דער וועלט, אַז זיי זאָלן דורכפירן סיסטעמאַטישע יידיש־פּראָגראַמען.

אין די לענדער, ווו אַזעלכע פּראָגראַמען ווערן שוין דורכגעפירט — וואַקסט דער פּרעסטיזש פון דער יידיש־קולטור.

פּרוּוו צו שאַפן אַ יידיש־טעאַטער אין ישראל

פריינד ישראל סטאָלאַרסקי האָט אויף דער זיצונג אינפאָרמירט, אַז די לייטונג פון בית ראשוני פועלי ציון האָט באַשלאָסן איינ־צואָרדענען אין זייער בנין אַ יידיש קליינ־קונסט־טעאַטער. ס'זענען דאָרט פאַראַן אַלע נויטיקע איינריכטונגען דורכצופירן טעאַ־טער־פאָרשטעלונגען.

די לייטונג פון בית ראשוני פועלי ציון שלאָגט פאָר אַז צווישן זיי און דעם וועלט־ראַט זאָל געשאַפן ווערן אַ שותפות אויף דעם געביט.

נאָך אַן אויספירלעכן מיינונג־אויסטויש איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאָג און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ גענויעם פּלאַן.

יידיש־פראַנצויזישער ווערטערבוך

די טעג איז דערשינען אַ יידיש־פראַנצויזי־שער ווערטערבוך, אַרויסגעגעבן דורך דעם אוניווערסיטעט־צענטער פאַר יידישע לימו־דים ביים סאָרבאָן אין פּאַריז און דורך דעם יידיש־קאָמיטעט אין פראַנקרייך.

דער ווערטערבוך איז צונויפגעשטעלט גע־וואָרן דורך ד"ר נח גרים און ד"ר שמואל קערנער.

פּראָפ. יצחק וואַרשאַווסקי, וועלכער האָט געבראַכט דעם ביוראָ די ערשטע עקזעמ־פּלאַרן, האָט גלייכצייטיק איבערגעגעבן ווע־גן דעם גרויסן אָנשטרענג וואָס ס'איז גע־מאַכט געוואָרן אַרויסצוגעבן אָט דעם ווער־טערבוך.

דער ווערטערבוך וועט, אָן ספק, דערמעג־לעכן נייע קרייזן זיך צו דערנענטערן צו דער יידיש־מחנה.

אַ באַגעגעניש מיט יידישע שרייבער אין בוקאַרעשט (רומעניע)

יצחק קאָרן האָט אין זיין באַריכט איבער־געגעבן, אַז בעת זיין באַזוך אין רומעניע (יולי ה.י) האָט ער זיך געטראָפן מיט דער דאָרטיקער יידישער שרייבער־גרופּע, וואָס געהערן צום איציק מאַנגער־קרייז און מיט זיי געהאַט אַ לענגערן שמועס וועגן די יידיש קולטור־טעטיקייטן אין רומעניע.

אין רומעניע זענען נאָך ביי היינט־צו־טאָג פאַראַן יידישע קרייזן וואָס רעדן יידיש. ס׳עקזיסטירט אַ יידיש־טעאַטער, אין דער צייטשריפט פון דער פעדעראַציע פון די קהילות איז פאַראַן אַ יידישע אָפּטיילונג און ס׳איז פאַראַן אַ גרופּע פון 10 יידישע שריי־בער אין פּראָזע און פּאָעזיע.

דער מלוכה־פאַרלאַג "קריטעריאָן" גיט אַרויס יעדעס יאָר דעם אַלמאַנאַך "בוקאַ־רעשטער שריפטן" און נאָך אַ צוויי ביכער אין יידיש. יעדעס בוך דערשיינט אין עטלע־כע הונדערט עקזעמפּלאַרן, אָבער די פאַר־שפּרייטונג איז, צום באַדויערן, זייער אַ קליינע און ס׳איז זייער וויכטיק, אַז די יידיש־קאָמיטעטן אין דער וועלט זאָלן העלפן פאַרשפּרייטן די ביכער. דאָס יידישע טעאַ־טער איז אויף אַזאַ ניוואָ אַז עס קען דער־פאָלגרייך דערשיינען אויף די בינעס פון די פאַרשידענע יידישע צענטערס אין דער וועלט. די שרייבער וואָלף טאַמבור, ישראל בערקאָוויטש און חיים גאָלדענשטיין האָבן אויספירלעך איבערגעגעבן וועגן די יידישע שרייבער אין רומעניע. יצחק קאָרן האָט פאַרשפּראָכן, אַז דער וועלטראַט וועט זאָרגן פאַר דער יידיש־ליטעראַרישער משפחה אין בוקאַרעשט.

אַ דערגענצונג־קורס פאַר יידיש־לערער אין ישראל

ווי מיר האָבן שוין זיינערצייט איבערגעגעבן איז צווישן מכון להכשרת ולהשתלמות מורים אין ירושלים און דעם וועלטראַט געשלאָסן געוואָרן אַ הסכם וועגן אַ ספּעציעלן דער־גענצונג־קורס פאַר יידיש־לערער אין יש־ראל.

דער קורס וועט זיך אָנהויבן אין מיט חודש אָקטאָבער ה.י. די לימודים וועלן פאָר־קומען איין מאָל אין וואָך — יעדן דאָנער־שטיק פון 4—8 אין אָוונט און וועט דויערן איינציקע חדשים.

די אָנטיילנעמער פונעם קורס וועלן באַקו־מען אַ סטיפּענדיע פון 4.000 שקלים, אויף צו באַזאָרגן זיך מיט פּראָפעסיאָנעלער ליטע־ראַטור און ס׳וועלן באַזונדער געדעקט ווערן די נסיעות.

אין דעם קורס וועלן זיך באַטייליקן 17 לערערס און ער וועט פאָרקומען אין בר־אילן־אוניווערסיטעט.

דער דאָזיקער קורס וועט אויספילן אין אַ גרויסער מאָס דעם מאַנגל אין יידיש־לערערס אין ישראל.

הינדע זאַרעצקי (ניו-יאָרק)

בעדלאָוס אינדזל

בעדלאָוס אינדזל פֿאַרזונקען אין דרימל,
אין שיַין פֿון לבנהקער ליכט, — —
די פֿריַיהיַיט-סטאַטוע מיטן פֿאַקל צום הימל,
און עמעצער שפּאַנט מיט באַלויכטן געזיכט.

כוואַליעס פּלאַפּלען מיטן זויבער פֿון וואַסער
און טראָגן די פּסולת אַוועק — —
ווער ס׳וויל נאָר קען הערן ווי ס׳וואַשן
פֿאַרכישופֿטע כוואַליעס דעם ברעג.

עמאַ לאַזאַרוס אין זיַידענעם קלייד,
זי שפּאַנט איבער טרעפּ אַרויף;
פֿון ערגעץ ניט וויַיט צו איר דערגייט
אַ שטימע וואָס מאָנט זי און רופֿט

די רויט-האָריקע פּרינצעסין, מיט לאַנגע צעפּ,
אַ פֿעדער אין שטערן-באַנד, ס׳בריען די אויגן
איז געבליבן שטיין אויף די מירמלנע טרעפּ;
עמאַ טוט צו דער פֿרעמדער זיך נויגן

און מיט יראת-הכבוד דעם גאַסט טוט זי פֿרעגן:
— פֿרידן צו דיר און ווי קומסטו אַהער?
אין דער נאַכטיקער שעה, ביַי די וואַסער-ברעגן,
און וואָס איז דער גנעדיקער דאַמעס באַגער?

— מיַין נאָמען איז פּאָקאַהאָנטעס, די טאָכטער פֿון פּאָוהאַטאַן,
מיט מיַין קרבן האָב איך דעם פֿאָטערס לעבן
אויסגעקויפֿט פֿון דעם בריטישן קאַפּיטאַן;
דאָס האָט מען אין מעשיות געטאָן שוין פֿאַרוועבן.

— בין איך הײַנט געקומען צו די וואַסער-ברעגן,
אין דער נאַכטיקער שעה, דיך צו זען,
דערקלער וואָס איך טו בײַ דיר פֿרעגן :
וואָס איז בײַ די לויטערע וואַסערן געשען ? — — —

— די פּסולת וועט מען פֿאַרווישן פֿון אונדזער באָדן,
ליכט און פֿרײַהײַט וועלן פֿירן דעם וועג, — —
אין וווהיטמאנס געזאַנגען וועלן דורות זיך באָדן,
די "יענקס" וועלן היטן דעם וואַסער-ברעג.

— די "שיף פֿון די שטאָטן" וועט שווימען איבער ימען,
ס'וועט פֿלאַטערן די פֿאָן פֿון בעטסי ראָסס ;
די "פֿיר פֿרײַהײַטן" וועלן אויפֿלייזן די צאַמען,
אין ליכטיקן סאַמעט וועט בליִען דאָס גראָז. — — —

❋

זאַרעצקי הינדע (אַננאַ)

געבוירן אין יאָר 1899 אין פעטריקאָוו, מינסקער גובערניע (ווייסרוסלאַנד) געלערנט ביי מלמדים און וועלטלעכע לימודים ביי פריוואַטע לערער.

אין 1914 עמיגרירט קיין אַמעריקע. געלערנט אין אָוונט־שולן. אין די יאָרן 1928—1930 שטודירט אין באַרנאַרד־קאָלעדזש אויף אַ סטיפענדיע פאַר די ספּעציעלע קורסן פאַר פרויען. שפּעטער געווען אַ לערערין אין אַ קינדערגאַרטן. דעביוטירט מיט אַ ציקל לידער אין "פרייע אַרבעטער־שטימע", ניו־יאָרק 1931. זינט דעמלט זיך באַטייליקט אין "קינדער־זשורנאַל" — טשיקאַגאָ; "ליטעראַרישע בלעטער" — וואַרשע; "חבר" — ווילנע; "האַוואַנער לעבן" — קובאַ; "פּראָלעטאַרישער געדאַנק", "יידישער קעמפער", "גערעכטיקייט", "טאָג", "מאָרגן־זשורנאַל" — ניו־יאָרק און אין פיל אַנדערע פעריאָדישע אויסגאַבעס, זאַמלביכער א.ד.ג. פאַרעפנטלעכט לידער איבערזעצט אויף ענגליש און אויך ליטעראַרישע עסייען אין דער ענגלישער פעריאָדיק. שרייבט אויך קינדער־דערציילונגען אונטערן פסעוודאָנים הינדע לייעס.

אין בוך־פאָרם: קראָטאָנאַ־פּאַרק־בריגאַדע (לידער און מעשיות) נ"י 1949; און ער האָט געזונגען (לידער ניו־יאָרק, ברידער שלעזינגער, 1968; דער פאַרטעער ניגון, נ"י 1960 פאַרלאַג "מרדכי לייב"; צו די ברעגן פון תל־אביב נ"י, 1979, ברידער שלעזינגער.

שרייבער און ווערק

מאיר חרץ

אָפּרופן

וועגן הערש סעגאַל (צו די שלושים)

אין האַרבסט 1933 האָב איך זיך אומגעקערט אין מאַרקולעשט דעם שטעטל פון יאַס דער שטאָט נאָכן אָפּוואַלגערן זיך דאָרט אַ גאַנץ יאָר און זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן. אין פרילינג 1934 בין איך געקומען פּרוּוון דאָס מזל אין טשערנאָוויץ און ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט. דאָס גרויסע געווינס האָב איך טאַקע נישט אויסגעשפּילט, אויך נישט קיין בעסער געלעגער און קיין בעסערע פּרנסה ווי אין יאַס. ס׳האָט מיר אָפּגעגליקט צו באַגעגענען אַ מענטש, אַ חבר, אַ פריינד, וואָס לאו כל אדם זוכה אַזאַ מענטשן צו באַגעגענען. איך, וואָס געהער נישט צו די, וואָס מע גיט זיי אויף קרעדיט, צו די, וואָס די אָפּשאַצונגען לויפן פאָרויס זייערע פאַרדינסטן, איך, וואָס אין בעסטן פאַל אַנטשולדיקט מען זיך פאַר מיר, וואָס מ׳האָט מיך פאַרזען, ווייל פּשוט זיך גאָרנישט געריכט און מע טוט ווייטער דאָס זעלבע, טאָר זיך אויף קיין פעלן פון מזל דאָך נישט באַקלאָגן. כ׳האָב באַגעגנט, געקענט און געווען באַפריינדעט מיט הערש סעגאַל. אין מיין לעבן האָב איך בלויז איינעם אַזאַ באַגעגנט. דערביי ווייס איך, אַז איך ביי אים בין ווייט נישט געווען קיין בן־יחיד. די יונגע יידישע דיכטער און פּראָזאַיקער יעקב פרידמאַן און הערש־לייב קאַזשבער, פריד וויינינגער און רחמה גאָלדשטיין, אפרים רויטמאַן און יחיאל פריזמאַן, יאָסל לערנער און יוסף בורג און יונה גרובער ווער פריער און ווער שפּעטער און ווער שטענדיק זענען געזעסן ביי זיין טיש. ווער ס׳האָט געוואָלט מע זאָל אים אויסהערן, האָט אים סעגאַל אויסגעהערט און ווער ס׳האָט געוואָלט סעגאַלן הערן, זיין וואָרט, זיין מיינונג, האָט סעגאַלן געהערט. און נישט נאָר יונגע יידישע שרייבער. זיין אינטערעס פאַר די יונגע טשערנאָוויצער יידישע מאָלערס איז גאָר נישט צו באַמאָלן. קריניץ און שיראָקי, שערף און וואָלפּער. ווער האָט געזאָרגט פאַר זייער ערשטער אויסשטעלונג און ווער האָט זי אויפן אייגענעם חשבון, אויפן חשבון פון זיין לערער־געהאַלט אָרגאַניזירט?

דער יונגער טאַלענטירטער רעציטאַטער און אינטערפּרעטאַטאָר פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג לייבו לעווין האָט זיך אַנגעשטויסן אין אַ וואַנט פון טשערנאָוויצער כלומרשטע מבינים, וואָס אָן זייער סמיכות נעמט מען קיינעם נישט אָן. הערש סעגאַל צוזאַמען מיט זיין נאָענטן פריינד, דער פילאָלאָג חיים גינינגער, האָבן די וואַנט איינגעבראָכן און געבראַכט לעווינען צום עולם, וואָס האָט אים אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם און לעווין האָט זיי געבראַכט: נאַדיר און האַלפּערן, הייזלער און לוצקי, לייוויק און גלאַטשטיין און טאַקע די אייגענע — שטיינבאַרג און מאַנגער. די דיכטער, וואָס סעגאַל

האָט אַזוי ליב געהאַט האָט אויך דער עולם שטאַרק ליב באַקומען. אגב, קומענדיק קיין טשערנאָוויץ האָב איך געטראָפן אַ קליינע אַנטאָלאָגיע "נייע יידישע דיכטונג" אין לאַטיי־נישער טראַנסקריפּציע אַרויסגעגעבן אין 1932 פון הערש סעגאַל, חיים גינינגער, איציק שוואַרץ און נטע מאַנגער אויף צו באַקענען און דערנענטערן די דערוויטערטע יידישע אינטעליגענץ צו די שיינקייטן פון דער יידישער ליטעראַטור. הערש סעגאַל איז דער, וואָס גיט שפּעטער אַרויס די זעקס שלאַפלידער פון דער יידישער דיכטונג מיט דער מוזיק פון לייבו לעווין און מיט די צייכענונגען פון איזיו שערף. ער גיט אַרויס אַ מאַפּע פון קריניצעס 12 צייכענונגען. ווען די לידער פון פּאָפּולערן באַסאַראַבער יידישער טרובאַדור זעליק באַרדיטשעווער זענען דערגאַנגען צו סעגאַלס אויערן און דערוויסנדיק זיך, אַז זיי זענען נישט נאָר נישט געזאַמלט נאָר בכלל אין ערגעץ נישט געדרוקט, פאַרבינדט ער זיך מיטן דעמאָלט שוין שווער קראַנקן באַרדיטשעווער און מעלדעט זיך זיי אַרויסצוגעבן. באַרדיטשעווער איז געשטאָרבן אין דעצעמבער 1937, בעת סעגאַל האָט זיך מטפל געווען מיט זיינע לידער, ער מאָביליזירט זינגערס, וואָס האָבן די לידער געקענט, כדי צו פאַרשרייבן די נאָטן פון זייער מויל און דער עזבון פון 10 לידער מיט מוזיק ווערט אַרויסגעגעבן און אַן אוצר ווערט דורך סעגאַלן געראַטעוועט. געזאַנג און פילאָזאָפיע, מאָלעריי און פּאָליטיק, ליריק און מאַטעמאַטיק דאָס זענען אַלץ די געביטן פון זיינע פאַראינטערעסירונגען, כאָטש ער אַליין האָט נישט געזונגען און נישט געטריבן קיין פּאָליטיק, נישט געמאָלן און קיין פילאָזאָפישע טראַקטאַטן נישט געשריבן, נישט געשריבן קיין לידער און קיין מאַטעמאַטישע אַנטדעקונגען נישט געמאַכט. מיר האָט דערציילט זיין נאָענטסטער יוגנט־חבר חיים גינינגער, אַז שטיינבאַרג האָט אָנגעשריבן זיין באַרימט משל "דער אָדלער און דער מוילוואָרף" נאָך אַ שמועס מיט הערש סעגאַלן. איציק מאַנגער, דער דיכטער און גרויסער קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור האָט אַ מאָל געפּרוווט זיך אַ טשעפּע טאָן צו ניטשען, האָט אים סעגאַל אָפּגעשטעלט, עפּעס שטיל אויפגעקלערט און מאַנגער האָט זיך צוריקגע־דרייט אויף 180 גראַד. אַנומלטן האָט מיר אברהם סוצקעווער דערציילט, אַז דעם שענסטן בריוו־אָפּרוף, וואָס ער האָט אין זיין לעבן באַקומען איז פון הערש סעגאַל. און אָט איז אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער און כאַראַקטעריסטישער פאַל פאַר סעגאַלן: איך בין שוין געווען מיט אים גאַנץ נאָענט באַפריינדעט און געוווּסט, אַז פון ענגעלסן האַלט ער נישט. מאַרקסן שעצט ער נאָר קיין מאַרקסיסט איז ער נישט און גראַד ווען די סאָוועטן האָבן אַריינמאַרשירט קיין טשערנאָוויץ טרעף איך אים ביים פאַרברענען מאַרקס קרוינווערק "דאָס קאַפּיטאַל" אין דייטשן אָריגינאַל.

סעגאַל, האָב איך געזאָגט, איך פאַרשטיי נישט. ביי רומעניע האָט איר נישט מורא געהאַט צו האַלטן אין שטוב אָט דאָס טרייף־פּסול און גראַד ביי די סאָוועטן, וואָס דאָס איז זייער ביבל, פאַרברענט איר דאָס? די אויסגאַבע, האָט ער מיר געענטפערט, איז מיט קאַרל קאַוטסקיס אַ פאָרוואָרט און דאָס איז איצט געפערלעכער ווי צו האַלטן אין שטוב אַ מחזור צי אַ סידור.

נאָך דער מלחמה אין יאָר 1946 זענען די סעגאַלס אַפּגעפאָרן פון טשערנאָוויץ קיין רומעניע. ווען איך האָב פון אים פון דאָרט באַקומען אַ מתנה אַ סוועדער, האָב איך געזוכט זיך מיט עפּעס צו רעוואַנזשירן, ווי מע זאָגט, אָפּצאָלן מיט עפּעס, בין איך אַוועק אויפן טשערנאָ־

וויצער בית עלמין מיט אַ פֿאָטאָגראַף כדי צו פֿאָטאָגראַפֿירן פֿאַר אים זיין פֿאָטערס מצבה. כ׳האָב די מצבה געפֿונען און פֿון דער אויפֿשריפֿט אויף איר זיך דערוווּסט, אַז דער לוי ר׳ זאב־וואָלף סעגאַל שטאַמט מגזע מהר״ל מפּראַג. אין ישראל האָט הערש סעגאַל פֿון זיין גרויסן ייחוסדיקן און לעגענדאַרן עלטערזיידן קיין קרן, קיין קרן מהר״ל, נישט געמאַכט, נאָר ווייטער פֿון זיין קאַרגן לערער־געהאַלט און שפּעטער פֿון זיין פּענסיע אָפּגעשפּאָרט און אַרויסגעגעבן די געפֿונענע לידער פֿון אַ יונג־פֿאַרשניטן 17־יעריק טשערנאָוויצער יידיש מיידל זעלמאַ מערבאַום אייזינגער. איזיו שערפּס אַ מאָפּע מיט גראַפֿישע בלעטער ״מאָטיוון און געשטאַלטן פֿון דער יידישער ליטעראַטור״. שטיינבאַרגס 13 געזונגענע לידער, נאָך אַ מאָל באַרדיטשעווערס לידער, נאָך אַ מאָל קריניצעס מאָפּע מיט 12 צייכענונ־גען. זיין נשמה האָט ער אויסגעהויכט ביים צוגרייטן צום דרוק אַ זאַמלונג קינדערלידער פֿון געטאָ. איין מענטש אַזאַ האָב איך אין מיין לעבן באַגעגנט און ער איז שוין אויך נישטאָ. כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

קלמן סעגאַלס שאַפֿונגען

די טעג האָב איך צום צווייטן מאָל איבערגעלייענט קלמן סעגאַלס בוך דערציילונגען ״ווו שמעטערלינגען שוועבן״ מיט דער זעלבער ערשטיקער הנאה. ביים ערשטן מאָל לייענען פֿאַראַיאָרן, האָב איך נישט געוואָלט זיך איבערשלאָגן מיט מאַכן נאָטיצן. כ׳האָב פּשוט נישט געקענט אָפּרייסן זיך פֿון בוך. אויך איצט, דאָס צווייטער מאָל איז מיר דאָס נישט גרינג אָנגעקומען, כאָטש כ׳האָב דאָך, ווי יענער אַרענדאַר אין פֿאַלקסמעשהלע, געמעגט געדענקען פֿון דער פֿאַראַיאָריקער פּרשה אין חומש, אַז די ברידער האָבן פֿאַרקויפֿט יוספֿן קיין מצרים, איז וואָס זשע, הייסט עס, קריכט ער היינטיקס יאָר ווידער. . ? יעדער פֿרומער ייד ווייסט פֿון זיין יאָרנלאַנגן לערנען תורה, אַז יוסף איז געוואָרן אַ שני למלך און, אויסגעלייזט סיי די מיצרים סיי זיינע ברידער פֿון הונגער, דאָך, ווען ער קומט אויף ס׳ניי צו צו מכירת יוסף, לעבט ער אויף ס׳ניי איבער און ציטערט פֿאַר יוספֿס גורל. דאָס איז דער כח פֿון דער פּאָעזיע אינעם סיפור המעשה, דאָס איז דער כח פֿון גרויסער פּראָזע אויך אין קורצע דערציילונגען. וואָלט די היינטיקע יידישע יוגנט געלייענט יידיש, וואָלט קלמן סעגאַל מיט זיינע אָריגינעל־יידישע דערציילונגען געווען דער סאַמע געלייענטסטער שרייבער ביי אונדז.

קיין פֿריילעכע מעשות זענען ביי סעגאַלן נישטאָ. מלך ראַוויטש האָט אין דער יוגנט אַרויסגעגעבן אַ בוך ״נאַקעטע לידער״. סעגאַלס ביכער וואָלט מען געקענט אָנרופֿן נאַקעטע דערציילונגען. אגב, האָט קלמן סעגאַל צווישן זיינע צוויי ביכער דערציילונגען אַרויס־געגעבענע אין ישראל — ״אַליינקייט״ אין 1977 און ״ווו שמעטערלינגען שוועבן״ אין 1981 אַרויסגעגעבן אין 1979 אויך אַ לידערביכל ״געזעגענונג״, וואָס איז נישט ווייניקער פֿאַרכאַפּנדיק. סיי די ערשטע לידער פֿון דאָזיקן ביכל, סיי די ערשטע דערציילונגען פֿון די אויבן דערמאָנטע צוויי פּראָזע־ביכלעך זענען געווידמעט זיין אַלטער יידישער היים אין גאַליציע און דורכגעזאַפּט מיט דער שיינקייט פֿון גאַליצישער יידישקייט.

אין זיין לעצטן ביכל זענען פאַראַן ביי סעגאַלן דערציילונגען וועגן סאָוועטישן גן עדן און דערציילונגען וועגן היטלעריסטישן גיהנום און, רבונו של עולם! סאַראַ ענלעכקייט צווישן גן עדן און גיהנום, ווי זיי וואָלטן געווען אַ צווילינג. צי זענען עס צוויי אין איין קאַמער פון אַ סאָוועטישער תפיסה, וואָס איינער פון זיי איז שוין פאַרמישפּעט צום טויט און גלייבט נאָך אַלץ אין דער פּאַרטיי און אין סטאַלינען, וועלכער ווייסט, נעבעך, נישט, וואָס מע טוט אַפּ אָן זיין וויסן כלומרשט; צי זענען עס צוויי אויף איין פּריטשע אין אַ דייטשן לאַגער. איינער פון זיי, דער געוועזענער סוחר סון דעמבעבנע טרונעס, האַלט ביים אויסהויכן זיין נשמה און וועט שוין צו קיין שום טרונע נישט זוכה זיין. זיין שכן אויף דער פּריטשע פּאַרדעקט דעם טויטן ווי אַ שלאָפנדיקן, כדי צו באַקומען זיין פּאַרציע ברויט. — איר פאַרשטייט נישט, ענדיקט זיך די דערציילונג, ווי אַזוי איך האָב געקענט ליגן אויף איין פּריטשע מיט אַ מת, פילן זיין ריח און עסן זיין ברויט? און אַלע אַנדערע זאַכן האָט איר שוין יאָ פאַרשטאַנען? ביידע באַזונדערע דערציילונגען זענען ווי צוויי קאַפּיטלעך פון איינער.

קלמן סעגאַל איז שוין געוועזן שווער קראַנק, ווען מע האָט אים אָנגעזאָגט, אַז די זשורי פון הורוויץ־פאָנד האָט אים צוגעטיילט די סובווענץ אַרויסצוגעבן זיינס אַ בוך דערציילונגען. דערויף האָט ער געענטפערט: צו שפּעט. ווער ווייסט צי כ'וועל נאָך דערלעבן עס צו זען אָפּגעדרוקט. מיר טרעפן אין איינער פון זיינע לעצטע דערציילונגען אַזעלכע שורות: "געבענטשט איז אַלץ, וואָס אָטעמט, אַלץ וואָס לאַכט און אַלץ, וואָס איז שיין. געבענטשט איז אַלץ, וואָס איז גוט און וואָס איז זיס, געבענטשט איז דער הימל און די ערד, די בערג און די וועלדער, דאָס ברויט און די מילך, די פרוי אין איר געלעכטער, געבענטשט איז דער מענטשלעכער קערפּער, געבענטשט זענען די אָדערן, דורך וועלכע עס שטראָמט אונדזער לעבן, געבענטשט איז דער מענטש דער בשר ודם. געבענטשט איז אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפן". דאָס זענען שורות פון איינעם, וואָס האָט געוווּסט, אַז זיינע טעג און אפשר שעהען זענען געציילטע.

וועגן בוך "קובי־וואָל דער מעטעאָר"

עס איז גוט וואָס דער יידישער אלף־בית לייענט זיך פון רעכטס אויף לינקס און דער גויישער פון לינקס אויף רעכטס. דאָס בוך געווידמעט דעם אָנדענק פון יונג־פאַרשניטענעם בוקאָווינער דיכטער קובי וואָל האָט דערפאַר צוויי אָנהייבן. פון רעכטס עפנט זיך און הייבט זיך אָן דאָס בוך מיט דער יידישער טייל און פון לינקס עפנט זיך און הייבט זיך ווידער אָן דאָס בוך מיט דער דייטשער טייל. קובי וואָל, וואָס האָט באַוויזן אָנהייבן מיט דייטש, איבערגיין צו יידיש און ביי 24 יאָר צו שטאַרבן, האָט איבערגעלאָזט געציילטע לידער אין ביידע שפּראַכן און אַ נאָמען, וואָס לעשט זיך נישט אויס.

אין ווילנע האָט דער יונגער יידישער דיכטער משה באַסין אָנגעשריבן דריי לידער און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך טרענקען זיך. דריי לידער דאָס איז געווען זיין אָנהייב און זיין סוף. אין אַלע עקן וועלט האָבן מיר געהאַט דיכטער, וועלכע האָבן אָנהויבן אָדער רוסיש אָדער דייטש אָדער פּויליש אָדער רומעניש און דערנאָך איבערגעגאַנגען צו יידיש.

אין ווילנע האָבן אַלע אָנגעהויבן יידיש און ווער ס'האָט נאָר אָנגעהויבן איז שוין פאַרגעסן נישט געוואָרן. מיט אַ יאָר פופצן צוריק האָט שלמה בעליס אָנגעשריבן וועגן באַסינען אַ גרויסן מאמר אונטערן טיטל "אַ פאַרגעסענער נאָמען" און דערמיט באַסינען פון פאַרגעסנקייט אַרויסגעשלעפּט. אין אברהם סוצקעווערס לידערבוך "צייטיקע פּנימער" ת"א 1970 טרעפן מיר אַ פּאָעמע אויף גאַנצע זעקס זייטן מיטן נאָמען "משה באַסין". אין 1980 אין "די גאָלדענע קייט" נומער 101, אין דעם יונג-ווילנע-נומער שרייבט ווידער שלמה בעליס וועגן באַסינען: "מיט זיינע דריי לידער, שרייבט ער, איז ער אַ טויטער געבליבן אין יונג-ווילנע".

דער יונגער קובי וואָל פון דרום-בוקאָווינער שטעטל קימפּולונג האָט אָנגעהויבן שרייבן סאָציאַלע לידער אונטערן איינפלוס פון די דייטשע סאָציאַלע דיכטער און איז מיט די לידער געקומען קיין טשערנאָוויץ צו זיין בן עיר און עלטערן פריינד איציק פאַנער, וואָס האָט זיי איבערזעצט פון דייטש אין יידיש און געדרוקט אין די "טשערנאָוויצער בלעטער". טשערנאָוויץ, די שטאָט פון דער היסטאָרישער יידישער שפּראַכקאָנפערענץ פון 1908 האָט זיך בשעתו אַזוי אָנגעקערט מיט יידיש, שרייבט ערגעץ דער זעלבער י. פאַנער, ווי די שטאָט באַזעל מיטן ציוניזם. ערשט נאָך 1918, ווען נישט נאָר די בוקאָווינע איז צוגעטיילט געוואָרן צו רומעניע, נאָר אויך באַסאַראַביע, האָבן די באַסאַראַבער אין שפּיץ מיט אליעזר שטיינבאַרגן די שטאָט אויף אַן אמת געיידישט. טשערנאָוויץ איז געוואָרן אַ יידישער קולטור-צענטער און דער טרעף-פּונקט פאַר אַלע פּראָווינצן. דאָ האָבן זיך געטראָפן די ליפּקאַנער שטיינבאַרג, שטערנבערג, אַלטמאַן און דער קיליער באַטאַשאַנסקי מיטן יאַסער מאַנגער און מיכייליענער גראָפּער. דאָ האָבן זיך געטראָפן דער מילניצער פרידמאַן מיטן בעלצער קאָזשבער און סיגעטער יחזקאל רינג. דאָ האָט קובי וואָל, וואָס האָט געקאָנט יידיש פון זיין יידישער היים אין קימפּולונג, אָנגעהויבן לייענען און שרייבן יידיש. עטלעכע לידער אין דייטש איבערזעצטע אין יידיש, עטלעכע לידער, די לעצטע, אין יידישן אָריגינאַל, דאָס איז דער גאַנצער פאַרמעג, וואָס ער האָט אונדז געלאָזט. קיין זעלבסטמאָרד דורך טרענקען זיך ווי דער ווילנער באַסין איז ער נישט באַגאַנגען. קובי האָט זיך געלאָזט פאַרברענען פון זיין סאָציאַלן פּאַטאָס. איך געדענק: די לעצטע נאַכט אויף דער וואַך ביי זיין טויטן קערפּער, הערש לייב קאָזשבער האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו אים. קובי, נעם זיך נישט איבער מיט דיין טויט, איך קאָן דיך טרייסטן — איך וועל אויך שטאַרבן און אפשר טאַקע אין גיכן. עטלעכע יאָר שפּעטער, מלחמה-צייט, איז קאָזשבער אין ווייטן אַזיע געשטאָרבן. נישט פון סאָציאַלן פּאַטאָס, דערפון האָט ער זיך נאָך באַוויזן צו באַפרייען און אויסצוגיכטערן, נאָר פשוט-פּראָסט פון הונגער. דעם זעלבן הונגער וועגן וועלכן קובי וואָל האָט בשעתו געשריבן. כבוד זייער אָנדענק.

אפרים רויטמאַן ז"ל

מיטן דיכטער אפרים רויטמאַן האָב איך זיך באַקאַנט אין 1937 ביי די סעגאַלס אין שטוב אין טשערנאָוויץ גלייך נאָכן דערשיינען פון זיין לידערביכל "פינגער אין ליכט" ס'האָט

זיך צווישן אונדז גלייך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן ליטעראַטור, אַ דיסקוסיע אויף דו. דו מאיר און דו פרויקע און כדי קיין דריטער זאָל זיך אין דער דיסקוסיע נישט אַריינמישן, און כדי צו קענען זיך ווייטער קריגן אָמגעשטערט האָבן מיר געדונגען בשותפות אַ צימער.

דעמלט אויך האָט ער זיך באַקאַנט מיטן שיינעם פּוכקע בוקאָווינער מיידל פרידאַ דראַפּעל, וועלכע איז נאָך דער מלחמה, ווען פרויקע איז אַהיימגעקומען פונעם פראָנט, געוואָרן זיין פרוי און די מוטער פון זייערע צוויי זין. דערווייליע האַלטן מיר ביי טשערנאָוויץ פון פאַר דער מלחמה. מיר האָבן נישט נאָר געדונגען בשותפות אַ צימער נאָר אויך געהאַנדלט בשותפות מיט כאַטינער פּוטער צעטיילט אין טשערנאָוויצער קליינע פּעקעלעך. מיר זענען אין איינעם אפילו אין באָד געגאַנגען און איינער דעם צווייטן צעדראַפּעט די פּלייצעס. יונגע, געזונטע באַסאַראַבער פּלייצעס.

אפרים רויטמאַן האָט פאַר זיין אויבן דערמאָנט לידערביכל פון 1937 קיין לידער אין קיין צייטשריפטן נישט געדרוקט. אויך צוואָנציק יאָר נאָכן ביכל ביזן יאָר 1957 האָט ער אין ערגעץ גאָרנישט געדרוקט. אין 1957 האָט זיך מיר פאַרגלוסט אָפּצודרוקן אין דער וואַרשעווער "פאָלקס־שטימע" אַ סעריע "פּאָרטרעטן פון היימישע יידישע שרייבערס" און רויטמאַן איז גלייך צו מיר געקומען און, פאַרשטייט זיך, מיט אַ טענה צו אַ געוויסער שורה אינעם פּאָרטרעט וועגן אים, מיט וועלכער ער איז נישט מסכים געווען און ס'האָט זיך מיט מזל באַנייט אונדזער קריגן זיך און כדי צו דערווייזן, אַז איך בין נישט גערעכט, האָט אפרים רויטמאַן ווידער אָנגעהויבן שרייבן און טאַקע זיך דרוקן אין די פּויליש יידישע אויסגאַבעס "פאָלקס־שטימע" און "יידישע שריפטן" מיט וועלכע איך טאַקע האָב אים פאַרבונדן. און אָט אַזוי האָט ער אין משך פון די לעצטע 25 יאָר שוין די פען פון דער האַנט נישט אַרויסגעלאָזט. די לידער, וועלכע ער פלעגט שפּעטער אָפּט אַריינשיקן אין "סאָוועטיש היימלאַנד" זענען נישט אָנגענומען און נישט געדרוקט געוואָרן, אַזוי אַז קומענדיק קיין ישראל האָט ער זיך פריי געקאָנט באַרימען, אַז ער ביי ווערגעליסן אין זשורנאַל האָט זיך נישט... געדרוקט און אפשר שטעקט אויך אין דעם אַ שטיק אמת, ווייל אַנדערש שרייבן ווי ער האָט געשריבן האָט ער נישט געקענט, כאָטש האָק אים און בראָק אים, ווי מע זאָגט ביי יידן. אפילו זיינע מיינונגען וועגן ליטעראַטור וועלכע האָבן זיך ביי אים אָפּט געביטן האָבן געהאַט זייער ראָם און נישט געקאָנט זיין אַנדערש ווי זיי זענען. אפילו די סתירות אין זיי זענען געווען זיינע. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן־טיפן ערנסט. ער האָט קיין מאָל קיינעם נישט געקוקט אין דער מינע אַריין. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין אויף אַ קול און ס'איז געווען ממש צו באַוווּנדערן די זיכערקייט זיינע און די איבערצייגעוודיקייט אין דעם אמת פון די ווערטער, וואָס ער רעדט אַרויס. אין ישראל האָט ער אָפּגעדרוקט צוויי לידערזאַמלונגען "אויפן אינדזל פון זען" און "די ערד פאַרשטייט", צוויי ביכלעך אין העברעישער איבערזעצונג. געדרוקט אָפּט לידער און עסייען אין "ישראל־שטימע" און אין אַנדערע יידיש־אויסגאַבעס אין ישראל. געלאָזט דראַמעס און ראָמאַנען אין כתב יד. פון אונדזער וואַלד איז געוואָרן אַ וועלדל און אָט איז נאָך איין בוים אויסגעהאַקט געוואָרן.

וועגן מאָטל סאַקציער

צווישן די, וועלכע זענען באַקאַנט מיט דער דיכטונג פון מאָטל סאַקציער און מיט דער סביבה, אין וועלכער זי איז אויפגעקומען און זיך אַנטוויקלט, איז אָנגענומען, אַז ער איז אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון זיין עלטערן חבר יעקב שטערנבערג ז״ל, אַז ער איז ממש זיינער אַ דירעקטער תלמיד. דער אמת, אָבער, איז, אַז סאַקציער איז טאַקע אַ גרויסער חסיד פון שטערנבערגס דיכטונג און בכלל פון דער פּערזענלעכקייט שטערנבערגס אָבער פון זיין אָן אָנהענגער, אַ חסיד, ביז איינפלוס איז זייער און זייער אַ וויַיטער מהלך. שטערנבערג און סאַקציער — צוויי פאַרשידענע נאַטורן. דער ערשטער איז אַמביציעז מיט ריזיקאַלישע פּאַרמעסטן פון אַ געוואָגטן מאָדערניזם אויף די סאַמע העכסטע טענער, וואָס נישט אַלע האָבן אָנגענומען און דערפאַר איז ער געווען אַזוי פּאָלעמיש קריגעריש. זייענדיק איינציייטיק אַ באַקאַנטער טעאַטראַל־נאָוואַטאָר זענען די פּייסאַזשן פון זיין ליד אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישער האַנדלונג. זיינע בערג דרייען זיך ווי אויף אַ דריי־בינע און פאַזירן. דער הינטערגרונט — ווי דעקאָראַציעס באַלויכטענע פון רעפלעקטאָרן און באַגלייטע פון אַן אָרקעסטער פון שטאַרקע בלאָז־אינסטרומענטן.

ביי סאַקציערן איז דער נאַטירלעכער טאָן אַ שטילער מיט געמיט און מיט אַן אויג פאַר אַ דינעם שטריך, מיט אַן אויער פאַר אַ פליסטער פון אַן אונטערטאָן און ער קאָן אַנדערש נישט, אפילו ער זאָל עס וועלן. איך זאָג זיין נאַטירלעכער טאָן, ווייל אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער האָט סאַקציער, אָנבלאָזנדיק זיינע באַקן מיט פּאַטאָס, געפּרוווט זיך צושטעלן ווי אַ פאַרבינדעטער צו שטערנבערגס פּאָלעמישע מלחמות און געשריבן: ״מיך אַרט נישט, טאָמער ווערט אַ ליידאַק גראָב, פּערוווערז / פסלען, מישפּטן מיין יונגן פערז״. קיינער האָט נישט גראָב און נישט, הלילה, פּערוווערז נישט געפּסלט און נישט פאַרמישפּט זיין יונגן פערז און דער ליידאַק, קעגן וועמען דער יונגער סאַקציער איז דעמלט אַרויס, איז נישט מער ווי אַן אויסגעטראַכטע ווינטמיל געווען. ווער ווערט עס וואָגן, איך בעט אייך, צו פסלען אַזעלכע שיינע, שטילע האַרציקע שורות, למשל, פון זיינס אַ ליד פון דער זעלבער דעמלטיקער צייט: ״אין שטילן רויש פון שקראַבענדיקן שוך / וואָס נעמט אַרום די זעל מיט קילנדיקע רייפן / כ׳האָב זי דערקאָנט די זקנה / וואָס פלעג מיט אַ געהיימען שפּרוך / אויף אירע קני די דאַרע מיך אַנטשלייפן. / / כ׳האָב זי דערקאָנט אין דומפּיקן גערוך פון אירע זיבן צענדליק — זיבן ווייסע לאַסטן — / איינגעגניורעט אין וואָלענעם, זיך טרעפּקענדיקן טוך / פון כלהווייז אַ זכר, / מיט הייליקייט געהיט אין אַלטוואַרג־קאַסטן. / / זי האָט זיך צוגעזעצט אין ווינקל שטילערהייט, / דאָס פּנים געל ווי ספרים פון בלעטערן זיי פיל, פון מישן / אין פייכטע שיפלאָדנס פאַרלייגטע, טערפּקע ווי די האַרבע רייד, / וואָס זי דורך לעצטן צאָן מיט קריוודע האָט געקרישלט.

כמעט אַלע, וועלכע האָבן געשריבן וועגן מאָטל סאַקציערס דיכטונג — סיי יעקב שטערנבערג, סיי שלמה ביקל, סיי משה אַלטמאַן און סיי לייזער פּאָדריאַטשיק — האָבן די זעלבע גוטע ווערטער אין זייערע אָפּשאַצונגען וועגן סאַקציערס פיינעם לשון און געשליפע־נעם פערז. ״מיינע לידער, זאָגט ערגעץ סאַקציער, דורכגעזיפּט דורך זיבן זיפּן, / ביז אַרויפגעבראַכט זיי אויף די ליפּן״. אפילו אין זיינע מלחמה־מאָטיוון איז ער דער זעלבער

שטילער זינגער ווי אין זײַנע ליבע־לידער, וועלכע האָבן, ביזן גיין זיצן אין סאָוועטישן לאַגער, פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן אין זײַן דיכטונג. פֿון נאָכן לאַגער אָן, ריכטיקער, זינט זײַן קומען קיין ישראל, האָבן זיך פּאַר אונדז אַנטפּלעקט זײַנע לאַגער־לידער, וועלכע האָבן ערשט דאָ געקענט דערזען די ליכטיקע שײַן און זיי טאַקע שפּילן שוין ביי אים דעם ערשטן פֿידל, כאָטש אויך אין לאַגער האָט דער דיכטער געשריבן ליבע־לידער צו דער, וואָס ער האָט נאָך איר געבענקט און וואָס האָט אויף אים געוואַרט, איז גיי זוך זיך אָפּ. אין איינעם אַזאַ ליד שילדערט ער, ווי זי איז שטיין געבליבן נאָך דעם, ווי מ'האָט אים צוגענומען פֿון איר: "מיט הענט פֿאַרבראָכענע צום הימל. / / אַזוי אַ שטייט אַ פֿישער־פֿרוי ביים ברעג / פֿאַרגליווערט, ווי פֿון שטיין, / אין אַלטן שאַליק, / און צוגעשמאָלצן איז צום ים איר בליק, / ווען דער שטורעם רעוועט רציחהדיק, / פּילבאַליק, / און מע זעט די פֿישער נישט צוריק.

דאַנקען גאָט, איר פֿישער איז דאָ צוריק אוןביידע זענען זיי ביי אָן אַנדער ברעג, אָן אייגענעם.

חיים מאַלטינסקיס "דער מאָסקווער משפּט איבער די בירעבידזשאַנער"

איך ווייס נישט וואָס פֿאַר אַ לידער דער דיכטער חיים מאַלטינסקי וואָלט נאָך געוועזן געדרוקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד", ווען אים געלינגט נישט, חלילה, צו קומען פֿון מינסק קיין אור יהודה. איך ווייס, אַז פֿאַר די 20 יאָר, זינט דער זשורנאַל דערשיינט אין מאָסקווע, האָט מער ווי אַ העלפֿט, כמעט דריי פֿערטל פֿון אָט דער צייט, מאַלטינסקי געדרוקט דאָרט זײַנע שאַפֿונגען רעגולער. אָבער אין ביבליאָגראַפֿישן אָנצייגער "20 יאָר סאָוועטיש היימלאַנד" וועט איר זײַן נאָמען נישט טרעפֿן. איר טרעפֿט דאָרט דעם נאָמען ברעזשניעוו און איר טרעפֿט נישט דעם נאָמען כרושטשאָוו, כאָטש ביידע האָבן זיך געלאָזט איבערזעצן אין אַלע שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און זיך דרוקן אין זייערע זשורנאַלן. איר טרעפֿט דאָרט דעם נאָמען פֿון דוד בראַמבערג און איר טרעפֿט נישט דעם נאָמען פֿון רחל בוימוואַל. איר טרעפֿט דעם נאָמען פֿון דבורה כאַראַל און נישט דעם נאָמען פֿון מאיר חרק. איר טרעפֿט דעם נאָמען פֿון מאַקס ריאַנט און נישט דעם נאָמען פֿון שלמה רויטמאַן. איר טרעפֿט די נעמען שוחט, שוסטער און איר טרעפֿט נישט דעם נאָמען פֿון עליע שעכטמאַן. איר טרעפֿט די נעמען מיכעלסאָן, מינצעס, מינקין, נאָר נישט חיים מאַלטינסקי, כאָטש אַלע סיי די דערמאָנטע, סיי די נישט דערמאָנטע אין דעם אָנצייגער האָבן זיך אין זשורנאַל געדרוקט און מע איז שוין צו אַזעלכע געגנג זייערע אַזוי צוגעוווינט, אַז מע נעמט עס שוין אָן פֿאַר אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט. זיי מעגן טאָן אַלצדינג, וואָס נאָר זיי ווילט זיך. עס קומט אויס, אַז אַלץ וואָס אַנדערע טאָרן נישט, מעגן זיי און "טוט אונדז עפּעס, מיר זענען די שטאַרקסטע מיליטער־מאַכט אין דער וועלט".

איך ווייס נישט, ווי געזאָגט, וועלכע לידער מאַלטינסקי וואָלט נאָך געדרוקט. איינס ווייס איך, אַז זײַנע לידער סיי דאָרט געדרוקטע סיי דאָ געדרוקטע זענען עכט מאַלטינסקישע,

וואָס ער און נאָר ער שרייבט אַזעלכע און ס'איז גוט זיי צו לייענען. האָבן דאָך אַלע־אַלע שרייבערס עולים פון ראַטנפאַרבאַנד אין איינעם מיט זייערע שאַפונגען געדרוקטע דאָ אויך אַריינגענומען אין זייערע ביכער דאָ כמעט אַלץ, וואָס געדרוקט דאָרטן. פאַר די געציילטע עטלעכע יאָר זינט מאַלטינסקי איז אין לאַנד האָט ער שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן פיר לידערביכער און לעצטנס איז דערשינען דאָס פינפטע, דאָס מאָל אין פּראָזע. דער נאָמען פון בוך — "דער מאָסקווער משפט איבער די בירעבידזשאַנער", אין וועלכן דער מחבר דערציילט וועגן זיינע איבערלעבענישן אין בירעבידזשאַן ביזן אַרעסט, בשעתן אַרעסט, די ווילדע באַשולדיקונגען, די אכזריותדיקע אויספאָרשונגען, דעם ציניזם פון די אויספאָרשערס מיטן סערפּ און האַמער אויפן היטל, די יאָרן אין לאַגער, דער באַראַק פאַר אינוואַלידן, דער סאַדיזם פון די שוטרים, די אַרבעטס־זאָנע. לייענענדיק דאָס בוך, וועט זיך נישט איינער פרעגן: רבונו של עולם, צוליב דעם האָט מען צעבראָכן די לעבנס פון אומשולדיקע מענטשן מיט פאַרדינסטן פאַר דער מדינה, צעבראָכן זייערע משפחות, פאַרשפּיגן די לעבנס פון מלחמה־אינוואַלידן און זיי צונויפגעפּירט מיט דייטשע און נישט־דייטשישע מלחמה־פאַר־ברעכער כדי זיי זאָלן אין איינעם ביי איין טיש אויסגלייכן פאַרזשאַווערטע צוויקעס פאַר דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט? לייענט דאָס בוך, וועט איר זיך דערוויסן, אַז אין סאָוועטישן לאַגער איז אויסגלייכן צוויקעס אויך קאַטאָרגע און אפילו שיילן קאַרטאָפליעס אין דער קיך פון אַ סאָוועטישן לאַגער פאַר אַרעסטאַנטן איז קאַטאָרגע. נאָך סטאַלינס טויט האָט מען אָנגעהויבן באַפרייען די א.ג. פּאָליטישע פאַרברעכער, זיי אומגעקערט די אָרדענס, אויפגעשטעלט אין פּאַרטיי. מיט איין וואָרט אומגעקערט זיי אַלע רעכט, נאָר וויל עמעצער דערציילן זיינע איבערלעבענישן, זיי באַשרייבן, ווי מאַלטינסקי האָט איצטער געטאָן, קאָן ער עס דאָרטן נישט טאָן.

שוין צוליב דעם אַליין האָט זיך געלוינט אַהער צו קומען. אַ יישר כוח פאַרן גוטן בוך.

צום דערשיינען פון חיים זעלצערס פינפטן לידערבוך "זיבן פון איין שיף"

כ'האָב עס שוין געזאָגט אין מיינעם אַ שמועס אין ראַדיאָ וועגן חיים זעלצערן. ער איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען דער אַרויסגעבער און דער אַדרעס פון דעם איין־נומערדיקן "אָנזאָג" אין קעשענעוו. דער אַדרעס און דער אַרויסגעבער, נאָר נישט קיין מיטאַרבעטער. אין די סאָוועטישע צייטן האָט ער ווען און ווען אָפּגעדרוקט אַ רוסיש ליד און האָרט פאַר זיין עולה זיין פון טשערנאָוויץ קיין ישראל דעביוטירט מיט יידישע לידער אין דער וואַרשעווער "פאָלקס־שטימע".

דאָ אין ישראל האָט ער זיך מיט אַ מאָל באַוויזן ווי אַ רייפער פּאָעט און אַ דערפאַרענער אין אַלע קנייטשן פון דער יידישער דיכטונג, כאָטש ביבליאָגראַפיש איז זעלצער אַ יידישער דיכטער פון די 70ער יאָרן. פאַראַן שרייבערס פון זעלצערס דור, וועלכע האָבן נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק צעשטעלט די בענקלעך, די זיצפּלעצער אין היכל פון דער יידישער ליטעראַטור, זיך איינגעטיילט, אַזוי צו זאָגן, מיט דער אייביקייט, זיך אַריינגעזעצט אין

די גומערירטע ווייכע טיפּע פּאַטעלן אויבן אַז און פֿון דעמלט אַן זענען זיי נישט גרייט פֿון דאָרט זיך צו רירן, ווי זאָגט כוסני מובאַראַק, אפילו נישט אויף קיין סאַנטימעטער און אויב סע קומט אַ מאָל אויס זיך אַ רוק צו טאָן, שוין אָפּגערעדט פֿון איבערזעצן זיך אויף אַנדערע ערטער, פֿון צעשטערן דעם סטאַטוס קוואָ, די גומעראַציע, שטעלט מען זיך מיט אַלע כוחות אַקעגן, כאָטש העלפֿן העלפֿט עס נישט.

די באַוועגונג פֿון די בענקלעך, בילדעריש גערעדט, האָט ביז היינט נישט אויפֿגעהערט און אָט האָט אויך זעלצער צוגעשטעלט זיין בענקל און צעשטערט, אַזוי צו זאָגן, די גומעראַציע, דעם סטאַטוס קוואָ. אייגנטלעך איז קיין סטאַטוס קוואָ, קיין איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל איינגעשטעלט בילד אין קיין שום לעבעדיקער ליטעראַטור נישט פֿאַראַן און אויך נישט אין דער יידישער טראַץ דער היינטיקער מערכה פֿון יידיש. מיר דערמאָנט זיך דאָס באַקאַנטע יידישע פֿאָלקסליד "ווו ביסטו געווען, ווען דאָס געלט איז געווען, ווען דאָס לעבן איז געווען צוקערזיס, היינט ביסטו דאָ ווען דאָס געלט איז נישטאָ א.א.וו. אויך זעלצערן ווילט זיך פֿרעגן: ווו ביסטו געווען ווען אַ לייענער איז געווען, כאָטש דאָס לעבן נישט געווען איז איי־איי־איי, היינט ביסטו דאָ, ווען קיין לייענער איז נישטאָ.

אויב ביי דער היינטיקער מערכה פֿון יידיש איז דער מעמד פֿון יידישן שרייבער אַ געפֿאַלענער, זענען די פּרוּוון פֿון אָט די שרייבערס ממש קרבנות. חיים זעלצער האָט מיר איין מאָל דערציילט ווי זיין פֿרוי עליה השלום האָט אַ מאָל גענומען אין האַנט אַריין זיינע ביז דעמלט דערשינענע דריי לידערביכער און אויסגערעכנט: אָט דער ערשטער באַנד דאָס איז אונדזער סאַלאָן מעבל און אָט דער צווייטער באַנד איז אונדזער שלאָפֿצימער — צוויי בעטן, צוויי טומבאַטשקעס און אַ קליידערשאַנק מיט אַ שפּיגל. און אָט דער דריטער באַנד לידער מיין מאַנס, איז אונדזער פּינת אוכל און זיין ביכערשאַנק אין זיין אַרבעטס־צימער. אין גיכן, האָט זי געזאָגט, דערשיינט אין "ישׂראל־בוך" אונדזער מאָדערנע קיך מיט אַ קאָך־און־באַק־אויוון, מיטן קילקאַסטן א.א.וו. דעם פֿינפֿטן לידערבאַנד, וואָס איז אַקערשט דערשינען "זיבן פֿון איין שיף" האָט זי שוין, ליידער, נישט דערלעבט צו זען און איר ליכטיקן אָנדענק איז דער בוך געווידמעט און אין אָט דער ווידמונג ברענגט חיים טאַקע אַרויס איר, זיין פֿייגעס, קול צו אים: "האָב נישט קיין פּאַראיבל — דאָס האָט מיר געפֿעלט! — / זאָגן כ'זאָל דיר דעות אַזש פֿון יענער וועלט, / עצות זאָל איך געבן: וואָס און ווער און ווען, / וואָס די צונג זאָל רעדן, שוויגן זאָל די פּען. / נאָר געדענק, די זאַמלונג, וואָס דו גרייטסט צום דרוק, / (נישט דערוואַרט זיך) כאָטשבי מיט איין אויג אַ קוק, / פֿון דער זייט, פֿון דאָרטן, ווי עס זעט נאָר אויס. / ווייטער — גאָרנישט. סיידן אויף מיין שטיין אַ רויז". מיט די פֿערציק לידער און באַלאַדעס פֿון זיין איצטיק פֿינפֿט לידערבוך "זיבן פֿון איין שיף", וואָס איז ווי אַ מין סך הכל־בוך פֿון זיינע ביז איצט דערשינענע ביכער האָט חיים זעלצער סוף־סוף באַקומען קביעות אין דער יידישער ליטעראַטור.

וועגן דער אַנטאָלאָגיע "ערבות ברוח" (וועראַבעס אין ווינט)

אין תל אביבער פֿאַרלאַג בראַנפֿמאַן איז לעצטנס אַרויס אַ צווייבענדיקע אַנטאָלאָגיע פֿון איבער 800 זייטן מיטן נאָמען "ערבות ברוח — אנטולוגיה של סופרי בסרביה". וועראַבעס

אין ווינט אַנטאָלאָגיע פון באַסאַראַבער שרייבער רעדאַגירט פון די שרייבער אַפּשטאַמיקע פון באַסאַראַביע ק. א. ברתיני, דוד ווויניצקי און ב. י. מיכלי און אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פונעם פאַנד אויף די נעמען פון מאַניע און שלומית וויניצקי, וועלכע זענען אומגעקומען אין טראַנסניסטריע אין 1941. דעם פאַנד האָט אויפגעשטעלט זייער פאָטער און מאַן דוד וויניצקי, וואָס איז בשעתו געווען רעפּרעסירט פון די סאָוועטישע "באַפרייער" און נישט געקאָנט זיין מיט זיין פרוי און טאָכטער אין יענע גורלדיקע טעג.

אגב, דוד וויניצקי איז דער מחבר פון דער צווייבענדיקער "בסרביה היהודית במערכותיה" מע קאָן מיט אַ פול מויל זאָגן, אַז דאָס וואָס לייזער ראַן איז פאַר ווילנע איז דוד וויניצקי פאַר באַסאַראַביע, פאַר גאַנץ באַסאַראַביע. ער איז אויך דער מחבר פון בוך "הרפובליקה השבע עשרה של ברית המועצות", די 17טע רעפּובליק פון סאָוועטנרוסלאַנד. ווי איר ווייסט באַשטייט דער ראַטנפאַרבאַנד פון 16 רעפּובליקן. די 17טע רעפּובליק איז וויניצקיס נאָמען פאַר די סאָוועטישע קאָנצלאַגערן, ווו ער איז אַפּגעקומען אַ לאַנגיאָריקע שטראָף פאַר זיין אַ ציוניסט, נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער טעמע. פון די 57 נעמען פון באַסאַראַבער שרייבער אַריינגענומענע אין דער אַנטאָלאָגיע זענען 30 יידיש־שרייבער און צוויי רוסיש שרייבער און די ווערק זייערע זענען איבערזעצט אין העברעיש פון 17 איבערזעצערס און צווישן זיי אַזעלכע ווי ק. א. ברתיני, שלמה שנהוד, שמשון מעלצער, חיים ראַבינזאָן און אַנדערע. די 12 גרעסערע משלים פון אליעזר שטיינבאַרג אויף גאַנצע 22 זייטן פון בוך האָט איבערזעצט חנניה רייכמאַן. די אַנטאָלאָגיע נעמט אַרום שאַפונגען פון כמעט 100 יאָר. צווישן די 25 העברעישע שרייבער אין דער אַנטאָלאָגיע זענען אַ גרויסע טייל — באַזונדערס די פון עלטערן דור, וועלכע לעבן נישט מער — צוויישפּראַכיקע שרייבער, דאָס הייסט סיי העברעישע און סיי יידישע ווי, למשל, יעקב פיכמאַן, יהודה שטיינבאַרג און פיל־פיל אַנדערע. אין דער אַנטאָלאָגיע זענען זיי פאַרטראַטן נאָר מיט זייערע אָריגינעלע ווערק אין העברעיש. בלויז ביי חיים גרינבערג טרעפן מיר צוויי אַרבעטן איבערזעצטע פון יידיש פון שלמה שנהוד און אַן אַרבעט וועגן ביאַליקן אין העברעישן אָריגינאַל ווי אויך ביים פיל יינגערן, אונדזער מיטצייטלער מ. חסיד, טרעפן מיר אַ גרעסערע דערציילונג און אַ גרעסער ליד איבערזעצט פון יידיש און איין ליד אין העברעישן אָריגינאַל. פון די 24 היינט לעבעדיקע באַסאַראַבער שרייבער וווינען אין ישראל 20 און די אַנדערע 4 — איינער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איינער אין קאַנאַדע, איינער אין בראַזיל און איינער אין באַסאַראַביע גופא.

12 פון די 20 באַסאַראַבער שרייבער אין ישראל זענען ותיקים און אַלע — פון דער עלטסטער מרים בערנשטיין־כהן ביזן יינגסטן א. ב. יפה — שרייבן עברית. די אַנדערע 8 שרייבערס זענען אַלע עולים פון ראַטנפאַרבאַנד. 6 יידישע שרייבער, איין רוסישער און איין העברעישער. אויב מע זאָל צו די אַכט צורעכענען דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם שרייבער־עולה יאַנקל יאַקיר וועט זיך באַקומען אַז 40% פון די שרייבער־עולים זענען באַסאַראַבער.

צי איז מיט די 57 נעמען אויסגעשעפּט די גאַנצע צאָל באַסאַראַבער שרייבער, אָדער עס וועלן נאָך צוקומען צוגאָב־העפטן מיט דורכגעלאָזטע נעמען און נעמען פון יונג־פאַרשניטענע, וועלכע האָבן נישט מער פון עפּעס־וואָס דאָ און דאָרט אַפּגעדרוקט און קיין ביכער נישט דערלעבט אַרויסצוגעבן? דערווייל דאַרף מען אַפּמערקן און באַגריסן די

רעדאַקטאָרן און דעם אַרויסגעבער וואָס איז אויך איינער פון די רעדאַקטאָרן מיט דער קאָלאָסאַלער אַרבעט וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן. יישר כוחכם!

משה יונגמאַנס לידערבוך ״מיין טאַטנס פרנסות״

אין אונדזער ליטעראַטור פאַרמאָגן מיר אַ סך מוטער־געשטאַלטן, לידער צו אונדזערע מאַמעס, און וועגן אונדזערע מאַמעס. ד״ר י. ח. בילעצקי האָט אפילו אַרויסגעגעבן ביי אונדז אַן אַנטאָלאָגיע מיטן נאָמען ״מאַמע אין יידישן ליד״. איך מיין, אַז אַזוי איז עס אין אַלע ליטעראַטורן. טאַטע־לידער פאַרמאָגן מיר אַ ביסעלע ווייניקער, אָבער אויך נישט ווייניק. אַזוי, למשל, איז ביים גרויסן גלאַטשטיין פאַראַן אַ גאַנץ לידערבוך ״דעם טאַטנס שאָטן״. ווען משה יונגמאַנס לידערבוך ״מיין טאַטנס פרנסות״ איז מיר געקומען צו די הענט, האָט דער נאָמען פון בוך נישט אַסאָצייִרט ביי מיר מיט שאָטנס, נאָר פאַרקערט, מיט די שורות פון יונגמאַנס אַ ליכטיק ליד פון צוריק מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט אינעם זאַמלהעפט ״יונג־ישראל״, וואָס איך האָב עס טאַקע דאָ נישט לאַנג געלייענט: ״נעם אָט דאָס שטיקל ליכט, וואָס כ׳האָב באַהאַלטן / און צינד עס אָן אויף דאַכשפּיצן און פענצטער״. ס׳איז אַ ליד פון 1954 און אַצינד 27 יאָר שפּעטער, ענדיקט דער דיכטער זיין לידערבוך מיט די שורות פון זיין ליד ״ליכט״: זע, טאַטע / דו ביסט דאָס ליכט. נאָך פריִער אין 1949 אין ערשטן נומער ״די גאָלדענע קייט״ טרעפן מיר ביי יונגמאַנען אָט אַזאַ שורה: צווישן רויטע זאַמדן צעפלעמלט זיך זאַמד. און אויך אָט די דאָזיקע שורה איז אונדז יונגמאַן פּותר אין זיין אויבן דערמאָנט ליד ״ליכט״: נישט אין ווינאַזש דו ביסט, / אין אוקראַינע, / נאָר דאָ צווישן שטיינער, / וואָס הייבן אָן בליען מיט ליכט. ליכט ווי אַ רויטער ליכטיקער פאָדעם ציט זיך כמעט דורך אַלע לידער יונגמאַנס, אַזוי אויך די לידער וועגן זיין טאַטן: מיין טאַטע / ווי קליין ער איז געווען / האָט ער שטענדיק געקאָנט אויסשטרעקן / די האַנט צום הימל / אַראָפּשאַרן אַ בינטל שטערן! / וואָס פלעגן סטייען / אויף אַ גאַנצער וואָך. מיט ליכט, מיט שטערן האָט זיך זיין טאַטע אַ סך פלינקער געספּראַוועט ווי מיט פרנסה, ווי מיט אַלע זיינע פרנסות. ״מיין טאַטנס פרנסות״ איז דאָס אַכטע לידערבוך יונגמאַנס. איין בוך פריִער, דאָס זיבעטע, הייסט ביי אים ״אין לאַנד פון אליהו הנביא״. די אליהו הנביא־געשטאַלט גייט אים נאָך אויך אין איצטיקן בוך וועגן טאַטן: מיין טאַטע איז נישט געווען אליהו, / ביי מיר אָבער איז ער געווען. געווען, נאָר פון זיינע פרנסות איז קיין ברויט אין שטוב נישט געווען, ווייל: פון טאַרבעלע מעל אויף דער פּלייצע פון טאַטן / ווערט אַ טאַרבעלע בלוט און סע לאָכן צווי קאַטן. / וויגע פון הינטן, פון פאָרנט געדריי, / טאַטע ווערט פּלוצים אַ פלאַטערל שניי, / טאַטע ווערט פּלוצים פויגלדיק דין, / ער לויפט און די גאַנצע וועלט נאָך אים. און אַז דער טאַטע טרייבט פּליטן, איינע פון זיינע פרנסות, פּליטן אויפן טייך טשערעמוש, זענען די קאַטן, די הוצולון שיכור לוט און: דער טאַטע מיט ווייסן אַרבל, / מיט יאַרמולקע אויפן קאָפּ, / ער וויגט זיך מיט אַ זונשטראַל / אויף כוואַליעס אַריוף און אַראָפּ. אַז דער טאַטע האַנדלט מיט עפּל: קומט אים אַקעגן כוועד דער שיכור, נאָר אַז דער טאַטע פאַרקויפט זאַלץ, וועקט זיך ווידער אויף דאָס ליכט: האָט זונפאַרגאַנג

זיך אויסגעשטרעקט, אַ רויטער, אויף זיין וואָגן זאַלץ. / רייט טאַטע מיינער איצט אויף וואָגן כולו צונטער, / לייגט אַ קעסטל אַנגעפּיקעוועט מיט גאָלד פּאַר יעדער טיר. און אַז דער טאַטע רימערט אַ בייטש, זיצט ער ביים לעמפּל און אַז ער שניצט פייגל איז: איינעם מיט פליגל, דעם צווייטן מיט הויקער, / און איינעם פון צעשניטענעם פינגער אַ רויטער. ווי איר זעט, די רויטקייט, דאָס ליכט קאָסט דעם טאַטן בלוט. סע טרעפט אויך, דער טאַטע מיט זיינע שונאים, וואָס טוען אים רק שלעכטס, געפינען זיך מיט אים אין דער זעלבער סכנה: — ס'אַ געוויטער, דער טשערעמוש איז אַרויס פון די ברעגעס, מע דאַרף צובינדן די שטוב צום סלופּ. דער טשערעמוש אונטן ווייט און געל, / כוואַליעט און רייסט און ראַיעט. / אויף שטרויענעם דאַך געאָרעמטע צוויי: / מיין טאַטע און דער גויעק". אַרויס פון סכנה און ווידער צום אַלטן. די זעלבע פּרנסות, די זעלבע קאַטן, דעמלט שעפּט די אידעלע נשמה פון טאַטן חיות פון גאַטס לאַנדשאַפטן: און נאַכט פאַלט אַראָפּ און אַ ווינטל צעשפּילט זיך, / און דער גאַנצער אַרום ווי אַ פידל צעגרילט זיך.

צום דערשיינען פון לידערבוך "צעשאָטענע קרעלן" פון רבקה באַסמאַן

— — אַז אַ מענטש טרינקט אויס אַ לידשאַפט־עליקסיר — — און טרייסט זיך מיט אַ טרייסט־קאַליר — — און הערט זיך צו ווי דער ווינט באַרויקט אומרויקע צווייגן — — אוןביימער הערן אויף צו שווייגן — —. דאָס זענען באַזונדערע שורות פון פאַרשידענע לידער פון דער דיכטערין רבקה באַסמאַן, וואָס איך האָב דאָ עטלעכע פון זיי אויפגעסיליעט פון אירע "צעשאָטענע קרעלן" כדי אַרויסצוברענגען פאַר אייך די מאָטיוואַציע פון איר דיכטן.

"צעשאָטענע קרעלן" איז דאָס פערטע לידערבוך רבקה באַסמאַנס און, דאַכט זיך, אויך דאָס רייפסטע. דאַכט זיך. אָט זיץ איך איבערן לידערבוך אירן און אַז איך קום איבער אַזעלכע שורות ווי: "בלומען פאַרביקע / צופוסנס פון געמעלן, / בלומען שטאַרביקע / אַנטקעגן / אַקוואַרעלן. שיינקייט איבער שיינקייט, / פאַרבן קושן פאַרבן. — / די געמעלן דויערן / און די בלומען / שטאַרבן". אַז איך קום, זאָג איך, איבער אַזעלכע שורות, בין איך אַנטציקט פון דער גאַנצקייט, פון דער אָפּגערונדטקייט. עס איז דאָך אַ שלימותדיקער לעבעדיקער אָרגאַניזם ממש, ווען אַפילו די דיכטערין האָט אָט די שורות אַוועקגעשטעלט אונטער אַן אלף ווי אַן ערשטע טייל פון אַ ליד פון פינף פּרקים א. ב. ג. ד. ה. זי וועט עס מיר, האָף איך, מוחל זיין. אַ מענטש, וואָס ווייסט פון פאַרבן און קאָלירן, פון געמעלן און אַקוואַרעלן, ווייסט אויך וואָס סע הייסט אַ רעמל. דאָס רעמל אין וועלכן כ'האָב איינגערעמלט די אויבן ציטירטע טייל פון איר ליד. זאָגט זי דאָך אַליין ערגעץ ווו: "אַ בוך / און אַ ליד / און אַ גוטע שורה / און דאָס איז גענוג / בעסער / ווי בעסטער ווייַן / אין אַ קרוג". כאָטש אויף אַן אַנדער אָרט ווידער זאָגט זי: ווי שווער / איז איינראָמען / אַ שמייכל / און אַ ניגון". וועט זי מיר ווידער, האָף איך, מוחל זיין אַלע מיינע רעמלעך אַרום אירע לידער על דעת עצמי. איינס זאָג איך צו — ווי שטרענג איך זאָל נישט רעמלען וועל איך די באַזונדערע רעמלעך באַזונדער נישט האַלטן, נאָר נאָענט און אין איינעם און אויף איין וואַנט.

איינס פון די שענסטע לידער אין בוך איז לויט מיין מיינונג די אָדע צו די גרויע קאָלירן.

דאָס וואָרט אָדע איז דאָ מיינס. ביי איר הייסט דאָס ליד פּשוט "גרויע קאָלירן", וועלכע זענען לויט דער דיכטערין שרעקלעך שיין נישט זייער שיין און נישט שטאַרק שיין, נאָר שרעקלעך שיין און דאָס איז מער פון זייער און שטאַרקער פון שטאַרק. "מיט גרוי, זאָגט זי, ווערט אַ יעדער קאָליר שענער, / קאָלירפולער ווערט אַ פלעק, / אין גרוי קען ווערן אַ ווייטיק קלענער / און שטילער די שרעק. כ'האָב זיך, דאַכט זיך, נישט טועה געווען, ווען כ'האָב שוין ביים אָנהייב גערעדט וועגן רייפקייט: "אין לידער, זאָגט די דיכטערין, בלעטערן מיר צייטן".

ווי קורץ אירע לידער זאָלן נישט זיין, צו מאָל געציילטע שורות, זענען זיי אין זייער פאַרנעם, קאָן מען אָן אַ גוזמא זאָגן, קאָסמישע — "אויך אין משפּחות לעבן שטערן / מיט אייניקלעך אַ סך / און האַלטן זיך אין מערן, מערן / ביז ענג זיי ווערט די נאַכט". צי איז רבקה באַסמאַן אַ מאָדערנע דיכטערין צי אַן אַלטמאָדישע, ווי ס'איז היינט די מאָדע צו פרעגן. איך וויל דאָ פאַרלויפן דעם וועג די פרעגערס מיט אַן ענטפער, וואָס איך געפין אים טאַקע ווידער אין אירס אַ ליד: "מע דאַרף אַ מאָל באַנייען אַלטע וועגן / און אָפּטרייסלען די גרויקייטן פון האָר / מע מעג אַ מאָל ביי קיינעם גאָרניט פרעגן / און אָנקלאַפּן אין טיר פון פאַראַיאָר".

פוסטע ווייגלעזער, זאָגט זי, / "ניכטערן זיך אויס פון זכרונות". וועלן מיר זיי אָנפילן די גלעזער מיט דער דיכטונג פון רבקה באַסמאַן און זיך לאָזן פאַרשיכורן מיט אַ גוטער שיכרות.

וועגן יאַנקל יאַקיר צו זיין דריטן יאָרצייט

דעם 25סטן יאַנואַר מערקן מיר אָפּ דעם דריטן יאָרצייט נאָכן יידישן שרייבער יאַנקל יאַקיר ז"ל, וואָס איז אין עלטער פון קוים 71 יאָר געשטאָרבן אין נתניה אויפן אַכטן יאָר פון זיין עליה נאָך אַ כמעט צוויי-יאָריקער קראַנקהייט. פאַר די זעקס יאָר שעפערישער טעטיקייט אין ישראל האָט יאַקיר געהאַט די מעגלעכקייט מערער אויפצוטאָן ווי פאַר די עטלעכע און דרייסיק יאָר פון פיין און פאַרפאַלגונגען בתוכם יאָרן פון תפיסה אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָ אין ישראל, אַז ס'איז געקומען זיין צייט צו לעבן און שאַפן האָבן זיך, ליידער, געענדיקט די יאָרן. ביי דער געלעגנהייט וויל איך פרווון אָנצייכענען אַ פאָר שטריכן צו זיין ליטעראַרישן פאָרטרעט:

נאָך אפרים אויערבאַכס "קאָלץ" מיטן "טאַרנאָץ", נאָך זעליג באַרדיטשעווערס "ברינדזע" מיט דער "מינדזע", נאָך די גרויסע פונעם באַסאַראַבער יידישן אָלימפּ — ליפקאָן ווי די שטיינבאַרגס (יהודה און אליעזר), יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן, אליעזר גרינבערג און אַנדערע. נאָכן טעלענעשטער משה פינטשעווסקי און קאָפּרעשטער הערץ ריווקין, נאָך די בריטשאַנער יאָסל לערנער און יוסף טראַכטענבערג נאָכן בעלצער הערש-לייב קאָזשבער און ראַטשקעווער יחיאל שרייבמאַן און פיל אַנדערע, וועלכע האָבן ווער מער און ווער ווייניקער געשטעלט דעם טראָפּ אויף זייער באַסאַראַבישקייט, אויף באַסאַראַבער שטייגער, באַסאַראַבער יידיש און אפילו באַסאַראַבער אויסשפּראַך מיט די קמצ'ן. נאָך אַלע די איז

נאָך אַלץ געבליבן פֿאַרן פּערליצער יאַנקל יאַקיר אַ געגנוג גרויס שטיק פֿעלד פֿאַר שרייבערי־שער טעטיקייט, אַ קרקע בתולה, וואָס מע דאַרף ערשט אויפֿאַקערן, באַזונדערס אויפֿן געביט פֿון אויבן דערמאָנטן באַסאַראַבער יידיש. די צייט האָט זיך דערוויַיל געטאָן אירס — צעשטערט חלומות פֿון רעוואָלוציאָנערן, צעשטערט דעם באַסאַראַבער יידישן יישוב באַגלייך מיט אַנדערע יידישע יישובים אין אייראָפּע צעשטערט דעם באַסאַראַבער יידישן שבט, ווי מע איז זיך גוהג אָנצורופֿן די באַסאַראַבער יידן. די צייט, זאָג איך האָט זיך געטאָן אירס און יאַנקל יאַקיר זיינס — נישט אויפֿגעהערט צו אַקערן און יאַקערן און דער גאָט, וואָס שפּייזט דעם לייב אין וואַלד און אַ ווערעמל אונטער אַ שטיין, האָט אויך יאַקירן צוגעשיקט זיין שפּייז און נישט נאָר אין היימישן קעשענעוו, נאָר אויך אין ווייטן אוזבעקיסטאַן און, אויב איר ווילט, איז נאָך ווייטער, אין עק וועלט, אין ליטוויש־יידישן דרום־אַפֿריקע האָט ער אויך געפֿונען „אַ באַסאַראַבער אויף אַ רפֿואה" און אַרויסגעשלעפּט פֿון זיין האָלדז עטלעכע באַסאַראַבער פּערל.

טשעקאָווע, אַז אַנגעהויבן האָט יאַנקל יאַקיר ווי אַ קריטיקער אָבער דאָס מענה־לשון פֿון באַסאַראַבער יידישן טיפּאַזש האָט אים ביסלעכווייז אַריבערגעשלעפּט צו דער שטייגערי־שער דערציילונג און אַזוי אַרום זיך אַליין איבערגעגעבן דעם חסד פֿון קריטיקער, וועלכע האָבן אים נישט שטענדיק געצערטלט און געהאַט טענות הלמאי ער צאַצקעט זיך אַזוי שטאַרק מיט לאָקאַליזמען און אידיאָמען אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע קאָמפּאָנענטן פֿון אַ קינסטלעריש ווערק.

פֿאַראַן אַגראַר־לענדער, וועלכע קולטיווירן אַן איינזייטיקע לאַנדווירטשאַפֿט ווי, למשל, קובאַ — אויסשליסלעך צוקער־ראָר, בראַזיל — קאַפֿע און קוקורוזע, די מיטלאַזיאַטישע סאָוועטישע רעפּובליקן בראָש מיט אוזבעקיסטאַן — בלויז בוימוואָל און אַזוי ווייטער. אַזוי אויך יאַקיר אין זיין ליטעראַרישער ווירטשאַפֿט האָט קולטיווירט דאָס ספּעציפֿיש־באַסאַראַ־בישע יידיש און אויף דעם געביט האָט ער בפֿירוש גרויסע פֿאַרדינסטן.

פֿאַר די עטלעכע און דרייסיק יאָר סאָוועטישער בירגערשאַפֿט האָט ער ווי די מערהייט באַסאַראַבער יידישע שרייבערס צו קיין ביכל אַרויסגעבן נישט זוכה געווען. דאָ ערשט האָט ער אָנגעהויבן זאַמלען, קלייבן און אָפּקלייבן זיין האָב און גוטס. אַרויסגעבנדיק זיין בוך „אַ שליטן מיט יישובניקעס", איז ער קראַנק געוואָרן. זיין צווייט ביכל „געשיכטעס און פֿאַרטרעטן" האָט שוין אַרויסגעגעבן זיין אַלמנה מאַניע יאַקיר.

יחזקאל קאָרנהענדלער — צום דערשיינען
פֿון זיין ביכל דערציילונגען „דריי איבערלעבונגען"

יחזקאל קאָרנהענדלער איז שוין זינט יאָרצענדליקער אַ באַקאַנטע פֿיגור אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. אַ שרייבער, אַ פֿאָרשער, אַ געזעל־שאַפֿטלעכער טוער און אַ קענער פֿון פּאַריז, אַ פּאַריזאָלאָג, אויב מע קען זיך אַזוי אויסדריקן, איינער אין דער וועלט. מיט קאַרגע 50 יאָר צוריק נאָך, אין יאָר 1936, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן אַלט פּאַריז און אין 1948 אַ פֿאַרגעסערטע אויסגאַבע פֿון זעלבן בוך.

נאָך פריער פון 1936. אין יאָר 1934 האָט ער אָפּגעדרוקט אַ בוך "נאַפּאָלעאָנס בריוו צו מאַריע לויזע" אין 1958 אַ בוך וועגן דער גרויסער פראַנצייזישער בינע־קינסטלערין ראַשעל — איר קונסט, איר לעבן, איר יידישקייט. אין 1965 אַ בוך "פּאַריזער היסטאָרישע קוריאָזן". אין יאָר 1970 — "יידן אין פּאַריז" ערשטער בוך און דאָ נישט לאַנג, פּאַראַיאָרן — "יידן אין פּאַריז", צווייט בוך.

סוף 1974 גייט אַרויס זיין ביכל דערציילונגען "פון דער און יענער וועלט" און איך דערמאָן זיך מיט וואָס פאַר אַ געשפּאַנטקייט איך האָב דאָס ביכל געלייענט. דריי פאַנטאַס־טישע דערציילונגען פון דער און פון יענער וועלט, וואָס אַלע זיבן הימלען וועלן נישט קלעקן פאַר די בילדער וואָס ער צעוויקלט דאָרט מיט אַ שוווּנג און מיט אַ שנעלקייט, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. איך זאָג דריי, ווייל די פערטע און לעצטע דערציילונג אין ביכל איז ווי אַ צוגעשטעלטע צו די ערשטע דריי, ווי איך רוף זיי אָן, פאַנטאַסטישע דערציילונגען. די דערציילונג הייסט לייב. וועגן אונדזער ליבן און טייערן לייב ראַכמאַן ז"ל.

וועגן לייב ראַכמאַן דעם שרייבער און לייב ראַכמאַן דעם זעלטענעם מענטש האָט מען שוין נישט ווייניק געשריבן. אָבער לייב ראַכמאַן ווי אַ העלד פון אַ גרעסערער דערציילונג האָט פּרעכטיק באַוויזן אַרויסצוברענגען יחזקאל קאָרנהענדלער.

ווען איך לייען אַצינד קאָרנהענדלערס אַקערשט דערשינענע ביכל "דריי איבערלעבונגען" די ערשטע איבערלעבונג — אַ קניפּ אין בעקל פון נחום סאָקאָלאָוו, וואָס ער, קאָרנהענדלער, האָט באַקומען, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל פון אַ יאָר 12—13. די צווייטע און דריטע איבערלעבונגען פון די מלחמה־יאָרן אין פראַנקרייך, ווען איך לייען אַצינד זאָג איך אָט די דריי איבערלעבונגען נעם איך אַרויס דאָס פריערדיקע ביכעלע און לייען נאָך אַ מאָל איבער ווי אַ פערטע איבערלעבונג קאָרנהענדלערס דערציילונג לייב.

זיין חוש פאַר אַלץ, וואָס איז טשיקאַווע און זיין נייגונג צו פאַרשאַפן גייסטיקן פאַרגעניגן זיינע לייענער, וואָס ער סערווירט מיט פּאַריזער עלעגאַנץ, גיבן אים די מעגלעכקייט, אַז צו וואָס ער זאָל זיך נישט צורירן — היסטאָרישע קוריאָזן, פאַנטאַסטישע מעשות אָדער רעאַלע איבערלעבונגען, אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון זיינע הענט איז געראָטן און באַטעמט.

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר באַגריסן דעם פּאַריזער יידישן שרייבער יחזקאל קאָרנהענדלער צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ דריי יאָר און אַז צו זיין ניינציקסטן געבוירנטאָג זאָלן מיר אים ווידער באַגריסן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון עטלעכע יאָר. אבי געזונט.

מאיר זימל טקאַטש (ניו-יאָרק)

צוויי לידער

שוואַרצער שטעקן מיינער

שוואַרצער שטעקן מייַנער, אָפּגעקראָכענער,
מיט די ברוינע פֿלעקן פֿונעם רויען האָלץ!
ווען מייַנע פֿיס וואַקלען זיך, ווי אונטערגעבראָכענע,
האַלטסטו מיך אונטער, אַליין ניט געבויגן, שטאָלץ.
דערפֿאַר וועל איך דיך מיטנעמען אין קבר,
ווי דו וואַלסט געווען אַן אייגענער אבר,
און דאָרטן מיט דיר בייַ מייַן זייַט
וועל איך ווערן מיט דער צייַט
אַ סקעלעט מיט נאָך אַ ביין אַ פֿאַרדאַרטן.
און מיטן געדולד אייַנגעשפּאַרטן —
דו — פֿון טרוקענעם פֿאַרשטייַפֿטן דעמב,
איך —ביין צו ביין צונויפֿגעקרעמפּט
ניט צו פֿונאַנדערפֿאַלן —
וועלן מירביידע אויף תחית-המתים וואַרטן.
ווען פֿון אַלע טויט-קאַשמאַרן דער פּותר,
דער טאָג פֿון תישבי דער גרויסער
וועט אויפֿגיין אויף אייביק צו שטראַלן,
וועט אָנוואַקסן אויף מיר פֿלייש מיט אָדערן
און מיט אַ נייַער הויט זיך פֿאַרציען
און דו וועסט יושר פֿאַר זיך פֿאַרשפּאָרן פֿאָדערן —
ווי אהרנס שטעקן וועסטו בליען.

צוויי מינים פּאָעטן

וואָס פּאָעזיע איז, בלייַבט אַ סוד.
איז איינער אַ פּאָעט פֿון גאָטס גענאָד
און אַ צווייטער איז באַגאַבט פֿון שטן,

אין זײַן האַר געראָטן.
טרעפֿט (ניט איין מאָל),
אַז ס׳איז מצליח דער ליבלינג פֿון סמאל.
פֿרעגט זיך טאַקע:
ווי זאָל ניט אַרן
דעם שטילן זינגער (לויט גאָטס קול
פֿון דממה-דקה)
דעם קעגנערס טײַוולשער דערפֿאָלג —
מיט שוואַרצער שמד-קונסט אויסצונאַרן
די נשמה בײַם פֿאָלק.



מאיר חרץ — 70 יאָר

אומגלייבלעך און דאָך! ווייסן מיר דאָך אַז אַט דער דיכטער איז ביז איבערן קאָפּ פאַרטאָן אין זײַנע סײַ ערנסטע און סײַ שפּילעוודיקע לידער־ווערק און אַל דאָס איבעריקע איז בײַ אים ווידער שפּיל, אמת אַ שפּיל מיט קינדערשן האַזאַרד און קונדייסישער חכמה. פאַר דעם צענדליק יאָרן זינט מאיר חרץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון "פרעמדן גן עדן" און גלײַך זיך פאַרהיימישט אין ארץ־ישראל, זינט ירושלימער גאַסן און געסלעך האָבן זיך צוגעוווינט צו זײַנע אַ מאָל שווערע און אַ מאָל — האַפּערדיקע באַסאַראַבער טריט, איז ער אין שטענדיקער פאַרנומעניש — דאָ אַרויסגעבן נאָך אַ לידער־באַנד, ווײַל דאָס האַרץ קען חלילה צעריסן ווערן פון געזאַנג און די שופלאַדן זענען נאָך אַלץ איבערפולט, קיין עין־הרע, מיט דיכטערי־שער שפע... און דאָ — צוגרייטן צום דרוק אַ נײַעם נומער "ירושלימער אַלמאַנאַך" מיט וועלכן ער איז זיך מטפל אין די אייבער־שעהען און אין אַזאַ פאַרנומעניש איז ניט קיין וווּנדער, אַז אַליין אונדזער בעל יובל זאָל זיך פאַרגעסן, אַז יאָ, אַט איז ער געוואָרן פלוצים אַ זיבעציקער. שאַדט ניט אַ ביסל איבערכאַפּן דעם אָטעם און דערמאָנען דעם נײַ־געבוירענעם די דאַטע סעפּטעמבער 1912 און אויך דאָס דורך אים באַרימט געוואָרענע שטעטעלע מאַרקולעשט. פינף וואָגיקע לידער־ביכער פון מאיר חרץ זענען ביז איצט דערשינען אין ישראל: "אין פרעמדן גן עדן", "הימל און ערד", "לידער צו אייגענע", "שטערן אויפן הימל", "דאָס פינפטע ראָד" און דער זעקסטער בוך — "גרינער ווינטער" און די פּאָעמע "מאַרקולעשט" איז אין דרוק... ס'רעדט זיך אָבער אַזוי פינף ביכער, — פון יעדן באַנד וואָלטן געקענט אַרויסקומען ווייניקסטנס גאַנץ לײַטישע צוויי ביכער, ווײַל די לידער שטראָמען בײַ אים אין אַ בוך געדיכט טאַקע גאָר ווי די פיש אין וואַסער בעתן "נערעסט" ד.ה. ווען ס'קומט די צײַט פון זייער סודותדיקן "דאַרשטיקן דראַנג — אַהין פאַרויס און שוואַליאַם צו דער פײַנפולער פרייד פון אָפּלייגן די רויגן...

סאַלידע אָפּהאַנדלונגען און רעצענזיעס וועגן די שאַפונגען פון חרץ זענען שוין געווען און ס'וועלן נאָך געוויס זײַן. מיר וועלן זיך אָבער באַנוגענען הײַנט מיט אַ פּאָר קורצע שטריכן ווי ס'איז זיך נוהג אַליין דער בעל יובל אין זײַנע ליטעראַרישע אָפּרופן סײַ אין "אַלמאַנאַך" און סײַ אין זײַנע ראַדיאָ־רעצענזיעס.

מאיר חרץ איז אַ באַסאַראַבער, זאַפטיק און פּרוכטיק ווי די דאָרטיקע ערד און אַזאַ וועט ער שוין, מירטשעם, פאַרבלײַבן עד מאה ועשרים און ער בייטיקט זיך כלל נישט צוליב דעם, ווי די מאָדע איז, אַרויפציען אויפן לײַב פאַרשידענע עטנאָגראַפישע העמדער באַהעפטע מיט באַסאַראַבער לאָקאַליזמען.

ער איז באַזינגער און באַקלאָגער פון אויסגעהרגעטן יידישן שטעטל מיט זײַן רײַכן פולפאַרביקן טיפּאַזש, מיטן פּאַרשניטענעם באַסאַראַבער לעבנס־שטייגער אין גאַר זײַן שײַן־און־פּײַן און פילן פילט דער דיכטער אויס אָט דעם הייליקן חוב אוניווערסאַל און לחלוטין פרײַ פון פּראָווינציעלע השגות. פּראָסט איז ער, חרץ, אין זײַנע רייד, אָבער די פּראָסטקייט איז ניט גאָר פשוט — זײַנע פּאָעטישע רייד דערגייען אפשר נישט אַזוי גרינג צום ניכטערן שכל הישר, אָבער זיי ווירקן דירעקט און אומדירעקט אויף דער יידישער נשמה. זײַנע קורצע סטראָפן וואַרפן אַ ווײַטן שאָטן, און ס׳פאַדערט זיך נישט צוליב דעם מיט דער רעכטער האַנט, היינטערווײַלעכץ, דערלאַנגען צום לינקן אויער.

אַזאַ איז ער, אונדזער מאיר חרץ, דער, וואָס נאָך אין רוסלאַנד איז ער געוואָרן דער דיכטער פון נצח ישראל, דער דיכטער פון עכט־יידישן געוויסן:

ניט קיין ליגן זאָגן צוליב ברויט —
ס׳לעבן איז אַ ווידוי זאָגן ביזן טויט...

וועלן מיר ענדיקן דעם דאָזיקן קורצן אָפּרוף אויף חרץ׳ס יונג ווערן זיבעציק ניט מיט באַנאַלע באַגריסונגען און ווינטשעוואַניעס, נאָר טאַקע מיט זײַנע אייגענע ווערטער, וועלכע ער ברענגט צום שלוס פון זײַן ״דאָס פינפטע ראָד״:

אַ גוטן טאָג דיר, יידיש, / אַ גוטע נאַכט דיר, שפּראַך, /
אַ גוטן שבת, קידוש, / אַ גוטן יום טוב, פּראַכט. /
אַ גוטן תמיד, ברידער, / און זײַט געזונט מיר פרײַנד, /
און זײַט געזעגנט לידער, / געשריבענע ביז הײַנט. /

איבערפּראַזירנדיק דעם שיינעם זאָג, וועגדן מיר זיך צום דיכטערס שוין פאַר־עפנטלעכטע שאַפונגען ניט מיט קיין ״גוטער נאַכט״ און אוודאי ניט מיט קיין ״גוטן תמיד״, נאָר מיט ״אַ גוטן יום טוב, לידער, געשריבענע ביז הײַנט!״ און ס׳ווילט זיך פון טיפן האַרצן באַדאַנקען פאַר יענע לידער, מיט וועלכע מיר האָבן זיך נאָך אפילו נישט באַוויזן רעכט אָנצוזעטיקן... נאָר גיי זוך אים, חרצן, אַז ער אײַלט אַזוי לײַדנשאַפטלעך צום מאָרגנדיקן ליד... איז מילא, וועלן מיר שוין דאָס טאָן, באַגריסנדיק אים מיט אַ נײַ לידערבוך וואָס דערשײַנט אין גיכן.

י. ק.

מאיר חרץ

דער זקן משה

דער זקן משה שטייט אויף פֿון געלעגער,
ווו ער איז אַ וואַכער געלעגן,
דער זקן משה, דער אייביקער פֿרעגער
איז מיד שוין געוואָרן פֿון פֿרעגן.

און איצט וואָס טוט מען ? פֿרעגט ער ווידער
און מישט די בלעטלעך מיט ציטער,
די כתבים זײַנע. פֿאַראַן אויך לידער,
ער לייענט, אַנטציקט זיך און שמייכלט ביטער.

און אָט איז די ערשטע שורה פּראָזע,
אַ דין פֿאַראַקערטע מעזשע,
אַ מעשה — אַ דאָרף שלאָגט זיך מיט קאָסעס —
ווערמעזשע צי מעדוועזשע ?

אַ שלאַכט פֿאַרן איינציקן וואָרט — דער נאָמען
פֿון דאָרף מיט אַנאַלפֿאַבעטן
און איבער דער שלאַכט דער גײַסט פֿון המן,
וואָס קוקט מיט פּאָגראָם צום שטעטל.

"די ווינער קאַרעטע" ליגט צעבראָכן.
— געדענקסטו ווי שטאָלץ זי איז אָנגעפֿאָרן ?
ווער וווינט אַצינד אינעם הויז פֿונעם שכן
און וואָס איז פֿון מלמדס שטוב געוואָרן ?

אין שטוב, אין גאַס און אויף די וועגן,
ער הערט נישט אויף זײַנע פֿראַגעס צו וועבן,
ער וועט נאָך לאַנג נישט אויפֿהערן פֿרעגן
און אַלע ענטפֿערס איבערלעבן.

ביז וואַן סע וועט בלײַבן אַן איינציקע פֿראַגע
אַ נישט פֿאַרענטפֿערטע פֿון קיינעם,
וואָס ער האָט געבראַכט פֿון סאָוועטישן לאַגער,
זי אויסגעהיט פֿון חברים און שכנים.

זי אויסגעהיט פֿון פֿרײַנד און משפחה,
פֿאַר זיך אַליין בסוד זי געהאַלטן
די שווערע פֿראַגע. דעם קאָפּ זיך געבראָכן,
וואָס ווערט אים אין שלאָפֿלאָזע נעכט צעשפּאַלטן.

— כ׳האָב אָנגעהויבן, זאָגט ער, מיט חלום
און אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן,
אים אויסצובויען און ווײַטער אים מאָלן
און זע : איך שטיי אויפֿן אָרט אויפֿן זעלבן.

און ווידער הבל, דער זאַטער רשע,
און ווידער קין, דער דאַרער מערדער,
און איך האָב געהעלדעוועט מיט לשון,
משיחן ברענגען געוואָלט מיט ווערטער.

ס׳אַ וועלט מיט זינד און מיט פֿאַלשע צדיקים,
ס׳דערגייט צו מײַן טויבן אויער אַ רוישן —
דעם רשע אין זיך, צי האָב איך דערשטיקט אים
ווי משה רבינו, דער ערשטער משה ?

אַזוי צי אַזוי . . . יתגדל ויתקדש,
אַ קדיש נאָך זיך אַליין לאָזט מיך זאָגן,
מע וועט מיך מקבר זײַן אום שבת,
מע וועט מיך אין גוישן פֿעלד באַגראָבן,
איז לאָזט מיך בײַם לעבן אַליין זיך באַקלאָגן,
אַ קדיש נאָך זיך אַליין לאָזט מיך זאָגן :
יתגדל ויתקדש — —

ירושלים, דער 29סטער נאָוועמבער, 1981

אין מיטן מאַרט

אין מיטן מאַרט בין איך אַוועק,
אין סאַמע מיטן מאַרט

און אויף די ערשטע רעטעכלעך
זיך נישט דערוואַרט.

פֿון קאַרשן איז שוין אָפּגערעדט,
פֿון אַנדער פֿרישן אויפּס,
בין מוחל-מוחל און אַוועק
פֿון פֿאַניעס פֿויסט.

דער לינקער זאַק ביי מיר איז רעכט,
איז אַן דעם לינקן זאַק.
ביים רעכטן אַרבל פֿעלן שטער,
איז פֿאַר איך אַן אַ ראַק.

אַבי וואַס גיכער שוין אַרויס
פֿון פֿאַניעס לינקע הענט,
איך לאָז דאָס מעבל אים, דאָס הויז
די בילדער אויף די ווענט.

ווי לעבעדיקע אָן אַ דאַר,
איז לאָזן טויטע אָן אַ שטיין
און ערגער איז פֿון דעם אַ סך,
נישט וויסן, ווו ס׳איז זייער געביין.

— אָ, מוטער מײַנע, וווּ׳ז דאָס אָרט,
וואָס ס׳זאָל מיר זײַן אַצינדער שווער
צו לאָזן אָן אַן אות, אַ וואָרט
און אָן אַ טרער.

— ס׳איז אומעטום, מײַן קינד, דאָס אָרט
און אומעטום די ערד,
וואָס שווער איז מיט צי אָן אַ וואָרט
צו לאָזן אָן אַ טרער.

— פֿאַרלאָז, אַנטלויף! נישט קוק זיך אום,
דײַן טרער קאָן ווערן אַ שטיק זאַלץ
און סדום קאָן ווערן דער אַרום,
אַ תליה-שטריק אַרום דײַן האַלדז.
פֿאַרלאָז, אַנטלויף!
אין מיטן מאַרט בין איך אַוועק.

ירושלים, 9טער דעצעמבער, 1981

לייוויק פילט נישט

לייוויק פֿילט נישט, אַז איך לייען איצט זײַנע לידער,
לייוויק איז געשטאָרבן און אַן אים איצט לייען איך זיי.
וויפֿל זענען מיר געוועזן? דרײַצן גוטע-ברידער,
זענען מיר געבליבן זיבן, זעקס און איצטער צוויי.

איינער איך, פֿאַרשטייט זיך, און דער צווייטער —
וואָס איז מיר דער חילוק, ווער דער צווייטער איז —
דאָ איז עס דאָס לאַנד פֿון פֿאָטער יעקבֿס לייטער,
נישט ניו-יאָרק און אַוודאי נישט פּאַריז.

און ווער וואַגט עס הײַנט נאָך וואַרשע צו דערמאָנען
אַן אַן איכה-ניגון נאָך איר קינד און קייט
און ווער וואַגט עס ווילנע אָנרופֿן בײַם נאָמען
אַן אַ קדיש זאָגן נאָך איר יידישקייט.

בײַ דעם ברעג פֿון ירדן זינגט מען אויס דעם טרויער
פֿון די הונדערט בבלס אויף דער גאָרער וועלט,
ביז סע עפֿנט זיך פֿון זיך אַליין אַ טויער
און די לייטער יעקבֿס שטייט אַוועקגעשטעלט.

יעקבֿס לייטער ביז צום הימל הויכן,
דאַרף מען דאָך קיין בבל-טורעם נישט,
סײַ ווי איז דער טורעם שוין פֿון לאַנג אַ שוכן
עפּר און די לייטער שטייט זיך יונג און פֿריש.

און אויף אָט דער לייטער, אויף די לייטער-טרעפּלעך
שטײַגן די מלאכים, שטײַגן אויף און אָפּ
און זיי פֿינטלען פֿײַער מיט די אויגן-לעפּלעך
און דאָס פֿײַער לאָזן זיי אויף דער ערד אַראָפּ.

און בײַ אָט דעם פֿײַער לייען איך לייוויקס לידער,
און בײַ אָט דעם פֿײַער זע איך ווי דער שניי
פֿון די ווײַטע--ווײַטע וועגן די סיבירער
ווערט צעגאַנגען אין די לידער, נו איז לייען איך זיי.

ירושלים, 4טער אָקטאָבער, 1981

א. שעדלעצקי

"ווייסע טורמע" — איבערלעבונגען פון אַן אסיר ציון

(וועגן בוך "הכלא הלבן" פון ישראל מינץ, אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג פון משרד הביטחון)

אין דער ווידמונג צום דאָזיקן בוך זאָגט דער מחבר:

"לאַנגע יאָרן האָב איך זיך געוואַלגערט אין טורמעס און אין פאַרמאַכטע לאַגערן אויף פאַרשיקונג אין ראַטנפאַרבאַנד. אָן ספק האָב איך באַוויזן גובר־זיין אַלע יסורים, צרות און פּיין וואָס האָבן מיך געטראָפן — בלויז אַ דאַנק מיין שטרעבונג און אַנטשלאָסנקייט באַשלוס זיך צוריקצוקערן צו מיין היימלאַנד און לעבן אין מדינת ישראל. די גאַנצע צייט פון אַרעסט, ווען פאַר מיין בליק האָבן זיך געשפּרייט מעכטיקע שניי־שטחים, האָב איך אין מיין דמיון געזען די פּייזאַזשן פון ירושלים און גליל, דעם כנרת און דעם חרמון, דעם עמק, חיפה און דעם באַרג תבור"...

די בילדער פון ארץ־ישראל ביים מחבר ישראל מינץ זענען נישט געווען בלויז אַ חלום פון אַ טרוימער, נאָר אויך אַ קאָנקרעטע לעבעדיקע וואָר, וואָס ער האָט שוין געקענט פון פריער. דאָס איז מסתמא געווען אַ פּיל גרעסערער ווייטיק ווי ביי יענע אסירי ציון, וואָס האָבן וועגן ארץ־ישראל געקענט בלויז חלומען ווי וועגן אַן אַבסטראַקט, אומבאַקאַנט לאַנד. דער מחבר איז נעמלעך געווען אַ חבר אין גדוד עבודה אין די צוואַנציקער יאָרן. אין לאַנד אַריין איז ער געקומען מיטן חלוצישן שטראָם פון רוסלאַנד, אָבער ווי נישט ווייניק אַנדערע איז ער צוריקגעפאָרן, דורך פאַריז קיין רוסלאַנד, און פון דאָרט געשטאַנען אין אַ נאָענטן בריוו־אויסטויש מיט זיין פרוי וואָס איז געבליבן אין לאַנד מיט זייער צוויי־יעריק מיידעלע. דאָס אַליין איז שוין געגנוג געווען אים איינזעצן און פאַרשיקן, חוץ זיין ליבשאַפט און קענטעניש פון העברעיש וואָס איז אויך דעמאָלט געווען אַ גרויסער חטא לא יכופר ביים אכזריותדיקן רעזשים.

ישראל מינץ איז פון פאַך אַ בוי־אינזשיניער און ווי אַזאַ איז ער געווען באַשעפטיקט ביים בויען די מאָסקווער אונטערערדישע באַן. אַ פּאָר טעג פאַר זיין אַרעסט שמועסט ער נאָך פריינטלעך מיט קאַגאַנאָוויטשן, וואָס האָט געהאַט די קאָנטראָל איבערן דאָזיקן פּרעס־טיזשפולן בוי־ווערק. באַלד דערנאָך באַקומט ער אויך אַ צוויי־חדשימדיקע פּרעמיע פאַר דורכפירן אַן אַרבעט וואָס האָט געבראַכט צו קענטיקער איינשפּאָרונג אין די אויסגאַבן. אַ צופרידענער לאָזט ער זיך אַ היים מיט אַ פּלעשל וויין אין האַנט אין זיין איינזאַמער דירה צו פייערן מיט זיך דאָס געשעעניש, אָבער אָט קלאַפּט מען אים אין טיר, און עס קומען די מלאכי חבלה אים אַרעסטירן... דאָס איז געווען אין אַ שפּעטער שעה פון אַ פינצטערער, רעגנדיקער נאַכט פון סוף סעפּטעמבער פון יאָר 1937.

די ערשטע סטאַציע פון שווער־געפּרוּווטן אסיר ציון איז די טורמע בוטירקי אין מאָסקווע, וואָס איז נאָך געבויט געוואָרן דורך קאַטערינאַ די גרויסע. אַזוי הייבט זיך אָן אַ לאַנגע פּרשה פון דערנידערונגען און ליידן, אַ טאָג־טעגלעכער קאַמף פאַרן נאַקעטן לעבן, פאַר די לעצטע כוחות צוליב אויפהיטן דעם צלם פון מענטש, אַ יסורים־וועג וואָס ציט זיך לענגאויס אַ תקופה וואָס האָט געדויערט קרוב 25 יאָר טורמע און פאַרשיקונג, ביז ער איז ערשט אין יאָר 1963 באַפרייט געוואָרן פון דאָזיקן גיהנום, באַקומען רעהאַביליטאַציע און לסוף דער־שלאָגן זיך צום לאַנד פון זיינע בענקעניש און האָפענונגען. דאָס איז געווען אַ תקופה פון 25 יאָר ליידן און פּיין, וואָס האָבן אָבער דעם ייד נישט געבראָכן. לויט די שילדערונגען זעט מען בפירוש אַז אַלע שווערע איבערלעבענישן האָבן ווייניק השפּעה געהאַט אויף זיין כאַראַקטער און איבערצייגונגען, בעת ער האָט קיין מינוט נישט פאַרלוירן די האָפענונג צוריקצוקומען אין זיין לאַנד און צו זיין פרוי און טאָכטער — אויפהיטנדיק אויף אַ וואונדערלעכן אופן זיין יידיש־קענטעניש און באַזונדערס זיין העברעיש לשון אין וועלכן דאָס בוך איז אָריגינעל געשריבן.

בוטירקי איז בלויז די התחלה אינעם גיהנום פון דאָזיקן אסיר־ציון, וואָס ווערט אָפיציעל באַשולדיקט דורך די מאָסקווער שופטים אין אַ שווערן ביז גאָר חטא — "אין ציוניזם, שפּיאָנאַזש און קאָנטער־רעוואָלוציע". אויספאָרשונג, פאַרשיקונג, עטאַפּ — דאָס זענען אויך נעמען פון די קאַפּיטלען אין דער מגילה פון ליידן. אמת — די מדורי גיהנום זענען שוין היינט נישט פאַר אונדז קיין נייקייט — מיר האָבן שוין וועגן דעם געלייענט אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם, אין נישט ווייניק זכרונות־ביכער און אויך אין דער בעלעטעריסטיק. אינעם בוך פון מינץ איז אָבער פאַראַן דער יידישער ניצוץ. אויף די אַלע קאַפּיטלען ליגט אַ יחידישער חותם פון דער פּערזענלעכקייט פונעם מחבר. מינץ האָט אויך אַ גוט אָבסערוואַציע־אויג און אַ וואַרעם האַרץ, אַ וואַרעם יידיש האַרץ. אומעטום און ביי יעדן מצב איז קענטיק זיין "את אחי אנוכי מבקש" — דאָס זוכן, און אויך געפונען, דעם יידישן אח לצרה. ער באַווירקט אויך דעם לייענער צו ווערן אַ שותף צו די זוכענישן און מיר נעמען זיך ממש איבער מיט זייער גורל און פאַרפאַלנקייט. מיר באַקענען זיך דאָ נישט בלויז מיט די ליידן פונעם מחבר נאָר אויך מיטן גורל פון נאָך יידן און באַזונדערס מיטן גורל פון אומבאַקאַנטן יאַנקעלע, וועלכער בעט זיך ביי די אויפזעער וואָס גיבן אים אָן אַרבעט איבער זיינע פיזישע כוחות: "אויב איר וועט נישט געבן מיר עפּעס אַנדערש, וועל איך שטאַרבן", און ער שטאַרבט טאַקע, יאַנקעלע, אַ מענטש מיט אַ רייכער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגנהייט, אַ מאַן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער — "מיין ברודער, אַ זון פון מיין פאָלק, מיין בלוט און מיין פלייש", ווי מינץ שרייבט וועגן אים, צוגעבנדיק אַז "אין מיינע אויערן קלינגען נאָך די ווערטער פון "יתגדל ויתקדש שמי רבא" אין מויל פונעם אַלטן באַפּטיסט ביי זיין קבר".

אָט די באַגעגעניש איז בלויז איינע פון אַ סך ענלעכע אויפן וועג מיטן עטאַפּ קיין וואָרקוטאַ און אין וואָרקוטאַ גופא, אין די שניי־סטעפּעס פון דער סיבירער טונדראַ, וווּהין מינץ דערגייט אין זיין לאַנגן יסורים־וועג. אַזאַ באַגעגעניש האָט דער מחבר אויך מיט שלמה דיקמאַן, דעם גאונישן איבערזעצער פון קלאַסישע שאַפונגען פון אַלט־גריכיש און לאַטיין אויף העברעיש. נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט דער ייִנגער דיקמאַן געזוכט אַנטרינונג פאַר די דייטשן פון וואַרשעווער געטאָ און איז אַריינגעפאַלן אינעם סטאַלינישן גיהנום.

צווישן דעם מחבר מיט דיקמאַנען אַנטוויקלט זיך אַ פריינטשאַפט און קעגנזייטיקע הילף אויפן הינטערגרונט פון זייער געמיינזאַמער ליבשאַפט צו דער העברעישער שפּראַך. קען אפילו זיין, אַז אַט די באַגעגעניש דיקמאַנס מיטן רוסישן אינזשיניער וואָס האָט זיך גוט אויסגעטויגט אויך אין די באַדינגונגען אין וואָרקוטאַ (אַז דעם איז דאָס איבערלעבן בכלל אַן שאַנסן...), האָט נישט וויניק געהאָלפן דיקמאַנען איבערקומען די שווערע צייט און נאָך צו באַווייזן עולה־זיין קיין ישראל, דאָ לעבן נאָך עטלעכע יאָר און פאַרענדיקן עטלעכע פון זיינע קלאַסישע איבערזעצונגען — לעבן כאָטש אַזוי וויניק, וויטיקלעך וויניק יאָרן...

מיר לייענען דאָס בוך און סאָלידאַריזירן זיך מיט די ווערטער פונעם מחבר אין דער ווידמונג לזכרון "די אסירי ציון וואָס האָבן געשמאַכט אין דער טורמע און אין די סיביר'ער סטעפּעס פונעם גולאַג — מענטשן, וועמענס קברים זענען נישט באַקאַנט. אויך זיי, ווי איך, האָבן געשטרעבט צו ציון און אַ סך פון זיי האָבן זיכער אויסגעהויכט זייערע נשמות מיטן נאָמען ישראל אויף זייערע ליפּן".

אַזוי זאָגט דער מחבר און נאָכן איבערלייענען דאָס בוך האָבן מיר דאָס געפיל און אויך מיר וועלן יענע אַנאָנימע און אומבאַקאַנטע אסירי־ציון אויף אייביק געדענקען און נישט פאַרגעסן...

געשטאָרבן אַ זון פונעם שרייבער שמואל איזבאַן

אין עלטער פון 50 יאָר איז נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקהייט געשטאָרבן אין ניו־יאָרק יוסף מרדכי איזבאַן, דער בכור פונעם באַקאַנטן יידישן ראָמאַניסט־נאָוועליסט שמואל איזבאַן.

דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַן אָפּיציר פון די אַמעריקאַנישע לופט־כוחות. פאַר זיין העלדישקייט אין שלאַכטן קעגן דער רויטער פאַרכאַפּערישער קאַרעאַ באַקומען אַ סך אויסצייכענונגען. דער פאַרשטאָרבענער האָט פאַריתתומט אַ פרוי און צוויי קינדער.

אונדזער פריינד און מיטאַרבעטער שמואל איזבאַן און זיין פרוי שרה שיקן מיר איבער אונדזערע טיפסטע מיטגעפילן אין זייער גרויסן־גרויסן צער.

"ירושלימער אַלמאַנאַך"

יוסף אַקרוטני

אַ פֿאַרוואָרלאָזט פֿעלד

(אַ בלעטל פֿון טאָגבוך)

א

עס דאַרף קענטיק צוגעשריבן ווערן צו אונדזער מערכה וואָס אָפּט קומט אויס אַ קרעכץ צו טאָן באשר אויף דעם אָדער יענעם אָפּשניט האָט דאָס מזל יידן נישט צוגעדינט. אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער האָבן מיר זיך (קיין בייז אויג נישט!) שיין אַרויפגעאַרבעט, נישט נאָר אינדיווידועל, פּריוואַט; אויך וואָס שייך געזעלשאַפטלעכן יידישן אַנזען כלפּי חוץ האָבן מיר אַ סך דערגרייכט. אַט האָט אַ קליינער יישוב אויפגעבויט אַ פּראַכטיקע קהילה־געביידע מיט אַ זאַל פֿאַר יידישע שמחות וואָס משפּחות אָדער חברות דאַרפֿן פּראַווען. אַנדערע יישובים האָבן אויך גוט־איינגעאָרדנטע, אַפילו לוקסוריעזע ספּאָרט־פּלעצער, אַרגענטינע, למשל, האָט אין דער יידישער וועלט געקראָגן אַ שם מיט אירע יידישע שול־פּאַלאַצן, מיט מוסטערהאַפֿטיקע זומער־קאָלאָניעס פֿאַרן אונטערוואַקסנדיקן יונגוואַרג. נאָך מער, אַרגענטינע וויל גאַר ווייט גיין מיט אירע סאָציאַלע אַספּיראַציעס. ס'איז דאָ — זאָגן אַנדערע — מיט וואָס מקנא צו זיין די יידישע אַרגענטינע. אָבער עס איז גאָרנישט אַזוי איי־איי מיט דער זעלביקער אַרגענטינע וואָס שייך איר ליטעראַריש־קינסטלעריש ן כוח. יידן זיצן שוין אין לאַנד העכער פֿון אַ יאָרהונדערט, אָבער דער יישוב האָט זיך אַלץ נאָך נישט דערשלאָגן צו דערזען זיך אין אַן אייגענעם ליטעראַריש־קינסטלערישן שפּיגל, כאָטש איבערלעבונגען שווערע, דראַמאַטישע, ליגן אין איר יסוד פֿון סאַמע בראשית. אַ פּנים צו דער דאָזיקער מדרגה איז שווער צו דערגיין. בכלל דרינגט פֿון דעם דער ספק צי אַזעלכע אַמביציעס דרימלען נאָך ערגעץ־ווו אין איר מהות. יאָ, דאָס איז אַ שטאַרק דעליקאַטע פֿראַגע. דאָס נעמלעכע איז שייך אַלע אַנדערע יידישע יישובים פֿון לאַטיין־אַמעריקע וואָס זענען — ווי מ'ווייסט — גאָרנישט אַזוי אָרעם אין מענטשן וואָס האָבן "אַ פּען אין דער האַנט". אַ ראיה, פֿאַראַן אין די לענדער אַ צאָל צייטונגען אין יידיש־לשון, אויך זשורנאַלן און זשורנאַלעכלעך, האָבן רעדאַקטאָרן וואָס זענען עוסק, צו מאָל מיט הצלחה — אין זשורנאַליזם, אָבער דער קינסטלעריש־באַשרייבערישער אָדער אַנטפּלעקט זיך נישט ביי קיין איינעם פֿון זיי.

און וואָס נאָך ערגער: דער באַוווסטזיין אַז אַזוי איז עס און נאָר ביי דעם בלייבן מיר שוין (לפּחות אין דעם איצטיקן דור וואָס ליידט ספּעציעל אויף ליטעראַריש־קינסטלערישער עקרשאַפֿט אין יידיש־לשון) איז אַ גאָר פּיינלעך געפֿיל.

נישטאָ באַשײַמפּערלעך די כוחות, איז מען אפילו מודה אין דער שטיל, ווידער אין די ייִנגערע היימלענדער פון דער ייִדישער אימיגראַציע זענען די ייִדן נאָך אַלץ אין דער בחינה פון נאָך נישט געגוג אויסגעגרינטע. און אין פרט פון ליטעראַריש קינסטלערישער שאַפערישקייט איז דאָך אַ כּלל, מוז דער שרײַבער האָבן פאַר זיך געגוג פּערספּעקטיוו אין צײַט צו קענען פאַרדײַען אינטעלעקטועל דעם דראַס־טישן איבערבײַט פון דער אַטמאָספער און דורכגיין דעם קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון אײַנוואָרצלען זיך איבעראַנײַס. נישט מער, דאָ און דאָרט זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון, אָבער ווײַטער ווי בײַם פּרוּוו איז עס נישט געבליבן. וואָרן אויפן שטאַרק הייסן לאָזט זיך נישט אָפּבאַקן קיין שום געבעק, בפרט אַ קינסטלעריש ווערק. לפּחות אַזוי איז עס ביז איצט אין אַזעלכע ליטעראַרישע שאַפונגען וואָס האָבן זיך שוין באַוויזן אין ייִדיש. נישטאָ קיין וואָגיקע קינסטלערישע ייִדישע ווערק וואָס שפּיגלען אָפּ ייִדנס זײַן אין לאַטײַן־אַמעריקאַנישן העמיספער. סײַדן מ'זאָל וועלן אויסרעכענען אַ ריי גרעסערע פּאָזיציעס וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון טאַלאַנטירטע מחברים, צו מאָל פּאָעטישע שאַפונגען ווי יצחק בערלינערס "שטאָט פון פּאַלאַצן" (וואָס איז מער אַן אַלבום פון דיכטערישער השתפכות הנפש אין אַנבליק פון דער אויסטערלי־שער עקזאָטיק, דערזען אין מעקסיקע) אָדער די בראַזיליענער קליינע דערציי־לונגען פון נעכטיקע אימיגראַנטן וואָס זייער טראָט האָט זיך צעוואַקלט אונטערן שאַרפן ריח פון דער שפּאַגלנײַער, פרעמדער אַטמאָספערע, וועלכע לאָזט זיך נישט לײַכט פאַרדייען (ראָזע פּאַלאַטניק, הערש שוואַרץ). אויף אַזוי פיל איז אויך דער יישוב אַרגענטינע צו ביסלעך אָוואַנסירט מיט דערציילונגען פון בערל גרינבערג, פּנחס ביזבערג און ברוך בענדערסקי וואָס טראָגן לאָקאַלן קאָלאָריט. אָבער אַ כוללדיק ייִדיש בילד אין ליטעראַרישער פּאַרטיפּטקייט האָבן מיר נאָך נישט דער־גרייכט. אין דעם הויערט די פאַרשטענדלעכע פּאַרזאָרגטקייט, הלמאי ס'שטעכט אין די אויגן דער דאָזיקער בלויז. קינסטלערישע ליטעראַטור מיינט דאָך דאָס סינטעטי־זירטע דענקען און דאָס געמיט פון אַ שטאַנד אָדער אַ גאַנצן קלאַס, אויסגעדריקט אין בילד און אינטעלעקטועלער אויסגעקלאַרטקייט. יאָ, קינסטלערישע ליטעראַטור איז די גײַסטיק־אויסגעקריסטאַליזירטע פּריזמע לפי וועלכער דער "קומענדיקער היסטאָריקער" וועט קענען געבן דאָס בולטע בילד פון אונדזער זײַן אין די אַמעריקעס, צווישן וועלכע ס'איז צעזייט דער רוב מנין ובנין פון די געוועזענע, אונטערגעגאַנ־גענע אָדער אומגעבראַכטע ייִדישע צענטערס און שטעטלעך מיט זייערע עדה'ס. דאָס איז דער קאַפּיטאַלסטער אָפּשניט פון דעם שווערן וועג וואָס ייִדן איז באַשערט געוואָרן דורכצומאַכן, בפרט אין די לעצטע צוויי דורות. עס איז נישט שכיח אַז דער געשיכטע־שרײַבער זאָל קענען אויסמיידן די קינסטלערישע צי כראָניקאַלע ווערק וואָס פאַראייביקן דורות לעבן פון ייִדישן פאָלק. די אָנשיכטונגען פון צײַט און די אויסווירקונגען פון די באַטרעפנדיקע לענדער זענען דאָך די רויערד, וואָס דער היסטאָריקער מוז אויפאַקערן.

לאָמיר טאַקע נישט פאַרגעסן אַז אונדזער צײַט איז אַ קאַליידאָסקאָפּ פון פיזישן און סאָציאָגײַסטיקן געראַנגל מיט בייזע כוחות. אַ באַווײַז פאַר אונדזער הנחה האָבן

מיר צו מאָל אין דער פראָמינענטער דערשײַנונג חיים־נחמן ביאַליק. נישט מעגלעך די יידישע געשיכטע־שרײַבונג פון די לעצטע דרײַ־פיר דורות אַז דער היסטאָריקער זאָל זיך נישט מוזן פאַררופן אויף די יידן־פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט אין דרום־רוסלאַנד און נישט ציטירן די אויפטרייסלענדיקע סטראָפן פון ביאַליקס "עיר ההריגה". אין דער דאָזיקער פּאָעמע קומט צום פולסטן אויסדרוק דער געמיט־צושטאַנד פונעם פאָלק בעת די פּאָגראָמען אין קעשענעוו צי אין יאַלטאַ. פונקט אַזוי איז נישט מעגלעך אויסצומײַדן דאָס פײַנלעכע אומעט־ליד פון דעם רוסיש־יידישן פּאָעט שמעון־שמואל פרוג, אויב דער היסטאָריקער פון דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם י"ה וויל געבן אַ ראַיעלע שילדערונג פון די רוסישע רעאַקציאָנערע כוחות כלפּי די יידן אין תחום־המושב. אויך דעם "אָפּגאַנג" צווישן יידן נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (1905) איז נישט מעגלעך זיך פירצושטעלן אָן דעם טיף־פּסיכאָלאָגישן געמעל וואָס עס האָט געגעבן דוד בערגעל־סאָן. מער־וויניק אַ פאַרגאַנצט בילד פון דער גענוג טרויעריקער יידישער אימי־גראַציע אין צפון־אַמעריקע גיבן אונדז אין זייערע ווערק פון דער "נײַער וועלט" יוסף אָפּאַטאָשו, למד שאַפּיראָ, אײַזיק ראַבאָי, ברוך גלאַזמאַן, ש. מילער, דוד איגנאַטאָוו און נישט ווינציקער אויך שלום אַש ווי אברהם רייזען און צו מאָל י. י. שוואַרץ אין זײַן גרויסער פּאָעמע "קענטאָקי".

די דרום־אַמעריקאַנער יידישע יישובים האָבן ווינציקער מזל צו ווערן דאָס מעדיום פאַר קינסטלערישער געשטאַלטיקונג, אַכיבע מ'זאָל גלייבן אין דעם זאָג אַז די דאָזיקע יישובים זענען סתם נישט קיין "באָדן" אויף וועלכן עס זאָל ווען־עס־איז געדייען יענע אַטמאָספער וואָס איז אַ ברכה פאַר קינסטלערישער שאַפונג. ס'הייסט, אַז אויף די לענדער פון נײַ־אויפגעקומענעם קאַפּיטאַליזם רוט די קללה פון אומפּרוכטיקייט פאַרן פּאָטענציעלן יידישן קינסטלער. מן הסתם איז פאַראַן אַן אמת אין דער דאָזיקער סברה, אפילו ווען מ'זאָל זיך פאַרקוקן אויף אַזאַ שטח ווי עס איז די פּלאַסטישע קונסט צווישן יידן אין די דאָזיקע יישובים. אין דרום און צענטראַל־אַמעריקע איז ממש אויגנשטעכעדיק די עקרשאַפט אין שטח פון קינסט־לערס־פּלאַסטיקער צווישן יידן. נישטאָ קיין סקולפּטאָרן פון פאַרנעם און נישטאָ קיין וויכטיקע יידישע מאָלערס אין די אָ לענדער. אָ פּנים, אַז אַסמאָספער האָט טאַקע אַן ענגע שייכות מיט באַלעבנדיקער קונסט, ממילא מיט יידישער קונסט ווו יידן זענען אין אַ דערדריקנדיקער מינדערהייט. די אַרגענטינעס ווי די פּערוס צי קאָלאָמביע האָבן ביז איצט נישט באַוויזן צו שאַפן אַזאַ אינספּירנדיקע אַטמאָספער פאַר קינסטלערישן שאַפן, און אפשר אין דעם האָבן מיר אויך די סיבה דערפון וואָס ס'איז נישטאָ אין די אָ לענדער די טראַדיציע צו "קאַנסומירן" און טאַקע אויסגעבן געלט פאַר פּלאַסטישער קונסט, פאַר עכטע לאַנדשאַפטן, הגם היימען האָט מען שוין באַוויזן אויפצובויען שיינע, רייכע, מיט קרישטאָלן און אַלערליי מאָדישע צאַצקעס. פאַרן עכטן קינסטלערישן בילד אָדער סקולפּטור איז פשוט נישטאָ די באַדערפעניש. קינסטלעכע, שטאַרק פאַרביקע בלומען אין ברייטע באַגילדטע ראַמען זענען "בעסערע בלומען" ווערדיק דעם געשמאַק פון די וואָס זענען על פּי מקרה געוואָרן

נגידים. לפי ערך אזוי איז עס מיט דער ליטעראַטור אויף יידיש (און דאַכט זיך, אַז אַזוי איז אויך די מערכה פון דער ליטעראַטור אין שפּאַניש בײַם יידישן קאָנסומענט וואָס האָט גיכער ליב מאָדערנע ביכער, וועלכע גייען אויך אין פילם, אַ שטייגער אַזאַ שפּאַנענדיקע לעקטור ווי לעאָן יוריסעס "עקזאָדוס" און ענלעכע). טראַדיציע איז באמת יסודותדיק אין איטלעכן לעבנסאַרט. אונדזער גביראַקראַטיע האָט נאָך נישט באַוויזן אַנצוזאַמלען אַזאַ זאַך ווי קולטור־טראַדיציע און גײַסטיקע פאַרמעג־לעכקייט. מ'לעבט מיט די באַגריפן פון היימשטעטל, הגם אויך דאָס הייבט שוין אָן צו טונקלען אין געדעכעניש. די נאָסטאַלגיע נאָכן ווײַטלעכן אַמאָל גיסט זיך אויס נאָר אין אַ זעלטענעם זיסן זיפץ: "אײַ, אײַ, איז דאָס געווען!" און אין אַ יום־טובדיק פאַרגרייטן יידישלעכן טיש. דאָס איז ס'אייניציקע וואָס פאַרבינדט די געעלטערטע יידן מיטן עבר וואָס דערקוויקט זעלטן דעם אויסגעבלייכטן זכרון.

ב

בדרך כלל זענען מיר נישט ווײַט אַוועק פון אַזוי־גערופענעם אַמאָליקן געטאָ וואָס יידן האָבן אייגנוויליק זיך געשאַפן מיט זייער קאָמפּאַקטער ווינשאַפט צווישן אַנאַנד אין שטעט און שטעטלעך; עס איז דערפאַר געווען אַ מין געטאָ אין פּאָזיטיוון זין. זי האָט געגערט די מענטשיש־יידישע אַטמאָספער פאַר מער אינטענסיווער גײַסטיקייט, אָבער פון דאָזיקן געטאָ, וואָס האָט אַ ביסל געוואַרעמט, זענען מיר אַריבער אין אַ נײַעם געטאָ, וואָס האָט אונדז אַנגעבראַכט נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, כאָטש דאָס לעבן האָט זיך אײַנגעשטעלט אין מער גינציקערע מאַטעריעלע באַדינ־גונגען, הגם רעכטלעך און סאָציאַל זענען מיר אייניצײַטיק געוואָרן נעענטער מיט די נישט־יידישע שכנים. דאָס איז, אמת, פון איין זײַט געוואָרן עקאָנאָמיש אַ ברכה, אָבער סאָציאַל־פּאָליטיש האָבן מיר זיך דערשפּירט ווי אין אַן אומגערנוויליקן קלעם. מיר זענען טאַקע געבליבן יידן, יידן לויטן געבורט, נאָך דעם געפיל, אָבער נאָך מער לויט דעם געדעכעניש פון דער היים וואָס איז געווען אַנדערש, אַ סך אַנדערש ווי די אַ היימען וואָס אַרום. דאָס געדעכעניש איז דער וואָגיקסטער עלעמענט אין אונדזער ייד־זײַן, כאָטש פון די געירשנטע טראַדיציעס האָבן מיר פּאַוואָלינקע זיך אויסגעטאָן. אַוודאי האָבן דערצו צוגעדינט די באַדינגונגען — ווי לײַט שמועסן זיך אײַן מחמת אַליין־געגנאַרעריי — "נישט צו גיין אין די דרכים פון אונדזערע טאַטעס" און "עס זענען שוין נישט די אַמאָליקע צײַטן". אַנדערע האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער אידעאָלאָגישער ייחוס פון דער אַלטער היים צו געהערן צו אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג אָדער צו אַ נאַציאָנאַלער פּאַרטיי; איז אויב שוין סאָציאַליזם צי אָוועלכע אַנדערע פּאַרטיי, טאָ צו וואָס נישט פילן זיך פרײַ פון די "אַלטפרענקישע פּענטעס" צו וועלכע די אַלטע היים האָט מיט כוח זיי צוגעבונדן? הקיצור, אין די נײַע ווינקלענ־דער זענען מיר שטאַרק אַנדערש געוואָרן. מ'איז פּשוט אַרויס פון דער אַלטער רעם. די נײַע פּירעכצער כפלען זיך שוין ממילא און ס'באַקומט זיך אין סך הכל טאַקע גאָר עפּעס אַנדערשס, דאָיִקס, דרום־אַמעריקאַניש, אַרגענטינישס, פּערואַנישס, פּאַנאַ־מענישס צי אורוגווײַישס. דאָס וואָס מיר זעען ערשט איגעם רוב פון אַט־די יידן,

די געוועזענע עמיגראַנטן און זייערע קינדער. דער פּועל־יוצא דערפון איז דאָס אויף וואָס מיר האָבן צו קלאָגן מיט טענה: „וואוהין גייט מען ערשט מיטן מאַטערנדיקן געדעכעניש־באַגאַזש פונעם דור־דורותדיקן ייד, כדי דאָך צו בלײַבן אַ ייד ?!"

עס איז אַ דראַמאַטישע פראַגע וואָס אַליאַרמירט אַצינד בלויז די ווינציקע, די לעצטע פון די עלטערע עסקנים אין די תפוצות ישראל, אין אַרגענטינע בתוכם, ווײַל זי איז אין צאָל די גרעסטע יידישע קהילה אין לאַטײַן־אַמעריקע. דער אַליאַרם ברענט ממש, מחמת די נײַע יידישע פירערשאַפט איז אידעיש, ממילא אידעאַליסטיש הימל־ווײַט פון די פּיאָנערן וואָס האָבן מיט געטרײַשאַפט געפלעגט די וואָרצלען פון דער דורותדיקער יידישקייט וואָס מיטגעבראַכט פון די אַלטע היימען. פון די אַלטע טראַדיציעס און מנהגים זענען די נײַע, די יונגע פון צווייטן און דריטן דור הימלווײַט פון זייערע פּעיטערס, און זיי „פּירן" אַזוי אַז דאָס נאָך ביסל פּאַראַנענס איז אויסגעשטעלט אויפן חסד נאָר פון עסקנים און באַאַמטע וואָס אַ יידיש וואָרט איז צו מאָל פרעמד פאַר זייערע לעפצן. אמת, זיי ריידן אָפּט פון המשך, פון יידישקייט, אלא פון דעם ריידן ביזן טוען איז אַ מוראַדיק ווײַטער מרחק.

און אין דעם גייט עס: ווען מיר באַווײַזן צו דערגרייכן אַ ווירקלעך „נײַעם תוכן" ווי די נײַע פירערס פון די עדהס פּראָגראַמירן פאַר אונדזערע יידישע קינדער, אין דעם אַזוי געענדערטן לעבנט־באַנעם ? וועט דאָס אויף אַן אמת אַנטהאַלטן יידישן אינהאַלט ? ווײַל די דאָזיקע רעדן כלומרשט וועגן נײַעסטע פאָרמען פון אָט דער יידישקייט.

טאָקע פון דאָזיקן אומבאַשטימטן, נאָך נישט אויסגעקלאָרטן באַנעם איז אָפּהענ־גיק צי מיר וועלן להבא קענען האָפן אויף יענעם לעבעדיקן סטימול, אַז קינסטלערס זאָלן באַוועלטיקט ווערן פון אַ שוווּנגפולן אַנשפּאַר פאַר דער באַפרוכפּערנדיקער אידעע פון אַ באַנײַטן, אָבער אויטענטישן ייד וואָס זאָל אים דינען פאַרן מאָדעל פאַר דעם יידישן ווערק, אין וועלכן מיר זאָלן ענדלעך זיך דערזען שטאָלץ און וואָרהאַפטיק ווי אין אַ געשליפענעם שפּיגל. דערווײַל שטייען מיר אין דעם פּרט אין אַ ליידיקייט, וועלכע איז נישט מסוגל צו וואָרעמען אונדזער נשמה און נישט עס קען אַנליכטיקן די צוקונפט, וואָס אַן איר שײַן איז נישט מעגלעך צו מאַכן דעם ערשטן האָפענונגפולן שפּאַן אין דעם געוווּנטשענעם מאָרגן ארײַן.

אוודאי איז נישט גרינג אינטעלעקטועל צו דעפינירן דעם געדאַנק וועגן יענעם גײַסטיקן אַנשפּאַר וואָס אַ דור געפינט אַ מאָל אין אַ ווערק וואָס איז איינצײַטיק אויך דער געשיכטלעכער וועגווײַזער אין מיטן פון אַ תוהו־ובוהו אין וועלכן דאָס פאָלק איז גורלדיק אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן. עס ווילט זיך נאָר שטעלן דעם טראָפּ אויף דער אַנספּקדיקער מסקנה אַז אין אונדזער קאָנפוזער צײַט איז דעם יידישן דור אַצינד גאָר־גאָר נייטיק אין די אַמעריקעס דאָס וואָגיקע יידישע ווערק וואָס זאָל אים זײַן אי אַ טרייסט, אי אַ שײַן־וואָרפער אין זײַן גרויסער צעטומלטקייט.

אין דעם פּרט ווערט נאָך אומעטיקער וואָס ליטעראַריש האָבן יידן אין לאַטײַן־אַמעריקע צו מאָל נישט געפונען קיין אייגענעם וועג צו באַקענען זיך נעענטער מיט די נישט־יידישע שכנים. פאַרשטענדלעך אַז דאָס איז מעגלעך צו דערגרייכן נאָר

מיט דעם אײדעלן אינסטרומענט פון געטרײַער קינסטלערישער איבערזעצונג. למשל, די ליטעראַטור פון אַרגענטינער פּאָלק אַרײַנבערענגען אין דער יידישער שפּראַך. און יודעי חן האַלטן אַז אַרגענטינע האָט אַ צאָל ראַסאָווע שרײַבערס וואָס ברענגען אַרויס אין זייערע ווערק דעם תמצית פון דעם אייגענעם פאָלק ווי אויך די רעגיאָנעלע כאַראַקטעריסטישע טיפּן פון דעם גרויסן, שיינעם און ווײַט־צעוואַר־פּענעם לאַנד. יידן פון אַרגענטינע האָבן פאַר זיך ליטעראַריש נאָך זייער ווינציק דערגרייכט אין דעם פּרט. אָבער דאָס באַקענען זיך מיט די שכנים, מיט די נאָענטע און ווײַטערע מיטבירגערס, דאָס האָבן מיר דאָך אוודאי שוין האָבן געקענט דערגרייכט, לפּחות טיילווײַז. צום באַדויערן לאָזט זיך נישט אַ סך זאָגן וועגן דעם. די איבערגעזעצטע אַרגענטינישע ליטעראַטור איז אויף יידיש גלײַך צו גול. קענען מיר דעם אײַנגעבוירענעם קרעאָל פון דער ווילדער אַרגענטינע פּאַמפּאַ? האָבן מיר אַ פאָרשטעלונג פון דעם נאָך פּרימיטיוון איבערבלײַב פון די אינדיאַנער וואָס האָבן אין אורשפּרונג באַוווינט ברייטע שטחים פון די אַרגענטינער ווילדענישן און קליינע איבערבלײַבן פון זיי ווידמעגען זיך נאָך אין די ווײַט־פּאַרוואָפּענע טאָלן פון די גרויסע טײַכן פונעם לאַנד? קענען מיר צו מאָל די קאָמפּליצירטע נאַטור פון דעם גוטמוטיקן „קאָמפּעסינאָ“, דעם קאַרענטינער צי דעם סטאָלטאָגער פּויער וואָס לעבט צווישן די אַרגענטינער בערג? די אַרגענטינער ליטעראַטור איז ווײַט נישט אָרעם אין די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיש ווײַט נישט דורכגעלויכטענע און באַשרײַבנדיקע געמעלן פון דעם מענטש סײַ דאָ, סײַ ווײַטער פון יענע שטעט, וואָס צענטערס פון אומגעהײַער פונאַנדערגעשפּרייטע פּראָווינצן וואָס יעדע איינע פון זיי איז פון אַ פאַרשיידענעם כאַראַקטער און באַזונדערע געאָגראַפישע און קלימאַטישע, ממילא סאָציאָלאָגישע באַדינגונגען און אייגנשאַפטן.

אַז די אַרגענטינער ליטעראַטור איז אַ יש וואָס ס׳איז כדאי מיט איר זיך צו באַקענען, זאָגט עדות לפּחות אַזאַ איבערזעצער ווי יוסף אַקסענצאָוו. ער האָט בשעתו, אין די צוואַנציקער יאָרן, געהאַט די אַמביציע איבערצוזעצן און אַליין אַרויסצוגעבן אַן אייגענע „מײַן שפּאַניש לאַטיין־אַמעריקאַנער ביבליאָטעק. צוויי ביכער יידישע איבערזעצונגען פון דערציילונגען און בילדער פון טיפּישן אַרגענטי־נער לעבן — אַרגענטינע אין אויטאָכטאָנישן וואָרצל — האָט אַקסענצאָוו אַרויס־געגעבן, פאַר וואָס מיר זענען אים געבליבן שולדיק אַן אויפריכטיקן יישר כוח. עס איז, אמת, געווען נאָר אַ התחלה, אָבער אַ ווערטפולע, מחמת מיט די דאָזיקע צוויי זאַמלונגען פון קאַרענער פּראָזע אַנטפּלעקט דער איבערזעצער פאַר אונדז ממש אַנדערע, פאַר אונדז פאַרהוילענע וועלטן, אומדורכשניטלעך רויטע כאַראַקטערן און אַ מענטאַליטעט פון מענטשן וואָס איז הימלווײַט פון די טיפּן וואָס די ליטעראַטורן פון קולטור־פעלקער האָבן אויך שוין אַרויסגעפּירט. אָבער דאָ האָבן מיר סײַ דעם טשיקאַוון שטאָטישן מענטש און סײַ געשטאַלטן וואָס שטייען אויפן ראַנד פון פּסיכאָלאָגישן מידבר, אַזעלכע טיפּן וואָס זייער פּירעכץ גראָמט זיך אַזוי צו זאָגן מיט דער ווילדערניש פון דער אַרגענטינער נאַטור, וואָס באַווײַזט איר פּרצוף־פּנים אומגעריכט ווי פון אַ פאַרהוילעניש אַרויסגעקומען. יאָ, שטאַרק אַטראַקטיוו פון

קינסטלערישן און פסיכאָלאָגישן ווי אויך פון עטנישן קוקווינקל זענען אַקסענצאָווס פאַריידישונגען פון דער אַרגענטינער פילפאַרביקער ליטעראַטור, מחמת זי וואַקסט סײַ פון יונגן אורבאַניזם, פון דער צען־מיליאָניקער הויפּטשטאָט ווי פון די אַנדערע פאַרטשטעט און נישט ווינציקער פון די ווײַט־אָפּגעלעגענע פּראָווינצן וואָס זענען סאָציאַל־עקאָנאָמיש פאַרכאַפּט פון אַ פּריצימטום מיט רײַכע לענדערײַען און פון אַ פּרימיטיווער מאַסע פּראָלעטאַריער, פעלד־אַרבעטער ווי אויך פון אַ היפּשן שיכט פּויערים וואָס באַאַרבעטן קלענערע שטחים לאַנד און באַלאַנגען צו אַ מין מיטלקלאַס פון לאַנדווירטשאַפטלען טיפּ, וועלכער איז אייגן אַזאַ אַגראַרלאַנד ווי אַרגענטינע. אַקסענצאָווס יידישע ווערסיעס פון דער דאָזיקער ליטעראַטור, וועלכע איז אָפּגעגעבן דערעיקרשט דעם מידבּרשן טיפּ פון פעלדאַרבעטער זענען: 1) „גאַוטשאָס", דער־ציילונגען און בילדער פון כאַוויער דע וויאַנאַ און 2) „קורצע דערציילונגען" פון ראַפאַעל באַררעט. די אָנגערופענע ביכער זענען אַרויס אין די יאָרן 1925 און 1929, אָבער זייער אינטערעס איז סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיש און קינסטלעריש געבליבן פריש אויך אַצינד. עס וואָלט, נאַטירלעך, גוט געווען ווען דאָס איבערזעצונגס־פעלד פון שפּאַניש אויף יידיש זאָל נישט אַזוי פאַרוואַרלאָזט ווערן ווי ביז איצט. ווײַטערדיקע פּרוּוון פון פאַראייגענען אין יידיש ווערק פון דער שפּאַניש־אַרגענטינער ליטעראַטור זענען אונטערגענומען געוואָרן, אָבער נאָר אין צײַטונגען און זשורנאַלן און זייער האַפּט האָט אָנגעהאַלטן נאָר טעג. קיין פולע ווערק, אין בוכפאָרעם, זענען נישט אַרויס פון דער שפּאַניש־אַרגענטינער ליטעראַטור. מיר האָבן דאָ אין זינען יוסף מענדעלסאָן און יצחק איסאַקסאָן, וועלכע זענען אין דער יידיש־איבערזעצונג אַוועק מיטן . . . ווינט.

מיר קענען טאַקע נאָך נישט האָבן קיין אייגן יידיש בילד פון זיך גופא, פון אַרגענטינער צי בראַזיליענישן יידישן לעבן אין ברייטערן פאַרנעם, ליטעראַריש, הייסט עס, אָבער דער וועג צו דערקענען גרינטלעך דעם שכן איז נעענטער און טאַקע אויך מעגלעך. די איבערזעצונג־ליטעראַטור, פון אַרגענטיניש צי זאָל מען זאָגן טשילעניש, ליגט דערווײַל לחלוטין אַ פאַרוואַלאָזטע, און דאָס איז אַ גרויסער שאָד.

למען האמת דאַרף מען נאָך דערמאָנען אַז וואָס שייך יידיש־איבערזעצונג פון אַרגענטינישן לעבן וואָס טראָגט אַן אויסגעשפּראָכן יידישן חותם, איז פאַראַן אַ יידישע ווערסיע פון אַלבערטאָ גערשונאָווס „יידישע גאַוטשן". ס'איז אַ ווערק פון אַ ראַפינירטן יידיש־שפּאַנישן שרײַבער וועלכער האָט אין בילדעריש־קינסטלערישער פּראָזע געגעבן אין זײַן בוך אַ ברייטן געמעל פון דעם דראַמאַטישן בראשית פון דער יידישער אַגראַר־קאָלאָניזאַציע אין דער אַרגענטינער ווילדערניש אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, ווען דער באַרימטער יידישער עושר באַראָן משה דע הירש האָט אָנגעהויבן אַרויסראַטעווען זײַנע אָרעמע יידישע ברידער פון די צאַרישע פּאָגראָמען. יידן האָבן באַזעצט די קרקע־בתולה אין אַרגענטינישן הינטערלאַנד, אָבער שוין אין זייערע אָנהייבן געצאָלט בלוטיקן צינדז פאַר דער הצלה. נײַע נויט און גזלוואָניעס אין לאַנד פון די פּאַמפּאַס איז געווען דער פּרײַז פון זייער אידעאַליזם

צו פארוואנדלען זיך אין עובדי אדמה. די יידיש־איבערזעצונג פון גערשונאַווס יידישן ווערק (און גערשונאַוו, דארף מען אונטערשטרייכן, איז געווען א זון פון א יידישן קאלאניסט־פיאנער, אבער אן אנגעזעענער שפאנישער שרייבער) געהערט דער פען פון פיניע קאץ. דער זעלביקער פיניע קאץ האט, אגב, אויך אריינגעפירט אין אונדזער ליטעראטור אין א פראקטיקן יידיש סערוואנטעסעס גרויסע ווערק "דאן קיכאט", וואס איז ארויס אין בוענאס איירעס אין צוויי בענד.

ספארד־ביבליאגראפיע

"יידישע שריפטן" — צייטשריפט פאר ליטעראטור, טעאטער און קונסט (לויט די ביבליאגראפישע רשימות פון ליובא בורשטין) *

פראזע (ליטעראטור־קריטיק, רעצענזיעס, פובליציסטישע ארבעטן)

קידוש השם און קידוש היסורים. (וועגן ה. לייוויקס "אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען") פעברואר, 1946 ז' 4; מיט זייער טויט האבן זיי אונדז באפוילן לעבן. מארץ 1947; יצחק לייבוש פרץ. אפריל, מיי, 1947 ז"ז 7—9; דאס יידישע טעאטער אין פוילן און זיינע דערגרייכונגען. יוני יולי 1947 ז' 5—6; דער יידישער שרייבער מוז זאגן זיין ווארט אויגוסט 1947, ז' 1—2. אדע צו אקטאבער. סעפטעמבער 1947 ז' 1—10; די אויסגאבן פון דער יידישער קולטור־און קונסט־געזעלשאפט. יאנואר־פעברואר 1948, ז' 10; אין פיין פון ווידערשטאנד (צום קאמף פון ישוב אין ארץ־ישראל). מארץ 1948 ז' 10; דער גלויבן אין פאלק. אפריל 1948, ז' 2; די לעגענדע וואס איז געווארן וואר. יוני 1948, ז' 1; אייראפעישע קולטור־קאנפערענץ אין פאריז. יוני, 1948 ז' 7; די באדייטונג פון דער אייראפעישער יידישער קולטור־קאנפערענץ, יולי־אויגוסט 1948 ז' 21; צום יארטאג פון אקטאבער אין 1948, סעפטעמבער 1948, ז' 1; די אויפפירונג פון "גליקל האמעלן", סעפטעמבער 1948 ז' 10 (געחתמעט "ד.ס."); קולטור און פסעודא־קולטור, אקטאבער, 1948. זז' 3, 10; דאס וועזנטלעכע פראבלעם אין דער יידישער ליטעראטור. יאנואר, 1949, ז' 2—3; בינם העלער צום דערשיינען פון זיין בוך "דורך שאטן און שיין". מארץ 1949, זז' 2, 4; צוויי רעצענזיעס: 1. לייב מארגנטוי — "רויגע און זון" 2. יצחק גוטערמאן — "אין פוסטער שטאט". מאי 1949, ז' 4; "דורך טויט צום לעבן" פון ל. אליצקי. יוני 1949, ז' 3; דאס בילד פון י־ל פרץ. (אימפרעסיע) יוני 1949, ז' 6; וואס לערנט אונדז דער דורכקוק פון די דראמ־קרייזן אין ווראצלאוו. יוני ז' 2 (בולעטין, ביילאגע, נומ' 2); "צווישן הימל און וואסער" פון הערץ בערגנער. יולי 1949, ז' 3; צו דער אויפמערקזאמקייט פון די קאאפעראטיוו־לייטער. יולי 1949 (בולעטין, ביילאגע נומ' 3, געחתמעט — ד.ס.); ערשטע יידישער קולטור־צוזאמענפאר

* זע ירושלימער אלמאנאך נומ. 13, ז' 86—93.

אין פוילן. אויגוסט־סעפטעמבער 1949, ז׳ 1; ערב דעם קולטור־צוזאַמענפֿאַר. אָקטאָבער 1949, ז׳ 1; דער קולטור־צוזאַמענפֿאַר און די יידישע שעפערישע אינטעליגענץ. נאָוועמבער 1949, ז׳ 2; אַ געלונגענער אָנהייב אין יידישן מלוכה־טעאַטער. דעצ׳ 1949 ז׳ 8; וועגן היינטצייטיקייט אין קונסט. יאַנואַר 1950 ז׳ 6; די אַרמיי פון פרייהייט און שלום. פעברואַר 1950 ז׳ 1; דער יידישער שרייבער אין פוילן פאַר נייע אויפגאַבן. מאַרץ 1950, ז׳ 1; אין גייסט פון י״ל פרץ. אַפּריל 1950, ז׳ 2; פרילינג און פרידן. מאַי, 1950, ז׳ 2; וועגן בינם העלערס "פרילינג אין פוילן". יוני 1950, ז׳ 2; "משפחה בלאַנק" אין יידישן מלוכה־טעאַטער. יולי־אויגוסט, 1950, ז׳ 8—9; מ. ווייסנבערג — קורצע כאַראַקטעריסטיק פון זיין שאַפן. סעפטעמבער, 1950, ז׳ 4; די מלחמה־הערצער און דער ראָל פון "פרייהייט"־פרעדיקער. אָקטאָבער, 1950, ז׳ 1; דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן און זיינע אויפגאַבן. נאָוועמבער, 1950, ז׳ 4; "די פאַמיליע" אין מלוכישן יידישן טעאַטער. דעצעמבער, 1950, ז׳ 6—7; דאָס יידישע בוך אין פוילן אין יאָר 1950. יאַנואַר, 1951, ז׳ 5; אין פאַרנאַכט (דערציילונג) פעברואַר 1951, ז׳ 5; צום דערשיינען פון משה שולשטיינס זאַמלונג "אַ רעגנבויגן איבער גרענעצן". מאַרץ 1951, ז׳ 5; ערב מאַי. אַפּריל, 1951, ז׳ 3 (געקירצט: ד. ראָווין); "200000" פון שלום־עליכם אין יידישן מלוכה־טעאַטער. אַפּריל 1951, ז׳ 8; אַלטער קאַציזנע. יוני, 1951, ז׳ 4; אַ ווערטפולער באַלערנדיקער ספעקטאַקל דר "לעשנאַ" פון אירענאַ קזשיוויצקאַ רעזשי. אידאַ קאַמינסקאַ; (ד. כאָווין) יולי, 1951 ז׳ 9; אייניקע באַמערקונגען וועגן ב. שלעווינס בוך "געווען איז עס נעכטן" יולי־אויגוסט 1951 ז׳ 5; א. קאַגאַנאָווסקי — דער מייסטער פון דער יידישער נאָוועלע. סעפטעמבער 1951 ז׳ 3; י. ל. פרץ איז מיט אונדז. רעפעראַט אויף דער פייערלעכער פרץ־סעסיע אין וואַרשע דעם 30טן סעפטעמבער 1951. אָקטאָבער 1951 ז׳ 4—5; אַ מאָל איז געווען . . . סצעניש קאָמפּאָזיציע אין דריי אַקטן פון: טורקאָוו און מ. מייסלער לויט י. ל. פרץ. דעצעמבער 1951 ז׳ 3; אַ מאָל איז געווען . . . סצענישע קאָמפּאָזיציע אין דריי אַקטן פון י. טורקאָוו און מ. מייסלער לויט: י. ל. פרץ. יאַנואַר 1952 ז׳ 3—5; אייניקע אויספירן וועגן פעסטיוואַל פון דער קינסטלערישער זעלבסט־טעטיקייטביים קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. יאַנואַר 1952 (מ. כאָווין); אויפן ראַנד פון צוויי פרעמיערעס אין יידישן מלוכה־טעאַטער. פעברואַר 1952 ז׳ 5—6; דאָס ליד איז געבליבן. אַנטאָלאָגיע פון 36 אומגעקומענע יידישע דיכטער אין פוילן. פאַרלאַג "יידיש־בוך" וואַרשע 1951. מאַרץ 1952 ז׳ 5; אונדזער פרעזידענט צו זיין 60טן געבוירנטאָג. אַפּריל 1952 ז׳ 1; וועגן היימלאַנד פון בינם העלער. יוני 1952 ז׳ 5; "נייע טעג" פון ש. קאַנץ. יולי־אויגוסט 1952, ז׳ 8; אין פראַגנט פון שלום און פרידלעכער בויונג. אָקטאָבער 1952, ז׳ 1; די קלויז אַ מיספאַרשטענדעניש? (פסעוודאָנים אַ. רוט) אָקטאָבער 1952, ז׳ 10; דער לייענער דאַרף נעמען דאָס וואָרט (צום חודש פון יידישן וואָרט) דעצעמבער, 1952 ז׳ 3; וו. אי. לענין. יאַנואַר 1953, ז׳ 1; אויף אַ קאָנפערענץ אין וורצלאַוו (צום פאַרענדיקן די אַבאָנענטן־אַקציע פאַרן "יידיש בוך". פעברואַר 1953, ז׳ 2; צום לאַנד־צוזאַמענפאַר פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. מאַרץ 1953, ז׳ 7; די שטעלונג פון "הערשעלע אָסטראָפּאָליער" אין יידישן מלוכה־טעאַטער. אַפּריל 1953; אויפן ראַנד פון אַ שיינער גאַרקי־פאַרשטעלונג אין יידישן מלוכה־טעאַטער. מאַי 1953, ז׳ 7; צו דער פאַרשטעלונג פון "אַ שטוב אין געטאָ" פון בינם העלער. יוני 1953, ז׳ 6; די יידישער קלאַסיק אין

פאַרלאַג "יידיש בוך". יולי 1953, ז' 6; וועגן די לידער פון הדסה רובין. אויגוסט־סעפּטעמבער 1953, ז' 8; די שטעלונג פון מאיר עזאַפּאָוויטש אין יידישן מלוכה־טעאַטער. אָקטאָבער 1953, זז' 6, 8; וועגן די פאָלקס־שפּילן פון ד. סלאָוועס. נאָוועמבער 1953, ז' 8; דאָס יידישע ליטעראַרישע שאַפן אין פאָלקס־פּוילן פאַר דעם יאָר 1953. דעצעמבער 1953, ז' 1—2; אייניקע גרונט־שטריכן פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. יאַנואַר 1954 זז' 2—5; צום אָנדענק פון יוליאַן טווים. יאַנואַר 1954, ז' 4; קעגן פאָרמאַליזם קעגן סכעמאַטיזם. פעברואַר 1954, ז' 1; אומגעקומענע שרייבער פון די געטאָס און לאַגערן אין בוך פון ב. מאַרק. אַפּריל 1954, ז' 3; "אין אונדזער צייט" פון בינעם העלער. מאַי 1954, ז' 3; לעאָן קרוטשקאָווסקי "יוליוס און עטל" אין יידישן מלוכה־טעאַטער. יוני 1954 ז' 4; פראַגן פון ליטעראַטור. יולי־אויגוסט 1954, ז' 8; די גרויסע פריינדשאַפט (צום חודש פון פּויליש־סאָוועטישער פריינדשאַפט). סעפּטעמבער 1954, ז' 1—2; וועגן אייניקע מאָמענטן אין דער פּראָזע פון לייב אָליצקי (צום דרייסיקסטן יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט). אָקטאָבער 1954 ז' 4—6; וועגן יצחק גוטערמאַנס "באַנייטע טעג". נאָוועמבער 1954, ז' 5; אַ פּאָר באַמערקונגען צו דער טעטיקייט פון פאַרלאַג "יידיש בוך" אין יאָר 1954. דעצעמבער 1954, ז' 3; חבל ביזגאָן (צום יובילײ פון זיין 35 יעריקער סצענישער טעטיקייט). יאַנואַר, 1955 זז' 3, 10; געקליבענע לידער פון משה שולשטיין. יאַנואַר 1955, ז' 5; פינף יאָר יידיש מלוכה־טעאַטער אין פּוילן. פעברואַר 1955, ז' 3; פאַר דער זאַך פון שלום. מאַרץ 1955, זז' 1, 5; דער פּרייז פון מאָרד (אַ. רוט) מאַרץ 1955, ז' 7; די אַקטועלקייט פון פּרצעס שאַפן. אַפּריל, 1955 ז' 2—3; דער וועג אויף וואַרשע. פּאָעמע פון בינעם העלער. מאַי 1955, ז' ; וועגן דעם ראָמאַן "דאָס הויז אויף דער טאָפּאָלן־גאַס" פון ב. שלעווין יוני 1955 ז' 4; אַ פּאָר באַמערקונגען צו דער שטעלונג פון דער אורפּרעמיערע "די מוטער ריווע" אין יידישן מלוכה־טעאַטער, איבערגעזעצט און רעזשיסירט פון אידאַ קאַמינסקאַ. יולי 1955 ז' 3; אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע איבער ליטעראַטור־קריטיק. אויגוסט 1955 ז' 2—3; וועגן לידער־בוך "מיט אויגן אָפענע" פון דאָרע טייטעלבוים. סעפּטעמבער 1955 ז' 6; פאַר אַ שעפערישע צוזאַמענאַרבעט צווישן שרייבער און לייענער ביי דער רעדאַקציע "יידיש־בוך" אויפן יאָר 1956 נאָוו' 1955. ז' 3—7; אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן וועגן דער פאָרשטעלונג "פּראָפ. מאַמלאָק" פון פרידריך וואָלף רעזשי: מאיר מעלמאַן. דעצעמבער 1955 זז' 5, 7; וועגן דעם ראָמאַן — "דאַדיע קאָוואַל" פון לייב אָליצקי. יאַנואַר 1956 ז' 3, 6; וועגן דער לידער־זאַמלונג "ווייטיק און פרייד" פון הדסה רובין. פעברואַר 1956, ז' 4, 7; "דער קאַרגער" פון זשאַן באַפּטיסט מאָליער אין יידישן מלוכה־טעאַטער, רעזשי: יצחק גרודבערג. מאַרץ 1956, ז' 5; שלום־עליכם — דער יידישער נאַציאָנאַלער שרייבער אייניקע געדאַנקען צו זיין 40סטער יאָרצייט. מאַי 1956 ז' 1; וועגן דעם בוך "די שעה פון בין־השמשות" פון י. פינער. יולי־אויגוסט 1956 ז' 5; "אַ קייט פון דורות" פון שמריהו גוטמאַן. סעפּטעמבער 1956 ז' 9; צום באַזוך פון יידישן טעאַטער אין פּאַריז. נאָוועמבער 1956 ז' 5; וועגן דער יובילײ־אויסגאַבע "זאָגט די וועלט אַ משל". דעצעמבער 1956 ז' 5; אויפן ראַנד פון דער באַנייונג פון ש. אַנסקיס "דיבוק" אין יידישן מלוכה־טעאַטער. מאַרץ 1957, ז' 2; אלחנן וואָגלער. אַפּריל 1957 ז' 2—3; "די פּוילישע יאָרן" פון אפרים קאַגאַנאָווסקי. יוני 1957 ז' 2; אייניקע געדאַנקען וועגן דעם לידער־בוך "בענקשאַפט" פון ישראל עמיאָט. דעצעמבער 1957, ז' 3—4; אייניקע אויספירן וועגן דעם

יידישן בוך אין פוילן אין 1957טן יאָר. יאַנואַר 1958, זז׳ 1, 4; לייב אָליצקיס פאַלקסטימלעכע באַלאַדן. מאַרץ 1958, ז׳ 1—2; ״טריט אין דער נאַכט״ פון הדסה רובין. יולי 1958, זז׳ 2, 7; נאָכן ארון פון אפרים קאַגאַנאָווסקי (רעפלעקסן). נאָוועמבער 1958, זז׳ 3, 8; וועגן דער שטעלונג ״ביימער שטאַרבן שטייענדיק״ פון אַלעקסאַנדער קאַסאָנאַ אין יידישן מלוכה־טעאַטער. איבערזעצונג און רעזשי פון אידא קאַמינסקאַ. דעצעמבער 1958, ז׳ 4; שלום־עליכם דער יידישער נאַציאָנאַלער פאָלקס־שרייבער. מאַרץ 1959. זז׳ 3—6; אַ פּאָר ווערטער וועגן ה׳ לייוויקס דיכטונג צו זיין 70 יעריקן יובל. סעפּטעמבער 1959 ז׳ 2; אידאַ קאַמינסקאַ — 60 יאָר, סעפּטעמבער 1959 ז׳ 3; אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דעם בוך ״ביעגעם מאַרש״ פון מיכאַל מירסקי. אָקטאָבער 1959, ז׳ 2; לייענדיק דאָס ״טאָג בוך״ פון דודל ראַבינאָוויטש. מאַרץ 1960 ז׳ 1; די מאָמענטן פון העלדישקייט און דער שאַפונג. אַפּריל, 1960, ז׳ 6; מער אויפמערקזאַמקייט דער אַמאַטאָרישער שאַפונג. מאַי 1960, ז׳ 1; וועגן דעם ערשטן באַנד ״אין קאַנאַדע״ פון שלום שטערן. אויגוסט 1960, ז׳ 8; אַ פּאָר ווערטער וועגן היינטיקע לידער. צו זייער 3 יאָריקן יובילײ. סעפּטעמבער 1960 ז׳ 7; אייניקע באַמערקונגען וועגן יידישן מלוכה־טעאַטער אין פוילן צום נייעם סעזאָן. אָקטאָבער 1960, ז׳ 1; שמואל האַלקין (נעקראָלאָג) אָקטאָבער 1960, ז׳ 4; אַ פּאָר ווערטער צום יאָרצייט נאָכן טויט פון אפרים קאַגאַנאָווסקי. נאָוועמבער 1960 ז׳ 7; (ד.ס.) וועגן יצחק גאַרדינס ״יאָרן פאַרגאַנגענע, יאָרן אומפאַרגעסלעכע״. דעצעמבער 1960, ז׳ 5.

(סוף קומט)

חיים זעלצער — אַ בן־שבעים

די רעדאַקציע פון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ שיקט איבער אַ האַרציקן גרוס און די בעסטע ברכות דעם ליבן דיכטער און קינסטלער **חיים זעלצער** צו זיין 70טן געבוירן־יאָר.

עד מאה ועשרים!

חיים מאַלטינסקי

אַ ברכה אויף אייך...

אַלטע, געלבלער-בלאַנקע צפֿתער שטיינער,
ווער-ווער, נאָר איר זײַט באמת רײַך,
אַזוי פֿיל שיין יידיש לעבן לײַטערט זיך אין אײַך,
די זון-קאָלירן מיניען זיך און שפּילן.
וועלן אויסוואַקסן מײַנע אייניקלעך משה און גילע
וועלן זיי, קלער איך, קומען אַהערצו,
קוקן, אַרומשפּאַנען.
וועט איר זייערע טריט פֿילן,
זייער האַרציק געלעכטער הערן,
די ליכטיקע פּנימער אָפּשפּיגלען גערן.
בין איך אײַך, אויף אַ גוטן אופֿן מקנא
און דאַנק פֿאַרויס מיט כוונה מיט ריינער —
אַ ברכה אויף אײַך,
אַלטע, געלבלער-בלאַנקע צפֿתער שטיינער.

אַ גוטער געלעכטער

אַ גוטער געלעכטער דיר קאָן
די נשמה פֿון יאוש באַוואַכן...
זיך הערט פֿון מײַן שכנס באַלקאָן
אַ מיידלשער לאַכן.
דער יונגער געלעכטער
זיך קײַקלט,
אַזוי ווי פֿון טרעפּל אויף טרעפּל
אַ שיינער, אַ רויט-ווײַסער עפּל,
אַ קרימער "ראָזע מאַרין"...
ווי קאָן איך פֿאַרמאַכן די אויגן,
נישט פּרוּוון זיך אָנצובויגן,
אַ קוק טאָן וווהין
זיך פֿאַרקײַקלט דער עפּל?
כ'האָב דערזען אויף אַ ליכטיקן האַלדז
צוויי שטיפֿעריש-גאָלדיקע צעפּלעך.

מע זאָל עס דערמאָנען אין פריידן

אסתר ראָזענטאַל-שניידערמאַן

דער טעמפּער ווינקל

(פון אַריינפיר צום בוך "ביראָבידזשאַן")

איר וווּנדערט זיך: וואָס זענען זיי — כמעט אַלע אָנפירער מיט דער סאָוועטיש-יידישער קולטור־בויונג — פלוצים אַזוי פאַרקאָכט געוואָרן אין דעם ביראָבידזשאַן? אין דער ווילדער טייגע. אין אַן ערגעץ, וואָס ליגט אין אויסרייסעניש? וואָס איידער דו קומסט אַהין פון מאָסקווע, דאַרפן אפילו אַזעלכע אויסדערוויילטע יחסנים ווי איך, אָפּזיצן ניט 9, ווי עס שרייבט זיך אָפיציעל, נאָר גאַנצע 11—12 מעת־לעת אין שנעלסטן פון אַלע דעמאָלטיקע אינטער־נאַציאָנאַלע עקספּרעס־צוגן, וועלכער פאַרמיט זיך אַזש אין קאַפּיטאַליסטישן פּאַריז און לויפט דורך די פיינטלעכע הויפּט־שטעט פון דייטשלאַנד און פוילן, און ערשט פון דאָרטן קומט ער אָן אין אונדזער רויטער מאָסקווע, און דאָ הייבט זיך אָן זיין לאַנגער וועג מיט די כסדרדיקע פאַרשפּעטיקונגען צום סאָוועטישן מזרח־וולאַדיוואָסטאָק, און פון וולאַדי־וואָסטאָק איז ער ממשיך זיין וועג ווידער צו פיינטלעכע מזרחדיקע לענדער: צו יאַפּאַן און כינע. און אויב דו ביסט אַ פּשוטער איבערוואַנדערער — שלעפּסטו זיך אַהין, קיין ביראָבידז־שאַן, אין אַן אייגענער סאָוועטישער טיפּלושקע (אַ וואַגאָן פאַר אַריבערפירן פי און סחורה), אָפט מאָל אַ גאַנצינקן חודש, טאַקע גאַנצע דרייסיק לאַנגע טעג און נעכט, און אַ מאָל נאָך לענגער.

וואָס פעלט אונדז, די "פעסט איינגעזעסענע בויער פון דער בליענדיקער סאָוועטיש־יידישער קולטור" דאָ — אין די צענטערן פון קאָמוניסטישן לאַנד? און שוין דעמאָלט — אין די גאָר ערשטע יאָרן פון דריטן צענדליק? עס שטימט דאָך גאָר ניט מיטן קלוגן אַלטן פאָלקסווערטל "פון גוטס אַנטלויפט מען נישט".

כדי איר זאָלט פאַרשטיין, אַז אונדזער דראַנג קיין ביראָבידזשאַן איז ניט געווען קיין צופעליקער, דאַרף איך כאָטש אין קורצע ווערטער דערציילן, אַז הגם דאָס איז נאָך די צייט ווען די פאַרשיידנסטע יידישע קולטור־אַנשטאַלטן וואַקסן אין זייער צאָל, און די סאָוועטישע, ווי אויך די אויסלענדישע פּרעסע — און אפילו די ניט לינקע איז פול מיט התפעלות פאַר אונדזערע גרויסע אויפטוען, און אויבנאויפיק האָט נאָך אַלץ ביי אונדז געבליט און געגלאַנצט, האָבן שוין דעמאָלט די, וואָס זענען געווען ביי דער דאָזיקער אַרבעט אינעווייניק, ניט באַדאַרפט זיין קיין גרויסע חכמים, כדי אָנצוהייבן באַנעמען, — ווער פריער, ווער אַ ביסל שפּעטער, אַז "פון ווייטן דאַכט זיך, אַז ביי יענעם לאַכט זיך", אַז קיין גרויסע גליקן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד קענען מיר ניט דערוואַרטן. און נאָך עפּעס, פיל מער וויכטיקערס, האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַנעמען, דהיינו: אַז די דערגרייכטע דערפאָלגן שטייען אויך אונטער אַ ספק.

און דאָס האָט אונדז געשראָקן מער פון אַלץ. האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט אין ביראָבידזשאַן ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרויעלע. פאַרוואָס? ווייל אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט, וואָס די פּאַרטיי זאָגט אונדז צו, קען דאָך ניט דראָען אַזאַ געפאַר, ווי דאָ אין אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד. אַ וועלכע געפאַר? די געפאַר, וואָס ווערט אַלץ בולטער: אַז די סאָוועטיש־יידישע קולטור זאָל זיך פּלוצים דערזען אין אַ טעמפּן ווינקל. ס׳קען דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז די פּאַרטיי זאָל "דאָרט" אונדז ניט געבן אַלע מעגלעכקייטן ווייטער צו וואַקסן, אדרבא, דאָרט, און נאָר דאָרט עפענען זיך אַלע טויערן פאַר אונדזער סאָוועטיש־יידישער אייביקער עקזיסטענץ. דאָרט וועלן מיר דאָך אויפהערן צו זיין אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט און אונדז וועט אויפהערן צו דראָען די געפאַר ענדגילטיק אויפגעלייזט צו ווערן ווי אַ פאָלק. דאָרט וועט די פּאַרטיי זיין געצווונגען אויפצוהערן צו טראַקטירן אונדז ווי אַ פּיעשקע אויף איר שאַכמאַט־ברעט, וואָס איר נאָמען קלינגט אַזוי נאָבל און הומאַן — "נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", און דאָס איז געוועזן די סאַמע, סאַמע גרונטיקסטע הויפּט־סיבה.

נאָר לאָמיר פּרווון פונאַנדערשיפּרירן דאָס געזאָגטע און דערציילן וועגן קאָנקרעטע פאַקטן.

ווי סתירותדיק און משונה דאָס זאָל אויבנאויפיק ניט אויסזען, איז עס דאָך אַ פאַקט: די פונאַנדערבליונג פון די יידיש־סאָוועטישע וויסנשאַפטן, ד.ה. דער רעשיקער ווּקס פון די פאַרשערישע אינסטיטוטן פאַר יידישער קולטור ביי דער אַלאוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיעוו, ווי אויך ביי דער ווייסרוסישער אַקאַדעמיע אין מינסק און אויך פון אַנדערע וויכטיקע יידישע בילדונגס און קולטור־אַנשטאַלטן פאַלט צונויף אין דער צייט מיטן ברוטאַלן ליקווידירן אַלע אָן אויסנאַם יידסעקציעס ביי דער פּאַרטיי, ביי די אַדמיניסטראַטיוו — מלוכהשע, און ביי די בילדונגס־אַפּאַראַטן. (דאָס זעלבע געשעט אויך מיט די סעקציעס פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין אייגענע טעריטאָריע).

מיטן ליקווידירן די יידסעקציעס בלייבט די גרויסע נעץ פאַרשידנאַרטיקע יידישע קולטור — און דערציונגס־אַנשטאַלטן: יאַסלעס, קינדער־גערטנער, שולן, טעכניקומס, לערן־אינסטיטוטן, פאָרשונגס־אַנשטאַלטן, טעאַטערס, מוזיק־אַנסאַמבלען, קורסן, קלובן פאַר דערוואַקסענע און יוגנט, די פאַרלאַגן, די ברייט פאַרצווייגטע יידישע פּרעסע — זיי אַלע בלייבן אָן זייער אייגענער אָנפירונג. דאָס אָנפירן מיט די אַלע יידישע אינסטיטוציעס הענגט מען איצט אָן, ווי אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז פון אַלגעמיינעם אַפּאַראַט. דאָס הייסט אויף מענטשן, וואָס האָבן, ווי אַ כלל, קיין באַגריף ניט וועגן דער ספּעציפישקייט פון דער אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג (פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן קיין אַנונג ניט וועגן דער סביבה פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: פּאָליאַקן, בולגאַרן, דייטשן, גריכן א.א.). ווערט די דאָזיקע אַרבעט כמעט הפקר. מיר בייסן די ליפּן און . . . שווייגן, און דאָס האַרץ פּלאַצט שיער ניט פאַר עגמת־נפש.

מיר פּערזענלעך איז דעמאָלט געשען אַ גרויס גליק: כ׳בין דאָך געוועזן דער פּאַרלעצטער פאַרוואַלטער מיט דער גרעסטער יידסעקציע אין אוקראַינע — אין בילדונגס־אָפּטייל פון קיעווער קרייז־אויספּירקאָם, און ווען איך בין אַריבערגעשיקט געוואָרן לערנען אין דער אַספּיראַנטור אין אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור, האָט די פּאַרטיי אויף מיין אָרט אוועק־

געזעצט דעם אראָפּגעבראַכטן פון אומאַנער קרייז גרישאַ ראָזענטול, איז אים באַשערט געווען לויטן באַפעל פון דער פּאַרטיי אין יאָר 1930 מיט די אייגענע הענט צו פאַרמאַכן דאָס קלייטל. וויפל האָט געפעלט, אַז איך זאָל זיך געפינען אויף גרישאַ ראָזענטולס אָרט און זיין דער דירעקטער קברן?... איבערגעבן אַלע ענינים פון דער יידסעקציע אין אַזעלכע פרעמדע גלייכגילטיקע, אַפּטמאָל פיינטלעכע הענט?... כ'בין געבוירן אין אַ הייבל, דער גורל האָט אויך דאָס מאָל מיך אָפּגעהיט פון טיפע איבערלעבונגען. אָבער ביי יעדער באַגעגעניש מיט דעם סימפּאַטישן, זייער פעיקן גרישאַ, פלעג איך זיך פילן שולדיק פאַר אים: "ער קומט אָפּ פאַר מיר"... אגב, האָט אויך אים, דעם לעצטן יעווסעק פון קיעווער בילדונגס־קרייז, די ג. ק. וו. ד. פאַרשיקט אין אַ לאַגער און נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעקומען זיין שטראָף, איז ער געבליבן "לעבן אויף דער פריי" ערגעץ ווייט פון יעדער יידישער קולטור־סביבה.

אונדזער טיף באַהאַלטענע פאַרצווייפלונג בעת די פּאַרטיי האָט מיט איין שטריך פון דער פען ליקווידירט די יידסעקציעס, האָט זיך ניט בלויז באַזירט אויף דעם אומצוטרוי צו אונדזערע נייע בעלי־בתים, מחמת זיי — אין וועמענס הענט עס ווערט איבערגעגעבן דער גורל פון דער יידאַרבעט — פאַרשטייען אין איר ווי אַ האָן אין בני אדם!..

איז מילא, ווערט איר זאָגן, וועלן זיי זיך מיט דער צייט אויסלערנען די אַרבעט צו טאָן. אָבער ניט אין דעם גייט עס. ערגער איז דאָס, וואָס, איידל געריעדט, האָבן די גרעסטע טייל פון זיי אַן אָפענע ביטול־באַציונג צו יידישער קולטור־אַרבעט און אין דער אמתן האָבן זיי פיינט ניט בלויז אונדז, נאָר אונדזער אַרבעט גופא, ד.ה. זיי זענען אַנטיסעמיטן. צי טרייבן מיר ניט איבער? ניין, דאָס איז ניט קיין איבערגעטריבענע נאַציאָנאַלע פילבאַר־קייט, וועלכע די פּאַרטיי האָט אַזוי ניט האָלט. מיר אַלע האָבן דאָך מיט זיי האָנט ביי האָנט יאָרן לאַנג געאַרבעט און קענען זיי ווי אַן אָפּגעריבענעם גראָשן.

די פּאַרטיי באַפעלט אָבער: ניט שווייגן, נאָר ריידן. וואָס ריידן? אויסטייטשן דעם באַשלוס ווי אַ סימן טוב: מיר, די מענטשן פון דער ליקווידירטער יידישער אָנפירונג, דאַרפן אויפקלערן דער וועלט אַז "די יידסעקציעס האָבן שוין אויסגעפירט זייערע היסטאָריש־וויכטיקע אויפגאַבעס, און דערפאַר זענען זיי שוין ניט נייטיק. און אַז אדרבא, די ליקווי־דאַציע באַדייט: די יידאַרבעט גייט אַריבער אויף... אַ העכערן שטאַפּל!" יאָ, יאָ, "אויף אַ העכערן שטאַפּל" — אַזוי האָט מען אונדז באַפוילן טייטשן דעם בראָך. און מיר האָבן עס פּחדניש געטאָן און געזאָגט און געשריבן "באַם" און הגם מיר פילן זיך ווי אויסגע־פּאַטשטע, קנייפּן מיר די באַקן — די פאַרב זאָל שטיין.

אַ לאַנגע צייט נאָך דעם בראָך קענען מיר ניט קומען צו זיך, מיר פילן אַז דאָס שמעקט מיטן אַהייב פון אַ סוף, און דאָך זאָגן מיר "אמן!" אַ דאַנק דעם פריץ פאַרן גנאָד! כ'האָב שוין פריער געזאָגט: די קליגערע, די וויציזכטיקערע צווישן אונדז פאַרגלייכן שוין דעמאָלט, אין יאָר 1930, די פּאַרטיי־פּאָליטיק צו אַ שפּיל אויף אַ שאַכמאַט־ברעט, און מיר זענען אויפן ברעט ניט מער ווי פּיעשקעס, וויל די פּאַרטיי, רוקט זי די פּיעשקע אַהער, וויל זי — רוקט זי די פּיעשקע אַהין, און אַז איר איז דאָס נויטיק, האָט זי איצט די פּיעשקע גאָר אין גאַנצן אַ שליידער אַראָפּ געטאָן פון שפּילברעט!..

איז ווו איז דער אויסוועג פון דער נייער ווירקלעכקייט, וועלכע איז פול מיט געפאַר

פֿאַר דעם ווייטערדיקן קיום פֿון דער יידישער קולטור־בויונג? האָט אונדז דער גוטער גורל אונטערגערוקט אַ רעטונג, ממש אַ נס פֿאַר דעם סאָוועטישן יידנטום: בלויז אין ביראָבידזשאַן וועט זיין דאָס איינציקע אָרט, וווּ די פּראָבלעם "יאָ אַ יידסעקציע? ניט קיין יידסעקציע?" וועט איבערהויפּט ניט עקזיסטירן. דאָרט וועט מען בכלל ניט דאַרפֿן אַזאַ מין אַנשטאַלט, וואָרום מיר וועלן דאָרט אויפֿהערן צו זיין אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט. און די גאַנצע מלוכה אַרבעט און במילא די גאַנצע קולטור־טעטיקייט וועט דאָך דאָרט געפֿירט ווערן אין דער מוטערשפּראַך פֿון סאָוועטישן יידנטום. און דער עיקר שבעיקר — די גאַנצע נאַציאָנאַלע אַרבעט וועט דאָרט געטאָן ווערן מיט אייגענע געטרייע הענט.

און עס צעשפּילט זיך אונדזער פֿאַנטאַזיע: מיר וועלן ניט באַווייזן זיך אַרומצוקוקן, ווי מיר וועלן פֿאַרווירקלעכן אין לעבן דעם צוזאָג פֿון אוהב ישראל קאַלינין, אַז: "וואָס שייך דער פֿאַרוואַנדלונג פֿון דער געגנט אין אַ רעפּובליק, איז עס אַ פֿראַגע פֿון צייט. אויב ס'וועט זיך צונויפֿקלייבן אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַ הונדערט טויזנט, וועט מען קענען פּראָקלאַמירן אויך אַ רעפּובליק". (פֿון קאַלינינס רעדע אויף דער אויפֿנאַמע פֿאַר די אַרבעטער פֿון די מאָסקווער פֿאַבריקן און זאַוואָדן, דעם 28סטן מאַי, 1934).

און צווישן אונדז גערעדט, וואָס פֿאַר אַ ראָל קען שפּילן פֿאַר די, וועלכע האָבן שוין הינטער זיך אַזאַ קאָלאָסאַלע פּראַקטיק פֿון אַרבעט אין דער יידיש־סאָוועטישער סביבה, אַזאַ "קלייניקייט", ווי איבערזידלען אַ הונדערט טויזנט יידן? מיר דאַרפֿן נאָר ניט אַראָפּפֿאַלן ביי זיך, פֿאַרקאַשערן די אַרבל און אויספֿירן קאַלינינס פּלאַן.

❊

אָבער דאָס ליקווידירן די יידסעקציעס איז געווען בלויז איין רינגעלע אין דער גאַנצער קייט פֿון די סיבות, וואָס האָבן אונדזער געמיט געמאַכט שווער און ביטער. מיר זענען שוין גאַרניט געווען אַזוי קורצזיכטיק ווי די פּאַרטיי האָט געמיינט, און עס איז פֿאַר אונדז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די ראַטנמאַכט פֿירט אַזאַ פּאָליטיק, אַז די יוגנט, וועלכע מיר דערציען יאָרנלאַנג אין די יידישע מיטלשולן, זאָל ניט בלייבן ביי זייער יידישער קולטור, נאָר זי זאָל אַוועקגיין פֿון איר, איבערהויפּט די, וועלכע גייען שטודירן אין די הויכשולן.

לאָמיר קלאָר מאַכן ווי אַזוי, מיט וועלכע מיטלען, דער דאָזיקער ציל ווערט דערגרייכט. אין ראַטן־פֿאַרבאַנד האָבן עקזיסטירט יידישע אָפּטיילן בלויז אויף די פּעדאַגאָגישע און ליטעראַרישע פֿאַקולטעטן און אַ יידישער אָפּטייל אין דעם קיעווער טעאַטער־אינסטיטוט אויפֿן נאָמען פֿון ליסענקאָ. אַ ביסל שפּעטער האָט אויך די ניי־פּאָלטאַווקער אַגראַרשול באַקומען רעכט פֿון אַ הויכשול.

אָבער וויפֿל דאַרף מען לערער פֿאַר דעם יידישן שולוועזן? וויפֿל אַקטיאָרן דאַרף מען פֿאַר די יידישע טעאַטערן? און עס זענען קיין שום אויסזיכטן נישטאָ די לאַגע צו ענדערן. ווייל יעדער פּרווו צו ריידן וועגן אָרגאַניזירן יידישע אָפּטיילן אין די טעכנישע, מעדיצינישע און אַנדערע אינסטיטוטן, איז דערשטיקט געוואָרן נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, פֿאַרשריען געוואָרן אַלס יידישער שאָוויניזם.

איז די איבערוויגנדיקע מערהייט אַביטוריענטן פֿון די יידישע מיטלשולן געצוווּנגען ממשיך צו זיין זייער שטודיום אין דער רוסישער, אוקראַינישער אָדער ווייסרוסישער שפּראַך.

אזוי אַרום פאַרלירן מיר אונדזער יוגנט. די צוקונפטיקע אינטעליגענץ ווערט קינסטלעך אָפּגעריסן פון דער יידישער קולטור, סיסטעמאַטיש, טאָגטעגלעך. זי ווערט פאַרפּלייצט, איבערהויפּט פון גרויסרוסישן אַרום, און מיר זענען אַבסאָלוט אָנמעכטיק זי איינצוהאַלטן ביי זיך.

טאָ ווו איז דער אויסוועג? וואָס קען אָפּראַטעווען די יוגנט פון בהדרגהדיקער אַסימי־לאַציע? זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז בלויז און נאָר די יידישע אויטאָנאָמע געגנט. וואָרום ביראָבידזשאַן וועט ווערן דאָס איינציקע אָרט, ווו עס וועט פאַרן סאָוועטישן יידנטום ניט עקזיסטירן די געפאַר פון רוסיפיקאַציע: דאָרט וועלן מיר דאָך בויען די יידישע קולטור אין איר גאַנצן פאַרנעם. דהיינו: פון יאַסלעס, קינדערגערטנער, שולן, ביז אוניווערסיטעטן, פּאָליטעכנישע אינסטיטוטן, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס־אַנשטאַלטן בלויז און נאָר אין דער מלוכה־שפּראַך פון ביראָבידזשאַן, דאָס הייסט אין יידיש. אפילו ווען זי, די פּאַרטיי, וועט עס ניט טאָן מיטן גאַנצן הארצן, וועט זי זיין געצוווּנגען דאָס צו טאָן, גראָד אַזוי ווי זי טוט עס אין אַלע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן.

❋

און דאָ קום איך צו דערציילן וועגן אַן אַנדערער, פיל וויכטיקערער און פיל טראַגי־שערער סיבה פון אונדזער שווערן געמיט־צושטאַנד. ווי האַלטן מיר מיטן יידישן שולוועזן? דאָס הייסט מיט דעם באַסיס, אויף וועלכן עס בויט זיך און דאַרף ווייטער זיך בויען די ברייט־פאַרצווייגטע נעץ פון יידישער בילדונג און קולטור־אַנשטאַלטן? וועלכע פּערספּעקטיוון האָבן מיר פאַר דעם ווייטערדיקן קיום און וווּקס פון דעם באַסיס?

טאָ זאָל קודם כל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אפילו אין דער סאַמע, סאַמע בליצייט פון דעם יידישן שולוועזן, האָבן אַהער פריוויליק און אָפּט מאָל אפילו גערן געשיקט זייערע קינדער בלויז די יידישע אָרעמקייט, איבערהויפּט די שטעטלדיקע איינוווינער, און ביי אונדז אין קיעוו אַ טייל געקומענע פון די קליינע שטעטלעך. להיפּך צו זיי, האָבן אַ גאַנץ באַדייטנ־דיקע צאָל יידישע עלטערן ניט געוואָלט שיקן זייערע קינדער אין די יידישע שולן.

געוויינטלעך, האָבן די עלטערן אָנגעוויזן, אַז די הויפּט־סיבה פון זייער דערווידערן צו שיקן די קינדער אין דער שול מיט דער יידישער אונטעררייכט־שפּראַך איז אַ ריין פאָרמעלע: אירע אַביטוריענטן קענען ניט גענוג רוסיש, אוקראַיניש, אָדער ווייסרוסיש, און דאָס איז פאַר זיי אַ שטערונג אָנצוקומען אין מלוכה־הויכשולן. (אגב, איז דאָס ניט געווען קיין אַלגעמיינער כלל — געווען שולן מיט דער יידישער אונטעררייכטשפּראַך, וועמענס אַביטוריע־נטן האָבן אויסגעצייכנט באַהערשט אויך די מלוכה־שפּראַך).

די גרונט־סיבות זענען אָבער געלעגן פיל טיפער, דהיינו: די טאָגטעגלעכע פּראַקטיק האָט זיי, די עלטערן, געוויזן, אַז אונדזער שול אין דער יידישער שפּראַך קעמפט אַקטיווער און אכזריותדיקער, ווי די ניט יידישע שולן, קעגן דעם חדר, וואָס האָט אַלע יאָרן אומלעגאַל, אין טיפן אונטערגרונט עקזיסטירט דאָ און דאָרט, ניט געקוקט אויף די רדיפות, ניט בלויז קעגן די מלמדים, נאָר אויך קעגן די עלטערן פון די חדר־קינדער.

די שול אין דער יידישער שפּראַך קעמפט דרייסטער און פאַרביסענער ווי די ניט־יידישע ניט בלויז קעגן די רעליגיעזע, נאָר אויך קעגן די נאַציאָנאַלע איינפלוסן, וואָס די

יידישע היים האָט אויף אירע קינדער און זי, די היים וויל זיך פון די דאָזיקע איינפלוסן ניט אָפּזאָגן.

דאָקעגן, די ניט־יידישע שולן פלעגן פירן זייער אַנטירעליגיעזע אַגיטאַציע קודם כל קעגן דער פּראָוואָסלאָוונער רעליגיע. זיי מיידן אויס צו קעמפן קעגן אַזוי גערופענעם יידישן "שימל" אויס מורא, מ'זאָל זיי ניט פאַרשרייען ווי אַנטיסעמיטן, זיי דערקלערן דאָס אָפן אויף פאַרזאַמלונגען.

ס'איז אויך געווען באַוווּסט, אַז דווקא אין די אַנדער־שפּראַכיקע שולן האָט נאָך אַלץ ווי ניט ווי אַ געהיימע ווירקונג אויף זייערע יידישע שילער די חלוצישע יוגנט־באַוועגונג, ניט געקוקט אויף דער שרעקלעכער געפאַר, וואָס דראָט זיי — תפיסה און פאַרשיקונג.

אָט ווו עס זענען געלעגן די גרונט־סיבות פון זייער קעגנערשאַפט קעגן דער יידישער־שפּראַכיקער שול. אָבער אָפן וועגן דעם האָבן זיי פאַר אונדז מורא געהאַט צו ריידן אין זייער שרעק איז געווען אַן אַבסאָלוט באַרעכטיקטע.

אין מיין צווייטן באַנד "אויף וועגן און אומוועגן" אין פּרק "ערשטער פּנים לפנים מיט דער סאָוועטיש יידישער אַרבעט" קען דער לייענער געפינען אַביסל גענויערע ידיעות וועגן דער דאָזיקער פּראָבלעם.

און זאָל דער לייענער ניט פאַרגעסן, אַז די צייטן, ווען מיר האָבן זיך דערלויבט דריקן אויף די דאָזיקע שיכטן זיי זאָלן יאָ שיקן זייערע קינדער דווקא און נאָר אין דער יידישער שול, זענען שוין פאַרביי, און פון יענעם דרוק איז שוין קיין זכר נישט פאַרבליבן. נאָך אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון דריטן יאָר־צענדליק האָבן מיר, ניט רעכענענדיק זיך מיטן ווילן פון די עלטערן, פּראָסט און פּשוט אַריבערגעפירט אין דער יידישער שפּראַך אַ ריי רוסישע, ווייסרוסישע און אוקראַינישע שולן. אונדזער קריטעריע איז דעמאָלט געווען: אויב אין שטוב פון די עלטערן רעדט מען יידיש, זענען זייערע קינדער מחויב צו לערנען אין דער יידישער שול.

ביי אונדז אין קיעוו האָבן מיר דעמאָלט אויף פּאַדאָל, אויף דמיעווקע, דאָס הייסט אין די מיט יידן געדיכט באַוווינטע שטאָט־ראַיאָנען, מיטן הסכם פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־אָנפירונג געעפנט קודם כל שולן מיט דער יידישער אונטעררריכט־שפּראַך, און כמעט מעכאַניש יעדעס יידישע קינד פאַרשריבן אין דער יידישער שול. כדי זיין קינד זאָל אָנקומען אין אַ ניט־יידישער שול האָט דער איינגעשפּאַרטער טאַטע געמוזט פאַרנעמען אַ גאַנצע אינטערווענץ ביי דעם ראַיאָנעם בילדונגס־אָפּטייל, און מערסטנס אַן דערפאָלג. די צאָל רוסישע שולן אין די דאָזיקע יידישע שטאָט־ראַיאָנען איז דאָך געווען אַ מצומצמדיקע און ס'איז פּשוט קיין פּלאַץ אין זיי ניט געווען פאַר די אַלע, וואָס האָבן געשטרעבט אַהין אַנצוקומען. און לאָמיר זיך ניט נאַרן, מ'דאַרף דאָך סוף כל סוף קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן אַריין. אַ באַדייטנדיקע טייל פון דער יידיש־ריידנדיקער באַפעלקערונג האָט אָנגענומען אַלע מיטלען זייערע קינדער זאָלן יאָ אָנקומען אין דער רוסישער שול און בלעצט ברירה אין דער אוקראַינישער. געווען ניט ווייניק פאַלן, ווען ניט בלויז אין די גרעסערע שטעט, נאָר אויך אין שטעטלעך האָבן קינדער, מיט געוואַלד פאַרשריבענע אין דער יידישער שול, ניט געוואָלט איר באַזוכן. פלעגן זיך אָנהייבן געזעלשאַפטלעכע סקאַנדאַלן מיט באַשטראָפן די עלטערן. האָבן זיי אָפט מאָל אָנגענומען די שטראָף און געבליבן ביי זייעריקן.

האָט זיך געשאַפן אין אַ ריי ערטער אַ פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע: די רוסישע שול אין ידישן ראַיאָן איז געווען פול געפּאַקט מיט ידיש רײדנדיקע קינדער, און דער ידישער שול האָט געדראָט פאַרמאַכט צו ווערן, ווייל זי האָט געהאַט האַלב־פּוסטע קלאַסן... יעדעס יאָר האָבן מיר געציטערט: אָט פאַרמאַכט מען נאָך אַ קלאַס און נאָך אַ קלאַס.

וועגן דעם ווידערשטאַנד, וועלכן געוויסע עלטערן שטעלן דער צוואַנגס־ידישיזאַציע, האָט מען אין די ערשטע יאָרן אָפן גערעדט אין די אָנפירנדיקע קרייזן און אויף פּאַרטייישע באַראַטונגען. אָט איז בלויז איין ביישפּיל: "די ידישיזירונג פון די שולן און אַנדערע קולטור־אַנשטאַלטן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן היינטיקס יאָר, איז דורכגעגאַנגען ביי אַ גרויסן ווידערשטאַנד מצד אייניקע גרופּעס פון דער ידישער באַפעלקערונג". (רעזאָלוציע פון דער אַלאוקראַינישער באַראַטונג פון די ידסעקציעס ביי ק.פּ. (ב.)או.כאַרקאָוו, אָקטאָבער 1925).

אָבער דעמאָלט האָט די אָנפירונג מיט דער ידאַרבעט פאַר די פּראָטעסטן קיין מורא ניט געהאַט, וואָרום הינטער דער צוואַנגס־ידישיזאַציע שטייט די פּאַרטיי: "מען דאַרף זיך ריכטן, אַז אויך אויף ווייטער וועלן מיר באַגעגענען אַ געוויסן ווידערשטאַנד. דאָס קען אונדז ניט אָפּהאַלטן פון דער ידישיזירונג... מען דאַרף דערפאַר אַנטוויקלען אַ גרויסע אויפקלער־אַרבעט..." (פון דער זעלבער רעזאָלוציע).

וואָס ביי אונדז האָט געהייסן "אַנטוויקלען אַ גרויסע אויפקלער־אַרבעט" צווישן די ווידערשפּעניקע, דאַרף איך דעם לייענער ניט דערציילן, און מיר האָבן ממשיך געווען די צוואַנגס־ידישיזאַציע.

❀

אַזאַ לאַגע האָט געדויערט אַ היפּשע צאָל יאָרן. אָבער אין משך פון דער צייט זענען די ידישע אָנפאַנג־און מיטל־שולן געוואָרן אַ וויכטיקער ממשותדיקער פאַקטאָר: זיי האָבן זיך בהדרגה איינגעפונדעוועט און געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער יש. אַ נאַציאָנאַלער לויט אונדזער באַלשעוויסטישער איינשטעלונג. אַ יש ניט בלויז אין כמות, נאָר אויך אין איכות. און יאָ, יאָ — ס'איז געווען מיט וואָס זיך צו גרויסן!.. וואָרום דאָס, וואָס עס האָט ניט געקענט מאַכן דער דרוק פון אויבן, האָט געמאַכט די ליבע פון דער ידישער לערערשאַפט. די מסירות־נפשדיקע אַרבעט פון דער מערהייט ידישע פּעדאַגאָגן, די וואַרעמע האַרציקע אַטמאָספער, וועלכע זיי האָבן געשאַפן אין די קינדער־קאָלעקטיוון און זייער באַציונג צו די עלטערן פון דער שול האָבן באַוויזן ממש וווּנדער.

מיין אייגענע אַרבעט, פריער אין די שולן גופא און שפּעטער אַלס אָנפירער פון דער נאַצמינסעקציע אין בילדונגס־אָפּטייל פון קיעווער קרייז, האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קענען פון אינעווייניק ניט בלויז די ידישע אָנפאַנג־און מיטל־שולן. און כ'וואָלט זייער וועלן דער לייענער זאָל ניט טראַכטן, אַז איך טרייב איבער ווען איך דערקלער דאָ מיטן האַנט אויפן האַרצן, אַז בלויז געציילטע אוקראַינישע און רוסישע שולן פון קיעווער קרייז האָבן געקענט קאָנקורירן מיט דער הויכער קוואַליטעט פון דער פּעדאַגאָגישער און דערציערישער אַרבעט אין די שולן מיט דער ידישער אונטעררריכט־שפּראַך. די לערער האָבן דאָ געטאָגט און גענעכטיקט, דאָס איז געזאָגט געוואָרן ניט בלויז וועגן די דערציער פון די

יידישע יתומים־הייזער אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן, נאָר אויך וועגן די לערער פון די יידישע שולן אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אַזעלכע יידישע מיטלשולן ווי די קיעווער 17טע, 5טע, 64טע, 34טע און אַנדערע סיי אין קיעוו, סיי אין די קלענערע שטעט, זענען געוואָרן אַ שם דבר אין דער ניט־יידישער סאָוועטיש־פּעדאַגאָגישער וועלט, אַ מוסטער פון די מאָדערנסטע אינטערעסאַנטע פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן און מעטאָדן, אויך פון קינדערשער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. אויף די אַלגעמיינע לערער־קאָנפערענצן (ראַיאָנישע, שטאָטישע, קרייזישע, רעפּובליקאַנישע) פלעגן זיי געווײנטלעך שפּילן די ערשטע פידל. בהדרגה זענען ניט בלויז די תלמידים, נאָר אויך אַ גרויסע טייל עלטערן געוואָרן צוגעבונדן און איבערגעגעבן צו דער סאָוועטיש יידישער שול.

צו וואָס פאַר אַ יש די יידישע בילדונג־און קולטור־בויונג האָט דערגרייכט אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָב איך דערציילט אין דעם פריער דערמאָנטן קאַפּיטל פון מיין צווייטן באַנד "אויף וועגן און אומוועגן". דאָרט קען דער לייענער אויך געפינען 8 טאַבעלעס, וועלכע ווייזן ווי גרויס עס איז געווען דער כמות פון די פאַרשידנסטע יידישע אַנשטאַלטן ביט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, וועלכע זיי איז אויסגעקומען אויסצושטיין.

טראָץ דעם וואָס אונדזער אָפיציעלע איינשטעלונג איז געווען אויסצוהוילן דאָס יידיש־סאָוועטישע שולוועזן פון דורותדיקן נאַציאָנאַלן אינהאַלט, און די דאָזיקע אַנטי פאָלקישע שעדלעכע אַרבעט האָט זיך אונדז אין אַ גרויסער מאָס איינגעגעבן, האָבן דאָך די סאָוועטיש־יידישע מיטלשולן באַוויזן צו דערציען אַ גאַנצע פּלעיאַדע אַביטוריענטן, וועלכע האָבן ממשיך געווען זייער שטודיום אין די יידישע פאַקולטעטן און אויסגעוואַקסן ווי יידישע לערערס, שרייבערס, זשורנאַליסטן, געזעלשאַפטלעכע טוערס און סתם אַ יידישע יוגנט מיט לייב און לעבן אַ פאַרבונדענע מיט דער יידישער קולטור־בויונג און אַ שטאַרק צוגעבונדענע צו דעם יידישן שולוועזן.

❋

אָבער איצט זענען אָנגעקומען גאָר אַנדערע צייטן און מ׳דאַרף זינגען גאָר אַנדערע לידער, דהיינו: מיר זענען נאָך ניט געקומען צו זיך נאָך דעם שאָק, וואָס האָט ביי אונדז אַרויסגערופן דאָס ליקווידירן אין 1930 יאָר די יידישע סעקציעס, און אין גאַנצן מיט 3 יאָר שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ נייעם גרויסן קלאַפּ און עס האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן אַ נייע שטילע בהלה.

שוין אין יאָר 1933 גיט דער פאָלקאָמבילד אַרויס דעם באַפעל, אַז ניט די אויפנאָם־קאָמיסיעס, נאָר בלויז זיי — די עלטערן — האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען אויף וועלכער שפּראַך זייער קינד זאָל זיך לערנען. אין דער דאָזיקער פאַראָרדענונג ווערט בפירוש געזאָגט אַזוי: "צווינגען עלטערן זיי זאָלן אָפּגעבן זייערע קינדער דווקא אין דער שול, וווּ עס ווערט געלערנט אויף זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך, איז פאַרבאָטן".

די ערשטע פאַר יאָר האָבן די דרייסטערע, דאָרט ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, געמאַכט זיך ניט ווויסנדיק און געאַרבעט לויטן אַלטן סטיל. אָבער בהדרגה, פון יאָר צו יאָר ווערן אַלץ עפּטער און עפּטער די פאַלן, ווען די מיטגלידער פון די אויפנאַם־קאָמיסיעס, וועלכע פּרווון אויסאיבן אפילו דעם מינדסטן דרוק אויף דער יידישער באַפעלקערונג צו שיקן

זייערע קינדער אין דער יידישער שול, ווערן שטרענג באַשטראָפט. קריגסטו איבערן קאָפּ פאַר דעם, וואָס דו האָסט צוגעלייגט אַ האַנט צום "אויפגעבלאָזענעם וווקס פון יידישן שולוועזן". אַזאַ עבירה האָט איצט באַדייט: אַרויפציען אויף זיך אַ פלעק, פאַר וועלכן מיר, יידישע קולטור־טוער, האָבן מורא אימת מוות, ווייל דער נאָמען פון דער עבירה איז "יידישער שאָוויניזם" וואָס מיט קיין שום וואַסערן קאָן מען אים ניט אָפּוואַשן.

איצט האָבן מיר אויף ספּעציעל צונויפגערופענע פאַרזאַמלונגען פון עלטערן, וועלכע דאַרפן פאַרשרייבן זייערע קינדער אין די 1טע קלאַסן, גערעדט אַזוי: די אויפנאַם־קאָמיסיעס האָבן אָפט מאָל פאַרקריפּלט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי — געפּרוווט בייטן די עלטערן אָפּצוגעבן זייערע קינדער אין דער יידישער שול. איצט וועט דאָס שוין מער ניט זיין. די פּאַרטיי וועט שטרענג שטראָפן די שולדיקע.

זאָל דער לייענער נעמען אין אַכט, אַז עס קלאַפּן זיך על חטא די זעלבע טוער, וואָס האָבן ביז אַהער אין נאָמען פון דער פּאַרטיי געפּרעדיקט און געטאָן פּונקט דאָס פאַרקערטע. און כ'מיין אַז ס'איז איבעריק אויך צו זאָגן: אַ שיין פּנים האָבן מיר איצט אין די אויגן פון אונדזערע צוהערער . . .

אויך די פּרעסע, איבערהויפּט די יידישע, אַנטפּלעקט אַלץ אָפטער און אָפטער פאַלן פון אַנטיפּאַרטייישער צוואַנגס־יידישיזאַציע. מיט ציטאַטעס פון לענינען און סטאַלינען ווייזט מען אויף, אַז . . ." אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער יידישער שול האָט געהערשט אַ נאַציאָנאַליסטישע טענדענץ פון צוואַנגס־יידישיזאַציע"; אַז "דאָס איז געווען אַ ווילדע פאַרקריפּלונג" . . . אַז "פאַרן סאָציאַליזם איז דאָס גאָרניט בייטיק און אַז די דאָזיקע פּראַקטיק איז נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטיש און שעדלעך פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". לייענט, ביטע, די לעצטע 6 ווערטער נאָך אַ מאָל: "שעדלעך פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" . . . ניט מער און ניט ווייניקער ! . .

און ס'קומט דער נאַטירלעכער רעזולטאַט! אין פיל, זינט יאָרן איינגעפונדעוועטע יידישע קינדער־גערטנער און שולן, הייבן אָן די ערשטע גרופּעס און קלאַסן, דאָס הייסט די ניי־אָנגעקומענע קינדער, צו לערנען אין דער רוסישער שפּראַך. און בלויז אין די עלטערע קלאַסן בלייבט די אונטעררריכט־שפּראַך ווי פריער — יידיש.

אָבער ווי לאַנג וועט דאָס אָנגיין? דער חשבון איז אַ פּשוטער — אַזוי לאַנג ביז די עלטערע תלמידים, וואָס מען לערנט זיי אין דער יידישער שפּראַך, וועלן ענדיקן די שול. דאָס הייסט, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט די שול, וועלכע האָט היינט בלויז איין און איינציקן רוסישן ערשטן קלאַס, ווערן בהדרגה פאַרוואַנדלט אין אַ רוסישער. און די יידישע קינדער־גערטנער, וואָס היינט האָבן זיי בלויז איין און איינציקע רוסישע גרופּע, וועלן ניט מער ווי אין אַ 2—3 יאָר אַרום פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאַטירלעכן רעזערוו פאַר די רוסישע ערשטע קלאַסן פון דער נעכטיקער יידישער שול.

פּונקט אַזאַ זעלבער פּראָצעס פון דע־יידישיזאַציע גייט אָן און וועט ווייטער אָנגיין אין די יידישע יאַסלעס (דערציונגס אַנשטאַלטן פאַר די גאָר קליינינקע קינדער), וועלכע עקזיסטירן אין אַ גרויסער צאָל ניט בלויז ביי די יידישע קוסטאַרישע קאָאָפּעראַטיוון, נאָר אויך ביי די יידישע פאַבריקן און אפילו ביי די הויז־קאָמיטעטן ("זשילקאָפּן") — זיי וועלן

צושטעלן קינדער אױסשליסלעך פֿאַר די רוסישע ערשטע גרופּעס פֿון די יידישע קינדער־גערטנער.

ביי אונדז אין קיעוו האָט זיך דאָס אַמפּריסטן און אַמבולטסטן אַנטפּלעקט אין די יידישע יאַסלעס, קינדער־גערטנער און אין די מיטלשולן נומ׳25, נומ׳30, נומ׳60 און אפילו אויפן יידישן פּאָדאָל — אין דער מיטל־שול נומ׳9.

פֿון די פּראָווינצער שטעט פֿלעגן אָנקומען אַלץ מער און מער ידיעות וועגן סקאַנדאַלן, וואָס עלטערן מאַכן אפילו דעמאָלט, ווען עס דוכט זיך זיי בלויז, אַז די אויפנאַם־קאָמיסיע וויל מאַכן אַ דרוק אויף זייער אויסוואַל.

כמעט אַלע מיינע חברים לעבן דעמאָלט איבער אַ שווערן מאָראַלישן קריזיס. מען גייט אַרום מיט אַ צעבראָכן געמיט און מ׳האָט מורא פֿאַר די. . . אייגענע אויספֿירן. אָבער עס איז שוין קיין שום צווייפֿל ביי אונדז ניטאָ, אַז די צייט אַרבעט קעגן אונדז, וואָרום אַזאַ איז דער ווילן פֿון דער פּאַרטיי און אַז די פּאַרטיי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז די עלטערנס אינטערעסן פֿאַלן כלומרשט צונויף מיט אירע. פּאַמעלעך און בהדרגה דערגייט שוין צו אונדזערע פּאַרטעמפּטע מוחות, אַז אין דער אונטערשטער שורה איז די פּאָליטיק אירע געווענדעט קעגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון סאָוועטישן יידנטום; אַז דאָס סאָוועטיש־יידישע שולוועזן גייט לאַנגזאַם, אָבער זיכער צום אונטערגאַנג — עס ווערט סיסטעמאַטיש אַרויסגעריסן איין שורש זיינער נאָך דעם צווייטן. שוין אין אָנהייב פֿון דער צווייטער העלפֿט דרייסיקער יאָרן קומט די ליקווידאַציע פֿון די וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישע סאָוועטיש־יידישע אַנשטאַלטן. פֿון יאָר צו יאָר ווערט קינסטלעך איינגעשרומפּן דאָ אַ יידישער קינדער־גאָרטן, דאָרט אַ שול, דאָ אַ פּראָפֿשול, אַ קלוב, אַ טעאַטער א. א. וו., א. א. וו.

צו זייער אונטערגאַנג העלפֿן אַקטיוו צו אַ טייל סאָוועטישע יידן און אויך מיר גופֿא — ווייל מיר, ווי תמיד, פֿירן געהאָרכזאַם אויס, אויך דאָס מאָל, דעם צביעותדיקן באַפֿעל פֿון דער פּאַרטיי, אַזוי ווי עס פּאַסט פֿאַר דיסציפּלינירטע באָלשעוויקעס. אַ גאַנצע פּלעיאַדע אַרבעטסלאָז יידישע לערער זוכט אַרבעט און די ניט־יידישע בילדונגס־אַנשטאַלטן, ווו מ׳נעמט זיי אויף, בדרך כלל, ניט גערן. און די, וועלכע באַהערשן די מלוכה־שפּראַך אין אַניט גענוגנדיקער מאָס, זענען געצוווּנגען זיך איבערצוקוואַליפֿיצירן אין אַנדערע פֿאַכן.

דאָ בעט זיך צו פֿאַרלויפֿן אַביסל פֿאָרויס און זאָגן, אַז דער ביטערער סך הכל האָט ניט געלאָזן לאַנג וואַרטן אויף זיך: ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז שוין געווען גאַנץ שיטערלעך די נעץ פֿון יידישע בילדונגס און קולטור — אינסטיטוציעס און אַ טייל אָנפֿירער אירע פֿאַרשיקט אין די לאַגערן. זעלטן ווער איז צוריק אַהיים געקומען.

אָבער דער ענדגילטיקער סוף איז פֿינצטערער און ביטערער, ווי אונדזער פֿאַנטאַזיע איז בשעתו געווען מסוגל פֿאָרויס־צו־זען ווען מיר — מיין ניסן און איך — האָבן אין 1958 יאָר פֿאַרלאָזט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט דאָרט קיין איין יידישער קולטור־אַנשטאַלט ניט עקזיסטירט און קיין איין יידישער געדרוקטער אות האָט ניט דערזען די ליכטיקע שיין.

אָבער לאָמיר צוריקגיין צו יענע יאָרן, וועגן וועלכע עס גייט אַ רייד אין דעם פּרק.

❀

דאָ, מיין איך, איז דער פּלאַץ צו זאָגן, אַז זינט איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן זכרונות וועגן מיין מיטבאַטייליקונג אין דער סאָוועטיש־יידישער קולטור־בוינג, פיל איך אַ געפאַר, וואָס הערט ניט אויף צו לויערן אויף מיר, נעמלעך: אַז לייענענדיק מיינע שילדערונגען וועגן אונדזערע טווּנגען, זאָל דער לייענער ניט באַקומען דעם איינדרוק, אַז איך וויל ריינוואַשן זיך און אַזעלכע ווי איך.

כ'וויל ניט און ס'וואָלט נאַריש געווען צו ווייזן אונדזער דעמאָלטיקע ווירקלעכקייט אַזוי, אַז פון איין זייט איז געווען עפּעס אַ העכערע ניט דערגרייכבאַרע אינסטאַנץ (וואָס איר נאָמען איז דער צ. ק. פון פּאַרטיי און די נ.ק.וו.ד.), וועלכע איז שולדיק אין אַלע באַגאַנגענע פאַרברעכנס לגבי דעם סאָוועטישן יידנטום, און פון דער אַנדערער זייט — מיר, פּאַרטייער און אומפּאַרטיישע ייד־טוער, וועלכע זענען כלומרשט געווען די אומשולדיקע נעבעכלעך, שיער ניט קרבנות, וואָס האָבן קעגן זייער ווילן אויסגעפירט די באַפעלן פון אויבן.

ווייל אין דער אמתן זעט די ווירקלעכקייט אויס אַזוי: מיר אַלע אָן אויסנאַם, פון גרויס ביז קליין, האָבן געטאָן איין און די זעלבע זאַך: פריער, אין די ערשטע יאָרן דורכגעפירט די קינסטלעכע עקספּאַנסיע פון דער יידישיזאַציע צווישן אַ היפּשער טייל באַפעלקערונג, וואָס האָט עס ניט געוואָלט, און שפּעטער, ווען די פּאַרטיי האָט געזאָגט "סטאָפּ!", האָבן מיר פונקט אַזוי געהאָרכזאַם זיך באַמיט דורכצופירן די נייע ליניע פון "השיבינו נאַזאַד" פון דער פאַרצווייגטער בילדונגס־נעץ, וועלכע האָט זיך שוין אין אַ גרויסער מאָס געהאַט איינגעפונדעוועט אין דער יידישער סביבה און געהאַט אויסזיכטן ווייטער זיך צו אַנטוויקלען ביי דער געהעריקער שטיצע פון דעם צ.ק.

זאָל זיין אַז דאָס לעצטע — דאָס רוינירן — האָבן מיר געטאָן ניט גערן, מיט ווייטיק אין האַרצן, אָבער ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז געטאָן האָבן מיר דאָס לגמרי אָן יעדן פּרווו זיך אַנטקעגנצושטעלן. מיר האָבן געהאָרכזאַם מיט אייגענע הענט, שטופנווייז געמאַכט פאַרשווינדן דאָס, וואָס מיר האָבן מיט אונדזערע אייגענע הענט, ענטוזיאַסטיש מיט אַזוי פיל מסירת נפש אויפגעבויט.

פונקט אַזוי ווי מיר האָבן זיך פריער געהאָרכזאַם אַדער מיט פרייד געדראַפּעט באַרג אַרויף, האָבן מיר איצט אמת, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, מיט שנעלע טריט זיך אַראָפּגעלאָזן פון באַרג אַלץ טיפער און טיפער צום תהום.

און, כ'האָב דאָס שוין פריער געזאָגט — ס'איז גאָרניט אַזוי שווער צו קומען צום אויספיר, אַז עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין. וואָרום אַלע זענען מיר געווען דערצויגן אין דער צביעותדיקער סיסטעם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

קיין סימן פון ווידערשטאַנד! קיין איין פאַל פון אָפּגעבן דעם פּאַרטיי־בילעט איז מיר ניט באַוווּסט. בלויז עטלעכע זעלבסטמאָרדן פינקלען אַרויס אויפן פינצטערן הימל פון אונדזער מחנה פריוויליק פאַרשקלאַפטע יידיש־סאָוועטישע קולטור־בויער. היינט, אַז איך קוק פון דער ווייטער פּערספּעקטיוו אויף זיך און אויף אַלע מיינע חברים, זע איך נאָך עפּעס: מיר זענען דאָך שוין דעמאָלט — אפילו אין די "בליענדיקע צייטן פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור" פאַקטיש געווען ניט בלויז פּחדנים, נייערט אויך טראַגישע געשטאַלטן, וואָס האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען אַבסאָלוט גליקלעך. דערצו נאָך האָבן

מיר דעם אָנשטעל געמאַכט ניט בלויז פאַר דעם פיינטלעכן יידישן דרויסן, דאָס הייסט פאַר יענער זייט מערב־גרענעץ, נייערט אויך פאַר דער אייגענער יידישער באַפעלקערונג, און נאָך מער — אפילו איינער פאַרן אַנדערן האָט מען געמאַכט דעם אָנשטעל — אויב דער אַנדערער איז ניט געווען דיין לייבלעך נאָענטער, מיט וועלכן דו האָסט ניט מורא צו ריידן אָפענע אַפּיקורסישע רייד.

כ'וויל ביים לייענער ניט אַרויסרופן קיין רחמנות צו אונדז, ניין, חלילה! דאָס וואָלט, אגב, געווען קאָמיש און נאַריש. כ'וויל נאָר פעסטשטעלן, אַז די, וועלכע האָבן אַ מאָל געהערט צו די שענסטע, ערלעכסטע פּערזענלעכקייטן האָבן, אַריינטרעטנדיק אין דער קאָמפּאַרטיי, זייער אָפט געפּרעדיקט ניט דאָס, וואָס זיי האָבן געטראַכט, דאָס הייסט — אויף פּראָסט לשון — געזאָגט ליגן. אַ טייל האָט עס געטאָן אין נאָמען פון דעם גרויסן אידעאַל, אין וועלכן זיי האָבן נאָך אַלץ געגלויבט. אַנדערע — אין נאָמען פון באָלשעוויסטישן טעזיס, אַז דער ציל הייליקט אַלע מיטלען. נאָך אַנדערע — אויס מורא פאַר זייער אייגענעם לעבן און פאַרן לעבן פון זייערע נאָענטע. געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן ניט געוואָלט פאַרלירן די גוטע פּאָסטנס זייערע.

אָבער אונדזער ראָל האָלט די פּאַרטיי נאָך ניט פאַר קיין פאַרענדיקטע. זי, דאַרף אונדז נאָך האָבן, דערפאַר האָט זי אונדז צוגעוואָרפן אַ ביי צוקערלעקעכל, וואָס איר נאָמען איז ביראָבידזשאַן.

קולטור־כראָניק

לזכר שלום אַשן

דעם 11טן יולי איז אין בית שלום אַש אין בת־ים פאָרגעקומען אַן אָונט געווידמעט דעם שרייבער שלום אַש צו די 25 יאָר נאָך זיין פּטירה.

אינעם אָוונט, אויף וועלכן ס'איז אָנוועזנד געווען שלום אַשס טאָכטער, רות שאַפּער, האָבן זיך באַטייליקט דער ראש העיר פון בת־ים מנחם ראָטשילד און די שרייבערס מרדכי צאַנין און שמעון קאַנץ.

אזכרה נאָך חיים גראַדען

דעם 19טן יולי איז אין בית לייוויק אין תל־אביב פאָרגעקומען אַן אזכרה נאָך חיים גראַדען ז״ל. וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסן דיכטער האָבן גערעדט אברהם סוצקעווער, ש. ל. שניידערמאַן און יצחק יאַנאַסאָוויטש.

אָוונט געווידמעט די שאַפונגען פון יצחק באַשעוויס

דעם 27טן יולי איז אין בית התפוצות אין תל־אביב פאָרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט די שאַפונגען פון י. זינגער־באַשעוויס. ס'זענען אַרויסגעטרעטן די שרייבערס ד״ר י. ח. בילעצקי, אַ. ליס און מ. צאַנין.

דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם בית התפוצות בשותפות מיטן וועלטראַט פאַר יידיש און יידישן קולטור.

בר עוזי

פאַר ניט אויספּילן דעם פּלאַן...

(פון מיינע זכרונות)

שוין 3 טעג ווי די שכנותדיקע טויט־קאַמער נומער 50 איז געבליבן ליידיק. מיט יענעם טויט־פאַרמישפּטן, וועלכע מ'האָט אַוועקגענומען, האָבן מיר בשום אופן נישט געקענט אָנקניפּן קיין פאַרבינדונג. וויפל מיר האָבן נישט געפּרוווט סיגנאַליזירן קלאַפּנדיק צו אים דורך די ווענט — האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט פון מאָל צו מאָל געגעבן אַ קלאַפּ אין וואַנט צו אונדז אָבער דאָס קלאַפּן זײַנס האָט ניט געהאַט קיין זין. ער האָט פּשוט נישט געוווּסט דעם תפיסה־אלף בית. מיר האָבן נאָר געהערט זײַנע אומרויִקע טריט אין קאַמער, שטילע וועגדונגען צום נאַדזיראַטעל (אויפזעער) און אייניקע באַוועגונגען.

אונדזער אינטערעס איז שטענדיק געווען, קודם כל, וויסן ווער סע זיצט און פאַר וואָס האָט ער באַקומען טויט־שטראָף? איך וויל צוגעבן אַז זעלטן האָט זיך אונדז נישט אײַנגעגעבן האָבן פאַרבינדונג מיט די צום טויט־פאַרמישפּטע, אָבער דאָ איז ווי דער שטן וואָלט מקטרג געווען.

מיר האָבן געפּרוווט געבן אָנצוהערן "אונדזערן" (אַ נאַדזיראַטעל, וואָס האָט זיך צו אונדז באַצויגן מענטשלעכער ווי אַלע איבעריקע), אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און ווי ס'וויַיזט אויס, האָט ער טאַקע נישט געקענט איבערגעבן. זײַן מורא איז געווען גרויס איבערהויפּט פאַר די אַרײַנגעשיקטע פּראָוואָקאַטאָרן אין קאַמער, וועמען ער האָט ווינציקער געטרויט ווי אונדז — מיר די שטענדיקע "אײַנוווינער" פון דער 51־טער קאַמער. מיר האָבן זיך כסדר אָנגעשטרענגט הערן דעם שכנס קול, ווען ער האָט זיך געווענדעט צום נאַדזיראַטעל נאָך עפּעס, אָבער אויך דאָס האָט זיך אונדז נישט אײַנגעגעבן, כאָטש דאָס געשפּרעך צווישן זיי איז פאָרגע־קומען נישט ווײַטער ווי 2—3 מעטער פון אונדזער טיר. די נאַדזיראַטעלעס האָבן שטענדיק געוווּסט, אַז מיר — "בײַגעריקע" שטרענגען אָן דאָס געהער בײַ דער סאַמע טיר כדי עפּעס צו דערהערן, כדי כאָטש עפּעס וואָס פאַרשטיין. דער טורמע־געזעץ וועגן אָפּהיטן די שטילקייט איז געווען חל אויף זיי אויך און דעריבער איז יעדער געשפּרעך געווען קוים צו הערן.

העכער 2 וואָכן איז ער אָפּגעווען אין דער 50סטער טויטן־קאַמער און מער ווי זײַנע טריט און שטילע באַוועגונגען האָבן מיר קיין מאָל גאָרנישט געהערט. געוווּסט האָבן מיר וועגן אים, אַז ער איז אַ רויכערער און זײַן שטימע איז אַ באַסאָווע, לויט דעם ווי ער פּלעג רעדן צום נאַדזיראַטעל. דער לעצטער האָט אים כסדר געריבן שוועבעלעך און צוגעטראָגן צום פענצטערל כדי ער זאָל פאַררויכערן. ווי דערמאָנט,

איז ער שטיל בײַ נאַכט אַרויסגעפירט געוואָרן פון קאַמער מיט 3 טעג צוריק און אַזוי איז ער טאַקע אַוועק פון אונדז אין דער אייביקייט...

איין מאָל אין אָוונט האָבן מיר דערהערט ווי מען האָט אויפגעשלאָסן די טיר פון דער 50סטער טויטן־קאַמער און אַ נײַער קרבן איז אַרײַנגעלאָזט געוואָרן. ס'האָבן זיך געהערט שטימען אין קאָרידאָר, דאַכט זיך שטרענגע און נישט צופרידענע.

ווי נאָר די טיר פון קאַמער האָט זיך פאַרמאַכט אַזוי, האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שווערע טריט אין דער לענג פון דער טיר צום פענצטער און צוריק. ער איז אַרומגעגאַנגען גיך און נערוועז... אפשר וועט זיך אונדז דאָס מאָל אײַנגעבן וויסן ווער דער קרבן איז? ביז אין די שפּעטע שעהן איז דער "שפּאַציר" אָנגעגאַנגען. מיר האָבן באַשלאָסן גלײַך נישט אָנקלאַפּן ביז ער וועט זיך אַ ביסל באַרויִקן און טאַקע אויך אין אַ מער פּאַסיקן מאָמענט ווען "אונדזערער" וועט הײַנט קומען דיזשורירן אָדער בײַ אַנדערע אומשטענדן. בײַ אונדז איז שוין געווען אײַנגעפירט, אַז ווען מען דאַרף זיך אַדורכקלאַפּן איז בעסער דאָס טון בײַ טאָג ווען דער רעש אין גאַס אָדער אין אונדזער קאָרידאָר ווענדן אָפּ דעם נאַדזיראַטעל (איבערהויפּט אין דער צײַט פון צעטיילן דאָס עסן, ווען ער מוז בײַזײַן בײַ די דערווייטערטע פון אונדז קאַמערן). דאַן שטעלן זיך צו דער טיר 2 פּערזאָן און הערן זיך צו צום געוויש פון קאָרידאָר און פאָלגן נאָך די באַוועגונגען פון נאַדזיראַטעל און אויב ער געפינט זיך שוין אין צווייטן עק פון קאָרידאָר — דאַן דערלאַנגען די "וועכטער" אַ סיגנאַל מיטן פינגער און איך מאַך דעם "אַרויסרוף" (דאָס איז די ערשטע פּראָבע) און אויב ער ענטפערט מיט אַ קלאַפּ, וואָס באַטײַט — "פאַרשטאַנען, איך הער אײַך" איז אַ סימן אַז ער ווייסט די תּפיסה־שפּראַך און דער קאָנטאַקט איז אָנגעבונדן און דאַן בלײַבט זוכן אַ געלעגנהייט צום איבערקלאַפּן זיך בײַ פּאַסיקע אומשטענדן. אין אַזעלכע פאַלן זענען ביידע צדדים אין שטענדיקער גרייטקייט, וואַרטנדיק אויפן קלאַפּ בײַ דער ערשטער געלעגנהייט.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט אונדזער אומבאַקאַנטער שכן פון דער 50סטער אַרויסגעוויזן מער אומגעדולד ווי מיר און געפּרוּווט כסדר אונדז אַרויסרופן, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער צײַט און דווקא דאַן ווען מיר האָבן אים נישט געקענט ענטפערן (ווי אַ "נײַעם" זענען אים נאָך נישט באַוווּסט געווען די אומשטענדן, און אפשר איז אים יאָ באַוווּסט געווען ווי אַ "געניטן" אָבער נישט געוווּסט אַז מיר זענען שכנים נישט קיין פאַרמישפּטע צום טויט דערווײַל און טאַקע דאָס, וואָס ער קען זיך דערלויבן — קענען מיר נישט). מיר האָבן אים שטילערהייט געגעבן אָן ענטפער, אַז ער זאָל וואַרטן נאָר אונדזער אַרויסרוף און אַליין נישט קלאַפּן.

אין אַ גינסטיקן מאָמענט אין עטלעכע שעה אַרום, אָננעמענדיק אַלע פאָרויס־געזעענע שריט, האָבן מיר געמאַכט דעם אַרויסרוף שטעלנדיק די ערשטע פראַגע ווער ער איז, און מיר האָבן גלײַך באַקומען אַן ענטפער:

— מײַן נאָמען איז יעפימענקאָ. מיט 2 טעג צוריק באַקומען טויט־שטראָף. ווער זענט איר? — האָט ער ווײַטער געפרעגט.

— מיר זענען נאָך אויף אויספאָרשונג, אָבער מיר אינטערעסירן זיך מיט אײַער גורל ווי מיטן גורל פון אַלע די, וואָס פאַלן אַרײַן אַהער.

מיר האָבן געמוזט מאַכן אַן איבערײַס. דער נאַדזיראַטעל האָט, ווײַזט אויס, עפּעס דערשנאַפּט און זיך אָנגעהויבן דערגענטערן צו אונדזער טיר. דאָס האָט אונדזער שכן מסתּמא אויך דערהערט און פאַרשטאַנען אַז אונדזער מורא איז גרעסער פון זײַנער.

דער פאַמיליען־נאָמען יעפימענקאָ האָט אונדז דערוויַיל גאָרנישט געגעבן אויף מאַכן וועלכע ס׳איז אויספירן. דער פאַמיליען־נאָמען איז אַן אוקראַאינישער און איז זייער פאַרשפּרייט, און דאָך האָט יעדער פון אונדז געמאַכט אַן איבערזיכט צי איז צווישן זײַנע פרײַנד און באַקאַנטע, וואָס איז מעגלעך צוגענומען געוואָרן, פאַראַן עמעצער מיט אַזאַ פאַמיליע.

ווי נאָר איך האָב דערהערט דעם נאָמען האָב איך זיך גלײַך דערמאָנט דעם באַקאַנטן יעפימענקאָ פון סאָווכאָז "באַטראַק" — פּעטריקאָווסקער ראַיאָן (30 קילאָ־מעטער פון אונדז) וווּהין איך בין אָפט געפאָרן אין קאָמאַנדירונג און וועלכער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער שיכּור און איז צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרט־לעכקייט דורך דער מיליץ פאַר אָנגענומען אַרבעטער אין סאָווכאָז נישט גענוג "דורכ־קאָנטראָלירטע", וועלכע זענען בשעת אַן אַבלאַווע בײַ נאַכט דורך מיליץ און נקוד געפינען געוואָרן (פּונקט אין דער צײַט בין איך אין סאָווכאָז געווען). מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס איז זיכער דער זעלבער יעפימענקאָ. אָבער פאַר וואָס קומט אים טויט־שטראָף ?

איך האָב זיך געטיילט מיט די קאַמער־חברים וועגן דעם, געהאַט אַ מיינונגס־אויסטויש, אָבער אויך אַנדערע האָבן געהאַט צווישן זייערע באַקאַנטע דעם זעלבן פאַמיליען־נאָמען וועגן וועלכע מ׳האָט געקענט קלערן אַז דאָס איז איינער פון זיי.

די אומשטענדן האָבן די נאַכט שוין מער נישט דערלויבט איבערקלאַפּן זיך און ס׳איז אויסגעקומען מיט אומגעדולד וואַרטן אַ צווייטע געלעגנהייט.

ווי איך האָב שוין אונטערגעשטראָכן איז אין הלכות אויפכאַפּן דעם תּפיסה־אַלף־בית בין איך געווען מער בקי פון אַנדערע (דאָס האָט מיר אויסגעלערנט אַלעקסאַנדער געאָרגיעוויטש סאַכנאָווסקי — אַ פאַרמישפּטער אינזשענער אין 1928 יאָר אויפן פּראָצעס פון די אַזוי גערופענע "קוילן־גרובן שעדיקער" אונטערן נאָמען "שאַכטינסקאַיע דעלאָ" אויף 10 יאָר תּפיסה. נאָכן אָפּזײַן דעם טערמין האָט מען אים איצטער נאָך אַ מאָל צוגענומען און זיצט איצטער מיט אונדז אין קאַמער). דעריבער בין איך געווען אין אונדזער קאַמער סײַ דער אויפנעמער און סײַ דער איבערגעבער פון אַלע נײַעסן. געהערט האָב איך פיל מאָל מיט דער הילף פון אַן עמאַל־טעפּעלע דאָן ווען מען האָט געדאַרפט אויפנעמען פון ווײַטערע קאַמערן.

מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט די מעגלעכקייט ממשיך זײַן אונדזער איבערגעריסענעם געשפּרעך. איך בין זיכער געווען אַז דאָס איז מײַן יעפימענקאָ און אַז טויט־שטראָף האָט ער באַקומען פאַר אַן אַנדער חטא. איך בין געווען גרייט שטעלן אים די ערשטע פראַגע צי איז ער פון סאָווכאָז "באַטראַק". ווען די מעגלעכ־

קייט האָט זיך סוף סוף באַוויזן איז דאָס טאַקע געווען מײַן ערשטע פּראַגע, צי ער איז פון „באַטראַק״?

— ניין — האָט ער געענטפערט — איך בין פון דער שטאָט סינעלניקאָווא (40 קילאָמעטער פון אונדזער שטאָט מיט אַ גרויסן אײַזנבאַן־קנופּ).

— פאַר וואָס האָט איר באַקומען טויט־שטראָף?

— פאַר נישט אויספּילן דעם פּלאַן.

— אַזעלכעס האָבן מיר נאָך נישט געהערט. דערקלערט אונדז דײַטלעכער וואָס פאַר אַ פאַך האָט איר און ווו האָט איר געאַרבעט?

— איך בין אַן אַלטער טשעקיסט און אַלע יאָרן געאַרבעט אין די זיכערהײַטס־אָרגאַנען און אויך איצטער האָב איך געאַרבעט אַלס שעף פון סינעלניקאָווער נקווד־אָפּטייל און אַלס אַזעלכן האָט מען מיר אַרעסטירט און פאַרמשפּט צו טויט־שטראָף.

מיר זענען ממש איבערראַשט געוואָרן פון זײַן ענטפער. וואָס איז דאָס? וואָס קען דאָס באַדײַטן? צי איז דאָס אמת אַז אויך „זיי״ נעמט מען? און דאָס איז טאַקע געוואָרן אַ טעמע צום באַהאַנדלען.

אויב דאָס איז אמת — האָבן מיר געטראַכט — איז עס דאָך אַ פאַקט פון אַן אויסערגעוויינלעכער באַדײַטונג. אָבער צי זאָגט ער טאַקע אמת?

מיר האָבן זיך תיכף באַמיט דורך די באַהייצונגס־באַטאַרייעס איבערגעבן אין אַנדערע קאַמערן און אויך איבערגעבן די ידיעה אין דורכגאַנגס־צימער־„וואָקזאַל״. נאָך דעם איז דאָס געוואָרן אַ טעמע פאַר דער גאַנצער תּפיסה.

איך וויל צוגעבן אַז דאָס איז געווען אין מיטן חודש נאָוועמבער גלײַך נאָכן 20־טן געבורטס־טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע און נאָכן שוין דערמאָנטן באַזוך בײַ אונדז פונעם געהילפט־פּראָקוראָר פון ראַטנפאַרבאַנד — ראַגינסקי ימ״ש און מיר האָבן שוין דעמאָלט נישט נאָר געוווסט, נאָר אויך געפילט וואָס הייסט אַ „פּלאַן״ אין די באַדינגונגען פון נקווד און דאָך האָבן מיר באַשלאָסן נישט ווײַטנדיק מאַכן זיך און בײַם נאָענסטן אַרויסרוף פרעגן בײַ יעפימענקאָ וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו אים אַ וועלכער ס׳איז פּלאַן און וואָס פאַר אַ „פּראָדוקציע״ האָט ער פּלאַ־נירט? מיר האָבן אים וועגן דעם אָנגעפרעגט. ס׳האָט זיך געפילט אין דעם אומבאַ־קאַנטן יעפימענקאָ, אַז ער איז גרייט אַלץ „אַרויפלייגן אויפן טיש״ און דערציילן פאַר זײַן טויט וואָס מער און אַלץ וואָס האָט אים „געקוועטשט״. אָבער די שטרענגע באַגרענעצטקייט פון דורכקלאַפּן זיך האָט פיל געשטערט און דאַן האָט ער אונדז געענטפערט קאָנקרעט, אַז ער האָט נישט אויסגעפילט דעם פּלאַן פון אַרעסטירן די צאָל „פאַלקס־פײַנט״, וואָס איז „פאַרפּלאַנירט״ געווען פאַרן סינעלניקאָווער ראַיאָן. אַ דאַנק — איז ער ממשיך — דער געקומענער פּראָסטיטוטקע (געמיינט ראַגינסקין) פון מאָסקווע, איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיט נאָך 2 שעפן פון אַנדערע ראַיאָנען, וואָס האָבן אויך געטיילט מיט אים די זעלבע שטראָף.

ווען מיר האָבן בײַם ווײַטערדיקן איבערקלאַפּן זיך געבעטן דערקלערן וואָס קומט פאַר אויף דער „פרײַער גאַס״ און ווי אַזוי דאַרף מען פאַרשטיין די שרעקלעכע

סיטואַציע לויט זײַן מיינונג ווי אַ שעף פֿון אַ ראַיאָן נקוד־אַפּטיילונג — האָט ער געבעטן אַנטשולדיקונג פֿאַרן גראָבן אויסדריק און געענטפֿערט מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער:

קאַראָווע מעטשאָט / ביק רעוויאָט /קטאָ קאָווע יעבּיאָט /
סאָם טשאָרט ניע ראַזבעריאָט.

אין 2 טעג אַרום איז ער בײַ נאַכט אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון זײַן קאַמער.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אַהיים נאָכן אָפּזיצן מײַן טערמין — בין איך ספּעציעל צוגעפֿאָרן קיין סינעלניקאָווא און זיך אינטערעסירט וועגן דער פּערזענלעכקייט. צום באַדויערן האָב איך קיינעם פֿון זײַן משפּחה נישט געפֿונען ווײַל זיי זענען אַרויסגעפֿאָרן. וועגן יעפּימענקאָ האָט מען מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך געפֿירט אין זײַן אַמט אַ ביסל אײַנגעהאַלטענער אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע שעפֿן פֿון דערבײַיִקע ראַיאָנען און דאָס האָט, ווײַזט אויס, געהאַט אַ השפּעה אין יענער צײַט און אים דערפֿירט צום פּסק פֿון טויט־שטראָף.

נאָוועמבער 1937 ב.ש

אַן אָוונט לכּבֿוד דעם שרײַבער מאיר יעלין

צום דערשײַנען פֿון זײַן בוך "די מיראַזשן פֿון דעם אַמאָק־לויפֿער אָסקאַר גריק", איז פֿאָרגעקומען אין חיפֿה, אין פּעוזנער־זאַל, אָרגאַניזירט פֿון "אַרבעטער־רינג" צוזאַמען מיט דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט און חיפֿה׳ר שרײַבער־גרופּע. נאָך דעם דערעפֿענונגס־וואָרט פֿון מ. קראַשניץ, האָט וועגן דעם שרײַבער און זײַן שאַפֿן רעפֿערירט אדם שטיינ־ברעכער, און דער מחבר האָט געלייענט אייניקע דערציילונגען פֿון זײַן בוך. אין קינסטלע־רישן טייל איז אויפֿגעטראָטן די זינגערין זשעני קעסלער.

זונטיק דעם 30טן מאַי איז פֿאָרגעקומען אין זעלבן־קלוב אַן אָוונט געווידמעט די שאַפֿונגען פֿון יצחק מרוז. עס האָט רעפֿערירט וועגן אים י. גינת, און פֿון זײַנע שאַפֿונגען האָט געלייענט ישׂראל פּענסטער.

חיים מאַלטינסקי

סע בלענדן אויף אין מײַן זכרון

1. די שוואַרצע צעטלען...

עס איז מיר שוין געגאַנגען דאָס זיבעצנטע יאָר. ס׳וואָלט געוויס געווען גוט אָנצוקומען לערנען זיך אין איינער פון די פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שולן, וועלכע האָבן זיך דאַן געגומען גריגדן, למשל, אין דער מעטאַליסטן־שול, אָדער האָלץ־באַאַרבעטונג־שול. נאָר איך בין ניט געווען זיכער אין זיך, ניט מיט מײַן שלעכ־טער ראיה און ניט מיט מײַנע ״ליימענע הענט״, דערצו בין איך געווען, ווי מײַן מאַמע פלעגט מיך רופן ״אַ גרינגער טויז״ — דאַר און קוואַר. אָבער אויסער דעם זענען געווען נאָך וויכטיקערע מניעות; אין די דאָזיקע פּראָפּטעכשולן און אין אַנדערע טעכניקומס האָט מען אין דער ערשטער ריי צוגענומען די קינדער פון אַרבעטער און מײַן סאָציאַלע לאַגע איז געווען ניט אַזאַ געהויבענע. דאָס וואָס איך האָב יאָ געהאַט אַ שטיקל יחוס איז דאָס, וואָס איך בין אַ קאָמסאָמאָליעץ, האָב איך אָבער וועגן דעם צו הויך ריידן ניט געקאָנט און דער באָדן אונטער מײַנע פיס איז געווען אַ גאַנץ וואַקלענדיקער. אַ שטענדיקע מורא האָט געלויערט איבער מיר, און כאָטש עס איז שוין אַ פּאָר יאָר געווען אַוועק, זינט מײַן מאַמע האָט איר קלייטל אויפן מאַרק צוגעשלאָסן. די ליידיקע פלעשער, די הילצערנע קאָלירטע פּויערשע לעפל און די עטלעכע פונט הייוון, האָבן בשום אופן ניט געקענט ברענגען אַזוי פיל רווח, עס זאָל קלעקן אויף אויסצוהאַלטן די גרויסע שטײַערן, וואָס דער ״פינאָטדעל״ האָט אויף דער מאַמען אַרויפגעלייגט. זי האָט זיך נאָך אין משך פון אַ יאָר צײַט געראַנגלט, געמאַטערט און איז געצוווּנגען געווען דעם פּאַטענט אויף צו האַלטן דאָס כמעט פּוסטע נעבעכדיק קרעמל צוריק אָפּצוגעבן דעם ״פינאָטדעל״. אָבער איר שם פון אַ קרעמערקע פון אַ ״ניע טרודאָוואָי עלעמענט״ — אָט די סאָציאַל־מיאוסע זוואַניע איז בײַ איר פאַרבליבן און ווי אַ שענדלעכע צרעת פאַרשפּרייט זיך איבער אונדזער משפּחה. און ווען מען האָט אויף אַלע פאַרקאַנעס און פּלויטן פון וויטעבסק פונאַנדערגעקלעפּט די ״שוואַרצע צעטלען״ פון די ״לישענצעס״, בין איך און מײַן מאַמע געווען אין איינע ציטערנישן, כאָטש מיר האָבן וועגן דעם צווישן זיך ניט גערעדט, נאָר אין אונדזער ביידנס בליקן איז דער אומרו געוואַקסן... מײַן שוועסטער פריידל, וואָס איז פון מיר יינגער געווען אויף אַ יאָר, האָט די מאַמע באַצײַטנס אַוועקגעשיקט קיין לענינגראַד, ווײַטער פון דער ״מגיפה״ צו איר שוועסטער, צו דער מומע ציליען. פריידלען האָט מען מיטגעגעבן מיט זיך אַ נאַטאַריאַלע קאָפּיע פון אונדזער טאַטנס איבערגעבליבענעם פּאַס, נאָך

פון פאַר דער רעוואָלוציע. דאָרט איז שוואַרץ אויף ווײַס געווען פאַרשריבן: אַ שירעם-מאַכער, אַ בעל־מלאכה. דאָס האָט געלאָזט זיך אויסטײַטשן — "קוסטאַר־אָדינאָטשקאַ", קיין אַרבעטער ניט געהאַלטן. דאָס איז שוין אין דעמלטיקער געפּער־לעכער צײַט געווען אַ שטיקל יש און פון דער ווײַטן אין לענינגראַד, איז געווען אַ מעגלעכקײַט (אויב קיינער וועט ניט מסרן) דער מאַמעס קרעמל צו "פאַר־קנייטשן"...

אַ דאַנק דער מומע צילע און מיט מײַן טאַטנס פּאַס פון פאַר דער רעוואָלוציע, האָט זיך מײַן שוועסטער פרײדלען אײַנגעגעבן אָנצוקומען לערנען אין אַ מעדיצי־נישער שול. אין גיכן האָט זי נאָך חתונה געהאַט פאַר אַ זון פון אַ וויטעבסקער שוסטער און דער "פּראָלעטאַרסקער יחוס" איז אין פולן גלאַנץ, אַריבער אויך, גאָט־צו־דאַנקען, צו איר. און פאַר מיר איז דער ענין פון "ניע טרודאָוואָי עלעמענט" געבליבן און מיר געדראָט. מע האָט געוווסט, אַז מיר זענען גרויסע קבצנים, אָבער אַ קראָם מיט אַ פּאַטענט פונעם צווייטן "ראַזריאַד" האָט מײַן מאַמע יאָ געהאַלטן און אַזאַ אַ פּאַטענט גיט דעם שײַנעם נאָמען "לישעניעץ", וועלכער גייט מעכאַניש איבער אויך אויף מיר און מאַכט פאַר מיר צוגעשלאָסן "טיר און טויער" פון יעטוועדן לערן־אַנשטאַלט, כאַטש שרײַ חי־וקים. און בײַ אַזאַ אומגעבונג איז מײַן טאַטנס פּאַס מיטן "זאָנטאָטשני מאַסטער" געווען פאַר מיר ווײַט ניט קיין גענוגנדיקע שוץ. טיף אין האַרצן האָב איך גוט געפילט די גרויסע עוולה און אומרעכט, ווײַל וואָס איז מײַן מאַמע שולדיק, וואָס נאָכן פאָטערס טויט האָט זי געדאַרפט זען זיך צו ראַטעווען און עפּעס טאָן, כדי צו קאָרמענען פיר קינדער. אין די ווינטערדיקע זאווערוכעס און פרעסט פלעגט זי פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט אָפּשטיין אויף דער קעלט אַ פאַרקאַליִיעטע מיטן פײַער־טעפּל אין די הענט, כדי עפּעס צו פאַרדינען, מיר, די קינדער, זאָלן ניט הונגערן און האָבן אַ פּאָר שיכלעך, צי שטיוועלעך אויף ווינטער. נאָר וועמען וועסטו גיין דערקלערן וועגן דעם? איך פלעג עס שטיקן אין זיך, פאַרטײַען פון זיך אַליין...

האָב איך אָבער געהאַט מזל — מײַן מאַמעס פּאַטענט אויף איר קרעמל איז געווען אויף דער פאַמיליע פון מײַן שטיף־פאָטער — מײַן מאַמע איז שוין אין אַלע דאָקומענטן געווען כײַקינע און מיט דעם האָט מיך מײַן טײַערע מאַמע, ווי זי וואָלט עס פאָרויסגעזען אין יענער ביטערע צײַט, געראַטעוועט; ווען איך בין צו צו אײנעם פון די פלויטן אויף אַ זײַטיק געסל און זיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט ניט, אויף די שפּיץ פינגער מיט אַ מוראדיקער האַרץ־קלאַפּעניש, גענומען נישטערן אין די "שוואַרצע צעטלען", האָב איך זיך באַלד אָנגעשטויסן אויף — כײַקינע אסתר־בראָכאַ מייעראָוונע... איז מיר עטוואָס לײַכטער געוואָרן — מײַן פאַמיליע איז ניטאָ, דער הימל איז נאָך אויף דער ערד ניט געפאַלן... און ס'איז געבליבן, אַז איך זאָל די דאָקומענטן אָנגעבן אינעם יידישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום.

א. ראַזנצווײַג, וואָס איז געווען דער לערער פון יידיש אין דער ניט־פולער מיטל־שול איז אײנצײַטיק געווען אויך דער לערער פון יידישער ליטעראַטור און

שפּראַך אין טעכניקום און ער האָט מיך אַלס יונגן צוזאָגנדיקן יידישן פּאָעט רעקאָמענדירט פאַר דער אויפנעם־קאָמיסיע.

און איך בין געוואָרן אַ סטודענט פונעם ערשטן קורס פונעם וויטעבסקער יידישן פעדאַגאָגישן טעכניקום, אָבער אָן אַ סטיפּענדיע.

איך האָב זיך געלערנט און געמוטשעט זיך, אויסצוהאַלטן מיך, איז מײַן מאַמען געוואָרן שווער, אויסער מיר איז געווען מײַן אַכטיאַריקע שוועסטערקע, אַ קראַנקס אויף געלענק־רעוומאַטיזם. דעם שטיף־פאָטער האָט מען פון דער אַרבעט אַראָפּ־גענומען, פאַרקירצט, עס איז דאַן אין שטאָט געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. ער איז געווען אַן אַנגעשטעלטער אויף אַ היגן לעדער־זאַוואָד, און מיט גרויס מי האָט זיך אים אײַנגעגעבן אײַנצואָרדענען פאַר אַ נאַכט־שומר, אַזוי אַרום, איז אין שטוב געווען ניט פויגלדיק. אַ שטיקל נחמה האָב איך געהאָט פון דעם, וואָס גראָד דאַן האָט מען אין דער מינסקער צײַטונג "אָקטיאַבער" אָפּגעדרוקט מײַנע לידער און איך האָב אויך דעביוטירט מיט דרײַ לידער אינעם מינסקער ליטעראַרישן זשורנאַל "שטערן". איך האָב באַקומען אַ דערמוטיקנדיקן קאַרטל פון איזי כאַריק, און מײַן ערשטן "סאַלידן" ליטעראַרישן האָנאָראַר — 10 רובל, פאַר וועלכע איך האָב זיך געקויפט מײַן ערשטע קניה — אַ פּאָר שטאַרקע שעוויאָטענע הויזן מיט אַ שײַנעם שמאָלן לעדערנעם רימענדל.

אָנהויב 1929טן יאָר האָב איך שוין דערפילט, באַשײַנפּערלעך, אַז איך בין אַן "אָבוזע" אין דער היים און פאַר מײַן מאַמען — אַ פּײַן: זי דאַרף מיר געבן, וואָס צו עסן און ס'איז ניטאָ וואָס. און ס'איז געווען נאָך אַ טיפע, מײַנע אַ פּערזענלעכע סיבה, פאַרוואָס איך האָב געמוזט פאַרלאָזן מײַן מאַמעס הויז — איך האָב אין פעדאַגאָגישן טעכניקום, שוין אויף דעם ערשטן קורס מיטן גאַנצן האַרצן ליב באַקומען אַ סטודענטקע — אַ מאַליעווער מיידל — חיה'לע מעטריק. מײַן ערשטע ליכטיקע ליבע... נאָר מײַן ביטערע אויסזיכטלאָזיקייט און ניט זיכערקייט אין דעמלטיקן אַרום, האָט מיר ניט געגעבן קיין מאָראַלע רעכט, איך זאָל מיט איר חתונה האָבן און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך מוז זיך מיט איר, ווי דאָס זאָל מיר ניט ווײ טאָן, צעשיידן. איך האָב געפילט, אַז מיט מײַן צוגעבונדנקייט צו איר, וועל איך איר בלויז שטערן אינעם לערנען און אין אַלץ, חוץ דעם האָט מיך נאָך געפּײַניקט אַ געדאַנק, אַז עס וועט זיך געפינען אַן אַנדערער, אַ שטאַרקערער פון מיר, אַן אײַנגעפונדעוועטער אין לעבן און ער וועט מיך, גיך אַרויסשטויסן פון איר האַרצן. אָט דער געדאַנק אַליין האָט מיך ניט געלאָזט צורו און געטריבן פון מײַן היים־שטאָט. און נאָכן פאַרענדיקן דעם צווייטן קורס פונעם פעדאַגאָגישן־טעכניקום בין איך אין די צוויי־דרײַ זומערדיקע קאַניקול־חדשים געווען אויף שוואַרצער אַרבעט — געשלעפּט טאַטשקעס זאַמד און שטיינער בײַ דעם בויען דעם נײַעם גרויסן בריק איבער דער מערב־דווינע. איך האָב צונויפגעקליבן אויף אַ באַן־בילעט און אויף צידה לדרך און מיט צוויי ראַזענצוויגס רעקאָמענדיר־בריוו — איין בריוו צו דוד האָפשטיינען און דער צווייטער בריוו — צו איציק קיפּניסן, האָט מיך, מײַן טײַערע מאַמע, סוף אויגוסט פונעם 1929טן יאָר באַגלייט אויפן וויטעבסקער וואָקזאַל צום

באַן אויף קיעוו. אַט אַזעלכע שורות האָבן זיך דאַן אַרויסגעריסן פון מײַן האַרצן, ערב מײַן פאַרלאָזן וויטעבסק:

מײַן היים איז אַ גרויע,
ווי דער הימל דער גרויער,
מײַן היים האָט אַ הויפל
און דאָס הויפל אַ טויער
און דער טויער איז נידעריק,
בין איך אויכעט נישט הויך.
וואָס קאַפּעט דער רעגן,
וואָס מישט ער זיך אויך? —
אַזוי, צי אַזוי,
נאָר איך וועל באַלד אַליין,
אַוועקגיין, אַנטלויפן,
פאַרלאָזן מײַן היים...

2. אין אַ קיעווער פרילינג-טאָג...

געדענק איך, ווי אַזוי איך בין אין אַ קיעווער פרילינג-טאָג, אַ צוואַנציק-יאָריקער — הויט און ביין — (איך בין דאַן שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער, די פיר הונדערט גראַם ברויט, וואָס איך פלעג אין דער פרי באַקומען, אין ברויט-קראָם לויטן טאַלאָן-נומער פון מײַן ברויט-ביכל, פלעג איך, ניט קענען זיך אײַנהאַלטן, אײַנשלינגען, לויפנדיק צו מײַן סטודענטישער צוזאַמענוווינונג אויף קרעסטשאַטיק 12, וואָס האָט זיך געפונען אַ הונדערט טריט פון דער ברויט-קראָם) מיט אויפגעציטער־טער פרייד און מיט מײַן נאָר וואָס דערשינענעם ביכל אין האַנט ווי דאָס לעבן טײַער אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דוד האָפשטיינס דירה. ווען איך האָב אין זײַן צימער דערזען די אָפענע שאַפע אַ פול-פולע מיט ביכער, יעדעס בוך איז ענג, צונויפגעקוועטשט געשטאַנען אַקסל צו אַקסל, האָב איך זיך דערפילט, ווי שולדיק, איך האָב שעמעוודיק אַ קוק געטאָן אויף דוד האָפשטיינען...

נאָר דוד האָפשטיין האָט מיט זײַן קלוגן העלן שמייכל, באַטראַכט מײַן ביכל מיט דער רויט-ווײַסער הילע, זאַרגזאַם, פאַטערלעך, באַרויִקט מיך:

— נישקאָשע, נישקאָשע, ס'וועט זיך געפינען אַן אָרט, נאָר איידער וואָס ווען... און דער "איידער וואָס ווען" איז געווען — אַ זיסע גלאָז טיי מיט אַ לוסטע ברויט מיט פוטער. אין יענער וויסטער שווערער צײַט פון דער ערשטער "פּיאַטילעטקע" אויף אוקראַיִנע, איז דאָס געווען דער שענסטער כיבוד, באַזונדערש פאַר מיר, דעם אויסגעמאַרעטן, אויסגעצערטן סטודענט פונעם יידישן אָפּטייל בײַם קיעווער אינסטי־טוט פאַר פאָלקס-בילדונג.

...און ווידער בלענדן אויף אין מײַן זכרון, ווי בליצן ווײַטע שטומע אַסאָ־ציִאַציעס. און איך ווייס נישט ווו, צו וועלכן ווינקל פון מײַנע, ווי באַרג־אַרץ צונויפגעפּרעסטע יאָרן צושטעלן, צודריקן מײַן זיכרון־עגבער, מײַן זכרונות־דריעל. (אין דעם דאָזיקן מאָמענט, ווען איך שרײַב די ווערטער — "צושטעלן", "צודריקן", דערמאָן איך מיר, ווי אַזוי מײַן "סליעדאָוואַטעל" (אויספאָרשער) אַזירסקי, ימח־שמו וזכרו, פון דער כאַבאַראָווסקער מ.ג.ב. האָט אין איינעם פון זײַנע פּילצאַליקע "דאָפּראָסן" אַ זייגער דרײַ בײַ נאַכט, ריכטיקער שוין, דרײַ פאַר טאָג — די פאַרהערן פלעגן גיין דורך די נעכט — פּלוצלונג מיך מיט דער האַנט צוגעדריקט אין ווינקל צו דער וואַנט און מיטן ווײַז־פינגער מיר אַ שטויס געטאָן ביז ווייטיק אין מײַן שטערן, איך האָב זיך אַזש אַ וואַקל געטאָן אויף מײַן פּראַטעז: עך, ווען איך ווייס, וואָס בײַ דיר טוט זיך דאָרטן...."

אַ יעדער יאָר, יעדער חודש, יעדער טאָג איז נישט לײַכט צו רירן פון אָרט, פונאַנדערשאָקלען, אַפּצוגלידערן — אַלץ איז דורכאויס, אַרומגעוואַקסן, דורכגע־קנאַכנט מיט מאַרך, בלוט און פלייש און אין יעדעס קעמערל, אַדערל, טיאַכקעט מײַן נשמה.

אַ שיינע מתנה צום יאָר תשמ"ג

אַ שיינע מתנה האָבן מיר באַקומען אין רעדאַקציע בײַם שליסן דעם 14טן נומער פון אונדזער אויסגאַבע און מיר גלייבן, אַז דאָס איז אויך אַ ווערטפולע מתנה פאַר די טרײַע לייענער און ליבהאָבער פון אונדזער יידיש־יצירה.

"קאַנאַדער יידישער זאַמלבוך" אַזוי הייסט דער זייער פײַן אַרויסגעגעבענער סך הכל־בוך פון נאַציאָנאַלן יידיש קאָמיטעט בײַם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס (מאָנטרעאָל, תשמ"ב — 1982) רעדאַקטאָרן: יעקב זיפּער און חיים שפּילבערג.

בײַ די 50 מחברים זענען באַטייליקט אין אָט דער זאַמלונג מיט זייערע עסייען, לידער און פּאָעמעס, דערציילונגען, פאַרשאַרבעטן וועגן קאַנאַדער קהילה־לעבן און אויך "אין גוטע דערמאָנונגען".

670 זײַטן אַנטהאַלט דאָס זאַמלבוך (אָהער דאַרף מען צורעכענען 172 זײַטן אויף ענגליש און פראַנצויזיש — בעיקר פאַרשאַרבעט און אינפאָרמאַציע ווי אויך איבערזעצטע אויף פראַנצויזיש לידער פון די דיכטער י. י. סיגאַל, רחל קאָרן, מלך ראַוויטש און שלום שטערן. מיר גלויבן אַז דער לייענער וועט גרויס הנאה האָבן פון דער רײַכער שעפערישקייט פון קאַנאַדער יידישן ישוב.

ביאָביבליאָגראַפיע

איזבאַן (איזביצקי) שמואל

געבוירן אין יאָר 1905, גאָסטינין (פוילן). געלערנט אין חדרים און אין אַ העברעישער גימנאַזיע. אין 1921 געפאָרן צוזאַמען מיט די עלטערן קיין ארץ־ישראל. זינט 1937 — אין אַמעריקע.

אין יאָר 1925 דעביוטירט מיט אַ דערציילונג „אַלאָ'ס צאָרן", זינט דעמלט פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען אין די וויכטיקסטע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון אייראָפּע, אַמעריקע, ארץ־ישראל. מיטגעאַרבעט אויך אין דער העברעישער פּעריאָדיק. מיטרעדאַקטירט די פּעריאָדישע אויסגאַבעס „איינס", „צוויי", „צווישן צוויי און דריי", „פיר". צוזאַמען מיט יעקב שטאָל און י״צ שאַרגעל רעדאַקטירט די ליטעראַרישע זאַמלונגען „שטאַמען". זינט 1943 — מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־זשורנאַל", שפּעטער — פון „טאָג". דרוקט ראָמאַנען, אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן. אין 1947 געפאָרן מיט אומלעגאַלע עולים קיין ארץ־ישראל.

אין די שאַפונגען ביי ש. איזבאַן פאַרנעמט אַ בכבודיק פּלאַץ די ישראל־טעמאַטיק.

אין בוך־פאָרם: **מאָסן** (ראָמאַן) ווילנע, 1929; **נאָכן שטורעם** (דערציילונגען) וואַרשע, 1929; **קווער** (ראָמאַן) ווילנע, 1936; **אויף רישטאָוואַניעס** (דערציילונגען) וואַרשע, 1936; **צווישן הונדערט טויערן** (דערציילונגען) ניו־יאָרק, 1942 (אויף העברעיש איבערזעצט פון מ. ליפסאָן); **אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימען** (רעפּאָרטאַזשן) ב״איירעס 1948 (איבערזעצט אויף העברעיש, ענגליש און שפּאַניש); **פאַמיליע קאַרפּ** (ראָמאַן, 2 בענד) ב״איירעס, 1949; **די שטאָט פון צאָרן** (ניו־יאָרקער דערציילונגען) מאָנטעווידעאָ, 1955; **די קעניגין איזאַבעל** (היסטאָרישער ראָמאַן) ב״איירעס, 1966; **די שפּעטע יורשים** (ראָמאַן) ב״איירעס, 1955; **יריחו** (היסטאָרישער ראָמאַן) ב״איירעס „יידבוך", 1966; **אַ וואָלפיש אין יפו** (דערציילונגען) תל־אביב, פאַרלאַג י.ל. פּרץ 1980.

פסעוודאָנימען: ש. אלף, ד. קראַנץ, ד״ר לעאָן טורנער, אַ. פייערמאַן, ש. אהל, ש. לאַקס, נ. תנחום.

שמערוק, חנא

געבוירן אין יאָר 1921 (וואַרשע). שטודירט געשיכטע, ליטעראַטור און כלל־יידישע לימודים אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. פון 1939 ביז 1949 — פליט אין ס״פ, שפּעטער געלעבט אין שטוטגאַרטער פּליטים־לאַגער (דייטשלאַנד). אין 1949 געקומען קיין ישראל; ביז 1961 שטודירט אין העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, ווו פאַרטיידיקט זיין דאָקטאַר־דיסערטאַציע וועגן יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין סאָוו. ווייסרוסלאַנד פאַר די יאָרן 1918—1932.

פון 1961 ביז 1970 — לעקטאָר און פון 1970 — פּראָפעסאָר און לייטער פון יידיש־פאַקולטעט אין זעלבן העברעישן אוניווערסיטעט. ש. איז אויך טעטיק אַלס גאַסט־פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור אין די אוניווערסיטעטן — חיפה, קאָלומביע, אָקספאָרד און אין ניו־יאָרקער ייוואָ־צענטער. באַטייליקט מיט פילצאָליקע פאַרשאַרבעטן אין פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אויסגאַבעס אויף יידיש, העברעיש און ענגליש.

צווישן די פיל פאַרעפנטלעכטע ביכער, אַקאַדעמישע פּובליקאַציעס, שטודיעס:

אַ שפּיגל אויף אַ שטיין, (אַנטאָלאָגיע — פּאָעזיע און פּראָזע פון צוועלף פאַרשניטענע יידישע שרייבערס אין ראַטן־פאַרבאַנד), ת״א 1964.

יוסף פּערל — מעשיות ואגרות, (צוזאַמען מיט ש. ווערסעס), האקדמיה הלאומית הישראלית למדעים, ירושלים, תש״ל.

שלום־עליכם — כתבים עבריים, ירושלים, מוסד ביאליק תשל״ו.

פּרצעס ייאוש־וויזיע, אינטערפּרעטאַציע פון י״ל פּרצעס ״ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ און קריטישע אויסגאַבע פון דער דראַמע, ייוו״אָ, ניו־יאָרק 1971.

מחזות מקראיים ביידיש 1697—1750, האקדמיה הלאומית למדעים, ירושלים תשל״ט.

ספרות יידיש — פרקים לתולדותיה, אוניברסיטת תל אביב, ת״א תשל״ח.

ספרות יידיש בפולין, מחקרים ועיונים היסטוריים, האוניברסיטה העברית, מאגנס, ירושלים תשמ״א.

אַ האַרציקן דאַנק

דעם

יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין

מעקסיקאַ

פֿאַרן באַשטימען אַ יערלעכער סובסידיע פֿון 300 $, צוליב דערמוטיקן דאָס אַרויסגעבן אונדזער אויסגאַבע.

רעדאַקציע פֿון ״ירושלימער אַלמאַנאַך״

צו אונדזערע אילוסטראַציעס

מ. באָהעלפּער

דער קינסטלער און זיין מאָדעל

דערציילן וועגן אַזאַ קינסטלער ווי מיכאל מילבערגער, וואָס איז דערצו נאָך מיינער אַ נאָענטער גוטער פריינד, זעט מיר אויס, פונקט ווי מען וואָלט מיר אָנגעבאָטן אויסצושעפּן אַ לעבעדיקן קוואַל. ווייל איך האָב דאָס געפיל, וויפל איך זאָל ניט ריידן, וועל איך קיין מאָל ניט דערגיין צו דעם וואָס כ׳האָב אייגנטלעך געוואָלט זאָגן וועגן אים. אגב, האָב איך ערגעץ געלייענט. אַז מען דאַרף ניט צופיל וועלן דערקלערן, און וועלן צעלייגן אויף טעלערלעך, בעת מען רעדט וועגן קונסט. מען דאַרף אויך לאָזן אַ ביסעלע פּאַר דעם צוהערער, אָדער צושויער, ער זאָל אַליין צולייגן אַ ביסל גוטן ווילן.

יעדעס מאָל ווען מיר קומט אויס צו באַזוכן מילבערגערס אַטעליע, דעם מיניאַטורנעם־לאַבירינט פיל איך זיך ווי אין אַ פאַרכישופטן וואַלד, אַ באַלאַגערטער מיט מענטשלעכע בליקן, וועלכע שעפּטשען צו מיר, אין אַלע זייערע לשונות, אָבער הערן הער איך נאָר זייער שעפּער ווי ער אַליין וואָלט רעדן צו מיר. מילבערגער רעדט גאָרניט וועגן זייערע אויסערלעכע סימנים (אַ דאַנק וואָס מיר דערקענען דאָך דעם אונטערשייד צווישן איינעם און דעם צווייטן. אַ שטייגער ווי איינער האָט למשל, אַ לענגלעך פּנים, דער אַנדערער — אַ רונד־פּנים. צי אַ לאַנגע אָדער אַ קורצע נאָז א.א.וו.) מילבערגער רעדט גאָר צו מיר מיט אינערלעכע סימנים, אַזוי למשל, ווי ער וואָלט מיר אָנווייזן אויף איין סקולפּטור מיט זיין פינגער, און זאָגן: ״דער — אַ ייד אַ חכם״. אַ צווייטער, ווייזט ער: ״אין אים שטעקט גבורה״. אָדער דער דאָ — ״די גוטסקייט אַליין״. און אויב אייניקע פון זיינע פיגורן פאַרמאָגן עפּעס נעגאַטיוועס, גייט ער זיי גלאַט פאַרביי, און איך זע אויף מיין ״גיד״, אַז נאָר דאָס גוטע פון דעם מענטשן באַשיינט זיין אייגן פּנים!

מילבערגער באַמיט זיך שטענדיק צו געפינען אַ בינד־שטריך, צווישן אויסערלעכן (קאָנקרעטן) מיטן אינערלעך־מענטשלעכן, ווייל אין תוך. איז דאָך די קונסט, שליסלעך ניט נאָר דאָס נאָכמאַכן.

מילבערגער באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין דער אינערלעכער־וועלט פון זיינע מאָדעלן, און ווען ער דערגרייכט נאָר אַ ביסעלע דערפון ווערן ביי אים געשאַפן עקספּרעסיווע ווערק.

דורכן עקספּרעסיוון, צוזאַמען מיט זיינע אייגנאַרטיקע פלאַסטישע וואָלומען און פאָרמען, זוכט ער צו דערגרייכן דאָס וועזנטלעכע אין יעדן מאָדעל זיינעם. דער בעסטער ביישפּיל דערצו, קען דינען דער הערלעכער פּאָרטרעט פון אונדזער פריינד דוד ספּאַרד ז״ל. וועמען מילבערגער, ווייס איך, האָט געשעצט און האָט אויך ליב זיין מאָדעל. אַ דאַנק דעם

שליסל, וואָס דער קינסטלער האָט פון זיין מאָדעל באַקומען איז עס אים אַזוי געלונגען, ווו דאָס אויסערלעכע און דאָס וויזיאָנערע שאַפן צוזאַמען אַזאַ הערלעכן אַקאָרד.

מילבערגער באַוויזט אַריינצואָטעמען שפּרודלדיקן לעבן אין זיינע סקולפּטורן. און דאָס איז גאָר אַ הויכע מדרגה פאַר אַ קינסטלער, וואָס איז נאַטירלעך און שיין אין זיינע שאַפונגען, ווי דער בוים, וועלכע זויגט די זאַפטן דורך די וואָרצלען, זאַפט, וואָס נערן די צווייגן, און די צווייגן צעבליען זיך מיט בלעטער און פרוכט.

אַט אַזוי גייט מילבערגער דעם שווערן גאַנג פון אַ טאַלאַנטירטן, אָריגינעלן קינסטלער, וועלכער פאַרנעמט שוין אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער סקולפּטור־קונסט פון אונדזער צייט.

באַהעלפּער, משהקע

געבוירן אין יאָר 1908, ווילנע, ווו פאַרענדיקט אַ דעקאָראַטיווע שול, פון ענדע 1927 געלערנט און פאַרענדיקט אין דייטשלאַנד די באַרימטע הויך־שול פאַר אַרכיטעקטור און קונסט Baonas. פאַרלאָזט דייטשלאַנד אין 1933 און קומט קיין פראַנקרייך. באַשעפטיקט מיט גראַפישע אַרבעטן. געקעמפט קעגן די נאַציס אין די רייען פון פרעמדן־לעגיאָן. נאָך דער מלחמה געצייכנט, אילוסטרירט ביכער און אויך געמאָלט דעקאָראַציעס פאַרן יידישן טעאַ־טער. געהאַט עטלעכע אויסשטעלונגען.

סקולפּטאָר מיכאל מילבערגער

געבוירן אין יאָר 1920, וואַרשע. געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע. איינצייטיק שטודירט אין דער שטאַטישער שול פאַר דעקאָראַטיווער קונסט. בעת דער דייטשישער אינוואַזיע קיין פּוילן, געלאָפן קיין רוסלאַנד. צוערשט געלעבט אין מינסק. אָנטייל גענומען מיט זיינע קונסט־אַרבעטן אין אַ רעפּובליקאַנער אויסשטעלונג. ווערט רעקאָמענדירט און האַלט אויס דעם קאָנקורס־עקזאַמען אין מאָסקווער קונסט־אינסטיטוט (1940) אין יאָר 1948 פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט מיט אַן אויסצייכענונג, (אין צווישן — פון 1942 ביז 1944 — געדינט אין די אַרבעטס־טיילן פון דער סאָוועטישער אַרמיי). פון 1949 ביז 1955 שטודירט אין דער אַספּיראַנטור ביי דער קונסט־אַקאַדעמיע. באַקומען דעם טיטל קאַנדידאַט (דאָקטאָר) פון קונסט־וויסנשאַפטן.

מיכאל מילבערגער איז באַרימט געוואָרן אַ דאַנק זיינע פּליצאַליקע עטיודען, קאָמפּאָזיצי־עס סקולפּטור־פּאָרטרעטן, סטאַטועס און צייכענונגען. אַ גאַנצע ריי פון זיינע רעאַליזירטע אַרבעטן געפינען זיך אין פאַרשידענע קונסט־מוזייען, וויסנשאַפטלעכע צענטערס און קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן פון מאָסקווע, וואַרשע, ריגע, פּאַריז, בערן, תל־אביב, ירושלים א.אַנד.

צווישן זיינע באַוווסטע אַרבעטן וועלן מיר דאָ בלויז אייניקע פאַרצייכענען:

דער הויכרעליעף — די באַגעגעניש פון אַלעקסאַנדער פּושקין מיט אַדאַם מיצקעוויטש

(מאָסקווע, אויף דער גאַס נעמיראָוויטש־דאַנטשענקא) — 1955. אַלעקסאַנדער הערצען — בראַנדז־דענקמאָל (מאָסקווע, טווערסקאָי בולוואַר, אין פראָנט פון ליטעראַרישן אינסטיטוט) — 1950. פּראָפעסאָר לעאָפּאָלד אינפעלד — בראָנדזענער ביוסט (אויסגעשטעלט אין וואַר־שעווער מלוכישן אוניווערסיטעט) — 1962. דער בראָנדזענער קאָפּ פון שווייצאַרישן דראַמאַטורג פרידריך דורעמאַנט (געפינט זיך אין קונסט־מוזיי פון בערן) — 1962. אין פּאַסטער־אינסטיטוט פון פּאַריז איז אויסגעשטעלט דער ביוסט פון נאָבעל־פּרייז טרעגער פּראָפ׳ זשאַק מאָנאָ.

אין בית הנשיא (ירושלים) געפינען זיך דריי גלענצנדע סקולפּטור־פּאָרטרעטן פון אונדזערע מדינה־פּרעזידענטן — זלמן שזר ז״ל, אפרים קציר און יצחק נבון; אַפּגוסן פון אַט די סקולפּטורן געפינען זיך אויך אין פאַרשידענע מוזייען פון לאַנד.

מיר וועלן ניט אויסרעכענען אַלע וועלט־באַרימטע פּערזענלעכקייטן — וויסנשאַפטלער, קינסטלער, שרייבער, מלוכה־לייט און געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן געדינט אַלס מאָדעלן פאַרן סקולפּטאָר מיכאל מילבערגער, ס׳איז אָבער נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז אונדזער קינסטלער שפּירט זיך היימישער פון אומעטום דווקא אין דער סביבה פון יידישע שרייבער און דיכטער, מאָלער און אַקטיאָרן, יידיש־פאַרשער און קולטור־טוער... צווישן זיינע סקולפּטור־פּאָרטרעטן וועלן מיר אָנרופן ה. לייוויקס בראָנדז־אָפּגוס אין תל־אביבער לייוויק־הויז, די פּאָרטרעטן פון אברהם סוצקעווער, דב סדן, בער מאַרק און יצחק קאַצענעל־סאָן (יד ושם, ירושלים), דוד ספאַרד, רחל בוימוואָל (גיפּס) די אינטערעסאַנטע צייכענונגען פון יצחק באַשעוויס־זינגער און מאיר חריץ, דער ביוסט פון שמעון דזשיגאַן און פיל אַנדערע.

דאַנקען מיר דעם אָנגעזעענעם יידישן קינסטלער פון פּאַריז פאַר זיין הסכמה זיך באַטיי־ליקן מיט אילוסטראַציעס פון אייניקע זיינע אַרבעטן אין ״ירושלימער אַלמאַנאַך״.

דער רעדאַקציע פון "די צוקונפט", ניו-יאָרק

דער ייִנגסטער ייִדישער זשורנאַל, דער "ירושלימער אַלמאַנאַך", וואָס וועט בעזרת השם איבער אַ יאָר פייערן זיין 10-יאָריקייט, באַגריסט דעם עלטסטן ייִדישן זשורנאַל, דעם ניו-יאָרקער "די צוקונפט" צו זיין ווערן אַ בן תשעים און ווינטשן אים אייביקע עקזיסטענץ ווי ס'איז טאַקע אייביק די צוקונפט.

מיר באַגריסן די אַרויסגעבער און די איצטיקע רעדאַקטאָרן ווי אויך די פילצאָליקע מיטאַרבעטער פון זשורנאַל, וואָס מיר אַלע זענען עס און ווינטשן אונדז אַלעמען געזונט און אריכת ימים און הצלחה ביים אויפ-האַלטן און ווייטער בויען די ייִדישע קולטור פאַר די קומענדיקע דורות.

פאַר דער רעדאַקציע פון "ירושלימער אַלמאַנאַך"

יוסף קערלער, מאיר חרץ, אפרים שעדלעצקי

צו די מחברים:

כתב־ידן ווערן אנגענומען נאָר געדרוקט אויף אַ שרייב־מאַשינקע (דעם ערשטן עקזעמפּלאַר).

כתב־ידן שוין געדרוקטע אין וועלכער ס'איז אויסגאַבע — טעגלעכע אָדער פּעריאָדישע — ווערן נישט גענומען אין באַטראַכט.

נישט קיין אָנגענומענע כתב־ידן ווערן נישט צוריקגעשיקט.

ס'ווערן אָפּגעמערקט אָדער רעצענזירט בלויז אַזעלכע ביכער, וואָס מע שיקט [redacted]. אַרײַן אין רעדאַקציע.